סאָוועטיש

3

1967

היימלאַנד

אין דעם קומענדיקן נומער
„סאָוועטיש היימלאנד“

וועט דער לייענער האָבן די מעגלעכקייַט באקאנען זיך מיט די ווייַטערדיקע געשעענישן אין עלי שעכטמאַנס ראָמאַן „ערעוו“. נעמענדיק אין אכט די באַקאָשעס, וועלכע ס׳אנטהאלטן פילצאָליקע בריוו אין רעדאקציע, וועלן מיר אין דעם נומער דרוקן **דעם גאנצן דריטן בוך פונעם ראַמאַן.**

עס וועלן אין פערטן נומער „סאָוועטיש היימלאנד“ פארעפנטלעכט ווערן דערציילונגען פונעם לאורעאט פון דער נאָבעל־פרעמיע ש.־י. אגנאָן.

אין דעם פאָעזיע־אָפּטייל וועלן גערדרוקט ווערן לידער פון די רוסישע דיכטער אנדריי וואָזנעסענסקי, סערגיי נאראָווטשאטאָוו און נאום קאָרזשאווין וועגן ווארשעווער געטאָ; לידער־ציקלען פון שיקע דריז, כאיִם מאלטינסקי.

דער לייענער וועט אין נומער אויך געפינען די שטענדיקע רובריקעס „קאָמענטארן פון רעדאקציע“, „בלעטערנדיק זשורנאלן און ציַיטונגען“, „פארשיידנס“, „נאָטיצן פון א בוקיניסט“, „די יִדישע פרעסע מיט פופציק יאָר צוריק“, „כראָניק“, „נאָטיצן אפן קאלענדאר“.

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

זיבעטער יאָרגאַנג

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“

מאָסקווע

מאַרט

3

1967

אינהאַלט

זײַט

כאַיִם מעלאמוד. יונגע יאָרן (ראָמאן. סאָף) 3

אווראָם גאָנטאר. פון פארשיידענע העפטן (לידער) . . 43

באָריס פאָלעוואָי. דאָקטער ווערא (אויסצוגן פון א דער־
ציילונג). צייכענונגען ג. פאָנדאפולאָ 46

דאָוויד בראָמבערג. די שורע, וואָס גייט פונעם הארצן
(לידער) 70

צו איציק קיפּניסעס 70־יאָריקן יובילײ 73

איציק קיפּניס. כאַיעלע און פיניעלע (דערציילונג) . . 74

איטשע באָרוכאָוויטש. אין ליכט פון טאָג (לידער) . 97

גריגאָרי ראָשאל. עטלעכע בלעטלעך פון די קינדער־יאָרן.
צייכענונגען וו. ראזניק 100

שלוימע טשערניאווסקי. אזא מין קישעף (לידער) . 107

זינאָווי שולמאן. אָנהייב וועג (דערינערונגען) 108

ליטעראטור־קריטיק. ביבליִאָגראפיע. פראגן פון קונסט

הערש רעמעניק. אונדזער דיכטונג אין נאָכאָקטיאבער־
פעריִאָד 134

יוסעף קאָלין. א בריוו אין רעדאקציע 140

מ. שאפּיראָ. אייניקע באזונדערהײַטן פונעם אײַנהײַטלעכן
ליטעראַרישן ייִדיש אין סאָוועטנפארבאנד 141

אָסיף קאָליטשעוו. וועגן מײַנע פרײַנט 148

קאָמענטארן פון רעדאקציע 155

צום אָנדענק פון מוישע טייף 156

בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען 72

כראָניק 157

די ייִדישע פּרעסע מיט 50 יאָר צוריק האָט געשריבן . . . 158

נאָטיצן אפן קאלענדאר 160

הויפּט־רעדאקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

ה. אָשעראָוויטש,
אי. באָרוכאָוויטש, א. גאָנטאר,
נאָטע לוריע, מ. לעוו
(פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאר),
ב. מילער, י. פאָליקמאן,
ס. פריי, י. ראבין, ר. רובין.

כאַים מעלאַמוד

יונגע יאָרן

ראָמאַן

דריטער טייל

די אַלטע פייגע און איר מישפּאָכע

פון געדאַליע דעם סטאָליערס שטוב איז געבליבן נאָר דער קעלער. א קעלער אָן אַקשן. אַלץ, וואָס איז דאָ געווען אַמאָל לעבן אים, איז פאַרשווּנדן, ס'איז אַפילע שווער צו זאָגן, ווּ איז דאָ געשטאַנען גיסיע דער אַלמאָנעס אײַנפאָרהויז מיט די ברייטע טויערן, לייווי דײַענס שטוב מיטן הויכן פּידאַשעק און שמאָלע הילצערנע טרעפּלעך, מאָטל בראָווארנעס הויף מיטן ציגלנעם פּאַרקן, און גראָד אָט דער קעלער איז געבליבן. אײַנגעגראָבן זיך טיף אין דער ערד מיט די ווענט פון געברענטן ציגל, פאַרטײַעט זיך אונטערן נידעריקן און פלאַטשיקן דאַך, איז ער געבליבן, ווי א זייכער פון דעם אַמאָליקן געסל.

פילט ער זיך טאַקע זייער ניט היימלעך, דער אַלטער קעלער, צווישן די נײַע הײַזער, וואָס זײַנען אויסגעוואַקסן אַרום אים. די נײַע הײַזער, די יונגע סעדלעך, די טעלעוויזיע־אַנטענעס, ווּ אַף די דעכער, און ווּ אײַנגעגראָבן זיך מיטן סלופּ און מיט די דראָטן אין דער ערד, — אַלץ, אַלץ איז אים דאָ פרעמד. און ער אַליין זעט אויס, ווי עפּעס א בריִע, וואָס האָט פאַרבלאָנדזעט אַהער פון גאָר אַן אַנדער וועלט.

וואָלאָדיע זשיבקאָוו, וואָלאָדיע געדאַליע דעם סטאָליערס, האָט מיך אויסגעפירט איבערן שטעטל ווּ אַן עק. און גראָד זײַן טאַטנס קעלער האָבן מיר אַלע מאָל אויסגעמיטן. כ'האָב די ערשטע טעג אַפילע ניט געוווּסט, צי איז ער נאָך דאָ אַף דער וועלט. נאָר איינמאָל האָב איך אים דערקענט, דעם אַלטן קעלער.

— וואָלאָדיע, דאָס איז דאָך אײַער קעלער!

— יאָ, אונדזערער. נו, דאַרפסט אַליין פאַרשטיין... מיר איז שווער... סטאַרע איך זיך אים אויסמײַדן...

זײַנען מיר ביידע לאַנג געשטאַנען באַם קעלער, און פאַר די אויגן איז אופגעקומען געדאַליע דעם סטאָליערס שטוב. א לאַנגע שטוב, מיט א גאַנעק פון פאָרנט און מיט א הינטערהײַזל פון הינטן, א שטוב, וואָס איז שטענדיק פול געווען מיט קינדערשן געוויין און ראַש און מיט אָן א שיר דײַגעס פון די עלטערע. שטענדיק איז דאָ געווען א זויגקינד, א קינד, וואָס האָט זיך געלערנט גיין און ריידן, און א גאַנץ בינטל עלטערע קינדער — אייגענע און פרעמדע, וואָס פאַרפולן אַלע צימערלעך און קוקן ארײַן מיט נײַגעריקע אויגן אין קיך. פייגע, די באַלעבאָסטע פון דער שטוב, וואָס מוז פאַר דער גרויסער מישפּאָכע באַקן ברויט א טאָג איבער א טאָג, האָט שטענדיק פאַר אירע כעווערלײַט און פאַר זייערע

סאָף. זע נומ. 1 און 2.

כאווירים א פרישן פידפאלעק, א רעטשענע לאטקע, א קניש פון פאסאָליעס אָדער עפּעס א פלעצעלע.

ליבער פאר אלץ איז אונדז געווען דער קעלער. געדאליע דער סטאָליער האָט דאָ אויסגעמײַסטרעוועט פאר אונדז א מילכל — א מאָדעל פון אן עמעסער מיל, האָבן מיר זיך געשפילט מיט דעם, און געדאליע איז געווען זיכער, אז מיר, אלנפאלס זײַנע זין, וועלן פונקט, ווי ער, בויען מילן. דערנאָך איז אין דעם קעלער געווען אונדזער ביבליאָטעק. דאָ האָבן מיר געהאלטן עפּעס א פופצן — צוואנציק דינינקע ביכעלעך, וואָס דער לערער כאַיִם־מוישע האָט אײַנגעקויפט פאר אונדז.

ווײַזט אויס, אז וואָלאָדיע האָט זיך אויך דערמאָנט אין יענעם ביבליאָטעקל.

— איך דערצייל אמאָל מײַן עטלען, — רופט ער זיך אָן, — גלייבט זי ניט. צי דען, זאָגט זי, זײַנען דעמלט געווען אזעלכע לערער? „אידעאליזאציע“, — זאָגט זי.

פון געדאליע דעם סטאָליערס שטוב איז געבליבן נאָר דער קעלער. אליין געדאליע איז געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר פאר דער מילכאָמע. די מישפּאָכע אבער, — א גליקלעכע זעלטנהײַט, — נאָך די אלע גרויזאמע יאָרן, נאָך דעם, וואָס איז אויסגעקומען איבערלעבן און אויסצושטיין, איז די דאָזיקע מישפּאָכע אין גרונט געבליבן גאנץ. נײַן זין און טעכטער מיט קינדער און קינדס־קינדער — א גרויסע מישפּאָכע בעראָש מיט דער מאמען, באָבען און עלטערבאָבען, דער צוויי־און־אכציקיאָריקער פייגע, וואָס טראָגט — ניט אָן שטאָלץ — אן אָרדען „מוטערלעכע רום“.

די אלטע פייגע, זי האָט אויסגעכאָוועט בא זיך אין שטוב א גאנץ קאָמיוגיש קעמערל, און אויב צורעכענען די נײַע דוירעס — אירע אייניקלעך און אוריינקלעך, — איז דאָס קימאַט א ראיאָנישע אָרגאניזאציע אין מאסשטאב פון יענע יאָרן — אָנהייב צוואנציקער.

וויפל האָב איך ניט געזען פייגען? באלד פערציק יאָר! קומט אויס, אז דאן, ווען מיר פלעגן איר אָנטראָגן א פולע שטוב מיט בלאָטע, ווען זי האָט א טאָג איבער א טאָג געבאקן ברויט, ווען זי איז געווען פול מיט דײַגעס וועגן מילך פארן זויגקינד און וועגן נאדן פאר דער קאלעמויד, איז זי נאָך גאָר ניט געווען אזא אלטע, ווי אונדז האָט זיך אויסגעוויזן. זי איז נאָך געווען יונג, נאָר מיר זײַנען דאן געווען קינדער און האָבן עס פארשטיין ניט געקאָנט. מיר האָבן נאָר געקאָנט זען, ווי א גאנצן טאָג פלאמט אף איר פּאָנעם דאָס פײַער פונעם אויוון און עס טרערן איר די אויגן פון די הארבע ציבעלעס און נאָך הארבערן רעטעך. מע האָט דעמלט נאָך ניט געוווּסט וועגן אזעלכע זאכן, ווי וויטאמינען, אָבער וואָס שײַעך וואָלוול, האָט רעטעך צו זיך קיין גלײַכן ניט געהאט. דאָס פּאָנעם פלאמט, די אויגן זײַנען פול מיט טרערן, און פייגע, אפּצולאָכעס אלעמען, שמייכלט און לאכט, כאָטש אָפּטמאָל גרימט אינווייניק, אזוי קומט אָן שווער דאָס לעבן.

ניין, צו איר מאן האָט זי קיין טײַנעס ניט געהאט, זייער א גוטער מאן, כאָטש א סטאָליער. עמעס, אין דער היים איז ער א זעלטענער גאסט און אלץ, וואָס מע דארף אין שטוב ארײַן, מוז זי נעמען אף באָרג, סײַ מעל, סײַ פלייש, סײַ בוימל. נאָר מע גלייבט איר. מע ווייסט: געדאליע וועט קומען אהיים אף שאבעס, זאָל זײַן אפילע איין מאָל אין א כוידעש, וועט זי דעקן די כויוועס.

איז שוין טאקע אוועק באלד פערציק יאָר, און פונקט, ווי אמאָל... אין די אויגן שטייען טרערן, ס׳ווילט זיך בעפיירעש א ווין טאָן, נאָר אפּצולאָכעס שמייכלט זי.

— ווי מע פילט זיך? דאנקען גאָט. נאָר, זעסטו דאָך... עס הייבט זיך שוין אָן פילן די עלטער... — און זי טוט א פיר מיט די פינגער אונטער די אויגן. — אָט, זעסט? עס באווײַזן זיך שוין קנייטשעלעך...

די אויגן ווילן ווינען, נאָר זי שפּאסט — בא צוויי און אכציק יאָר קלאָגט זי זיך אף די ערשטע קנייטשן...

— ע, ווען מײַן געדאליע זאָל לעבן ביז אצינד...

איז עפשער מיינט זי עס טאקע ערנסט, עפשער מיינט זי צו זאָגן, אז ווען איר געדאליע זאָל געווען לעבן, וואָלט זי נאָך איצט ניט געהאט אפן פּאָנעם קיין איין קנייטשעלע?..

א קוק טאָן אף דער אלטער פייגען, ווען זי זיצט אף איר שטול, צוגעשפּארט די פלייצעס צום ווענטל און ארומגענומען מיט די הענט די דינע אָפּגעפּאָלירטע פּאָרענטשעלעך, — א קייסערײַניע! די געדיכטע גרויע האָר צוגעקעמט און ארומגעפלאָכטן ארום דעם קאָפּ, ווי א קרוין. די גרויסע אויגן לײַכטן, און ווי אמאָל ווייסטו ניט, וואָס וועט באלד מיט זיי פּאָרקומען, צי וועלן זיי פרייליך א גלאנץ טאָן, אָדער ס׳וועט זיי פארציִען מיט א דין הײַטעלע...

— אז מע לעבט, זעט מען זיך!..

זי באקוקט מיך פון אלע זײַטן, גלײַך זי וויל געפינען אין מיר עפּעס פונעם אמאָליקן יינגעלע, און מיר דוכט, אז זי קלײַבט זיך, ווי אמאָל, מיר דערלאנגען א קניש מיט פאסאָליעס. און מיטאמאָל:

— איך וויל דיך טאַקע עפּעס בעטן. עפּשער קאָנסטו מיר קריגן אַ מאַכזור. פֿון די אַמאָליקע. מע האָט מיר דאַפֿקע צוגעשיקט, גאָר אַ נײַינקן, נאָר שוין צו עפּעס אַ סאָוורעמיאָנע[1]. קומט ראָשעשאָנע, ס׳ווילט זיך אַ ביסעלע אויסוויינען, און אין מאַכזור איז ניטאָ קיין טײַטש. דו געדענקסט נאָך אַ ביסל? עפּשער ווײסטו מיר כאָטש פאַרטײַטשן דעם יִיזקער?

זי דערמאָנט מיר אין מײַנע ראָשעשאָנעס. עפּעס געדענק איך נאָך, און איך הייב איר אָן צו פאַרטײַטשן. איך פאַרשטיי, אַז באַ צוויי און אַכציק יאָר גייט אַ רייד וועגן אַ גאָר לאַנגן יִיזקער. כ׳טײַטש פּלײַסיק און באַמערק גאָר ניט, אַז זי הערט מיך מער ניט. זי קוקט ערגעץ אין אַ זײַט, איר „יִיזקער“ איז גאָר אַן אַנדערער, איר ווילט זיך דערמאָנען די לעבעדיקע.

— מײַן מאָטעלע, געדענקסט מײַן מאָטעלען? געמאַכט אַ גוטן פּאַטשאַטעק. ווי נאָר ס׳זײַנען אין כאַשטשעוואַטע אַרײַן די רויטע...

צי איך געדענק איר מאָטעלען?.. אַוודע געדענק איך. כאָטש, וואָס פאַר אַ מאָטעלע... דער פּאָלקאָווניק מאַרק זשיבקאָוו איז שוין אַליין אַ זיידע פֿון דרײַ אייניקלעך, נאָר פאַר איר איז ער אַלץ מאָטעלע...

— יאָ... מײַן מאָטעלע... אַזאַ גוטן קאָפּ געהאַט. סײַ צו ייִדיש, סײַ צו רוסיש. ער האָט געהאַט אין וועמען געראָטן צו זײַן. מײַן מישפּאָכע!

אַפּאָנעם, אַז מיט יענע רעדעלעך און שרײַפֿעלעך, וואָס רעגולירן דעם זיקאָרן, איז שוין באַ פּייגען ניט אַלץ קעשורע, עפּעס איז קאַליע געוואָרן. פאַרטשעפּען זיי זיך אַלע מאָל ניט דאָרט, ווו מע דאַרף. אָט, דערמאָנט זיך אין דער מישפּאָכע, און פאַרגעסן אין מאָטעלען.

— אונדזער מישפּאָכע, לויטער ראַבאָנים און דאַיאָנים. מיר אַליין האָט מען אויך גע־שאַדכנט דאַפֿקע אַ ראָוו. אַזש פֿון ביאַליסטאָק. ווי געפֿעלט עס אײַך, בערשאַד און ביאַליסטאָק? ווי זשע פאַרלאָזט מען די היים און מע לאָזט זיך אַוועק אין אַזאַ ווײַט? נו, און בערשאַד מיט כאַשטשעוואַטע איז ווי אַ שטוב מיט אַן אַלקער. האָב איך כאַסענע געהאַט פאַר אַ כאַשטשעוואַ־טער. נו, און אַז מײַן געדאַליע איז געווען ניט קיין פּאַשעטער סטאָליער, דאָס דאַרף איך דיר ניט דערציילן...

ווידער האָט עפּעס אַ שרײַפֿעלע פאַרטשעפּעט אַ צווייטס, מעגלעך, גראָד דאָרט, ווו מע דאַרף.

— יאָ, ווי נאָר ס׳איז אַרײַן די אַכטע ראָטע, איז מאָטעלע גלײַך צוגעזאָטן צו איר. נו, מײלע, אַ ייִנגל גייט זיך שפּילן צו די סאָלדאַטן. דערנאָך דערוויס איך זיך, אַז ער איז שטאַרק געפֿעלן געוואָרן זייער קאָמאַנדיר, און ער האָט מאָטעלען געמאַכט פאַר אַ לערער, ער זאָל לער־נען די רויטאַרמייער לייענען און שרײַבן. דאָס איז מיר דאַפֿקע געפֿעלן געוואָרן. מיט אַזאַ קאָפּ, פּאַרוואָס טאַקע ניט. נאָר פּונוואַנען זאָל איך געווען וויסן, אַז ניט נאָר ער האָט זיי געלערנט, נאָר זיי אים אויך. און ווען די אַכטע ראָטע איז אַוועק פֿון שטעטל...

יאָ, אַז פּייגע זיצט אין איר שטול, איז עס ווי אויף אַ קיסײ־האַמאַלכעס. מע דאַרף נאָר ניט איבעריק זיך אײַנקוקן איר אין פּאָנעם, זוכן יענע קנייטשן, פֿון וועלכע זי האָלט ניט ביז גאָר, מע דאַרף אויך ניט באַמערקן, ווי די אונטערשטע ליפּ גיט אַלע מאָל אַ ציטער, אַזוי זיך, אָן פּייגעס ווילן, און אַז זי פּרוּווט זיך אויפהייבן, גיט זי זיך אַזוי ווייטעקלעך אַ בייג אין אַ זײַט אויף אַ נעם טאָן דעם שטעקן... מיר האָט זיך געדוכט, אַז זי האָט פאַרביסן די ציין אויף צו פאַרבאַהאַלטן פֿון מיר אירע ווייטעקן, אויף אײַנשלינגען צוריק דעם קרעכץ, וואָס האָט געוואָלט אַרויסרײַסן זיך. נאָר לאָמיר דערפֿון ניט ריידן.

— מײַן געדאַליע איז דעמלט אין דער היים ניט געווען. ווי שטענדיק, ערגעץ אין אַ מיל. ס׳איז געגאַנגען צו ווערסנע, אַלע מילן האָבן געדאַרפֿט עפּעס פאַריכטן, און קיין איין מיל האָט זיך ניט געקאָנט באַגיין אָן מײַן געדאַליען. מיר כאַפּן זיך אויף אַ פאַרטאָג — עפּעס צו שטיל אין שטעטל. מע הערט ניט, די אַכטע ראָטע זאָל זינגען. דו געדענקסט? מיר קלינגט נאָך ביז הײַנט אין די אויערן:

Вышли мы все из народа...

איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקן. גאַטעניו, טאָמער, כאָלילע, זײַנען זיי אַוועק, און ס׳איז אַרײַן אַ באַנדע. האָב איך אָנגעהויבן שרײַען:

— מאָטעלע, וואָס איז געשען מיט דער אַכטער ראָטע?

מײַן מאָטעלע שווײַגט. בין איך אַראָפּ פֿונעם געלעגער, געוואָלט אים אויפוועקן, בין צו צום סאָפּקעלע, אויף וועלכן ער שלאָפֿט. דאָס סאָפּקעלע איז פּוסט. וויי איז מיר, ווו איז די אַכטע ראָטע און ווו איז מײַן מאָטעלע?

לאָזט זיך אויס, אַז פּייגע האָט אויך געקאָנט וויינען. זי האָט געריסן אויף זיך די האָר. ווײ,

[1] הײַנטצײַטיקער (רוסיש).

ווײ, איר מאָטעלע! אוועק מיט די רויטע! און וואָס וועט זײַן, אז געדאַליע וועט קומען, וואָס וועט זי אים זאָגן, וויִאזוי פארענטפערן זיך. מאָטעלע! זי האָט געמיינט, אז ער וועט זײַן גראָטן אין איר מישפּאָכע, האָט זיך גאָר צעשפּילט אין אים דער סטאָליער. וווּהין זשע גייט מען? וווּהין לֿויפט מען? זי וועט לֿויפן נאָך דער אכטער ראָטע! זי וועט זי דעריאָגן, ארויסשלעפן, ארויס־גאנווענען איר מאָטעלען און אוועקפירן אהיים.

געווען איז דעמלט בא פייגען א פולע שטוב מיט קינדער. איינס האָט זיך געלערנט גיין, דאָס צווייטע ריידן, און די עלטערע האָט מען שוין באלד געדארפט כאסענע מאכן. און מע האָט א טאָג איבער א טאָג געדארפט באקן ברויט, און ס'איז געווען א צײַט, ווען ניט שטענדיק איז געווען פון וואָס. איבערגעלאָזט אלץ און אלעמען אָף גאָטס באראָט, געכאפּט איר קורץ סעקלֿ, ארופגעוואָרפן אָף זיך דאָס שאלכלֿ, און אוועק.

— ייִדן, עפשער ווייסט איר, וווּהין איז אוועק די אכטע ראָטע?

— די אכטע ראָטע? זי איז אוועק אָף טערנאָווקער וועג.

לֿויפט פייגע קיין טערנאָווקע. זי לֿויפט, אָטעמט א ביסלֿ אָפּ און לֿויפט ווײַטער. א שפּילכלֿ, קיין טערנאָווקע איז פינף און צוואנציק ווערסט. און דער וועג איז א צעקוואסעטער, בלאָטע און שניי, שניי און קאליוזשעס. און אזעלכע „וויבאָיעס", עמעסע גריבער מיט קויטיקער שיטע־ריצע, וואָס קלעפּט ארום די פיס ביז די קני. און מע דארף נאָך דורכגיין די טערנאָווקער וועלֿ־דער. דאָרטן לֿיגט נאָך דער שניי ניט גערירט. און עפשער זײַנען נאָך דאָרטן דאָ די באנדעס אויך. די באנדעס פון די טערנאָווקער וועלֿדער, וואָס האָבן ניט דורכגעלאָזט קיין איין פורלֿ, זיי זאָלן עס ניט אָפּראבעווען. גוט, אז מע פלעגט ארויס פון זיי מיטן לעבן. נאָר וואָס וואלד, וואָס שניי, וואָס באנדעס, — זי מוז געפינען מאָטעלען!

געקומען קיין טערנאָווקע שוין פארנאכטלעך, האָט פייגע אָנגעהויבן זיך נאָכפרעגן אָף דער אכטער ראָטע. יאָ, זי איז דאָ טאקע ניט לֿאנג געווען. זי איז אוועק אָף אומאן. מיט וועלֿכן וועג? טאקע דורך די טערנאָווקער וועלֿדער, ווײַלֿ זי דארף זיי דורכגיין אין דער לֿענג און אין דער ברייט, זי דארף אויסזוכן ווו עפעס א באנדע און מאכן צו זיי אלעמען א סאָף. גאָט מײַנער, און מאָטעלע? וועט ער אויך, הייסט עס, גיין אין די וועלֿדער, זוכן ווו עפעס א באנדע. און ער טראָגט שוין מיסטאמע א ביקסלֿ און וועט שיסן אויך. און אויב ער שיסט, קאָן מען דאָך שיסן אין אים אויך. די שאָ זאָלֿ ניט זײַן!..

און פייגע לֿאָזט זיך קיין אומאן. טאקע דורך די וועלֿדער. ווײַלֿ אויב די אכטע ראָטע מיט איר מאָטעלען זוכן דאָ עפעס א באנדע, וועט זי דאָ זוכן מאָטעלען. און טאָמער כאָלילע, די שאָ זאָלֿ ניט זײַן, זי טרעפט אָן אָף א באנדע?..

— וואָס זאָלֿ איך דיר זאָגן, געגאנגען מיט די וועלֿדער, געבלאָנדזעט אהין, געבלאָנדזעט אהער — ניטאָ! ניט די אכטע ראָטע, ניט מײַן מאָטעלע, ניט קיין באנדע. און אזוי בין איך ארײַן קיין אומאן. מײַן הוילעך קאָנט איר זיך שוין פאָרשטעלן. נאָר ווער האָט געטראכט וועגן אזעלכע זאכן? דער איקער — זי איז דאָ, די אכטע ראָטע. זי שפּאנט איבער דער שטאָט און זינגט זיך איר לֿידלֿ:

Вышли мы все из народа,
Дети семьи трудовой...

כעוורעלײַט, ווי ס'פירט זיך אומעטום, גייען נאָך די סאָלדאטן, סײַ פון די זײַטן, סײַ פון הינטן. איך גיי אויך נאָך. איך ווילֿ זיך דערוואַרטן, ביז זיי וועלן אָפּמארשירן און אָפּזינגען, וועלֿ איך צוגיין צום קאָמאנדיר און א פרעג טאָן: „טאָווארישט קאָמאנדיר, וווּהין האָט איר אהינגעטאָן מײַן מאָטעלען?" איך גיי און הער זיך אײַן אין דער לֿיד, און מיטאמאָלֿ, ווי איז מיר, איך מעג שווערן: מײַן מאָטעלעס קאָלֿ. א מאמע וועט דערקענען איר קינדס קאָלֿ צווישן טויזנטער. נאָר גיי דערקען אים אליין, אז אלע זײַנען זיי, ווי איין מאמע האָט זיי געהאַט. אלע אין די דאָזיקע בודיאָנאָווקעס, אלע אין שינעלן, אין שיך מיט אָבמאָטקעס. איך קוק זיך אײַן אין די פּענע־מער, — אויך דאָס זעלבע. ניט צו דערקענען. אלע יעוואָנים אָף איין פּאָנעם. אָבער דאָס נעזלֿ... אונדזערע נעזלעך! כ'האָב אים פּאָרט אָפּגעזוכט. „מאָטעלע! — האַלט איך אין איין שרײַען. — מאָטעלע!" נאָר ער הערט אפילע ניט, עפעס קאָן מען איבערשרײַען אריבער הונדערט סאָלֿ־דאטן? וואָס זאָלֿ איך דיר זאָגן? אז זיי האָבן אָפּגעמארשירט, אָפּגעזונגען, גיי איך צו צו אים, גיב אים א צי באם שינעלֿ:

— מאָטעלע, קום שוין אהיים, ביז דער טאטע איז נאָך ניטאָ פון דער מילֿ.

ער האָט זיך אזש דערשראָקן:

— מאמע, ווי קומסטו אהער? מאמע, טו א קוק אָף זיך, דיך איז שווער צו דערקענען.

— וואָס טוסטו, מאַטעלע, גוואַלד וועל איך שרײַען אין אַלע גאַסן, אַז דיר וועט מען זיך דאָ ניט באַגיין?

— אײַ, מאמע, — גיט ער מיר א זאָג און ווערט אזש בייז, — די מײַסע איז אזא: אָדער מיר אָדער זיי. מיט דעניקינען האָבן מיר זיך שוין אָפּגעפּאַרטיקט. איצט דאַרפן מיר זיך נעמען פאַר וורַאנגעלן.

כ׳האָב קיינמאָל פון אים קיין הויך וואָרט ניט געהערט. האַלעמײַ זאָל איך זאָגן, געפּאָלגט האָט ער מיך בעסער פון אַלע קינדער. אַן עמער וואַסער, אַן אָברעמעק שפּענער — אַלץ מאַטעלע. און דאָ, מיטאַמאָל זיך אויסגעשפּאַנט. איך זאָג איינס, און ער ענטפערט א צווייטס. און ס׳האָט מיר גאָרנישט ניט געהאָלפן. עמעס, צוריק גיין צופוס האָט ער מיך ניט געלאָזט. געקריגן בא די כאַווײרים זײַנע א ביסל געלט און געדונגען פאַר מיר דעם בעסטן אומאַניער באַלעגאָלע. צוריק בין איך געפאָרן ווי א פּריצע און אַרײַנגעפאָרן קיין כאַשטשעוואַטע מיט א קנאַק. און אַלע פרעגן איינס, צי האָב איך געפונען מאַטעלען און וואָס הערט זיך מיט אים. וואָס האָב איך זיי געזאָלט זאָגן? בין איך געוואָרן גרויס בא זיך און א ביסל בייז אויך: „ער וועט נאָך ווײַזן, מײַן מאַטעלע, וואָס ער קאָן!“ האָב איך געזאָגט. זאָל איך געוועזן דעמאָלט וויסן, אַז דאָס איז ער אוועק אפן גאַנצן לעבן...

עטלעכע יאָר איז מאָטל אין שטעטל ניט געווען. ווען ער איז צוריק געקומען, איז אים געווען ניט צו דערקענען. הויך און שטאַלטנע, מיט ברייט צעוואַקסענע פּלייצעס. דער שינעל און די בודיאָנאָווקע זײַנען געלעגן אף אים ווי אויסגעגאָסן. אין איינעם אַן אָוונט האָט ער געלייענט פאַר אונדז, קאָמיוגיסטן, א פּאָרטראַג וועגן דער צווישנפעלקערלעכער לאַגע. איך מוז זיך מוידע זײַן, אַז ניט אַלץ האָב איך פאַרשטאַנען. אַזעלכע ווערטער, ווי „אַנעקסיע“, „וואַרסאַלער שאָלעם“, „רעוואַנש“, „אינפליאַציע“, האָב איך געהערט צום ערשטן מאָל. נאָר איין זאַך האָב איך פאַרגעדענקט ביז הײַנט. דעם אימפּעריאַליזם, — כ׳האָב שוין דעמאָלט געוווּסט, וואָס דאָס הייסט, — האָט ער פאַרגליכן מיט א יאַטערנדיקן בלאָטער אפן לײַב פון דער מענטשהײַט, א בלאָטער, וואָס האַלט אין איין אָנרײַסן, און ווען ער וועט ענדלעך מוזן פּלאַצן, האָט געזאָגט מאָטעלע, קאָן עס ברענגען צו א שרעקלעכן, גרויזאַמען מילכאָמע־אופרײַס אין דער גאַנצער וועלט.

געווען איז דאָס אין דרײַ־און־צוואַנציקסטן, ווען די פאַרגאַנגענע מילכאָמע איז נאָך געווען זייער פריש אין זיקאָרן און די קאָנטורן פון דער קומענדיקער מילכאָמע זײַנען געווען זייער ווײַט און ניט קלאָר.

אפאָנעם, אַז די געשיכטע וועגן דעם, ווי זי איז נאָכגעלאָפן נאָך דער אכטער ראָטע, האָט זיך פייגען פאַרגעדענקט, גלײַך געשען איז דאָס נעכטן, און ס׳איז איר א שאָד, וואָס די מײַסע האָט זיך געענדיקט. זי וואָלט נאָך דערציילט און דערציילט.

— מײַן מאָטעלע האָט געמאַכט א פּאָטשאַטעק. און ס׳איז אוועק. איינס נאָכן אַנדערן. איינס נאָכן אַנדערן. קאָמסאָמאָלצעס, פּיאָנערן, אָקטיאַבערלעך. האָסט עס ערשט ניט לאַנג אַנטווינט, און ס׳איז שוין א פּאַרטיקס. הערט א מײַסע: מאָטל איז אוועק און אָנגעטאָן א ביקס. וואָס זשע טוען מײַן נאַנעלע און מײַן וואָלאָדיע? געבראַכט א ביקס אין שטוב אַרײַן.

— גאַזלאָנים, ווער האַלט עס אין שטוב א ביקס? א שטוב מיט קליינע קינדער. און צו וואָס דאַרפט איר זי?

— שרײַ ניט אזוי, מאמע, — זאָגט וואָלאָדיע. — די ביקס איז פונעם טשאָן[1]. מיר זוכן באַנדיטן, ספּעקוליאַנטן און די, וואָס טרײַבן סאַמאָהאָן.

וואָס איז דאָס געווען אַזוינס פאַר א טשאָן, ווייס איך ניט ביז הײַנט. נאָר איך האָב שוין געזען, אַז מיט מײַנע קינדער וועסטו גאָרנישט ניט מאַכן. איך האָב דאָפּקע אַמאָל געפרעגט בא גערדאַליען, וואָס הייסט אַזוינס טשאָן, ווייסטו וואָס ער האָט מיר געזאָגט? „וואָס ווייניקער דו וועסט וויסן, אַלץ גלײַכער פאַר דיר“. ער האָט אַליין מינאַסטאַם ניט געוווּסט. ווײַ, וואָס איך האָב זיך עס אָנגעליטן פון מײַנע קאָמסאָמאָלצעס און פּיאָנערן! אָט, ווען מע האָט מײַן פרײַדעלען אויסגעשלאָסן פון די פּיאָנערן... שאַ, דאָס מוזטו דאָך אַליין געדענקען. דײַן ביילקע איז דאָך אויך געווען פאַרמישט אין דעם.

— —

[1] ЧОН — Части особого назначения — טײלן מיט א ספּעציעלן אופטראַג. זײַנען געשאַפן געוואָרן אין די יאָרן פון דער אויסלענדישער קריגס־אינטערווענץ און פון בירגערקריג צוליב קאַמף קעגן קאָנטר־רעוואָליוציע; באַשטאַנען פון קאָמוניסטן און קאָמיוגיסטן. האָבן אָפּגעשפּילט א באַדײַטנדיקע ראָליע אין ליקווידירן דעם באַנדיטיזם. עקזיסטירט ביזן 1924 י.

יאָ, די מיזינקע אונדזערע, ביילקע... אַזאַ דאַר מיידעלע, מיט בלאָנדע צעפּלעך, מיט פאַרבלאָוטע פּיסלעך און פאַרשוואָלענע הענטלעך. איך בין געווען עלטער פון איר אַף אַ יאָר דריַי, נאָר געוואַקסן זיַינען מיר ווי אַ פּאָרל. איניינעם געפּאַקט און געמאָזלט, איניינעם געקרענקט אַף אַלע טיפוסן און אינפלוענציעס, איניינעם געהונגערט און איניינעם געטרוימט. וועגן וויַיטע אויסגעטראַכטע לענדער, וועגן בריליאַנטענע פּאַלאַצן און וועגן הימל־שיינע פּרינצן און פּרינצעסנס. אָט דאָס פּיצל האָט מיך היפּש אַריבערגעיאָגט. מעגלעך, אַז שולדיק דערין איז געווען מיַין לינקער שטיוול, וואָס האָט מיר צעמאַזיקט דעם פוס, און איך האָב געמוזט איבער דעם פאַרלאָזן די שול. אַזוי אָדער אַנדערש, זי איז שוין געווען אַ ספּאַרטאַקאָווקע, אַ פּיִאָנערקע, און איך האָב נאָך געהאַלטן גאָר וויַיט דערפון.

איך האָב זי ליב געהאַט, ביילקען, ווי פריִער, ווי נאָר מע קאָן ליב האָבן אַ קליין שוועסטערל, נאָר צו אַלע מיַינע ווייטעקן איז צוגעקומען נאָך איינער: מיַין שוועסטערל דערוויַיטערט זיך פון מיר, מיר ווערן עפּעס ווי פרעמדע און עס צעוואַלגערן זיך אונדזערע בריליאַנטענע פּאַלאַצן. דערצו איז נאָך צוגעקומען אַ מין אייפער־געפיל. טאַקע צו אָט דער פריידלען. אַ פּאָר מיידעלעך זאָלן עס אַזוי צוגעוואַקסן ווערן איינע צו דער אַנדערער, אַף ניט אָפּצורײַסן.

באַ מיַין טאַטן האָט דאָס דאָזיקע פּאָרל געהאַט עטלעכע צונעמען. פריידלען אַליין האָט ער גערופן „דאָס זשאַבקעלע“: „אָ, דאָס זשאַבקעלע גייט שוין!“ — פלעגט ער אַ זאָג טאָן, דערזעענדיק זי. געמיינט האָט ער דערמיט, אַז באַ געדאַליע זשיבקאָוו איז דאָ אַ שיין ביסל דרויב — זשאַבקעלעך־זשיבקאָווּעלעך, און פריידל אויך צווישן זיי. ביידע איניינעם, פריידל מיט ביילקען, האָבן באַ אים געהייסן „די מאַלאַנקע“. וואָס איז אַזוינס מאַלאַנקע? אַפן קריסטלעכן ניַי־יאָר נעמט זיך צונויף אַ כאָפּטע יִנגלעך מיט מיידלעך, מע פאַרשטעלט זיך, ווער פאַר אַ בער, ווער פאַר אַ ציג, און מע שפּאַצירט אַזוי אַרום פון גאַנצפרי ביז פאַרנאַכט. מע זינגט לידלעך, עס רימפּלט אַ פידל, עס פויקט אַ פויק און מע נעמט צונויף קאָפּעקעס. אַמאָליקע יאָרן איז דאָס געווען די איינציקע טעאַטער־שפּיל אין די דערפער פון אונדזערע קאַנטן, פּונקט ווי די פּורים־שפּיל אין שטעטל. מיט וואָס איז דאָס „פּאָרל“ באַם טאַטן אין די אויגן געווען ענלעך אַף אַ מאַלאַנקע? געוויס דערמיט, וואָס זיי האָבן זיך אויך אַרומגעפירט איניינעם פון גאַנצפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, ווי דער טאַטע פלעגט זאָגן — „וויד נאַס דאָ וואַס און וויד וואַס דאָ נאַס“[1].

כאָטש ביילקע איז געווען אַ דאַרינקע, און פריידל, פאַרקערט, אַ ביסל צו קיַילעכיק, דאָך ווען זיי פלעגן גיין באַנאַנד, האָבן זיי אויסגעזען ווי אַ צווילינג, און ס'איז אַפילע אָפּטמאָל שווער געווען צו זאָגן: וועמעס זיַינען עס די שוואַרצע און וועמעס די וויַיסע צעפּלעך.

צעשיידן זיך איז פאַר זיי טאַקע פּאָשעט געווען אוממעגלעך, וויַיל פאַרן טאָג האָבן זיי איניינעם געמוזט אָפּטאָן אָן אַ שיר אַרבעטן: אָפּזיצן עטלעכע שאָ אין שול, מאַכן די לימודים, אָנמאָלן אַלע קעפּלעך צו דער פּיִאָנערישער וואַנטצײַטונג, אויסאַרבעטן אַ פּראָגראַם פאַרן אָרדנטלעכן פּיִאָנערישן שיַיטער, אויסכאַזערן בעשוטפעס אַ פּאָר דעקלאַמאַציעס. נאָך דעם אַלעמען, היפּש פאַרמאַטערטע און שטאַרק אויסגעהונגערטע, פלעגן זיי אָפּזיצן ביז אַ האַלבער נאַכט אַמאָל לעבן אונדזער שטוב, אַמאָל לעבן געדאַליע דעם סטאָליערס. מע זיצט פעסט צוגעטוליעט, אַרומגענומען איינע די אַנדערע אַרום האַלדז, און מע שושקעט זיך. אַ פאַרליבט פּאָרל! אַמאָל האָט דער שלאָף זיי געצווונגען שיידן זיך, און אַמאָל ניט.

וועגן וואָס האָבן זיי זיך געסוידעט? דאָס זיַינען געווען די ערשטע סוידעס פון מיידעלעך, וואָס הייבן אָן ווערן מיידלעך. און ווי, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטאָן דערנאָך אַף אַ פּיִאָנערישער פאַרזאַמלונג! מע האָט זיי באַשולדיקט אין די סאַמע ערגסטע כאַטאָים. זיי האָבן אויוועך געווען אַף די פּיִאָנערישע קלאָלים. ערשטנס, געלייגט זיך שלאָפן צו שפּעט; צווייטנס, גערעדט אַזוינס, וועגן וואָס פּיִאָנערן טאָרן ניט ריידן.

זיי האָבן גערעדט וועגן ליבע. און דאָס האָט אַלעמען אויסגעזען שרעקלעך. סיַי די פּיִאָנערן, סיַי די לערערס, און סיַי די וואָזשאַטעס[2]. ביידע — פריידל און ביילקע — זיַינען געשטאַנען פאַר דער פאַרזאַמלונג, ווי געפּלעפּטע. באַ ביידע האָבן געפלאַמט די פּנעמער פאַר בייזאָיען און פאַר ווייטעק. זיי האָבן ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס מע וויל פון זיי, זיי האָבן ניט געקאָנט פאַרשטיין, ווי רעדט מען עס אַף פאַרזאַמלונגען וועגן זאַכן, וועגן וועלכע מע קאָן נאָר טרוימען געהיים, זאַכן, וואָס דו קאָנסט פאַרטרויען נאָר דיַין סאַמע נאָענטער כאַווערטע. און זיי האָבן ניט געקאָנט פאַרשטיין, אין וואָס באַשטייט זייער זינד.

זיַינען זיי געשטאַנען, פעסט צוגעטוליעט איינע צו דער אַנדערער און אָנגענומען זיך פאַר די הענט, פּונקט אַזוי, ווי זיי פלעגן שטענדיק זיצן, און ביידע האָבן ניט געוווּסט, וווּהין אַהינטאָן

[1] פון אונדז צו איַיך און פון איַיך צו אונדז (אוקראַיִניש).

[2] פּיִאָנערן־אָנפירער.

זיך מיט זייער מיידלשער, שוין עמעסדיק מיידלשער, פארשעמטקייט. פריידלס שולד, האט מען געהאלטן, איז גרעסער. ערשטנס, דערפאר, ווייל זי איז עלטער אף עטלעכע כאדאשים פון ביילקען, און צווייטנס, ווייל גערעדט האט מער פריידל און ביילקע האט נאר געהערט. איז אויסגעקומען, אז פריידל האט אנגעשטעקט איר יינגערע כאווערטע מיט אירע זינדיקע געדאנקען.

פריידל, פריידל... זי איז איצט שוין גראו. צוואנציק יאר אן אלמאנע. זי האט ניט געוואלט און ניט געקאנט כאסענע האבן א צווייט מאל, ניט געקאנט פארגעסן איר מאן, איר יאסקען, א קאדראווע אפיצער, וואס איז אומגעקומען אין די ערשטע מילכאמע־כאדאשים. זיי האבן אין ערגעץ ניט באוויזן אנווארעמען דאס ארט, שטענדיק געווען גאוועגאד, ניט געהאט אפילע קיין אייגן בעט. צוליב וואס? אומעטום האט געווארט אף זיי אן אייזערן בעטל, קאזיאנע שטוב־זאכן. מארגן, אין א כוידעש ארום א נייער באפעל און א נײַ ארט. מע האט געדארפט שטענדיק זײַן גרינגע פאסאזשירן.

פריידל איז שוין גראו. און מײַן ביילקע איז אף דער וועלט ניטא. נאר אט קוק איך אף פריידען און זע זיי ביידע, ווי זיי שטייען ארומגענומען אף יענער פארזאמלונג און בא ביידע טרערן אין די אויגן. זיי ווייסן ניט וואס צו זאגן. זיי פארשטייען ניט זייער זינד און ווייסן ניט, וויאזוי פארענטפערן זיך. פריידלען האט מען אויסגעשלאסן פון די פיאנערן, און ביילקע... זי וואלט געווען ארויס ריין, נאר הערט א מײַסע, א מיידעלע זאל זיך אזוי אופירן, פאר אלעמען אין די אויגן ארומגעכאפט איר כאווערטע און ארויסגעכליפעט:

— איך בין שולדיק גלײַך מיט איר, שליסט מיך אויך אויס!

האט מען איר דערפאר ארויסגעטראגן אן אויסרייד.

ס׳איז ניט צו דערציילן, וואס אונדזערע פאמיליעס האבן דאן איבערגעלעבט. אזא שאנד!.. ערגער, ווי עמעצער וואלט זיך געשמאדט אדער ווי מע וואלט עמעצן פון אונדזעריקע געפאקט מיט א גנייווע. פונעם „פארל" אליין איז שוין אפגערעדט. פריידל איז קראנק געווארן, און ביילקע איז אפגעזעסן לעבן איר אלע פרײַע שא. אפילע מײַן טאטע האט עטלעכע מאל איבערגעפרעגט, א באומרויקטער: „וואס מאכט עפעס דאס זשאבקעלע?"

אין א וואך ארום, ווען פריידל איז געזונט געווארן און זיי האבן ווידער אנגעהויבן ארומגיין „וויד נאס דא וואס און וויד וואס דא נאס", האט מײַן טאטע גענומען זי טרייסטן:

— נאריש זשאבקעלע, וואס נעמסטו זיך אזוי צום הארצן? וועסט א ביסל אונטערוואקסן, וועט מען דיך ארײַנעמען גלײַך אין דער פארטיע.

אין שול איז זי געקומען מיט אן אראפגעלאזטן קאפ, נאך אלץ א פארשעמטע. נאר דער לערער קופערשמיד (א קלוגער לערער געווען) האט זי אנגענומען פאר דער האנט און געמאלדן פארן גאנצן קלאס: „פאר אונדז בלײַבט פריידל, ווי פריער, אונדזער באליבטע שילערן, און ווי פריער, א פיאנערקע". און אינגיכן זײַנען זיי ווידער געשטאנען באנאנד — ביילקע און פריידל, פאר א גרויסער פארזאמלונג פון פיאנערן און קאמיוגיסטן. מע האט זיי ביידע פײַערלעך איבערגעגעבן אין קאמיוג. זיי זײַנען געשטאנען, ווי שטענדיק, אנגענומען איינע די אנדערע פאר די הענט, און קיין גליקלעכערע פון זיי איז אף דער וועלט ניט געווען.

געטראפן האט אזוי, אז פריידל איז געבליבן א „פיאנערקע" ביזן טיפן עלטער. שוין צוואנציק יאר, אז זי איז דירעקטאר פון א קינדערגארטן און פארברענגט פיל אוונטן באם פיאנערישן שײַטער און זינגט איבער אלע פיאנערישע לידלעך, אמאליקע און איצטיקע.

עפשער דערפאר האט זי פארהיט אין זיך אזויפיל כיין פונעם אמאליקן „זשאבקעלע", פון איר אמאליקן גאנג און פון אמאליקן שמייכעלע — בא דער מאמע פייגע געיארשנט, און די אויגן זײַנען אינגאנצן די זעלבע, וואס אמאל. ליכטיקע און גרויסע. און ס׳ליגט אין זיי אויך א שטיקל יערושע פון דער מאמען: זיי שמייכלען, ווען עס ווילט זיך פאשעט אויסוויינען.

דאס איז איבער דער פאטא, וואס פריידל האט ארויסגעקראגן פונעם אלבאם. פאר מיר איז די פאטא געווען א נײַס, איך האב זי פריער קיינמאל ניט געזען. האב איך אוודע ניט געקאנט קוקן אף איר און בלײַבן רויק. עס שטייען ארומגענומען צוויי זעכצניאריקע מיידעלעך. די קעפלעך פעסט צוגעטוליעט איינס צום אנדערן, די האר איבערגעפלאכטן, ביילקעס ווײַסע און פריידלס שווארצע, און די אויגן בא ביידע אזעלכע פארליבטע און פארטרוימטע. נאר דעריקער — די אופשריפט, ביילקעס ווידמונג פריידלען: „מײַן ליבער און אומפארגעסלעכער אומצעשיידבארער כאווערטע. געשיקט זיך, אז די נאטור האט פאר אונדז ביידן בלויז איין נעשאמע?"

די אלטע פייגע האט באמערקט, ווי ס׳האלט מיט אונדז, און אפגיך א וויש געטאן די אויגן:

— זע נאר, זע נאר, — האט זי זיך אנגערופן, — פאר אײַך דארף מען שוין אפילע ניט קיין טײַטשכומעש. טאקע פאראן איבער וואס לאזן א טרער. אוי, ווו נעמט מען יענע יארן...

ווו נעמט מען יענע יארן, ווען זי אליין איז נאך געווען יונג, און די קינדער זײַנען געווען פיצלעך, און אלע מאל איז געקומען צו לויפן עמעצער פון זיי:

— מאַמע, קאָנסט מיך באַגריסן, מע האָט מיך הײַנט אַרײַנגענומען אין קאָמסאָמאָל.
און זי, פייגע, מיט אַ געמאַכטן רויִקײט:
— מאַזלטאָוו דער באָבען דײַנער.

און דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן פאַנאַנדערפליִען זיך. איינס נאָכן אַנדערן, איינס נאָכן אַנדערן. ס'איז געוואָרן אַ מאָדע לערנען. איז נאָנעלע אַוועק אין פאַרטיי־שול, יאָסעלע אין „יעווראַבמאָל"[1], סאָרעלע אין פעדטעכניקום, און גאָלדעלע אין מעדיצינישן. און ס'איז אויסגעקומען, ווי גלײַך אָן געדאַליע סטאָליער און אָן זײַנע קינדער וועט מען ניט אויסבויען קיין זאַוואָדן, ניט שאַפן קיין קאָלווירטן, ניט מאַכן קיין טראַקטאָרס...

און אַז ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע...

— מיילע, מענער, ייִנגלעך, דאָס פאַרשטיי איך, אָבער וואָס פאַר אַ שײַכעס האָט צו מילכאָמע מײַן גאָלדעלע!.. נאָר זי איז אָפּגעווען די אַלע יאָרן אויפן פראָנט, און נאָכדעם קומט זי צו פאָרן און זאָגט מיר:

— מאַמע, קאָנסט מיך באַגריסן, איך האָב כאַסענע.

— מאַזלטאָוו דער באָבען דײַנער, — ענטפער איך איר אָפּ, — נאָר אַזוי, טאָכטערוניע, טוט מען ניט. מיילע, אויף דער מילכאָמע ביסטו אַוועק און מיך ניט געפרעגט. אָבער דעם כאָסן דײַנעם מוז איך פריִער אָנקוקן.

הייבט זי מיר אים אָן לויבן אין טאָג אַרײַן. ער איז שיין און גוט. די גאַנצע מילכאָמע זײַנען זיי געווען אין איין דיוויזיע. און ווען גיט ער... נו, וואָס זאָל איך דיר זאָגן? דאָס מאָל האָב איך אויסגעפירט. זי האָט אים אַראָפּגעבראַכט אַהער, דאָ האָבן זיי זיך פאַרשריבן, און דאָ האָבן מיר געפראַוועט די כאַסענע. און ווען אונדזער מישפּאָכע, קיין אײַנהאָרע, קומט זיך צונויף אויף אַ סימכע...

יאָ, טאַקע קיין אײַנהאָרע. נײַן קינדער, פינף און צוואַנציק אייניקלעך, פערצן אוריינִיקלעך. הײַנט די שנורן מיט די איידעמס, סײַ די קינדערס און סײַ די אייניקלעכס. אַ מישפּאָכע פון דאָקטוירים און אינזשעניערן, געלערנטע און אַרבעטער, לערער און דערציִערנס, סאָלדאַטן און אָפיצערן. און פון אַזעלכע, וואָס לערנען זיך ערשט ריידן, און אַזעלכע, וואָס האַלטן בײַ אַ קאַלע ווערן, און אַזעלכע, וואָס קומען אַלע מאָל צו לויפן:

— באָבעניו, מע האָט מיך הײַנט אַרײַנגענומען אין קאָמסאָמאָל!
און פייגע, ווי אַמאָל, מיט יענעם אַמאָליקן שמייכעלע:
— נו, טאַקע זייער פײַן. מאַזלטאָוו דער באָבען דײַנער.

פאַרשטייט זיך, עס וואָלט געווען גאָר גוט, ווען אַלע זײַנען שטענדיק לעבן איר. זײַנען זיי אָבער ווו דאָס לאַנד האָט אַ ברעג: אין אָדעס און אין מאָסקווע, אין טאַמבאָוו און אין וואָלגאָגראַד. דאָ, לעבן זיך, האָט זי נאָר פיר טעכטער מיט איין זון און אַריבער אַ צענדליק אייניקלעך און אוריינִיקלעך. נאָר ווען עס טרעפט אַזאַ גוטער זומער און עס פאַלן זיך צונויף די אורלויבן בײַ די אָדעסער און בײַ די מאָסקווער, בײַ די טאַמבאָווער און וואָלגאָגראַדער, און זיי גיבן זיך אַ פאָר צונויף אַהער, ווערט מיטאַמאָל ענג אין גאַנצן שטעטל. און ווער איז דעמלט גלײַך צו פייגען! זי וואַרפט גלײַך אַראָפּ אַ פאָר צענדליק יאָר, ווערט מיטאַמאָל רירעוודיקער און הייבט אָן קאָמאַנדעווען מיט די טעכטער און שנורן. זי וויל וויסן, צי געדענקען זיי נאָך די געקעכטסן, וואָס זי אַליין האָט אַמאָל געקאָכט, און באַשטעלט אַלע מאָל אַן אַנדער מײַכל:

— הײַנט וועלן מיר קאָכן אויף מיטיק טייגלעך מיט פאַסאָליעס.
— און הײַנט וואַרעטוטעס מיט קעז.

די אַלטע פייגע זיצט אויף איר שטול, אויף איר קיסיי האַמאַלכוס, אַרומגענומען מיט די הענט די דינע, אָפּגעפּאָלירטע פאָרענטשלעך, די געדיכטע גראָווע האָר פאַרקעמט און אַרומגעפלאָכטן אַרום קאָפּ, ווי אַ קרוין, און רופט אויס, ווי אַ באַפעל:

— אַ קוגל מיט אַ זיס לעבערל!
— רעטשענע לאַטקעס!
— קנישעס מיט קאַבאַק. מײַן געדאַליע האָט עס זייער ליב געהאַט!

ווער ווייסט, וויפל בילדער, גאַנצע וועלטן עס רופן אַרויס בײַ איר אין זיקאָרן די דאָזיקע מײַכאָלים, וואָס זײַנען שוין לאַנג אַרויס פון דער מאָדע. די גרויסע אויגן אירע לויכטן דערבײַ ווי שטענדיק אַ ביסעלע צווייִדײַטיק, און קיינער ווייסט ניט, וואָס וועט באַלד מיט זיי פאָרקומען, צי וועלן זיי אַ גלאַנץ טאָן, דערמאָנט זיך עפּעס זייער פריילעכס, צי וועלן זיי זיך פאַרציִען מיט עפּעס אַ דין הײַטעלע. בײַ אַריבער אַכציק יאָר קאָן מען האָבן ניט נאָר קיין פריילעכע זיכרוינעס אויך.

---

[1] שול פאַר ייִדישער אַרבעטער־יוגנט.

נאָכן מיטיק באַשטעלט זי א פאַרבײַסעכץ: בא יעדן זײַן באַליבט לידל.

— אנו, מאַטעלע, הייב אָן.

און מאַטעלע, דער גראָוער פאַלקאָווניק מארק זשיבקאָוו, הייבט אָן זינגען זײַן באַליבט לידל. דאָס לידל, וואָס האָט זיך אַרײַנגעריסן אין שטעטל מיט די ערשטע רויטאַרמייער:

Вышли мы все из народа,
Дети семьи трудовой...

די אַלטע פייגע זיצט אין איר שטול, צוגעמאכט די אויגן, און הערט זיך אײַן, און דער־מאָנט זיך מיסטאמע, ווי דאָס דאָזיקע לידל האָט אוועקגענומען בא איר דעם בכאָר און ווי זי איז אים נאָכגעלאָפן דורך פעלדער און וועלדער, אין שניי און אין בלאָטע, און דערזען אים שפאַנען איבער די אומאַניער גאסן, און — א פאַרפאַלענע זאַך!

— איצט דו, נאַנעלע, נאָר עפּעס א פריילעכס.

זינגט שוין ניט נאָר נאַנע אליין, נאָר א גאַנצער כאָר. ווײַל נאַנע איז געווען דער אָנפירער פונעם שטעטלשן דראַמקרײַז און וואָלאָדיע מיט זײַן פרוי עטל — פון די ערשטע אַקטיאָרן. גייען אוועק לידעלעך פון „רייזעלע דעם רעבנס“ און פון „כאַסיע די יעסוימע“, פון „בערעלע מאַססעלפראָם“ און „טעוויע דער מילכיקער“, פון „דער שווארצער כופּע“ און פון „דעם ווילדן מענטשן“.

די לידער קענען און געדענקען אַלע קינדער. ווײַל רעפּעטירט האָט מען מערסטנטייל בא גערליע דעם סטאָליער אפן פידאשעק, וואָס איז ווי געהאנגען איבערן קעלער, און ניט איין מאָל האָט פייגע געקלאַפּט אין פענצטער:

— קינדער, ביזוואַנען איז דער שיר? מע קאָן איבער אײַך ניט אײַנשלאָפן!

דערנאָך קומט פריידע מיט איר ליד. מיט א פּיאַנערישער ליד. אפילע ווען זי וועט אַוועק, פריידע, אַף פענסיע, וועט זי זיך אויך ציִען צו די פּיאַנערישע שײַטערס.

עס קומען לידער פון פאַר דער מילכאָמע, ווען דעם אויבנאָן האָט פאַרנומען די ליד וועגן קאַטיושען. עס קומען צאַרנדיקע לידער פון די גרויזאמע מילכאָמע־יאָרן, נאָכדעם ווערן די לידער וואָס אמאָל ווייכער. עפּעס אן אייניקל זינגט „די אָוונטן אונטער מאָסקווע“, און עפּעס אן אורייניקל... הער נאָר, הער נאָר, עפּעס גאָר א נײַס:

От любви моей до любви твоей...[1]

נײַע צײַטן, נײַע דוירעס, נײַע לידער...

און פלוצלינג גיט די אַלטע פייגע א קלאַפּ מיט דער האנט אין דער פּאַרענטשע פון איר שטול. דאָס הייסט: זאָל זײַן שטיל. וואָסי? זי וויל אויך עפּעס זינגען. זי האָט אויך איר באַליבטע ליד. און מיט א שטילער, האלב הייזעריקער, געבראָכענער שטים זינגט זי:

גאָראָד ניקאָלײַעוו, פראַנצוזסקי זאַוואָד,
סע האָט געארבעט א יִינגל דוואַדצאַט אָדין גאָד![2]

מיט וואָס איז איר אזוי ליב די דאָזיקע ליד, וועלכע זיכרוינעס רופט זי בא איר ארויס פון איר ווײַטער, ווײַטער, לאַנג אַוועקגעפלויגענער יוגנט?..

ס׳זיצט די אַלטע פייגע אין איר שטול און זינגט א ליד, נאָכדעם מאכט זי ווידער צו די אויגן און הערט זיך אײַן, ווי ס׳זינגען די קינדער. יעדער ליד איז פאַר איר א שטיק דורכגע־לעבט לעבן, אין יעדער ליד — א שטיקל פון איר האַרץ. און עפּשער... עפּשער גילט פאַר איר אויך איינשטיינס געזעץ וועגן יענע שנעלקײַטן, ווען די צײַט פאַרשווינדט, צי עפּשער לעבט זי גאָר איבער אַלץ אפסנײַ. אָט... ווי איך, וואָס איז געקומען אהער אַף א באַגעגעניש מיט דער אייגענער יוגנט, ווי מיר אַלע, קאָמיוגיסטן פון די צוואַנציקער יאָרן, וואָס האָבן זיך צונויפגענו־מען אַף אן אומגעוויינלעכער קאָמיוגישער פאַרזאַמלונג.

לעבעדיקע און טויטע

מיר האָבן זיך טאַקע צונויפגענומען אין כאַשטשעוואַטע א גאַנץ קאָמיוגיש קעמערל: קאָמ־יוגיסטן פון די צוואַנציקער יאָרן, די, וואָס ווינען הי, און די, וואָס זײַנען ספּעציִעל געקומען צו פאָרן אהער, אַף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג. און ווי עס פירט זיך אַף פאַרזאַמלונגען, דאַרף מען צונויפשטעלן א פּראָטאָקאָל. אן אומגעוויינלעכן פּראָטאָקאָל. ווײַל פאַרשרײַבן אין אים

[1] פון מײַן ליבע ביז צו דײַן ליבע... (רוסיש). א פּאָפּולערע הײַנטצײַטיקע ליד. [2] א געמיש־שפּראַכיקע שפּאַס־ליד.

דארף מען ניט נאָר די בײַװײזנדיקע, נאָר אױך די, װאָס מע האָט בלױז דערמאָנט, און ניט נאָר די לעבעדיקע, נאָר אױך די, װאָס זײַנען שױן מער ניטאָ. און מע קאָן ניט אָפּקומען נאָר מיטן אָנרופן דעם נאָמען. יעדערער דאַרף עפּעס זאָגן, אָדער סע דאַרף װעגן אים געזאָגט װערן.

פֿון די היגע דאַרף מען פֿאַרשרײַבן: װאָלאָדיע און פֿרײדע זשיבקאָװ, מײַן שװעסטער סאָרע. אױך װאָלאָדיעס פֿרױ — עמאַ מאַרקאָװנאַ, אין יענע יאָרן — עטעלע. װעגן איר איז נאָך גאָר־ניט געזאָגט געװאָרן. ס׳איז געװען אַ דאַר מײדעלע מיט אַ קלײנינקיק פּנעמל, מיט דינע ליפּע־לעך און ברענענדיקע אױגן. מע האָט זי דאַן פֿאַררעכנט פֿאַר אַ „מעשטשאַנקע״: צי דערפֿאַר, װאָס איר טאַטע, דער פֿעלצנמאַכער מאָטל שאַפּאָשניק, האָט איר אױפֿגעניײט זײער אַ פֿײַן טשומערקעלע מיט אַ נאָך מער פֿײַנער טשערקעסקע פֿון אַ גרױ שמױסל, און דאָס האָט זי אױסגעטײלט פֿון אַלע אַנדערע מײדלעך, צי איבער איר פּיסקעלע — אַ פּיסקעלע אַף שרײַפּעלעך, ניט אומזיסט איז זי געװען פֿון די באַרימטסטע אַקטריסעס אין אונדזער דראַמקרײַז. און כאָטש איר טאַטע איז געװען אַ הונדערטפּראָצענטיקער קוסטאַר און אירע צװײ ברידער זײַנען געװען אין קאָמיוג, דער עלטע־רער שימען — אַפֿילו סעקרעטאַר פֿונעם קאָמערל, האָט מען פֿאַר איר אַרױסגעשטעלט באַזונ־דערע, געהעכערטע פֿאָדערונגען, װען זי איז אָנגעקומען אין קאָמיוג. זי מוז דערװײַזן איר עמעס־דיקע קאָמיוגישע „זאַקאַלקע״ און זיך דורכשפּאַצירן איבערן שטעטל מיט פּערעצל גאַנעװ. אַ ברײרע האָט זי געהאַט? זי האָט זײער געװאָלט אַרײַן אין קאָמיוג.

נאָך דעם דאָזיקן אױספּרװו האָט אירער אַ פֿעטער, אױך פֿון די פֿעלצנמאַכער, זיך אָנגע־רופֿן צו איר טאַטן:

— שױן, מאָטל, פֿאַרשפּאָרסט שױן קױפֿן קאָװענעס. װעסט זײ האָבן אָן אַ קאָפּעקע געלט. דײַן עטעלע שפּאַצירט אַרום מיט פּערעצל גאַנעװ.

אױ, װי מענטשן ענדערן זיך... נאָר אַז עמאַ מאַרקאָװנאַ הײבט אָן עפּעס צו דערצײלן און הײבט אָן לאַכן אַזױ הילכיק — זי האָט גראָד ליב בײדע זאַכן, — טוען אַ שפּיל אַף איר פּאָנעם די קלײנינקע, עס צינדן זיך אָן פֿײַערלעך אין אירע אױגן, און איר דערזעט גלײַך די אַמאָ־ליקע עטעלע.

װײַטער װעלן מיר פֿאַרשרײַבן אין פּראָטאָקאָל מענדעלע די קאַץ. איך בעט מעכילע, װאָס איך דערמאָן אים מיט זײַן צונאָמען. נאָר אָן דעם און אָן דער שפּיציקער נאָז און אָן די גרױסע, אַ ביסעלע קאָסע אױגן איז דאָך ניטאָ יענער מענדעלע, װאָס איז געװען מײַן פֿאַרטרעטער, דאַן װען איך בין שױן געװאָרן סעקרעטאַר פֿון קאָמערל, און װאָס האָט אַזױ אײנמאָל אָנגעפּלאָנטערט מיט די מיטגליד־אָפּצאָלן, װעלכע ער פֿלעגט צונױפֿנעמען, אַז מיר האָבן געדאַרפֿט דערנאָך בײדע זיצן עטלעכע נעכט און פֿאַנאַנדערפּלאָנטערן.

פֿון די היגע דאַרף מען נאָך פֿאַרשרײַבן אין פּראָטאָקאָל פֿיניע װאַרטאָװאַי. באַ זײַן טאַטן, בעניע דעם קאָװעל, בין איך עס דורכגעגאַנגען די שװערע שול פֿון הילכעס אַקערן און היל־כעס פֿערד.

פֿון דעראַזשנע איז געקומען אַף דער פֿאַרזאַמלונג מױשע דער רױטער (אױך אַ צונאָמען). געקומען צו יאָגן, כאָטש ער איז אַרױס פֿון דער מילכאָמע נאָר מיט אײן פֿוס. דער צװײטער שלעפּט זיך נאָך גלאַט אַזױ, לעפּאָנעם, אינדערעמעסן — אַ טױטער פֿוס. נאָר װי האָט מױשע געקאָנט אײַנזיצן אין דעראַזשנע, אַז מיר קלײַבן זיך צונױף אַף אַזאַ אומגעװײנלעכער פֿאַרזאַמ־לונג. מיר װעלן נאָך אָן אים דורכלאָזן עפּעס זײער װיכטיקס.

פֿון יענע יאָרן האָט ער זיך מיר פֿאַרגעדענקט מיט זײַן פֿאַרגאַפֿטן בליק פֿון אַ מענטשן, װאָס יעדער נײַע זאַך רופֿט באַ אים אַרױס אַ גװאַלדיקע היספּײַלעס. מער פֿון אַלץ — אַ גע־דרוקט װאָרט. ער האָט ניט געקאָנט דורכלאָזן ניט בלױז קײן גאַנצע צײַטונג, אַפֿילו קײן שטיקל ניט. ס׳פֿלעגט טרעפֿן, מיר גײען איבער דער גאַס, גײען און שמועסן, און מיטאַמאָל — מײַן מױשע האָט זיך אַ יאָג געטאָן. נאָך װעמען, נאָך װאָס? נאָך עפּעס אַ פּאַפּירל, אַ שטיקל צײַטונג, װאָס דער װינט האָט אַ טראָג געטאָן. דעריאָגט עס, אױפֿגעהױבן און גלײַך אָנגעהױבן לײענען. עפּשער װעט עס אים פֿאַרענטפֿערן אַף אײנער פֿון די פֿראַגן, מיט װעלכע ער האָט זיך שטענדיק אַרומ־געטראָגן.

פּונקט אַזאַ פֿאַרכידעשטן, פּונקט אַזאַ שמײכלענדיקן, פֿול מיט אָן אַ שיר פֿראַגן, אַף װעלכע ער מוז באַקומען ענטפֿער, האָב איך אים דערזען אין דרײַסיק יאָר אַרום.

עס זײַנען געקומען פֿון דאָנבאַס מענדל טאַליאַנסקי מיט זײַן פֿרױ באַסיע װײַזמאַן און פֿון קיִעװ — שמערל באַלביר.

מענדעלע טאַליאַנסקין האָב איך געלערנט לײענען און שרײַבן. קײן איבעריקן כײשעק האָט ער דערצו ניט געהאַט, און ער האָט דערװױפֿ ביז הײַנט כאַראַטע. ער איז איצט אַ װירטשאַפֿטלער אין דאָנבאַס.

— אױ, װי נאַריש געװען, — איז ער זיך מודע, — ניט געװאָלט זיך לערנען יונגערהײט.

— אָט דאָס איז געווען די צאָרע אונדזערע, — זאָגט באַסיע און פאַרויטלט זיך, — איר געדענקט נושקען, נושקע טוגערמאַן. מע האָט אים אויסגעקליבן פאַר פאָרזיצער פון דאָרפראַט, און ער האָט אפילע רעכט זיך אונטערשרײַבן ניט געקענט. בין איך עס געווען די געלערנטע — פינף גרופּעס, — און מע האָט מיך צוגעפּעסטיקט, איך זאָל אים לערנען לייענען און שרײַבן. פון אַלע מײַנע קאָמיוגישע אָנלאָדונגען איז דאָס געווען די ערגסטע. ער האָט קיין גאַנצע שאָ ניט געקאָנט אויסזיצן, אָט דער נושקע. „העניע, — האָט ער געשריגן צום ווײַב, — גיי מאַך מיר א מאַסאַזש, די האַנט איז מיר שוין פאַרטערפּעט. זי וועט מיך פאַרמוטשען, אָט די רויטע“.

— לאָמיך אײַך אויך דערציילן, ווי איך האָב אויסגעפּילט א קאָמיוגישע אָנלאָדונג, — רופט זיך אָן מוישע דעראַזשנער, און ער הייבט באַצײַטנס אָן צו שמייכלען. עס שמייכלען די אויגן, די ציין, די געדיכטע קלײַענדלעך אפן פּאָנעם — ווײַזט אויס, די מײַסע דאַרף זײַן א פריילעכע. — איר געדענקט מוישע דעם שוואַרצן?

ניין, פון דער מילכאָמע וועסטו זיך אין ערגעץ ניט אַהינטאָן. אַלע שמייכלען זײַנען אַנטרונען געוואָרן. מוישע דער שוואַרצער איז אומגעקומען אפן פראָנט. נאָר זאָל זײַן כאָווער דערמאָנען וועגן אים, וואָס ער האָט צו דערמאָנען:

— בייס דער קאָלעקטיוויזאַציע, — דערציילט מוישע דער רויטער, — האָט מען אונדז ביידע געשיקט קיין קאַזאַוואַטשין דורכפירן א פאַרזאַמלונג. געווען איז דאָס אָנהייב פרילינג, דאָס אײַז איז שוין אַוועק, נאָר דער פּאַראָם איז נאָך ניט געגאַנגען. האָבן מיר גענומען א שיפל און געפּרוווט אַריבערקלײַבן זיך אפן צווייטן ברעג. מיר האָבן געמיינט, אַז ס׳איז א גאַנץ פּאָשעטע זאַך. נאָר דער בוג איז נאָך ניט געווען גרייט אופצונעמען אַזעלכע לײַכטע שיפלעך. בעקיצער, מיר האָבן זיך זייער פײַן איבערגעקערט. איך שרײַ „מוישע“, און ער שרײַט „מוישע“, און אַזוי שרײַענדיק, האָבן מיר זיך קוים דערקליבן צו א ברעג. ווו זשע זײַנען מיר? טאַקע ווידער אין כאַשטשעוואַטע. נו, און קאַזאַוואַטשין? און די פאַרזאַמלונג וועגן קאָלעקטיוויזאַציע? ס׳איז שוין געווען פאַרנאַכטלעך, און מיר זײַנען פיטש־נאַס און גוט איבערגעפרוירן. אָבער — די קאָמיוגישע אָנלאָדונג מוז מען אויספּילן. אַוועק אַהיים, זיך איבערגעטאָן און ווידער צום טײַך.

— נו, מוישע, וואָס וועלן מיר טאָן?

— פאַרשטייסט, מוישע, א ביסל דערפאַרונג האָבן מיר שוין, וועלן מיר פּרוּוון נאָכאַמאָל.

— גוט, גוט. נאָר אַז מירן זיך איבערקערן, זאָלן מיר זיך ניט רופן בא די נעמען. דו שרײַ „רויטער“, און איך וועל שרײַען „שוואַרצער“.

דאָס מאָל האָבן מיר זיך איבערגעשיפט בעשאָלעם...

שמערל באַלביר וואָלט אויך געקאָנט דערציילן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אַרויסרופן א שמייכל.

געווען איז שמערל זייער א פריילעכער יאַט, א זינגער און א טענצער. און א בעסערן וואָזשאַטע פאַרן פּיאָנער־אָטריאַד איז שווער געווען צוצוקלײַבן. וואָס טוט אָבער אָפּ דער וואָזשאַטע? ניט מער און ניט ווייניקער: ער קומט איינמאָל צו גיין אָף א קאָמיוגישער פאַרזאַמלונג אין א העמדל מיט א ווײַסן קאָלנער און מיט א האַלדזטוך. אַן אומדערהערטע זאַך!

אוואַדע קאָן עס איצט אַרויסרופן נאָר א שמייכל, נאָר אין יענע צײַטן איז דאָס געווען א זאַך פון פּרינציפּ. מיר זײַנען געגאַנגען אין פּאָשעטע העמדלעך, אָן האַלדזטיכער, אָן געקראַכמאָליעטע קראַגנס. מיט דעם האָבן מיר דעמאָנסטראַטיוו זיך אָפּגעגרענעצט פון די נעפּמאַנישע יונגערמאַנטשיקלעך. נעמט שמערל און שפּאַנט אַריבער די אײַנגעשטעלטע גרענעץ. ס׳האָט זיך געטאָן כוישעך, ס׳האָט געהאַלטן דערבײַ, מע זאָל אים אויסשליסן פון קאָמיוג.

ער איז שוין איצט אינגאַנצן גראָוו, דער געוועזענער וואָזשאַטע פונעם פּיאָנער־אָטריאַד. געקומען איז ער אָף געצײַלטע עטלעכע שאָ. פאַרנייגן דעם קאָפּ באַם קיִווער, ווו אײַנעם מיט אַריבער טויזנט קאָרבאָנעס פון די היטלערישע מערדער ליגן אויך זײַנע עלטערן.

— פאַרשרײַבט מיך אין אײַער פּראָטאָקאָל, — זאָגט ער, — מיר האָבן אין קיִעוו א היפּשן אוילעם אונדזערע קאָמיוגיסטן.

וועט ערשט אויסקומען אָנפרעגן זיך, זוכן און געפינען דעם קיִעווער אוילעם. אויב ניט געפינען, איז כאָטש דערמאָנען. ווײַל עס גייט דאָך א פאַרזאַמלונג ניט נאָר פון די לעבעדיקע...

איז וועגן וועמען איצט א וואָרט? לאָמיר אָנהייבן פון אַרקע קראַוועץ.

ס׳איז אוואַדע גוט, וואָס אין יענע טעג, ווען איך האָב אָנגעהויבן גיין אין סעלבוד, האָב איך קעסיידער געזען אַרקען, זײַנע פאַרטראַכטע אויגן און אײַנגעפאַלענע באַקן. טאַקע אַזוי האָט אין מײַן פאָרשטעלונג געדאַרפט אויסזען א סעקרעטאַר פון א קאָמיוגיש קעמערל. א מענטש, וואָס איז גרייט זיך אָפּזאָגן פון זײַן ביסל רו, פון עסן, פון שלאָפן — און אַלץ צוליב דעם קאָמיוג. איך האָב זייער געוואָלט זײַן אַזאַ, ווי אַרקע, און בין גרייט געווען אָף אַלץ, אַבי געפינען כיין אין זײַנע אויגן.

געמיינט האָב איך, אז ארקע באמערקט מיך אפילע ניט. נאָך א יאטל קומט אין סעלבוד, איז וואָס? נאָר אין איינעם א פארנאכט איז ער צוגעגאנגען צו מיר, גרינג א קלאפ געטאָן מיט דער האנט אין מײַן פלייצע און זיך אָנגערופן:

— נו, האָסט זיך שוין ארומגעקוקט א ביסל?

איך האָב ניט פארשטאנען, וואָס ער מיינט, און געשוויגן. ארקע האָט א שמייכל געטאָן, און זײַנע גרויסע שווארצע אויגן זײַנען געוואָרן ביז גאָר היימיש. זיי האָבן ווי געלאשטשעט, געווארעמט און אונטערגעמונטערט.

— איז אָט...

אָט דעם „איז אָט“ האָב איך פון אים איבערגענומען אף לאנגע יאָרן, פונקט ווי פיל אנדערע טנועס זײַנע, ווי אפילע דאָס, וואָס ער האָט גערעדט א ביסל אונטער דער נאָז.

— איז אָט, פאראן זייער א וויכטיקער איניען. מע קאָן זאָגן, דײַן ערשטע קאָמיוגישע אָנלאָדונג.

מײַן ערשטע קאָמיוגישע אָנלאָדונג!.. שוין, ארקע איז מיט מיר שוין אינגאנצן פארטיק. איך האָב געקוקט אף אים א ביסל א צעטומלטער, געפינטלט מיט די אויגן און געוויס אויסגעזען גאנץ נאריש.

— יאָ, יאָ, ברודערקע, זייער אן ערנסטער איניען. האָסט דאָך געהערט, וואָס לעניןl האָט געזאָגט? לערנען און לערנען. דארפן מיר וויסן, ווו יעדערער האלט, ווער פון דער יוגנט קען לייענען און שרײַבן, ווער שוואך און ווער גאָרנישט ניט. וועמען דארף מען פארשרײַבן אין אָוונט־שול און וועמען אין ליקבעז. פארשטאנען? וועסט נעמען אף זיך צוויי גאסן: די שול־גאס און די באָד־גאס. דו ווייסט גוט די דאָזיקע גאסן? דארפסט דאָך וויסן.

צי איך ווייס זיי... אוודע ווייס איך, איך בין דאָ ניט איין מאָל ארומגעגאנגען איבער זיי פון שטוב צו שטוב מיטן פעטער כאַיִמס קוויטארישל. צונויפגענומען קאָפּעקעס פאר אָרעמעלײַט, כאָטש גווירים האָבן אף אָט די הינטערגעסלעך קיינמאָל ניט געוווינט. וועל איך, הייסט עס, ווידער גיין איבער די דאָזיקע געסלעך, נאָר מיט גאָר אן אנדער שליכעס.

אין יענעם פארנאכט איז מיר אפן געדאנק ניט געקומען, אז איך הייב אָן גאָר א נײַעם גאנג, און דאָס גאנצע לעבן מײַנס וועט דערנאָך באשטיין פון דורכויסיקע שליכעסן און אָנלאָדונגען, קאָמיוגישע, פארטייִישע, געזעלשאפטלעכע, וואָס וועלן צונעמען בא מיר אלע מײַנע טעג, און ניט זעלטן אויך מײַן רו און מײַן שלאָף, און אפילע מײַן ערשטע, ניט־דערליבטע ליבע.

— אוודע וועל איך גיין, — האָב איך ענדלעך ארויסגערעדט און צוגעגעבן א ביסל אלטמאָדיש, — מיטן גרעסטן פארגעניגן! וויִבאלד לענין האָט געזאָגט...

דאָס איז געווען אין א פּאָר טעג ארום נאָך יענער פארזאמלונג, אף וועלכער מע האָט אופגענומען מייטען אין קאָמיוג און אין מײַנע אויערן האָבן נאָך אלץ געקלונגען אירע ווערטער: „מײַן טאטע האָט מיך פארשאָלטן“. דאָס איז געווען אין א פּאָר טעג ארום נאָך יענער נאכט, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל זיך באקאנט מיט לענינען און בין אָפּגעזעסן מיט אים ביז באגינען.

איך האָב אויסגעווירעט עטלעכע בייגעלעך פּאפיר, אײַנגעוויקלט זיי אין א צײַטונג און אלע פארנאכט זיך געלאָזט איבער מײַנע גאסן „מאכן“ עטלעכע הײַזער. איך בין געווען גרויס בא זיך: מײַן ערשטע קאָמיוגישע אָנלאָדונג! איך האָב זיך געפילט אפאנעמעסן יאָמטעוודיק, כאָטש דער הוילעך מײַנער, מײַן צעפליקט העמדל און מײַנע פארשטויבטע באָרוועסע פיס האָבן געוויס געמאכט גאָר אן אנדער אײַנדרוק. נאָר ווער האָט דאן געטראכט וועגן אזעלכע זאכן? איך האָב געטאָן מײַן ארבעט מיט ליבע. ווי מיד איך בין אָפּט ניט געווען נאָך דער ארבעט, האָב איך סײַווי זיך געלאָזט איבער די הײַזער. איך האָב געוווּסט, אז ווען כ׳וועל קומען נאָכדעם אין סעלבוד, וועל איך כאפּן אף זיך ארקעס לאשטשענדיקן בליק, און אויב ער וועט האָבן א פרײַע מינוט, וועט ער בא מיר פרעגן:

— נו, ווי גייט עס?

— כ׳האָב הײַנט „געמאכט“ אף דער באָד־גאס נאָך פינף הײַזער.

— גוט, זייער גוט.

אוי, די באָד־גאס! זי איז שוין פון לאנג אף דער וועלט ניטאָ... איך קאָן נאָר שפאנען איבער צעצוויטעטע בייטן קארטאָפל, זיך דורכרײַסן דורך א וואלד מיט קוקורוזע און זונרויזן, אריבערשפרינגען איבער עטלעכע טיפע און שמאָלע יארן און אופשטעלן אין זיקאָרן די פארשווונדענע גאס, וואָס איז אינדערעמעסן קיין גאס ניט געווען. באזונדערע הײַזקעס, צעזייטע איבער די בערגלעך, הײַזקעס, וואָס הענגען אראָפּ איבער די יארן, האלב ארײַנגעוואקסן אין דער ערד. געוווינט האָבן דאָ באלעגאָלעס און וואסערפירער, שאמאָסים און קוימענקערער, בעדער און טורקערנס, נאכט־שאָמרים און מעלאמדים, שוסטערס־לאטוטניקעס, שנײַדער־טאנדעטניקעס און

גלאַט אַזוי קאַפּצאָנים, בעטלערס און קאַליקעס. דאָ האָט מען געפּליקט די פּעדערן פון גוווירישע געגנדן, באַזאָרגט דאָס שטעטל מיט געפּראַזשעטע קערלעך, מיט שאַבעסדיקער טיי, מיט רויטער ליים און פוילע בורעקלעך און מיט פאַרשיידענע קרענק, מיט וועלכע אַלע אין שטעטל האָבן געמוזט איבערקרענקען.

אין יענע פאַרנאַכטן, ווען איך בין אַרומגעגאַנגען איבערשרײַבן די יוגנט, איז די באָד־גאַס געווען אין פולן „בלי" פון איר דוירעסדיקן דאַלעס. אָפּגעשונדענע ווענט און פאַררייכערטע סטעליעס, בלינדע פענצטערלעך, פאַרשטעקטע מיט שמאַטעס, און פּײַכטע, פאַרצוויטעטע דילן. און אַרום יעדער שטוב א כאָפּטע האַלעפּופּניקעס מיט פאַרשמירטע פּענעמלעך און אופגעבלאָזענע בײַכלעך. בין איך אַרומגעגאַנגען א דערשלאָגענער און אַן איבעראַשטער. ווי האָב איך דאָס ביז איצט ניט געזען? און עפּשער געזען און ניט באַמערקט, עפּשער באַמערקט און ניט פאַרשטאַנען? אין פיל הײַזער האָט מען מיך אָנגעקוקט ווי א מעשוגענעם: „ווי לערנען, וואָס לערנען"...

ווו זײַנען זיי, יענע כעוורע, וועמען איך האָב דעמלט אַרײַנגעשריבן אין מײַן בייגעלע פּאַפּיר? ווען איך קאָן איצט אופשטעלן יענץ צעטל, ווען איך קאָן זיך דערוויסן זייערע נײַע אַדרעסן און זייערע נײַע גויראָלעס!.. זיי זײַנען דאַן אַלע אַוועק — ווער אין ליקבעז און ווער אין אָוונטשול. און דערנאָך אין אַרבפאַק, און דערנאָך אין אינסטיטוט. און ווו נאָר האָט מען ניט געקאָנט טרעפן יענע כעוורע? אומעטום, ווו ס'איז אופגעקומען א נײַער זאַוואָד, א נײַע עלעקטראָסטאַנציע, א נײַע שטאָט — פון דניעפּראָהעס ביז קאָמסאָמאָלסק.

ביז ראָשעשאָנע האָב איך געהאַט קימאַט פאַרענדיקט די צעטלען. נאָר... איר ווייסט דאָך, וואָס מיט מיר איז געשען. איך בין אַוועק אין שול, אַוועק צו טאַשליך, און דערנאָך האָב איך זיך געשעמט אַרײַנקומען אין שטוב און געשעמט זיך ווײַזן אין סעלבוד. כ'האָב מוירע געהאַט באַגעגענען זיך מיט אַרקעס בליק. מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער ווייסט אַלץ און קער געוויס זײַן אַנטוישט אין מיר, וואָס כ'בין אַזוי ניט אויסגעהאַלטן און ס'איז בא מיר אַזא שוואַכע „זאַקאַלקע". איך האָב באַשטימט בא זיך, אַז איך מוז אופטאָן עפּעס אַזוינס, אַז אַרקע זאָל זיך איבערצײַגן, אַז איך בין ווערט זײַן אופמערקזאַמקײַט, ווערט אויסצופילן קאָמיוגישע אָנלאָדונגען.

— ווו זשע איז ער איצט, אַרקע קראַוועץ?

איך פרעג און האָב מוירע פאַרן ענטפער, ווײַל אָט, וואָלאָדיע זשיבקאָוו ענטפערט זייער צעצויגן:

— נו, דאָס דאַרפסטו געדענקען. ער איז געווען סעקרעטאַר פונעם פּאַרטיי־קאָמיטעט אין גײַוואָראָנער דעפּאָ.

— און דערנאָך?

— דערנאָך סעקרעטאַר פון ראַיקאָם.

— און דערנאָך, דערנאָך?

— וואָס דערנאָך?.. דערנאָך איז ער אומגעקומען... אַף דער מילכאָמע.

נאָך אַרקע קראַוועץ קומט א וואָרט וועגן שמועל פּעטשערסקין. זיי האָבן פאַר מיר ביידע א שײַן געטאָן יענעם אָוונט, ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל אַריבערגעטראָטן די שוועל פונעם סעלבוד. מיר האָט זיך שטאַרק פאַרגעדענקט שמועלס רעדע, זײַן שווערער יִידיש און זײַן זאַפּטיקער אוקראַיִניש.

עפּשער בין איך א ביסל ניט גלײַכגילטיק צו מײַנע יוגנט־פרײַנט, נאָר שמועל פּעטשערסקי, אָט דאָס דאַרפישע יאַטל, דוכט זיך מיר, איז געווען די גוטסקײַט און די איידלקײַט אַליין. ס'איז געווען א צײַט, ווען גרויסע אידעאַלן האָט מען אופגענומען זייער קאָנקרעט און אומיטלבאַר און טאַקע גלײַך געפּרווט צומעסטן צו זיך. ס'האָט זיך אויסגעוויזן, הײַנט־מאָרגן קומט די לאַנג אויסגעטרוימטע צײַט, ווען די גאַנצע מענטשהײַט ווערט איין גרויסע, פרײַנטלעכע, ברידערלעכע מישפּאָכע, — מוז מען וואָס גיכער צוגרייטן זיך דערצו. ווער קאָן עס האָבן צוויי העמדלעך, ווען א כאַווער האָט אַפילע קיין איינס ניט, און ווער קאָן עס טראָגן אין קעשענע אַן איבעריק דרײַערל, ווען א צווייטער האָט הײַנט ניט אַף קיין ברויט...

ניט בא אונדז איז געווען דאָס איבעריקע דרײַערל. ליזע, די שוועסטער מײַנע, וואָס האָט שוין געהאַט א שעם אין שטעטל און אין אַלע אַרומיקע דערפער מיט אירע פלאַמיקע רעדעס, איז געווען שטאַרק קראַנק. און די דאָקטוירים... פונקט ווי אַמאָל, מיט דער מאַמען: „פוטער, מילך, שמאַלץ"... וואָס פוטער, וואָס שמאַלץ? ניט אַלע טאָג האָבן מיר געהאַט זאַט אָפּצועסן.

...איך האָב ניט פאַרשטאַנען, וואָס פלוצלינג האָט שמועל מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט און אַוועק מיט מיר שפּאַצירן העט אַרוף ביז דער קאָוואַליוקע. שמועל האָט גערעדט, און איך האָב געדאַרפט נאָר הערן; ווען אים איז געווען זייער שווער אויסצודריקן זײַנע געדאַנקען אַף יִידיש, האָט ער אָנגעהויבן ריידן אוקראַיִניש. וועגן וואָס האָט ער גערעדט? טאַקע וועגן דער גרויסער צײַט, צו וועלכער מיר דאַרפן זיך גרייטן. די צײַט, ווען אַלע מענטשן וועלן זײַן פרײַנט. און ניט

נאָר פרײַנט, נאָר טאַקע ווי לײַבלעכע ברידער. אָט קאָן ער הײַנט זאָגן, אַז איך בין אים ווי אַ לײַבלעכער ברודער און די שוועסטער מײַנע זײַנען אים ווי אייגענע שוועסטער. און איך האָב ניט וואָס צו וווּנדערן זיך, וואָס ער ווייסט אַלץ, וואָס בײַ אונדז אין שטוב טוט זיך...

ער האָט געמוזט מאַכן אַ לאַנגן אַרײַנפיר, ביז ער האָט זיך דערקליבן צום איקער, און זיך דערלויבט טאָן דאָס, וואָס ער האָט באַשלאָסן און וואָס האָט אים מיסטאָמע עטלעכע טעג רוען ניט געלאָזט. און נאָך אַלעמען איז ער אין יענער מינוט, ווען ער האָט אַרויסגענומען דאָס דרײַערל און מיר אַרײַנגערוקט אין דער האַנט אַרײַן, שטאַרק רויט געוואָרן. איך האָב זיך אויך פאַרויטלט און האָב ניט געוווּסט וואָס צו טאָן: צי באַדאַנקען און אומקערן דאָס דרײַערל, צי באַדאַנקען און לאָזן דאָס דרײַערל בײַ זיך.

ער האָט באַמערקט מײַנע וואַקלעניש.

— נו, אָפּגערעדט, — האָט ער זיך אָנגערופן, — געהערט און באַשטימט. פאַרשטאַנען? האַרבסט, אַז ס׳וועט אָנהייבן אַרבעטן דער צוקער־זאַוואָד, וועסטו מיר אומקערן. זאָלסט נאָר קיינעם וועגן דעם ניט דערציילן.

איך האָב געהאַלטן וואָרט נאָר אַף האַלב. וועגן דרײַערל האָב איך טאַקע קיינעם ניט דערציילט. נאָר אָפּגעבן עס ניט באַוויזן. כ׳האָב בעפּיירעש געפּרוּווט, נאָר שמועל האָט זיך אָפּגעטרייסלט:

— איך קאָן נאָך צוּוואַרטן.

און מיטאַמאָל האָט ער ניט געסטײַעט. מע האָט אים אַרויסגערופן אַף אַרבעט אין קרײַז־קאָם פון קאָמיוג קיין פּערוואָמײַסק. עפּעס איז אין אים געווען אַזוינס, זייער העלס און זייער זייער קאָמיוגישס.

בין איך אים געבליבן אַ באַלכויוו. ניט וועגן דרײַערל רעד איך. דאָס דרײַערל האָט געסטײַעט אַף עטלעכע טעג. דער שמועס איז מיר פאַרבליבן אַף שטענדיק. און איצט, ווען איך טרעף זיך מיט די בריגאַדעס פון קאָמוניסטישער מי, טראַכט וועגן דעם מאָראַלישן קאָדעקס פון די בויער פון קאָמוניזם, — דערמאָן איך זיך אין אונדזער שפּאַציר, אין אונדזער שמועס און אין דעם, וויִאַזוי שמועל פּעטשערסקי האָט מיט גרויס אָנשטרענגונג, האַלב אַף ייִדיש און האַלב אַף אוקראַיִניש, אויסגעלייגט זײַנע געדאַנקען און געפילן וועגן דער גרויסער צײַט, צו וועלכער מיר דאַרפן זיך גרייטן.

— ווּ זשע איז ער איצט, שמועל פּעטשערסקי?

אַף דעם האָט קיינער דערווײַל קיין קלאָרן ענטפער ניט געקאָנט געבן.

נאָך שמועלן לאָמיר פאַרשרײַבן כאַיִם גוּבניצקין. דאָס קעמערל האָבן מיר ביידע אָנגעהויבן באַזוכן קימאַט אין איין צײַט, נאָר אין קאָמיוג איז ער אַרײַנגעטראָטן אַף אַ האַלב יאָר פריִער, ווי איך, און גלײַך אויסגעוואַקסן אין מײַנע אויגן אַף אַ גאַנצן קאָפּ, כאָטש ער איז אָן דעם געווען גענוג הויך.

כאַיִם וואָלט נאָך פריִער אָנגעהויבן באַזוכן דאָס קעמערל, נאָר ס׳געווען דערבײַ אַ גרויסער און פאַשעטער סאַד. ער האָט ניט געהאַט אין וואָס אַרויסצוגיין אַף דער גאַס. מיילע שיך, איז אַ קלייניקײַט — מע קאָן גיין באָרוועס. אָבער ווי גייט מען אַרויס אַף דער גאַס אָן הויזן?

פאַראַן אַ מײַסע וועגן דאַלעס. אַרײַנגעכאַפּט זיך צו איינעם אַ קאַפּצן אין שטוב, און מע האָט אים פון דאָרטן בעשום־אויפן ניט געקאָנט אַרויסטרײַבן. האָט איינער אַ קלוגער ייִד געגעבן אַן אייצע: „ווען מע נייט דעם דאַלעס אויף אַ קאַפּאָטע, וואָלט ער אַוועק פון דער שטוב, ווײַל ער זיצט אין שטוב מיסטאָמע דערפאַר, וואָס ער האָט ניט אין וואָס אַרויסצוגיין“. נו, אַף פּאָטער ווערן פונעם דאַלעס, לוינט מאַכן אַ האַלוואַע. האָט מען געליִען אַ דרײַערל, געקויפט אַ שטיקל סכוירע, אַראָפּגענומען דעם דאַלעס אַ מאָס און אַוועקגעגעבן נייען אַ קאַפּאָטע. נאָר ביז דער שנײַדער האָט אופגענייט אַ קאַפּאָטע, איז דער דאַלעס נאָך מער אויסגעוואַקסן און ניט געקאָנט אַרײַנקריכן אין איר. וואָס זשע טוט מען ווײַטער? פאַרלייגט דאָס ביסל בעטגעוואַנט, אַנטליִען אַ פינפערל, געקויפט אַ גרעסער שטיק סכוירע און באַשטעלט אַ קאַפּאָטע מיט זאַפּאַס. נאָר דער דאַלעס האָט אָנגעהויבן וואַקסן נאָך האַסטיקער, און אַזוי — אַ מײַסע אָן אַ סאָף.

כאַיִמס מאַמע האָט אַ גאַנץ יאָר געפליקט פעדערן פון גווירישע גענדז, און אין שטיבל בײַ זיי האָט אַ קײַלעכיק יאָר געשאָטן אַ שנייעלע. כאַיִם און זײַן ברודערל זעליק האָבן געוויס געקאָנט מיינען, אַז קיין זומער איז ביכלאַל אַף דער וועלט ניטאָ. דערצו נאָך איז זייער שטיבל געווען פאַרוקט אין אַ שמאָל, פינצטער און קויטיק געסעלע צווישן די קלייטן, און די זון, זי זאָל אפילע געווען וועלן, האָט נים געקאָנט אַהער זיך דורכרוקן. אין שטוב אַ שטיל שנייעלע, לעבן דער שטוב אַ שטענדיקע קאַליוזשע, און בײַ ביידע ברידערלעך איין פּאָר געלאַטעטע הויזן. אָבער אַף דער גאַס מוז מען אַמאָל אַרויסלויפן? איז וואָס טוט מען, אַז ביידע מיטאַמאָל ווילן זיך

דורכשפּאַצירן? פּלעגט מען טאַקע אַמאָל אין אַן אָוונט זען ביידע ברידערלעך אין דרויסן: איינעם אין די שוטפּעסדיקע הויזן, דעם צווייטן אין דער מאַמעס קליידל.

צי דערפאַר, וואָס כאַיִם איז געווען געראָטן אין זײַן מאַמען, צי דערפאַר, וואָס ער איז אויסגעוואַקסן אָן זון, נאָר געווען איז ער קרענקלעך דאַר און דאָס פּנים דערשיטערנדיק בלייך.

אַזוי איז ער געוואַקסן, ביזוואַנען קרויווים, פּעלצנמאַכער, האָבן געפונען, אַז מע קאָן אים שוין געבן אַ נאָדל אין האַנט. לייגן לאַטעס אויף אַלטע פּעלצן איז ניט פון די גרויסע מעלאָכעס. האָט מען אויפגעגייט כאַיִמען אַן עמעסע פּאָר הויזן, און ער איז אַרויס אויף דער ליכטיקער שײַן. לאָזט זיך אויס, אַז די מײַסע מיטן דאַלעס קאָן אַמאָל האָבן אַ סאָף. און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בײַ כאַיִמען איז אַ גאָלדענער קאָפּ. ער טויג זיך אויס סײַ צו דער נאָדל און סײַ צו אַ בוך.

ס'איז געווען אַ ווונדערלעכע צײַט. אין די פינצטערע און שמאָלע געסלעך האָט, ענדלעך, אָנגעהויבן אַרײַנשײַנען די זון, דאָס שטעטל האָט אָנגעהויבן אויפכאַפּן זיך פון זײַנעם פילדויערעסדיקן דרעמל. און כעוורע האָט גענומען רײַבן די אויגן, אַרומקוקן זיך און דערזען, אַז כוץ דעם איינענעם געסל איז פאַראַן נאָך אַ געסל, און לעבן דעם אַ גאַנצע גאַס, אַ סאַך גאַסן, און כוץ דעם אייגענעם שטעטל איז פאַראַן נאָך אַ שטעטל, אַ סאַך שטעטלעך און אַ סאַך שטעט, און פאַראַן טאַקע די וועלט אַליין, אַ גרויסע און שיינע וועלט, וועגן וועלכער זיי האָבן קיין פאָרשטעלונג ניט געהאַט. און פאַראַן ביכער, וואָס דערציילן וועגן איר, ביכער, ביכער, ביכער!..

אַן ערעך דאָס זעלבע, וואָס איז געשען מיט מוישע דעם רויטן, איז געשען אויך מיט כאַיִם גובניצקין. פריִער מיט אַ האַלב יאָר גענומען צום ערשטן מאָל אַ ביכל אין דער האַנט, און אָט איז אים ניט צו דערקענען. פאַרכאַפּט און איבעראַשט פון די פיל וועלטן, וואָס ער האָט געעפנט פאַר זיך, האָט ער געוואָלט וואָס גיכער באַקענען מיט זיי, אַרײַנפירן אין זיי אויך זײַנע כאַווײרים — דאָס איז געווען אַ דראַנג פון אַן עמעסן פּראָפּאַגאַנדיסט, וואָס קאָן אויף קיין מינוט ניט אײַנהאַלטן אין זיך די נאָרוואָס איבערגעלייענטע שורע, דאָס נאָרוואָס איבערגעלייענטע זײַטל. יעדן פאַרנאַכט איז ער געקומען אין קעמערל מיט אַ ביכל, און מע האָט שוין קיינעם ניט געדאַרפט רופן. מע האָט זיך גלײַך צונויפגענומען אַרום אים.

— כעוורע, איך וועל אים אומיסטן באַלד איבערלייענען אַ „ווידערזשקע"[1].

און זײַנע גרויסע ליכטיקע אויגן, דאָס איינציקע, וואָס דאָס אָנגעפּעדערטע שטיבל איז ניט אימשטאַנד געווען צו פאַטערן, האָבן געגלאַנצט מיט נײַגער, מיט פרייד, און זײַנע בלייכע באַקן האָבן אָנגעהויבן פלאַמען מיט אַ ראָזער, לעבעדיקער פאַרב.

איך האָב אויף שטענדיק פאַרגעדענקט די דאָזיקע „ווידערזשקעס". און כאָטש איך האָב דערנאָך זיי אַליין ניט איין מאָל געלייענט און איבערגעלייענט, אָבער ווי נאָר איך דערמאָן זיך אין זיי, זע איך פאַר זיך דעם הויכן און דאַרן כאַיִמען, ווי ער לייענט, פול מיט היספּײַלעס:

— אַ געשפּענסט שפּאַנט איבער אייראָפּע, דאָס געשפּענסט פון קאָמוניזם.

— אַ קאָמוניסט קאָן מען ווערן בלויז דעמלט, ווען דו באַרײַכערסט דײַן זיקאָרן מיט דעם וויסן פון די אַלע רײַכטימער, וואָס די מענטשהײַט האָט אויסגעאַרבעט.

— די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע איז אַ דיקטאַטור פון דער בורזשואַזער מינדערהײַט איבער דער עקספּלואַטירטער מערהײַט, די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט איז אַ דעמאָקראַטיע פון דער אַרבעטנדיקער מערהײַט קעגן דער בורזשואַזער מינדערהײַט.

אין אַ יאָר אַרום, ווען אונדזער קעמערל האָט באַקומען אַ פּוטיאָווקע אין אַרבפאַק, איין־און־איינציקע פּוטיאָווקע, האָבן מיר איינשטימיק באַשלאָסן, אַז פאָרן זיך לערנען דאַרף כאַיִם גובניצקי. ער איז אַוועקגעפאָרן קיין אָדעס, און איך האָב איבערגענומען בײַ אים די פליכטן פון אַגיטפּראָפּ. אין די לאַנגע ווינטערדיקע נעכט האָב איך אַרומגעשפּאַנט איבער די פאַרשנייטע געסלעך. אין יעדער געסל איז געווען אַ פּאָליטקרײַז. ייִנגלעך און מיידלעך זײַנען געזעסן אַרום ניט פאַרשפּרייטע אַלטמאָדישע טישן, און, ווי מע האָט דאַן געזאָגט, „געהריזעט דעם גראַניט פון וויסנשאַפט", געלערנט פּאָליטגראַמאָטע. איך בין אַרומגעגאַנגען פון שטוב צו שטוב און אומעטום געלייענט „ווידערזשקעס". און כעוורע האָט געהערט, און כעוורע האָט עס איבערגעכאַזערט. און מיסטאָמע האָט מען מיך דאַן גערעכנט פאַר דעם סאַמע געלערנטן אין אונדזער קעמערל, כאָטש ס'זײַנען געווען אַ סאַך געלערנטערע פון מיר.

פאַר דער מילכאָמע איז כאַיִם גובניצקי געווען דירעקטאָר פון וויניצער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. נאָך דער מילכאָמע, האָב איך זיך דערוווּסט, איז ער געווען פאַרוואַלטער פון אָפּטייל פאַר פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע פון טשעליאַבינסקער געגנטקאָם פון פּאַרטיי, אַ לעקטאָר פון מאַרקסיזם אין אַ הויכשול.

---

[1] אַן אויסצוג.

כאַימס ייִנגערער ברודער, זעליק, ווען ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פֿונעם דאַלעס, פֿון די געפּליקטע פּעדערן, איז געבליבן אַ כאַשטשעוואַטער. געווען פֿאַרוואַלטער פֿונעם פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטייל פֿון ראַיפּאַרטקאָם. אַוועק אַפֿן פֿראָנט און זיך ניט אומגעקערט. אומגעקומען.

צען ברידערלעך זײַנען מיר געווען...

אונדזער אומגעוויינלעכע קאַמיוגישע פֿאַרזאַמלונג האָט געדויערט עטלעכע טעג. און אַלע טאָג האָבן מיר געגעבן אַ וואָרט אָדער דערמאָנט עמעצן אַנדערש. און עס וואָלט זיך מיר זייער געוואָלט דערציילן וועגן מאָטל אומאַנסקי, וואָס האָט באַטאָג געאַרבעט אין אַ מיל, פֿאַרנאַכט זיך פֿאַרנומען מיט די פּיאָנערן און גאַנצענע נעכט געזעסן און שטודירט, אַזאַ איז ער געבליבן ביז הײַנטיקן טאָג; און וועגן סענדער שויכעט, וואָס האָט זיך געריסן פֿאָרן קיין דײַטשלאַנד, ווײַל ער האָט מוירע געהאַט, אַז אָן אים וועט מען די רעוואָליוציע דאָרטן מאַכן ניט ווי עס דאַרף צו זײַן; און וועגן יויזעף נאַסאָוועצקי, וואָס איז געפֿאַלן אַ קאָרבן אין דרײַסיק זיבעטן; און וועגן די ברידער אַקערמאַן — שמערל און ייִסראָעל. ייִסראָעל איז אומגעקומען אין בערלין דעם צענטן מײַ — אַ טאָג נאָך דער מילכאָמע, און שמערל איז איצט אַ פּראָפֿעסאָר; און וועגן כײַקע צימערמאַן, וואָס מײַן טאַטע האָט זי באַקרוינט מיטן צונאָמען „טיקושטשיִע דיעלאַ“, און נאָך און נאָך... נאָר איך האָב מוירע פֿאַר די רעדאַקטאָרס, איך האָב מוירע פֿאַר די רעצענזענטן, און איך האָב מוירע פֿאַר די לייענער. אייניקע וועלן זאָגן, אַז דאָס קאַפּיטל איז צו ענלעך אויף אַ פֿאַרצייכענונג, אַנדערע וועלן זאָגן, אַז איך דערצייל וועגן מענטשן זייער געוויינלעכע, וואָס מעגן בלײַבן אומבאַוווּסט. אָט באַ ערענבורגן, אַשטייגער, אין זײַן בוך „מענטשן, יאָרן, לעבן“, איז אויף יעדן זײַטל אַ באַוווּסטער שרײַבער, אַ קינסטלער, אַ פּרעזידענט, אַ פּרעמיער־מיניסטער. וואָס קאָן איך ענטפֿערן אויף דעם? קאָטוינטי... מיט קיין באַוווּסטע קינסטלער בין איך ניט באַקאַנט, לעבן מיניסטאָרן בין איך אַפֿילע נאָענט ניט געשטאַנען. און ביכלאַל, וואָס איז דאָ צו פֿאַרגלײַכן? איך דערצייל וועגן פּאָשעטע שטעטלשע כעוורע, נאָר די דאָזיקע כעוורע האָבן אין מעשעך פֿון אַ יאָר, צווײ אַ שפּרונג געטאָן פֿון מיטלאַלטער אין דער נײַער צײַט, אין דער נײַער וועלט, געוואָרן אירע בויער און שפּעער. און יעדערן פֿון זיי איז דאָ מיט וואָס צו דערמאָנען.

איינמאָל זײַנען מיר זיך פֿאַרזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט. די קאָלווירטישע עלעקטראָ־סטאַנציע האָט אויסגעלאָשן, ווי געוויינלעך, די שײַן פֿינקטלעך צוועלף אַזייגער. און ווײַל אַזוי פֿלעגט טרעפֿן אויך אויף יענע אונדזערע קאַמיוגישע פֿאַרזאַמלונגען, איז די שטעטלשע נאַכט מיטאַמאָל געוואָרן ענלעך אויף יענע נעכט פֿון די צוואַנציקער יאָרן. דאָס איבעריקע איז שוין געקומען פֿון זיך אַליין. פּונקט ווי נאָך די שטורמישע קאַמיוגישע פֿאַרזאַמלונגען פֿון יענע צײַטן, אָנגענומען זיך פֿאַר די הענט, זײַנען מיר אַוועק איבער דער אײַנגעשלאָפֿענער קאָוואַ־ליוועס און אָנגעהויבן איבערזינגען אַלע קאַמיוגישע לידער. און, פֿאַרשטייט זיך, אַז ענדיקן האָט מען געדאַרפֿט מיט דער „יונגער גוואַרדיע“:

מיר זײַנען די יונגע גוואַרדיע
פֿון פּראָלעטאַריאַט...

מיר זײַנען געווען אַ מאָל זעקס אָדער זיבן. גראָווע לײַט, מיט ניט קיין פֿאַרהיילטע וווּנדן און האַלבדרעמלענדיקע קאָנטוזיעס, נאָר מיר האָבן פֿאַרגעסן אין דעם אַלעמען, און געדוכט האָט זיך אונדז, אַז ניט קיין זיבן זײַנען מיר, נאָר אַריבער הונדערט: עטלעכע שערענגעס ייִנגלעך מיט מיידלעך שפּאַנען איבער דעם אײַנגעשלאָפֿענעם שטעטל, און איבער אַלע גאַסן און געסלעך הילכן אונדזערע שטימען. סײַ פֿון די לעבעדיקע, סײַ פֿון די טויטע...

א שורע פֿון בלאָקנאָט

די אומגעוויינלעכע קאַמיוגישע פֿאַרזאַמלונג דויערט. אַ וואָרט באַקומט איינער פֿון די ערשטע קאַמיוגיסטן אין כאַשטשעוואַטע לייב גאָרבאַטע. לייב יאָסל קאָוועלס.

אָראָפּגעקומען איז לייב קיין כאַשטשעוואַטע ספּעציִעל, קעדיי צו נעמען אַ וואָרט אויף דער פֿאַרזאַמלונג, פֿאַר זיך און פֿאַר זײַן כאַווער אָשער שוואַרצבאַרד. לייב וווינט אין ראָסטאָוו, נאָר אַלע זומער פֿאָרט ער צוגאַסט צו אָשערן קיין קיִעוו. דאָס פֿאָרט ער איצט פֿון אים.

ווער איז אָשער שוואַרצבאַרד? אָשער נאַכמען דעם שויכעטס.

אַז לייב יאָסל דעם קאָוועלס איז געווען צווישן די ערשטע קאַמיוגיסטן, דאָס איז פֿאַר־שטענדלעך. ווי קומט אָבער אָשער נאַכמען דעם שויכעטס אין קעמערל? איז מיסטאַמע פֿאַראַן דערצו אַ סיבע. נאַכמען דער שויכעט איז געווען אַ שויכעט פֿון גאָר אַ באַזונדער מין. ער האָט

מער ליב געהאט מײַסטרעווען, ווי אַרײַנקוקן אין א סייפער. אַלע זומער פלעגט ער עפּעס אײַ־בערבויען אין דער אייגענער שטוב. איין יאָר איבערגעשטעלט א טיר פון רעכטס אף לינקס, דאָס צווייטע יאָר איבערגערוקט א וואנט פון לינקס אף רעכטס. ער האָט געהאט א שעם אין שטעטל און אין די אַרומיקע דערפער. א סאך פלעגן קומען צו אים זיך האַלטן אַן אייצע, ווען ס׳האָט געהאַלטן בא בויען א שטוב. און ער האָט געקענט ניט נאָר אייצענען, נאָר אַליין אָרודעווען מיט א לאָפּעטע, מיט א זעג און מיט א האַק, ווי אַן עמעסער טעסלער.

ווען בא זײַן שאָכן, בא דאָוויד דעם שווארצן, איז אינמיטן כאַנעקע אײַנגעפאלן א וואנט און דער אויוון איז געבליבן אין דרויסן, האָט נאכמען דער שויכעט אראָפּגעשלעפּט פונעם אייגענעם בוידעם א פּאָר דעמבענע האָרבוליעס, אוועקגעשטעלט זיך אינײנעם מיט זײַנע און דעם שאָכנס כעוורע מאַכן וואַלקעס, און צו פאַרנאַכט־צו איז די וואנט פאַרטיק געוואָרן.

אָבער אַן עמעסער פאכמאַן איז ער געווען אין שוסטערײַ. פּיקערס, קיין אײַנהאָרע, האָט ער געהאט ניט ווייניק, שאָכטים אין שטעטל איז געווען נאָך מער, האָט נאכמען גאַנץ פײַן געשוסט־רעוועט. פאַרשטייט זיך, בעסאָד־סוידעס, ס׳זאָל אים ניט שאַטן צו דער רעפּוטאציע. כוץ אַלעמען, ווי מיר דאַכט איצט, איז ער געווען א שטיקל אַפּיקוירעס, פאַרשטייט זיך אויך בעסאָד־סוידעס.

מיט איין וואָרט, אָשער האָט געהאט וואָס צו יאַרשענען בא זײַן טאַטן. סײַ די ליבע צו מעלאָכע און סײַ דעם קוק אף וועלט־זאַכן.

ווי האָבן זיך באַפרײַנדעט לייב גאָרבאַטע און אָשער שווארצבאָרד? איך דערמאָן זיך קוי־דעמקאָל אַן עלעקטרישן סלופּ. פון די ערשטע עלעקטרישע סלופּן אין אונדזער שטעטל. פון אויבן, אַפן שפּיץ, אײַנגעקלאמערט זיך אין אים מיט די גרויסע אײַזערנע נעגל, שטייט לייב, און פון אונטן מיט א פּעקל דראָט אין די הענט — אָשער. און עפּשער פאַרקערט, פון אויבן אָשער און פון אונטן לייב.

אזוי האָבן זיך איבערגעמישט בא מיר עטלעכע ווונדער מיטאַמאָל: דער ערשטער עלעקטרי־שער סלופּ, דאָס ערשטע עלעקטרישע לעמפּל, וואָס לויכט, ווי באַטאָג, און די כעוורע, וואָס קלעטערן אף די סלופּעס.

דערנאָך זײַנען זיי אוועק מיט פאַרשיידענע וועגן. פאַרשיידן בלויז געאָגראַפיש. אָשער איז געבליבן טרײַ זײַן פּראָפעסיע, דרײַסיק יאָר אָפּגעאַרבעט אַלס שלאָסער אַפן קיִעווער זאַוואָד „אַרסענאַל“, איז איינער פון די כאָשעווסטע לײַט אַפן זאַוואָד. און לייב גאָרבאַטע... נאָר לאָמיר ניט כאַפּן די פיש פאַר די נעץ... איז אָט, א וואָרט באַקומט לייב גאָרבאַטע.

— אָט די שורעס זאָגן דיר גאָרניט? — האָט ער זיך אָנגערופן, אַרויסנעמענדיק א בלאָק־באָט מיט היפּש פאַרגעלטע זײַטלעך. — אָט לייען איבער.

האָב איך איבערגעלייענט: „דאָרף קאָנעלע, מאַנקאָווקער ראַיאָן, קיִעווער געגנט, 20 יאַנ־וואַר 1944 יאָר“.

צי זאָגן מיר עפּעס די דאָזיקע שורעס? בא מיר איז ערגעץ אויך פאַרנאָטירט די דאָזיקע דאַטע און דאָס דאָזיקע דאָרף. כאָטש, אַן איבעריקע זאַך. אזוינס פאַרגעסט מען דען?

...פאַר לאַנגע אומענדלעכע דרײַ מילכאָמע־יאָר זײַנען מיר שוין צוגעוווינט געווען צו אַלץ — צו דויערנדיקע צוריקמאַרשן און פײַנטלעכער אַרומרינגלונג, צו בלוטיקע שלאַכטן און שווערע פאַרלוסטן. מיר האָבן באַוויזן איבערלעבן שוין א סאך פון דעם, וואָס די מילכאָמע האָט פאַר יעדן פון אונדז אויסגעטיילט. געווען מינוטן פון דריקנדיקן ייִעש און פולער אויסגעשעפּט־קײַט, גלײַך עמעצער האָט בא דיר אַרויסגעדליבעט אַלץ פון אינווייניק און איבערגעלאָזט דיר נאָר דײַנע ווייטעקן, און געווען נעכט, ווען דו ליגסט אײַנגעפרוירן אין דער ערד אינײנעם מיטן שינעל, מיט די שטיוול, מיט אַלע דײַנע געדערים, און ס׳דוכט זיך דיר, אז מע וועט דאַרפן האָבן עטלעכע זונען אף דיך אָנוואַרעמען... און געווען שרעקלעכע מינוטן, ווען דו לאָזט איבער אַפן שלאַכטפעלד דײַנע פרײַנט, איינעם נאָכן אַנדערן, איינעם נאָכן אַנדערן. און דו געזעגנסט זיך מיט זיי מיט א שוויַיגנדיקן בליק און מיט א ווייטעקלעכן קריץ פון די ציין... איינעם פאַרלוירן, אַן אַנדערן געפונען, און צום ווײַלטן מאָל א טראַכט געטאָן, אז מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועט עמעצן אויסקומען זיך געזעגענען מיט דיר. מיט דעם זעלבן שווײַגנדיקן בליק און ווייטעקלעכן קריץ פון די ציין.

און געווען — באַזונדערס דאָס לעצטע יאָר — טעג און כאָדאָשים פון זיגרײַכן אָנגריף, ווען אַלץ אין דיר האָט געפלאַמט, געפײַערט, געזונגען און געדורשט נײַע שלאַכטן, נײַע זיגן, נײַע מאַרשן: פאָרויס, פאָרויס! און יעדע נײַע שלאַכט האָט אַרויסגערופן יענעם מוירעדיקן אומ־געדולד, וואָס איז גרייט אײַנשלינגען ווערסטן, א נײַע דורשט, וואָס איז גרייט אויסטרינקען טײַכן: גיכער, וואָס גיכער דערקלײַבן זיך צו דער העכסטער הייך, צו דער בלענדיקער שײַן, וואָס הייסט — ניצאָכן.

אַט דער מעכטיקער דראַנג שאַפט וווּנדער. עס טרעפט אָבער אויך, אַז ער פּאַרפירט. עס טרעפט, דער אָנגריף קאָן שוין מער ניט דויערן. ער אָטעמט קוים, עס גייען אים אויס די לעצטע קויכעס. דאָס פילן מיר, דאָס פילט דער סוינע. עס קומט אָן אַ קריטישער מאָמענט, ווען מע דאַרף באַציִטנס זיך אָפּשטעלן, פאַרפעסטיקן דאָס דעראָבערטע, ווי געהעריק באַגעגענען די קאָנטראַטאַקע פונעם סוינע, וואָס הייבט אָן ביסלעכווייַז קומען צו־זיך. אָבער יענער שטייַגנדי־קער דורשט פון ניצאָכן, יענער פיבערהאַפטער אומגעדולד פאַרשיקערט אַזוי, אַז ס׳טראַכט זיך ניט וועגן אַזעלכע זאַכן. אַפילע באַדאַכטע שטאַב־אָפיצערן, וואָס זייַנען באַרופן פעסטשטעלן די גרענעצן פונעם אָנגריף, זייַנען ניט באַוואָרנט פון אַט דעם פאַרשיקערנדיקן דראַנג. פּאַסירט דעריבער אַזוינס, וואָס האָט פּאַסירט מיט אונדזער דיוויזיע, מיט אונדזער פּאָלק אין די פּראָס־טיקע יאַנוואַר־טעג פון 1944.

מיר האָבן אָנגעגריפן. מיר האָבן אַלץ מאַרשירט און מאַרשירט איבער די פאַרשנייטע וועגן און פעלדער. מיר זייַנען געגאַנגען אַף אומאַן. אין איינעם אָן אָוונט האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין אַ דערפל, אַ קילאָמעטער זעקס הינטער דער שטאָט. די שלאַכט־סיטואַציע האָט ניט געפאָ־דערט, מיר זאָלן זיך דאָ אָפּשטעלן. פּאַשעט, ס׳איז געווען שפּעט, און מיר זייַנען געווען שטאַרק פאַרמאַטערט. ווען ניט דאָס, גייט מען נאָך און מע גייט. די נאָענטקייט צו אומאַן האָט מיך ניט געלאָזט אייַנשלאָפן. איך בין אין אַט דער שטאָט קיינמאָל ניט געווען, אָבער אומאַן איז דאָך גאָר, ביז גאָר נאָענט פון כאַשטשעוואַטע, אײַנגאַנצן אַ קילאָמעטער פופציק. באַ אונדז זייַנען געווען באַלעגאָלעס, וואָס מע האָט זיי גערופן אומאַניער, זיי האָבן געפירט פאַרשוינען אַהין און צוריק. האָבן מיר, הייסט עס, זיך אָפּגעשטעלט אַף נאַכטלעגער אין אַ דערפל אונטער אומאַן, און איך האָב געטראַכט וועגן כאַשטשעוואַטע.

...און נאָך האַלבער נאַכט האָט זיך אונדזער טייל קוים אַרויסגעקליבן פון דעם דאָזיקן דערפל אונטער אַ האָגל פון קוילן, מינעס און סנאַריאַדן.

שוין לאַנג האָב איך ניט איבערגעלעבט אַזעלכע מינוטן. אַזוינס פלעגט טרעפן מיט אונדז אין האַרבסט פון איין־און־פערציקסטן, און אַט, ווידער עפּעס ענלעכס.

דו ווערסט אָן מיטאַמאָל דאָס געפיל, אַז דו ביסט אַ מיליטערמאַן, בלאָנקעסט אַרום איבערן פאַרשנייטן פעלד מיט דייַנע סאָלדאַטן און ווייסט ניט, וווּהין קערעווען. די סאָלדאַטן דערמאָנען זיך אין אַלע קלאָלעס, וואָס זייַנען פאַראַן אין דער וועלט, אַ יונגינקער קאָמאַנדיר פון אַ באַ־טאַריי, וואָס גייט באַנאַנד מיט דיר, הערט ניט אויף שווערן זיך, אַז ער מוז זיך שיסן, ווייַל אַליין איז ער אַרויסגעשפּרונגען פונעם פייַער אַ לעבעדיקער, אָבער צוויי האַרמאַטן זייַנען געבליבן אין דאָרף. און אינמיטנדערינען שפּרינגט אָן, ווי פון אונטער דער ערד, עפּעס אַן אומבאַקאַנ־טער גענעראַל און פאָכעט מיטן פיסטאָלעט: „פּאַכדאַנים, די פּאַגאָנעס אַראָפּ. אין די שטראַף־ראָטעס וועט איר גייַן!" און עס ווילט זיך בלויז איין זאַך: זאָלן טייקעף, די מינוט, אָנפאַלן די דייַטשן, און זאָל קומען די סאַמע בלוטיקע שלאַכט, און זאָל זי זייַן פאַר דיר די לעצטע, אַבי ניט זען פאַר זיך דייַן אייגענעם גענעראַל, וואָס פאָכעט מיטן פיסטאָלעט פאַר דייַנע אויגן.

אַפן צווייטן טאָג, ווען מיר האָבן ענדלעך געפונען דעם שטאַב פון פּאָלק, וואָס האָט זיך אייַנגעאָרדנט אַפן ראַנד פון עפּעס אַ וועלדל אַ קילאָמעטער צען פון זשאַשקאָוו, האָב איך באַ־קומען אַן אומדערוואַרטן באַפעל: נעמען מיט זיך אַ דריי־פיר סאָלדאַטן, געווער, אַמוניציע, קליידונג פאַר אַן ערעך הונדערט מענטשן און אַרויספאָרן קיין זשאַשקאָוו, דאָרט אופנעמען און באַאַרבעטן אַ גרופּע מאָביליזירטע און קומען מיט זיי מאָרגן אין פּאָלק, וואָס וועט זיך געפינען אינעם דאָרף קאָנעלע.

באַאַרבעטן הייסט — איבערשרייַבן, אום יעדן פרייַז אויסבאָדן, באַקליידן און באַוואָפענען, אָפּנעמען די מיליטערישע שווּע. מיט איין וואָרט, פאַר געציילטע עטלעכע שאָ מאַכן פון די הונדערט מאָביליזירטע — סאָלדאַטן.

דאָס ערשטע מאָל פאַר די מילכאָמע־יאָרן איז מיר אויסגעקומען אַרייַנפאָרן אין אַ ייִדיש שטעטל. אין אַ געוועזן ייִדיש שטעטל.

ס׳איז געווען אַ ליכטיקע לעוואָנע־נאַכט, דער שניי האָט הילכיק געסקריפּעט אונטער די שליטנס, קימאַט ווי אונטערגעקלונגען אונטער די פערדישע פידקאָוועס. און דאָס זייַנען גע־ווען די איינציקע קלאַנגען, וואָס מיר האָבן געהערט, דורכפאָרנדיק די פאַרשטאַרבענע שטעטלשע געסלעך. יעדער שטוב — אַ מעס. אויסגעריסענע טירן, אויסגעהוילטע פענצטער, פאַרוואָלגערט מיט שניי. איך בין געפאָרן איבער די גאַסן פון זשאַשקאָוו, און מייַן אופגערודערטע פאַנטאַזיע האָט מיר געמאָלט איין בילד נאָכן אַנדערן, וויאַזוי דאָס שטעטעלע איז אומגעקומען. זשאַשקאָוו, כאַשטשעוואַטע, הונדערטער אַזעלכע שטעטלעך. אַט טרייַבן די פאַשיסטישע מערדער אָן איידע ייִדן. וועגן וואָס טראַכטן זיי, גייענדיק אין זייער לעצטן וועג? צי האָט עמעצער פון זיי געשריגן,

„שמע יִשׂראל", צי האָבן זיי געשיט קלאָלעס אָף די מערדער? צי האָבן זיי גערופן צוהילף זייערע זין, וואָס שלאָגן זיך ערגעץ אָף די פראָנטן?

דורך אַן אופגעריסן פענצטער זעט זיך א קיכל, און מיר דוכט, אַז איך זע די באַלעבאָסטע, וואָס מע טרײַבט פון שטוב. אָט האָט זי זיך דאָ געפּאָרעט דאָס לעצטע מאָל. עס לעשן זיך שוין די לעצטע האָלעוועשקעס אונטער דער אלטער, פּאַרצײַטיקער טריניזשקע, און די יִדענע שטייט נאָך אַלץ, זי וויל ניט אוועקגיין, כאָטש נאָך א מינוט, נאָך א האַלבע מינוט זאָל טליִען די האָלעוועשקע...

לעבן איינעם אַן אַלטיטשקן שלאָפט זיך א קליין מיידעלע. א טעכטערל צי אַן אייניקל, זי האַלט זיך אין איין ארומקוקן, זי קאָן ניט פאַרשטיין, וואָס מע וויל פון איר און וווהין מע פירט זי א האַלב־נאַקעטע אין אַזא קאַלטן, פראָסטיקן טאָג. בא דער הרובע איז דאָך אַזוי וואַרעם!

זיי גייען אַלע אין זייער לעצטן וועג, זיי עטעמען נאָך, זיי לעבן נאָך, נאָר דאָס שטעטעלע איז שוין טויט. לעבן א וועלדל, בא א גרויסער און טיפער גרוב וועט א קנאַל טאָן א שיסערײַ, קוילעס וועלן זיך רײַסן ביזן הימל אַרײַן, און פון די ארומיקע דערפער וועט מען מיט שרעק זיך צוהערן צו די קוילעס פון די דערשאָסענע און ניט־דערשאָסענע, נאָר דאָס שטעטעלע וועט שוין גאָרנישט ניט הערן און ניט זען... דאָס שטעטעלע איז שוין טויט.

וועט עמעצער בלײַבן לעבן פון די היגע לײַט? וועט עמעצער זיך אומקערן אהער פון די, וואָס שלאָגן זיך אָף די פראָנטן? וועט עמעצער נאָך דאָ ארײַנשטעלן די טירן, אָנגלעזן די פענצטער, אונטערהייצן דאָס אייוועלע? וועט קומען אמאָל עמעצער אהער, אָף קיווער־אָוועס?

די גאַנצע נאכט, בייס מיר האָבן איבערגעשריבן, איבערגעקליידט און באוואָפנט די נײַע סאָלדאַטן, האָב איך ניט אופגעהערט זען פאר זיך דאָס טויטע שטעטעלע. און אַלע מאָל האָב איך ארײַנגעקוקט אין אַן אנדער שטיבל פון מײַן כאַשטשעוואַטע און זיך נאָכגעפרעגט: און אײַך אויך? אײַך אויך?

אינדערפרי האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג. כ'האָב מאַרשירט מיט די סאָלדאַטן איבער די טויטע געסלעך, וואָס האָבן אין פאַרנעפּלטן פרימאָרגן אויסגעזען נאָך שרעקלעכער, ווי נעכטן. די שלאָפלאָזע נאכט האָט אָפּגעטאָן אירס. איך בין געווען אַזוי פאַרמאַטערט, אַז איך האָב גייענדיק געדרעמלט. און פּלוצעם האָב איך דערהערט א קאָל, אַזא באַקאַנט קאָל, ארויסגעשוווּמען פון ווײַטער לאַנגאָניקײַט. א קאָל פון א כאַשטשעוואַטער! צוערשט האָט זיך מיר געדוכט, אַז דאָס כאָלעמט זיך מיר. איך האָב אראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם דרעמל און זיך ארומגעקוקט. באַם סאמע עק שטעטל איז געשטאַנען אַן אווטאָ, און לעבן איר האָט אַן אָפיצער הויך אײַנגעטײַנעט עפּעס מיט א גרופּע סאָלדאַטן. אַזא באַקאַנטע שטים! און אָט דאָס צושאָקלען מיטן קאָפּ, און אָט דאָס קנייטשן מיטן רעכטן אקסל... אין איין אויגנבליק האָט דאָס ארויסגערופן א פאַרגעסן בילד. פריִער פאַר אַלץ א קורץ פּעלצעלע, א פּעלצעלע פון רויטלעכן קאָליר, ווי אָנגעריבן מיט רויטער ליים. דערנאָך אַן אקסל. דער רעכטער אקסל. ער אײַלט זיך, דער אקסל, ער אײַלט זיך נאָך מער פון זײַן באַלעבאָס, ער פאַרלויפט אים דעם וועג. נאָר אָט זע איך שוין דעם באַלעבאָס פונעם פּעלצל און פונעם אקסל. א הויכן באָכער, וואָס שפּאַנט האַסטיק איבער די שטעטלשע געסלעך מיט עפּעס א פּאַפּקע אין דער האַנט, — א רעוווקאָמאָוועץ. פריִער האָט ער געקלעטערט אָף די סלופּעס, אָף די ערשטע עלעקטרישע סלופּעס אין שטעטל, דערנאָך... יאָ, דערנאָך איז ער עטלעכע יאָר ניט געווען, און ווען ער איז צוריק אראָפּגעקומען — א סטודענט פון דער מײַרעווקע, — פּלעגט אָף זײַנע פּאַרטראָגן אינעם קוסטאַרן־קלוב זיך צונויפקומען דאָס גאַנצע שטעטל...

לייב יאָסל קאָוועלס, לייב גאָרבאַטע! דאָס איז ער. נאָר וויאַזוי גייט מען עס צו אים צו אינמיטנדערינען? אַזויפיל יאָרן אוועק, געוויס וועט ער מיך ניט דערקענען. נאָר ניט צוגיין האָב איך שוין אויך ניט געקאָנט. א לעבעדיק קאָל פון כאַשטשעוואַטע! צוגעקומען און דערזען: ער איז א פּאָדפּאָלקאָווניק. איך בין א קאַפּיטאַן, דאַרף מען זיך, הייסט עס, אויסצײַען, צולייגן די האַנט צום היטל און ארויסברענגען:

— דערלויבט, כאַווער פּאָדפּאָלקאָווניק.

צוגעלייגט די האַנט צום היטל האָב איך, נאָר ארויסריידן גאָרנישט ניט געקענט. ס'איז דאָך לייב, לייב גאָרבאַטע, לייב יאָסל קאָוועלס. ס'איז מיר מיטאמאָל געוואָרן פריילעך און עפּעס גרינג אפן האַרצן דערפון, וואָס דער באַגינען האָט ווי צוגעטראַכט פאַר מיר א באַלוינונג פאַר דער שווערער, ביז גאָר שווערער נאכט. זײַנען מיר געשטאַנען א ווײַלע, געקוקט איינער אפן אנדערן, ביז מיר האָט זיך אָנגעהויבן דוכטן, אַז ער דערקענט מיך אויך.

— לייב? לייב גאָרבאַטע?

— כאַיִם?

איז אָט, האָבן זיך באַגעגנט צוויי כאַשטשעוואַטער, צוויי קאָמיוגיסטן פון די צוואַנציקער

יאָרן. כאָטש פון פאַרשיידענע גענעראַציעס. ער, פון די סאַמע ערשטע, איך — אַף אַ דריַי יאָר שפּעטער. דעם עמעס געזאָגט, האָב איך זיך געוווּנדערט, וואָס ער האָט מיך דערקענט. מעגלעך, אויך דאָס זעלבע — דערקענט אַ לעבעדיק קאָל פון כאַשטשעוואַטע!

— פון וועלכן פּאָלק? — פרעגט ער.

— זיבן הונדערט נייַנציק זיבן.

— זייַנען מיר אין איין דיוויזיע! דער מאַרשרוט דייַנער איז קיין קאָנעלע?

— יאָ.

— זייַ פאַרזיכטיק.

מיר האָבן זיך ניט געזען אַ יאָר צוואַנציק, און באַ ביידן איז געוויס געווען אָן אַ שיר פראַגן איינער צום אַנדערן. צוויי לאַנדסלייַט, וואָס באַגעגענען זיך אומדערוואַרט אַף איינעם פון די מילכאָמע־וועגן, האָבן וואָס צו זאָגן איינער דעם אַנדערן, וואָס צו דערמאָנען. נאָר די סיטואַציע נאָך יענער נאַכט אינעם דאָרף לעבן אומאַן איז געווען זייער אָן אָנגעשטרענגטע, אָן אומבאַשטימטע, ווייַט ניט קיין פּאַסיקע פאַר אױזעלכע באַגעגענישן.

— נו, מיר וועלן זיך נאָך זען, — האָב איך זיך אָנגערופן, געזעגענענדיק זיך, און ער האָט איבערגעכאַזערט זייַנס: — זייַ פאַרזיכטיק.

מעגלעך, ער האָט געוווּסט עפּעס מער פון מיר: אין עטלעכע שאָ אַרום, אַ קילאָמעטער פינף פון קאָנעלע האָבן דייַטשישע קוילנוואַרפער באַשאָסן אונדזער קאָלאָנע. מע האָט געקאָנט זיך מעשאַער זייַן, אַז פאַר דער נאַכט צי עפּשער פאַר די באַגינענדיקע שאָען האָט די לאַגע זיך ווידער געענדערט צום ערגערן, און ווער ווייסט, ווו געפינט זיך איצט אונדזער פּאָלק, דער שטאַב. קיין סאַך צייַט אַף באַקלערן איז ניט געווען. און וואָס, אייגנטלעך, האָבן מיר געקאָנט צוקלערן? פון דער רעכטער זייַט, אַ קילאָמעטער אָנדערהאַלבן פונעם וועג, האָט צו אונדז אַרויסגעקוקט ניט קיין גרויס וועלדל. פאַנאַנדערגעשיט זיך אין אַ קייט, האָבן מיר גענומען איבערלויפן אַהין. כוץ טיפן שניי איז אין וועלדל גאַרנישט ניט געווען. איז געבליבן אַרויסשיקן אָן אויסשפּירער אין נאָענטסטן דערפל. דאָרט איז אויך קיינער ניט געווען. ניט אונדזערע, ניט קיין דייַטשן. נאָר מיר האָבן ניט באַוויזן אָנוואַרעמען זיך, עפּעס איבערקייַען, ווי אונדז האָט געפונען אַ פאַרבינדונגס־אָפיצער פונעם פּאָלק. יאָ, מיר דאַרפן טאַקע גיין קיין קאָנעלע, נאָר מיט אָן אַנדער וועג. ווייַל איין האַלב דאָרף איז באַ אונדז, און די צווייטע האַלב באַ די דייַטשן, דאַרפן מיר איצט אָנשטאָט פינף קילאָמעטער דורכמאַכן אַ מאַרש פון צוואַנציק קילאָמעטער איבער אַ מין „קאָרידאָר", וועלכן די דייַטשן באַשיסן פון ביידע זייַטן. דעם מאַרש דאַרפן מיר אָנהייבן, ווען ס'וועט ווערן טונקל, ער מוז זייַן אַ שטילער, אַ פאַרמאַסקירטער און אַ פאַרסירטער, ווייַל די דייַטשן קאָנען יעדע מינוט פאַרשפּאַרן דעם „קאָרידאָר".

האָבן מיר מאַרשירט שטיל און גיך און אַלע מאָל געמוזט פאַלן צו דער ערד, אויסבאַהאַלטן זיך פון די דייַטשישע ראַקעטעס.

קיין קאָנעלע האָבן מיר זיך דערקליבן נאָך האַלבער נאַכט. דאָס קליינע שטיבעלע אין אַ שמאָלן יאַר, ווו ס'האָט זיך געפונען דער שטאַב פון פּאָלק, איז געווען פולגעפּאַקט. דאָס קאָנעצל האָט קוים באַלויכטן זיך אַליין, און ס'איז שווער געווען גלייַך אָפּזוכן דעם קאָמאַנדיר פון פּאָלק און אָפּראַפּאָרטירן אים. ער האָט מיך אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע און זיך אָנגערופן:

— נו, אַלץ איז אין אָרדענונג. וואָס הערט זיך נאָך נייַס?

— אַ לאַנדסמאַן מייַנעם באַגעגנט.

— נו, דאָס איז אַ גוטער סימען. און ווהין האָסטו געטראָפן, ווייסטו? אין פולשטענדיקער אַרומרינגלונג.

— ?..

— יאָ, די דייַטשן האָבן פאַרשפּאַרט דעם „קאָרידאָר", וואָס איר זייַט אָקאָרשט דורכגעגאַנגען... די מענטשן, וואָס דו האָסט געבראַכט, וועלן גוט צוניץ קומען.

אַף אונדז האָט געוואַרט אַ הייסע קאַשע און צען ראַטע־סטאַרשינעס. יעדערער האָט גלייַך אוועקגעפירט צו זיך אַ צענדליק סאָלדאַטן.

וועגן דעם, וואָס איז געשען שפּעטער מיט אַ פּאָר שאָ און וויאַזוי מיר האָבן זיך אַרויסגעקליבן פון דער אַרומרינגלונג, האָב איך זיך דערוווּסט ערשט אַפן צווייטן טאָג. צי די ערשטע נאַכט אונטער אומאַן, צי די צווייטע אין זשאַשקאָוו, צי די דריטע אַפן וועג קיין קאָנעלע האָט זיך אָפּגערופן אַף מיר, צי אַלע דרייַ צוזאַמען, צי עפּשער — אַ פּאַשעטע צוקילונג, עמעס, אַ זעלטענע זאַך אַף דער מילכאָמע, נאָר ס'האָט מיך אַרייַנגעוואָרפן אין גרויסער היץ. כ'האָב ניט אופגעהערט צו פיבערן און ניט געוווּסט, אַף וועלכער וועלט איך בין. כאַוויירים האָבן מיר דערנאָך דערציילט, אַז געהאָלפן האָט אונדז די טשעכישע דיוויזיע פונעם גענעראַל סוואָבאָדאַ.

די טשעכן האָבן פאר אונדז געמאכט א דורכגאנג, פארמינירט אים פון ביידע זײַטן און דורכגעפירט די קאָלאָנע. מיך האָט מען ארויסגעפירט אף א שליטן, וואָס האָט איניינעם מיט דער גאנצער קאָלאָנע זיך באוועגט איבערן שמאָלן וועג. מע האָט מיר אויך דערציילט, אז כ׳האָב ארויסגעשריגן עפּעס אומפארשטענדלעכע ווערטער און מאָדנע נעמען, מיסטאמע אף יידיש.

אָט דאָס איז די געשעעניש, וואָס איז פארבונדן מיטן דאָרף קאָנעלע און מיט דער דאטע פון 20 יאנואר 1944. אז די דאָזיקע דאטע איז פארצייכנט ניט בלויז בא מיר, נאָר אויך בא לייב גאָרבאטע, האָב איך זיך דערוווּסט ערשט אין צוואנציק יאָר ארום.

ס׳האָט ניט לאנג געדויערט, און מיר זײַנען נאָכאמאָל געווען אונטער אומאן. דאָס איז פאָרגעקומען בייסן דערפאָלגרײַכן פרילינג־אָנגריף אף קאָרסון־שעווטשענקאָווער ריכטונג. אונדזער פאָלק איז פארבײַגעגאנגען טאקע לעבן דער שטאָט, און מיר האָבן מיט פארגעניגן זיך פראַקטיקירט דאָרט אין ציילן. מיר האָבן אָנגעציילט פינף הונדערט דײַטשישע אווטאָמאָבילן מיט געווער, אמוניציע, פּראָדוקטן, וואָס זײַנען געבליבן שטעקן אין די פרילינגדיקע בלאָטעס. און דאָס האָט אונדז געמאכט לײַכטער צו שפּאנען איבער די טיפע בלאָטעס דורך מאָנאסטירישטשע, גראנאָוו, הײַסין, בראצלאוו. אזוי נאָענט פון כאשטשעוואטע! מיר האָט זיך אָפּטמאָל געדוכט, אז איך פיל מאמעש דעם רייעך פון די אייגענע ווינטן, זע די ערשטע צוגעטריקנטע סטעזשקעלעך אף די גאסן, זע אונדזער אייגענעם, כאשטשעוואטער בוג. איין שפּרונג, און איך בין בא זיך אין דער היים! נאָר גיי מאך עפּעס, מיר האָבן געדארפט פאָרסירן דעם בוג א ביסל העכער, מארשירן קיין מאָגיליאָוו־פּאָדאָלסק, פאָרסירן דעם דניעסטער.

צי דען וועט קיין איין כאשטשעוואטער ניט דורכגיין דורך זײַן שטעטל, ניט א קוק טאָן אף דעם אין די ערשטע טעג פון באפרײַונג, ניט דערוויסן זיך וועגן דעם גורל פונעם שטעטל און פון די מענטשן, וואָס זײַנען דאָרט פארבליבן?

ניין. פאראן לאנדסלײַט, וואָס זײַנען געווען אין כאשטשעוואטע. און צווישן זיי איינער פון אונדזער דאָר קאָמיוגיסטן — דער שעף פונעם שטאב פון דעם טאנקען־מיליטער פון דער פערטער גווארדייִשער ארמיי, דער פּאָלקאָווניק יאָסיף דאווידאָוויטש פּאָוויליעוויטש.

וועגן אָט דעם לאנגן טיטל האָב איך זיך דערוווּסט ערשט איצט. אין מײַן זיקאָרן איז ער פארבליבן מיט זײַן פּאָשעטן נאָמען — יאָסקע. זײַן טאטן, דאָוויד פּאָוויליעוויטשן, האָט מען געהאלטן פאר א כאָסיד. אינדערעמעסן איז ער געווען א האלבער אפּיקוירעס, זייער פרײַ געטײַטשט דעם ראמבאם און שטארק געהאלטן פון שפּינאָזען.

יאָסקע, דער פּאָלקאָווניק פּאָוויליעוויטש, האָט געהאט גרעסערע מעגלעכקײַטן פון מיר. פּופּציק קילאָמעטער רעכטס, פּופּציק קילאָמעטער לינקס — סײַווי איז דאָס דער פראָנט פון דער פערטער גווארדייִשער. האָט ער גענומען א דערלויבעניש און איז אוועק קיין כאשטשעוואטע. אפילע אף א „ווייליס” איז געווען אומעגלעך דורכקלײַבן זיך דורך די פרילינגדיקע בלאָטעס, איז ער אוועק צופוס.

ס׳איז, פארשטייט זיך, געווען געפערלעך לאָזן זיך איינער אליין מיט די טערנאָווקער וועלדער. אמאָל, אין די יאָרן פון בירגערקריג, זײַנען זיי געווען אָנגעשפּיקעוועט מיט באנדעס. ס׳האָט אים געיאָגט אהיים, ער האָט געמוזט דערוויסן זיך, וואָס איז געשען מיט זײַנע עלטערן. און די טערנאָווקער וועלדער? ווער קאָן איצט דאָרט זײַן, כוץ סאָוועטישע פארטיזאנער?

דערקליבן זיך קיין כאשטשעוואטע צו האלבער נאכט און אָנגעקלאפּט אין דער ערשטער שטוב, ווו ס׳האָט זיך געלויכטן א פײַערל.

געעפנט האָט אים אן אלטע פויערטע. לאנג באקוקט אים א פארשלאָפענע און א דערשראָקענע. און ווען ער האָט איר געזאָגט, ווער ער איז און וועמען ער זוכט, איז זי אים ארופגעפאלן אפן האלדז און זיך צעכליפּעט:

— אלעמען, אלעמען אין איין גרוב.

טויטע געסלעך. כאשטשעוואטער... פּונקט ווי די זשאשקאָווער, פּונקט — ווי פיל אנדערע. איז ער ווידער ארויס אין דער נאכט ארײַן און געשפּאנט ביז די קני אין בלאָטע.

איין שורע אין בלאָקנאָט — און אזויפיל געשעענישן אופגערודערט...

לייב גאָרבאטע האָט מיר אין א בריוו פון ראָסטאָוו געשריבן:

„אז מע הייבט זיך אָן דערמאָנען!.. אין יענע טעג האָט מען אונדז אין א דערפל ניט ווײַט פון אומאן געזאָגט, אז אן אוקראַיִנישע פויערטע האָט אין מעשעך פון צוויי יאָר אויסבאהאלטן א יידיש מיידעלע. מיר האָבן אָפּגעזוכט די דאָזיקע פויערטע. זי האָט אונדז דערציילט, וויאַזוי זי האָט געטראָגן דעם מיידעלע אין קעלער ארײַן א קארטאָפל, א סוכערל, אלץ, וואָס ס׳האָט זיך אײַנגעגעבן צו קריגן. געלעבט די גאנצע צײַט אין מוירע און אין שרעק, עמעצער זאָל זיך ניט דערוויסן. דאן זײַנען אלע פארפאלן. זי און אירע צוויי קינדער.

אין הארבסט איין־און־פערציקסטן, ווען זי האָט גענומען צו זיך דאָס מיידעלע, איז עס אלט

געוועזן אכט יאָר. נאָך איצט, ווען איך דערמאָן זיך, הייבט מיר אָן פּרעסן דאָס האַרץ, אַזאַ שרעק־לעכן אויסזען האָט געהאַט דאָס מיידעלע, וואָס האָט עטלעכע יאָר ניט געזען די ליכטיקע שיין. אַ פּענעמל, ווי קרייד, אייגעלעך אָן אַ סימען פון גלאַנץ, און אַ שטים — קוים מע הערט.

מיר האָבן איבערגעלאָזט דער פויערטע אַלע פּראָדוקטן, וואָס זיינען בא אונדז געווען, און צוגעגעבן צו דעם אַלע גוטע, וואַרעמע ווערטער, וואָס זיינען פאַראַן אויף דער וועלט.

ווי האָט מען גערופן יענע פויערטע, וואָס האָט איינגעשטעלט איר לעבן און דאָס לעבן פון אירע קינדער? צום באַדויערן, האָבן מיר וועגן אַזעלכע „קליינינקייטן" דעמאָלט ניט געטראַכט. איך ווייס אויך ניט, ווי מע האָט גערופן דאָס מיידעלע און וואָס איז מיט איר געוואָרן. איך האָב אַפילו ניט פאַרגעדענקט דעם נאָמען פונעם דאָרף. עפּעס ענלעך אויף בוטשינקע.

און נאָך איז מיר איצט געקומען אויפן זיקאָרן. געווען איז דאָס אונטער מאָגיליאָוו סאָף פעוו־ראַל פון פיר־און־פערציקסטן. אויפן טראַקט האָבן מיר באַגעגנט צוויי זקיינים. אַ פאַרוואַקסענעם אַלטיטשקן יידן און אַן אויסגעדאַרטע אַלטיטשקע. זיי האָבן קוים געשלעפּט די פיס. זיי זיינען געגאַנגען פון אַ לאַגער, וווּ עס זיינען געווען צוועלף טויזנט יידן. אינעם לאַגער האָבן געבאַ־לעבאַטעוועט רומענער. נאָר אַלע מאָל זיינען אַהין געקומען דייטשן און אָוועקגעפירט אַ נייע גרופּע. וווּהין? דאָס האָט מען זיך געקאָנט אָנשטויסן. ווען די סאָוועטישע אַרמיי האָט זיך דער־נעענטערט, האָט דער קאָנוואָי פאַרשלאָסן די טויערן פון לאַגער און איז אַנטלאָפן. צום טאָג פון דער באַפרייאונג זיינען אין לאַגער געבליבן פיר טויזנט יידן. זיי האָבן קוים געזשיפּעט.

איך ווייס ניט, ווי האָט מען גערופן יענע זקיינים. מיר האָבן דעמאָלט ניט געטראַכט וועגן אַזעלכע זאַכן. מיר האָבן געטראַכט: מע דאַרף זיך איילן, מע דאַרף וואָס גיכער זיך דערקלייבן קיין בערלין. עס שמאַכטן אין די פאַשיסטישע לאַגערן טויזנטער, טויזנטער. זיי וואַרטן אויף אונדז".

די לעצטע שורעס פונעם בריוו קערן מיך אום צו די געדאַנקען וועגן אַנגרייפערישן דראַנג, וועגן יענעם הייסן ווילן דערנעענטערן דעם טאָג, די שעה פון זיג, כאָטש אויף איין מינוט פריער. עפענען די טויערן פון אַלע לאַגערס און טורמעס, באַפרייען די וועלט פון דער פאַשיסטישער פעסט. און אויב אַט דער דראַנג האָט אַמאָל געבראַכט צו ניט פאָרויסגעזעענע קאָמפּליקאַציעס, אַזעלכע, לעמאָשל, ווי אונטער קאָנעלע, האָט עס געלוינט. וואָס וואָלט געווען מיט דעם מיידעלע, וואָס האָט עטלעכע יאָר די זון ניט געזען, און וואָס וואָלט געווען מיט די פיר טויזנט יידן, ווען מיר פאַרהאַלטן זיך אויף איבעריקע עטלעכע טעג?

אַ שורע פון בלאָקנאָט... און איבערגעשפּרונגען אין אַן אַנדער צייט. ס'איז אַוודאי ניט גרינג איבערשפּרינגען אַלע מאָל פון די צוואַנציקער יאָרן אין די זעכציקער, פון די זעכציקער אין די פערציקער, און ווידער צוריק. אַפילו בא גוט טרענירטע קאָסמאָנאַווטן ווערט אַמאָל קאַליע דער וועסטיבוליאַרער אַפּאַראַט און ס'הייבט זיך זיי אָן דרייען דער קאָפּ. נאָר איך מיין, אַז מיינע לייענער זיינען שוין געוווינט דערצו.

איז ווו זשע האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין צווייטן טייל? בא יענעם שווערן ראַשעשאָנע, בא יענע טאַשליך, ווען איך האָב זיך אָפּגעזעגנט מיט מיינע געטער. איך האָב שוין דאַן פעסט געהאַלטן מיט גאַליליייען, אַז די ערד דרייט זיך.

די ערד דרייט זיך!

עס זיינען אַוועק די צוויי טעג ראַשעשאָנע. אויסערלעך זעט אַלץ אַרום אויס ביז גאָר וואָכעדיק, נאָר דאָס גאַנצע שטעטל פיבערט מיט עפּעס אַ קאַלטן פיבער און עס הענגט איבערן שטעטל אַ שטילע שרעק. עס גייען דאָך די אַסערעס־יעמיי־טשווע, און עס קומט דאָך אינגיכן דער יאָם־האַדין, יאָמקיפּער. און ווער ווייסט, מיט וואָס אַלץ וועט זיך ענדיקן, ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ קוויטל וועט יעדערער אַרויסשלעפּן.

די צייט האָט אָפּגעקליבן פאַר די דאָזיקע טעג די מיט פון האַרבסט, ווען דער טאָג איז שוין היפּש קלענער, די נאַכט גרעסער, און די ווינטן ווערן וואָס אַמאָל קעלטער און עסריקער, איבערן הימל שווימען טונקעלע, באַרויגעזע וואָלקנס, איינער גרעסער פונעם אַנדערן, איינער גערדיכטער פונעם אַנדערן, און זיי האָבן עפּעס אַ מעשונעדיק געשטאַלט, אַ מעשונעדיקע צורע. יעדער מענטש קאָן אין זיי איינזען וואָס ער וויל. מענטשן פון אַ פריילעכער נאַטור זעען איין גוטע מאַלאָכים, דעם סאַנייגער, מענטשן מאָרעשכוירעדיקע — בייזע מאַלאָכים, דעם קאַטייגער, וואָס איז גרייט אויסטראַכטן אויף דיר בילבולים און פאָדערן פאַר דיר די גרעסטע שטראָף.

איז כאָטש די נעכט זיינען פיל גרעסער, נאָר ווער קאָן עס שלאָפן רויק דאָ, אויף דער ערד, אַז דאָרטן אין הימל האַלט מען אין איין בלעטערן די צעטלען, און מאַלאָכים האַלטן אין איין אַרומיאָגן, און דער קאַטייגער מיטן סאַנייגער האַלטן אין איין שפּאַרן זיך. אַט־אַט קומט דער

יאָם־האַדין, מע וועט אונטערוקן דעם אייבערשטן די צעטלען, און ער וועט אָנהייבן לייגן זײַן שטעמפּל. יאָמקיפּער איז שוין שפּעט, יאָמקיפּער וועסטו שוין גאָרניט פּויעלן, כאָטש שרײַ כײַ־וועקײַעם, זאָל זײַן טאַקע גאָט, נאָר מע קאָן דען אין איין טאָג פאַנאַנדערקלײַבן אַזויפיל קוויט־לעך? וואָס מע רוקט אים אונטער — שטעמפּלט ער. דאַרף מען אַרײַנכאַפּן די אסערעס־יאָמיי־טשוווע, עפּשער וועט פאַרט זיך אײַנגעבן עפּעס אויסבעטן.

גייט אַלטער שאַמעס פון שטוב צו שטוב, קלאַפּט אָן אין פענצטער און גיט אַ זאָג מיט זײַן שטילער, זינגענדיקער שטים:

— שטייט אויף צו סליכעס.

שווימען איבערן באַנאַכטיקן הימל אָנגעבאַרויגזטע וואָלקנס, און עס שפּאַנען איבער די פינצטערע געסלעך ניט קיין אויסגעשלאָפענע יידן, און ס׳דוכט זיך, אַז די גאַנצע וועלט האַלט באַם צאַנקען, באַם אויסגייען... און ס׳איז נאָך אַ פראַגע, צי וועט גאָט וועלן אַפּסנײַ זי באַשאַפן.

אין בעסמעדרעש ברענען עטלעכע קליינע ליכט. און עס שוועבן אַרום בייזע, טונקעלע שאָטנס. ס׳דוכט זיך, אַז פון יעדן ווינקעלע קוקט אַרויס עפּעס אַ ניט־גוטער. וואָר? טאַקע אָט דער דאָזיקער סאַטן־מעקאַטרעג, וואָס האַלט אין איין דערוויײַזן, אַז דו ביסט אַזוינער און אַזוינער, ביסט פון קאָפּ ביז די פיס אײַנגעטונקען אין קאָלערליי כאַטאָים און אַווײרעס. און יידן שטייען אַזעלכע דערשלאָגענע, אַזעלכע דערנידעריקטע, אַזעלכע איבערגעשראָקענע. מע שלאָגט זיך מיט די פויסטן אין דער ברוסט, מע שלאָגט זיך מיטן קאָפּ אין דער וואַנט, מע שרײַט אַף אַ קאָל. מע סטאַרעט זיך דורכרײַסן מיט די קוילעס אַלע זיבן הימלען. צו באַגינען איז מען שוין היפּש הייזעריק. איז די איינציקע האָפענונג אַפן באַל־טויקייע. ער זאָל עס אַ בלאָז טאָן מיטן שויפער, דערלאַנגען עטלעכע גוטע טקיָעס און טריָעס און פאַרקלאַפּן דעם סאַטן־מעקאַטרעג, ניט לאָזן אים אָנריידן אַף די יידן קיין איבעריקע כאַטאָים, זיי האָבן גענוג אָן דעם.

איך בין געווען נאָך גאָר אַ שנעקל, ווען דער טאַטע האָט מיך אָנגעהויבן שלעפּן מיט זיך צו די סליכעס. ווען האָב איך עס באַוויזן אַזויפיל אָנזינדיקן, פאַרוואָס האָב איך געדאַרפט שלעפּן זיך אַ ניט אויסגעשלאָפענער אין שול אַרײַן?..

די דאָזיקע געדאַנקען זײַנען צו מיר געקומען נאָך יענעם ראָשעשאָנע, ווען איך בין צום ערשטן מאָל צו סליכעס ניט געגאַנגען. באַ אונדז אין שטוב קאָן מען יעדן טאָג, יעדע מינוט וואַרטן אַף אַן אופרײַס. דער טאַטע, דער פעטער כאַים וועלן אַזוי גרינג מיך ניט אָפּגעבן דער נײַער וועלט.

פאַרן פעטער כאַים האָב איך אַ ביסל זיך געשראָקן. פאַרן טאַטן ניט. דער טאַטע האָט אָנגעוווירן די שליטע איבער אונדז, די קינדער זײַנע. מיר האָבן שוין אַליין פאַרדינט אַפן שטיקל ברויט פאַר זיך, אַף די פּאָר פּאַסטעלעס פון רויען לעדער און אַפן גראָבן זאַק פאַר אַ פּאָר הויזן אָדער אַ קליידל. דער טאַטע, ווי מיר דוכט, האָט זיך געפילט פאַרלוירן נאָך מער פון מיר.

אַ סאַך זאַכן הייבט מען אָן באַגרײַפן אין אַ צײַט אַרום נאָך דעם, ווי זיי געשעען. ערשט איצט קאָן איך זיך פאָרשטעלן, ווי דער טאַטע האָט איבערגעוויײַטעקט, וואָס אונדזער פאַמיליע האָט אָנגעהויבן זיך פאַנאַנדערפאַלן אַף באַזונדערע וועלטן. יעדערע מיט אירע נויטן. כײַקע האָט געהאַלטן באַ כאַסענע האָבן, און ס׳איז ניט געווען קיין נאַדן. ליזע און סאַרע זײַנען געווען קעגן די קליינבירגערלעכע כאַסענעס און קעגן נאַדן. איך האָב אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די געסלעך, אַלץ געזוכט און געזוכט, גלײַך איך האָב עפּעס פאַרלוירן. און דער טאַטע? ער האָט גאָרנישט ניט געקאָנט אופטאָן פאַר אונדז. ניט באַזאָרגן די עלטערע שוועסטער מיט נאַדן, ניט דערווידערן עפּעס די מיטלסטע, ניט ענטפערן אַף מײַנע קאַשעס. ער אַליין איז אַרומגעגאַנגען ווי אַפן אוילעם־האַטויע. אַמאָל זיך אַ יאָווע געטאָן אַפן קאָלווירטישן הויף, אַמאָל אַרויס אין פעלד, אַרומגעשפּאַנט איבער דער סטערניע, איבער די צעוואַקסענע בורעקעס מיט דער קוטשע־ראַווע היטשקע. ער האָט געוואָלט דערקלײַבן זיך צום טאָך פון דער ערדאַרבעט און פאַרשטיין, וואָס קאָן עס געבן אַף דער כיונע. מערסטנטייל האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבערן מאַרק מיט עטלעכע פּאָר פּאַדעשוועס פון רויען לעדער און ניט געקאָנט געפינען קיין קוינים אַף זיי. יעדן אָוונט האָט ער אונטערגעריבן די קאַנטן פון די פּאַדעשוועס, זיי זאָלן אויסזען אַ ביסל גרעבער, נאָר ס׳האָט ניט געהאָלפן. זיי האָבן געדאַרט, געטריקנט און געקאָרטשעט זיך, פּונקט ווי פּאַריקן זומער מײַן טוטין. איך האָב זיך אָפּגעזעגנט מיט די כאַלוימעס צו שאַרן גאָלד מיט לאָפּעטעס פאַר איין כוידעש; דער טאַטע האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט זיי פיל לענגער.

יענע עטלעכע טעג צווישן ראָשעשאָנע און יאָמקיפּער איז אין קאָלווירט געווען זייער אַ סאַך אַרבעט, מע האָט אַראָפּגענומען און צונויפגעפירט אַפן הויף די פּאַפּשוי און די קאַרלעך, מע האָט זיי דאָ געשיילט און געדראָשן. פאַר די קלענערע כעווריע איז די בעסטע אַרבעט געווען פאָרן אין פעלד אַרײַן נאָך דער פּאַפּשוי און די קאַרלעך. ס׳האָט זיי געצויגן צו זיך דער וועג דורכן וואַלד. עפּשער ניט אַזוי דער וועג, ווי דער הויכער און אַלטער באַרנבוים באַם וואַלד־

ראנד, און אָפּגעשיטער מיט קאַלנידרע־בארלעך. געראָפן האָט מען אזוי די דאַזיקע בארלעך, ווײַל א גאנצן זומער זײַנען זיי געווען הארט, ווי שטיין, און טערפּקע, אז מע האָט זיי אין מויל אַרײַן ניט געקאָנט נעמען, און ערשט צו הארבסט־צו, צו יאָמקיפּער פלעגן זיי ווערן א ביסל ווייכער, באקומען א ברוינעם קאָליר און א שטיקל טאַם אויך. די בעסטע מײַלע זייערע איז באשטאנען אין דעם, וואָס ווי נאָר זיי פלעגן ווערן צײַטיק, האָבן זיי אליין אַנגעהויבן אָפּפאַלן און מע האָט אפילו אַפן בוים ניט געדאַרפט קריכן נאָך זיי.

מיר האָבן זיך געסטאַרעט קומען וואָס פריִער, פארכאַפּן א פּאָר פערד און אוועק אין וואַלד. כאָטש איך פלעג קומען אַפן טויק איינער פון די ערשטע, בין איך אַלעמען אָפּגעטראָטן דעם וועג. איך בין מוכל געווען די כעווּרע דעם פארגעניגן קלײַבן די בארלעך. סײַווי וועלן זיי אָנעמען פולע קעשענעס און פולע טאָרבעלעך, און ס׳וועט סטײַען פאר אונדז אַלעמען. איך האָב דעמלט געארבעט עפּעס מיט א באַזונדער פלײַס, מיט א שטומער אקשאָנעס. די כעווּרע האָבן אויסגעטײַטשט מײַן נאָכגיביקײַט אף זייער אויפן. זיי האָבן געמיינט, אז ס׳איז איבער די פערד.

ווען מע האָט געשאַפן דעם קאָלווירט, האָט יעדער נײַער קאָלווירטניק געדאַרפט ארײַנ־ברענגען אין נאַדן א פערד. אייניקע האָבן געהאַט פערד, אנדערע האָבן געקויפט. און כאָטש די פערד זײַנען געשטאַנען אין איין קאָלווירטישער שטאַל, האָט יעדערער זיך נאָך געפילט מײַסע־באַלעבאָס. מע האָט אפילו געראָפן די פערד מיטן נאָמען פונעם געוועזענעם באַלעבאָס. מײַן טאטע האָט קיין פערד ניט געהאַט, און פאר וואָס צו קויפן אוואדע ניט. נו, פארשטייט זיך, אז די כעווּרע, וואָס זייערע עלטערן האָבן געבראַכט פערד אין קאָלווירט, האָבן דערמיט דער־קלערט מײַן נאָכגיביקײַט.

בין איך א גאנצע וואָך געווען נאָכגיביק. נאָר ערעוו יאָמקיפּער האָב איך זיך אײַנגעשפּארט. הײַנט מוז איך פאָרן אין וואַלד ארײַן. אַלע זײַנען פאר דער וואָך געפאָרן שוין צו צוויי מאָל, און איך קיין איין מאָל ניט. דער כעזשבן איז בא מיר געווען אזא. מיר וועלן זיך פארהאַלטן וואָס מער באַם אָנלייגן די ארבע, דערנאָך א ביסל לענגער אונטערן בארנבוים, דערנאָך וועט זיך עפּעס טרעפן, עס מוז זיך אומבאַדינגט עפּעס טרעפן, אָדער ס׳וועט זיך איבערײַסן א פאַסטראָ־מעק, אָדער ס׳וועט פּלאַצן אַן אקס, כ׳בין גרייט געווען אפילו נאָכאמאָל זיך איבערקערן מיט דער ארבע, ווי ס׳האָט שוין איינמאָל פּאַסירט הײַנטיקן זומער, ווען איך האָב זיך אראָפּגעלאָזט פונעם קרומען בערגל, איך בין גרייט געווען אפילו נאָכאמאָל כאַפּן א גוטן קלאַפּ אין די זײַטן, אבי ס׳זאָל זיך פארציִען ביז שפּעט אין דער נאַכט, איך זאָל פארשפּעטיקן צום פארפאַסטן, ניט זען זיך מיטן טאַטן און אויסמײַדן גיין צו קאָלנידרע און די אומפארמײַדלעכע קריג מיטן טאַטן.

פאר די כעווּרע איז מײַן אקשאָנעס געווען אומדערוואַרט.

— ווילסט זיך נאָכאמאָל איבערקערן?

— ניט אײַער אייסעק, — האָב איך אָפּגעענטפערט און דערפילט, ווי מײַן פּאָנעם האָט אָנגעהויבן פלאַמען, ווײַל זיי האָבן געטראָפן: יאָ, איך וויל זיך טאַקע איבערקערן.

דער טויק איז געווען אויסערן שטעטל, אַפן הויף בא איינעם א יידן יִיסראָעל־כאַיִם. א הויף א גאנץ היפּשער, ס׳איז געווען ווו שטעלן א דרעשמאַשין, ווייעלקעס, געווען ווו צו האַלטן פערד. געהאַט האָט יִיסראָעל־כאַיִם א בעניאָכיד יאָשע. ווי געוויינלעך, קינדער, וואָס מע הערט ניט אויף צו ציטערן איבער זיי, איז ער געווען געוווינט אויסצופירן אַלץ, וואָס ער וויל. ווען אַלע כעווּרע זײַנען שוין מאסקים געווען, איך זאָל פאָרן, האָט ער באשטימט אָפּצולאָכעס אַלעמען אָפּטאָן א שפּיצל. אז איך האָב שוין געהאַט אײַנגעשפּאַנט די ארבע, שוין א נעם געטאָן די בײַטש, איז ער צוגעלאָפן צום פערדל, וואָס איז געווען געשפּאַנט לינקס. דאָס פערדל, ווי אַלע פערד, האָט מען געראָפן מיטן נאָמען פונעם באַלעבאָס, פון יאָשעס טאַטן. מע האָט בלויז געענ־דערט דעם ערשטן אָס, קעדיי מעכאַלעל זײַן א יידישן נאָמען. אָנשטאָט סראָליק — דראָליק. איז דער יאָשע צו צו זײַן פערדל און דעם ארײַנגעזאָגט א סאָד אין אויער:

— דראָליקל, זאָלסט ניט גיין.

ער איז געווען זיכער, אז אפילו דאָס פערדל מוז אים פאָלגן. מיך האָט דאָס ניט געקימערט. אדעראבע, לאָמיר נאָר ארויספאָרן פונעם הויף, לאָמיר נאָר קומען אין וואַלד ארײַן, אָנלייגן די ארבע, מעג דערנאָך דאָס פערד אפילו זיך. ניט רירן פון אָרט. איך וועל איבערנעכטיקן אין וואַלד, איך וועל אָפּפירן א גאנצע נאַכט אף דער ארבע אָדער אונטער א בוים, און מעג זײַן א שטורעם, א שלאַקסרעגן, עס מעג דונערן און בליצן, איך בין אף אַלץ גרייט, אבי ניט זײַן הײַנטיקן אָוונט אין דער היים.

אַפּאָנעם, אז איך בין נאָך גאָר ניט געווען אזוי פעסט אין מײַנע נײַע דראָכים און מוירע געהאַט, טאָמער וועל איך ניט אויסהאַלטן. האָב איך דעריבער ניט אופגעהערט בעטן גאָט, טאַקע דעם זעלבן גאָט, וואָס איך האָב שוין אָפּגעוואָרפן, ער זאָל אופטאָן עפּעס אזוינס...

נאָר ס'האָט גאָרנישט ניט געהאָלפֿן. ניט יאַשעס קישעף, ניט מײַנע געבעטן. אַלץ איז געגאַנגען גוט. אַפֿילע צו גוט. בארג־ארוף איז מיט מיר גאָרנישט ניט געשען. איך האָב פֿאַמעלעך, אַפֿילע צו פֿאַמעלעך, אָנגעלייגט די אַרבע, לאַנגזאַם זי איבערגעבונדן, כ'האָב געפּרוווט אײַנריידן זיך אַליין, אַז איך האָב עס שלעכט געמאַכט, צוריק פֿאַנאַנדערגעבונדן און איבערגעבונדן אָפּסנײַ. נאָר פֿאַר צוויי שאָ איז אַלץ פֿאַרטיק געוואָרן. אַריבער אַ שאָ בין איך אָפּגעזעסן אונטערן אַלטן בארנבוים. דאָס טאַרבעלע איז שוין געווען פֿול מיט קאַלנידרע־בארלעך, די קערשענעס אויך. וואָס טאָן ווײַטער, האָב איך פּאַשעט ניט געוווּסט. אָפֿן הארצן איז געווען האַלב יאָמקיפּערדיק און האַלב טישעבאָוועדיק. איך אַליין האָב כאַרעוו געמאַכט מײַן בייס־האַמיקדעש, איך אַליין האָב פֿאַרטריבן מײַן גאָט, און איצט, עטלעכע שאָ פֿאַרן יאָם־האַדין, האָבן אין מיר געקלאָגט אַלע טרויעריקע ניגונים — דער טישעבאָוועדיקער „אַני האַגעווער“ און דער יאָמקיפּערדיקער „הינעני האָאָני“. ס'איז מיר געווען טאַקע עמעסדיק ביטערלעך, איך בין געווען פֿול מיט ווייטעק, פֿול מיט פּײַן. נאָר איך מוז, איך מוז זיך אָנעמען מיט קויעך. איך מוז אויסהאַלטן דעם סאַמע שווערסטן טאָג אין מײַן לעבן!

דער אַלטער בארנבוים, וואָס האָט שוין איבערגעלעבט ווער ווייסט וויפֿל קאַלנידרעס, איז געשטאַנען אַ גלײַכגילטיק־פֿאַרטראַכטער. די אונטערשטע צווײַגן זײַנען געהאַנגען ווי פֿאַרגליווערט. נאָר העט־אויבן, ווו דאָס ווינטל האָט זיך געפֿילט אַ ביסל פֿרײַער, האָבן קליינינקע בלעטעלעך, שוין היפּש צוגעכאַפּט מיט אָסיענדיקער געלקײַט, ניט אויפֿגעהערט פֿלאַטערן. די בלעטעלעך איז אויך געווען ביטער. זיי וויסן שוין: וויבאַלד זיי ווערן באַדעקט מיט גאָלד, איז דאָס אַ שלעכטער סימען. קיינער וואַרפֿט ניט אַרויס קיין גאָלד גלאַט אַזוי, מיט אַ גוטן מיין. איך בין געווען שטאַרק באַרויגעז אָף דעם בארנבוים פֿאַר זײַן רויִקײַט, פֿאַר זײַן גלײַכגילטיקײַט, פֿאַר זײַן אײַנגעגלייבטקײַט אין זײַן אייגענער אומשטערבלעכקײַט: זאָלן, הייסט עס, אָפּפֿאַלן די אַלטע בלעטעלעך, ס'וועלן אָנוואַקסן נײַע. אַוודע קאָן ער מיך ניט פֿאַרשטיין, מײַן איצטיקן „אַני האַגעווער“.

בארג־אַראָפּ האָט אויך גאָרנישט ניט געטראָפֿן. די פֿערד האָבן געוווּסט אָף אויסוויינייק, ווו מע דאַרף אָנציִען די נאַשילניקעס און פֿאַרהאַלטן די אַרבע אָף זיך, געוווּסט, ווו אַ יאָג טאָן און אַ קערעווע טאָן אַזוי, אַז די אַרבע זאָל אין איין אויגנבליק זיך אַ וויג טאָן אָף אַלע פֿיר רעדער, אַ הענג טאָן אינדערלופֿטן און אוועקלאָזן זיך מיטן אײַנגעפֿאַרענעם און גלאַנצנדיקן וועג. זיי האָבן געוווּסט אַפֿילע, ווו מע דאַרף זיך אָפּשטעלן און כאַפּן אַ זײַטיקן קוק, ווי איינער רעדט: „באַלעבאָס, האָסט ניט פֿאַרגעסן, אַז מע דאַרף אונטערלייגן די האַלמע אונטער דער פֿאָדערשטער ראָד?“ און דערנאָך, ווען זיי זײַנען בעשאָלעם אַרוף אָפֿן גלײַכן וועג, ווידער זיך אָפּגעשטעלט. ס'הייסט: „שוין צײַט אַראָפּנעמען די האַלמע“. מיט איין וואָרט, קלוגע יידישע פֿערדלעך, ווען זיי זאָלן נאָר ניט זײַן דערצו אַזעלכע ביינערדיקע!

ווען איך בין געקומען אָפֿן טויק, האָט די זון ערשט אָנגעהויבן זיך קלײַבן בארג־אַראָפּ. פֿון די עלטערע לײַט איז אָפֿן טויק קיינער ניט געווען, כוץ ייִסראָעל־כאַימען. די כעוורע האָבן מיר געהאָלפֿן אויסלאָדן די אַרבע. דאָס האָט לאַנג ניט געדויערט, דאָך האָט ייִסראָעל־כאַים אַ קאָמאַנדעווע געטאָן צו אונדז:

— נו, פֿאַיעט אָן אַלע פֿערד, שיט זיי עפּעס אָן, און אַהיים! מע וועט שוין אײַגיכן פֿאַרפּאַסטן.

אָפֿן הויף איז געווען אַ קרענעצע. אָנפֿאַיען די פֿערד איז גאָרניט געווען אַזוי שווער. נאָר באַ מיר האָט זיך אַרויסגעכאַפּט:

— מירן בעסער צופֿאָרן צום בוג זיי אָנפֿאַיען.

פֿאַרוואָס האָט עס מיך אַ ציִ געטאָן צום בוג? ערשטנס, האָב איך געמיינט, וועט עס טאַקע דויערן אַ ביסל לענגער. צווייטנס, האָט מיך געצויגן צו יענעם אָרט, ווו איך בין געווען ראַשעשאָנע. איך האָב זיך געשראָקן פֿאַר יענעם אָרט, און ס'האָט מיך געצויגן אַהין. עפּעס אַ צולאָכעס־געפֿיל האָט געשפּילט אין מיר: ווײַל אַזוי, ווײַל עפּעס אַ שרעק הריזעט מיך, וויל איך נאָכאַמאָל זײַן דאָרט.

פֿונעם הויף צום בוג האָט מען געדאַרפֿט דורכרײַטן אַ טייל מיט דער קאָוואַליווקע און אַ טייל מיט דער לאַנגער סאַלקאָווער גאַס. ביז מיר האָבן זיך אַרויסגעקליבן, איז שוין געוואָרן פֿאַרנאַכטלעך. יידן זײַנען געגאַנגען פֿון דער שול אַהיים, נאָך דער פֿריִער און ניט געוויינלעכער מינכע. געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי אָפּגעשמיסענע. יעדערער האָט שוין באַוויזן אַרײַנכאַפּן פֿון אַלטער שאַמעס גאַנצע פּערציק שמיץ־מאַלקעס און באַצאָלט אים דערפֿאַר עטלעכע קאָפּעקעס. צי דען וועט דער אייבערשטער דאָס ניט פֿאַרעכענען? אָף אונדז, די רײַטער מיט די פֿאַרקאַטשעטע הויזן, וואָס האָבן מונטער און טאַקע אַ ביסל כוצפּעדיק געיאָגט צום טײַך, האָבן זיי געקוקט בייז. אייניקע האָבן ניט אויסגעהאַלטן:

—שקאַצים, א שאַ פאַר קאַלנידרע!
— א קאַלווירט צוגעטראַכט. א טאַכלעס פאַר יידישע קינדער.

נאָר וואָס איז היינט געשען מיטן טייַך? פאַרוואָס איז ער אַזוי אָנגעבלאָזן? פאַרוואָס איז ער אַזוי מוטנע, ווי עמעצער האָט אים צעקאַלויצעט ביזן סאַמע שפּענט? מיר זיינען אַרייַנגעריטן אין טייַך, זיך אויסגעשטעלט אין א ריי און גענומען אונטערפּייַפן, די פערד זאָלן בעסער טרינקען. אַזוי האָט אונדז געלערנט בעניע קאָוועל. די זון איז שוין אַריבער פון יענער זייַט טייַך און געבליבן הענגען איבער קאַזאַווטשינער באַרג. באַלד, באַלד וועט זי פאַרגיין. מיר האָבן געהאַלטן אין איין אונטערפּייַפן, נאָר געדוכט האָט זיך מיר, אַז איך שטיי שוין אין דער געדיכט־אָנגעפּאַקטער שול, עס ברענען אַפן באַלעמער די גרויסע געלע ליכט, דער אַלטער ראָוו האָט זיך איבערגעדעקט מיטן טאַלעס איבערן קאָפּ און רופט אויס:

— על דעת המקום ועל דעת הקהל בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה אנו מתירין להתפלל עם העבריינים.[1]

מיר פלעגט שטענדיק איבערגיין א גרויל איבערן לייַב פון די דאָזיקע שטרענגע, וואָרע־נענדיקע ווערטער. און דאָס הייזעריקלעכע קאָל פונעם ראָוו האָט זיך מיר אויסגעדוכט, ווי דאָס קאָל פון א לייב. איך פלעג זיך אייַנקוקן אין די פאַרזאָרגטע, פאַרצאַרנטע פּנעמער און געוואָלט געפינען צווישן זיי עפּעס איינעם פון די דאָזיקע „עוואַריאַנים", פון די, וואָס זיינען באַגאַנגען די גרעסטע כאַטאָים, פון די, וואָס זיינען קויפער־בעיִקער געוועזן, אָפּגעקערט זיך פון גאָט, און איצט האָט מען זיי געגעבן א מעגלעכקייַט אומקערן זיך, טשוווע טאָן. היינט אין אָוונט, בא קאַלנידרע, האָבן זיי די איינציקע מעגלעכקייַט ווערן צוריק מענטשן.

איך האָב דערפילט דעם זעלבן גרויל, ווי שטענדיק, נאָך עפּעס א גרעסערן. היינט בין איך דאָך אַליין פון די דאָזיקע „עוואַריאַנים", און דאָס שרייַט צו מיר דער אַלטער ראָוו, דאָס מיינט ער מיך. קער זיך אום, שרייַט ער צו מיר, און דיר וועט אַלץ פאַרגעבן ווערן. גיכער, גיכער, כאַימל, קריך אַראָפּ פונעם פערד און לויף אַוועק אהיים. פאַרפּאַסט אָפּגיך און לויף אַוועק אין שול אַרייַן. דו קאָנסט נאָך אַלץ פאַריכטן...

ניט אומזיסט האָב איך ניט געוואָלט זיך אומקערן אינעם ערעוו־יאָמקיפּערדיקן שטעטל, כ'האָב מוירע געהאַט פאַר די געסלעך, אייַנגעהילטע אינעם קאָלנידרעדיקן ציטער, פאַר די קלאַגנדיקע קלאַנגען, וואָס שוועבן אַרום אינדערלופטן. אָט, איידער עפּעס איז, הער איך שוין דעם „אל דאָאַס האַמאָקוים"...

— כעוורע, ווייסט איר וואָס, נאָך דער וועטשערע, נאָכן פאַרפאַסטן, קומען מיר זיך ווידער צונויף אַפן טויק, לאָדן אָן די פורלעך מיט קערלעך און פירן אַוועק צו דער סטאַנציע. הא, כעוורע? זיי אין שול, און מיר צו דער סטאַנציע. די קוויטאַנציעס האָב איך צוגעגרייט נאָך באַטאָג. הא?

צי האָב איך טאַקע געהערט אַזוינס, צי ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן? איך גיב א ציטער און הייב אָן אַרומקוקן זיך. יאָ, מיר זיינען דאָך ניט אין שול, נאָר באַם טייַך. די פערד שטייען ביז די קני אין וואַסער, אַראָפּגעבויגן די העלדזער, און זופן. זיי זופן, און מיר פּייַפן זיי אונטער, און לעבן מיר זיצט אַף זייַן פערד יִיסראָעל אַקערמאַן, און דאָס האָט ער געזאָגט וועגן צונויפקומען זיך אַפן טויק. אוואַדע אים איז גרינגער. ער האָט ניט מיט וואָס צו געזעגענען זיך, ער האָט ניט וואָס צו צעברעכן, און געוויס גרימט אים ניט אַזוי אינווייניק. זייַן טאַטע אַליין איז שוין א שטיקל אַפּיקוירעס, האַלט, אַז די מייַסעס פון כומעש זיינען אויסגעטראַכט, און ווייסט שוין פון עפּעס א פּערפּעטוום מאָבילע.

— מיר פאָרן! — שרייַט אויס מיט זייַן קלינגענדיקער שטים מוישע לאָנעס. נו, דעם מוישען איז נאָך גרינגער. ווייַל אויב בער אַקערמאַן איז א האַלבער אַפּיקוירעס, איז מוישעס טאַטע, כאַים לאָנעס, א גאַנצער. ער וועט טאַקע פאַרפאַסטן און אַוועק אין שול גלייַך מיט אַלע, נאָר נאָך קאָלנידרע וועט ער קומען אהיים און עפּעס איבערקייַען. אַזוי טוט ער אויך פּייסעך. ער באַהאַלט ערגעץ אין שטאַל א פּאָר לעבעלעך ברויט, און נאָכן סיידער כאַפּט ער זיך אַרייַן צו די אָקסן און קייַט מיט זיי אינייִנעם דאָס שטיק כאָמעץ.

— איך פאָר אויך! — האָב איך אויסגעשריגן, ווי געפּרווּוט איבערשרייַען מוישען.
— דו אויך? — האָט יִיסראָעל א קוק געטאָן אַף מיר מיט כויזעק.
וואָס זאָל איך טאָן מיט אָט די כעוורע, מיט מייַנע שוועסטער און מיט מיר אַליין? אַלע

[1] אל דאָאס האמאָקוים וועאל דאָאס האקאָהאל בעישיוואַ שעל מײַלאַ אובעישיוואַ שעל מאַטע אָנו מאַטירין לעהיספּאַלאל אים האָאוואַריאָנים — טראַדיציאָנעלע פאָרמול, וואָס ווערט געזאָגט פאַר קאָלנידרע — דערלויבעניש צו דאַווענען צוזאַמען מיט די זינדיקע.

מאָל, ווען איך זאָג עפּעס אזוינס, וואָס גיט זיך בא מיר א ריס ארויס פון די סאמע טיפענישן, באקוקן זיי מיך, גלײַך איך האָב געזאָגט עפּעס א נארישקײַט.

— יאָ, יאָ, איך אויך! — האָב איך אָפּגעענטפערט א ביסל ארויסרופעריש.

ווען מיר זײַנען געפאָרן צוריק, איז שוין דאָס גאנצע שטעטל געווען אײַנגעהילט אין יאָמקיפּערדיקער פאַרכטיקײַט. די שמאָלע געסלעך ריין אונטערגעקערט און פּוסט. מע האָט ניט געזען אף זיי קיין לעבעדיקן נפעש. דאָס שטעטל האָט ווי פארטײַעט זיך, פארהאַלטן דעם אָטעם, מוירע געהאט א דעכע טאָן. די זון איז שוין געהאט פארגאנגען, נאָר קיין שטערן האָט מען נאָך ניט געזען. דער גאנצער הימל — איין אומענדלעכע פּוסטקײַט. שרײַט אין אים ארײַן, וויפל איר ווילט, זינגט אין אים ארײַן אלע אײַערע קאָלנידרעס, מיט אלע אײַערע יײַלעס. ניטאָ, ניטאָ, ווער ס׳זאָל זיי דאָרטן אופנעמען!

צוגעבונדן דאָס פערד לעבן דער פולער קאָרעטע, בין איך אוועק אהיים מיט א שווער הארץ. אפאָנעם, כ׳וועל טאקע הײַנט ניט אויסמײַדן קיין קריגערײַ. אלע ייִדן זײַנען הײַנט געגאנגען איינער צום אנדערן זיך איבערבעטן, שאָלעם מאכן, א סאָף מאכן צו אלע רויגעזן, צו אלע קריגערײַען, ווײַל עס שטייט דאָך געשריבן, אז אויב איינער דעם אנדערן וועט ניט מויכל זײַן, וועט אויך גאָט ניט מויכל זײַן, און איך... איך דארף באַלד אָנהייבן א נײַע און גרויסע קריג.

— ווו ביסטו געווען ביז איצט? — איז דער טאטע אָנגעפאַלן אף מיר. — ווייסט ניט, אז ס׳איז שוין לאנג צײַט געווען פארפאסטן?

— איך וועל ניט פאסטן, — האָב איך אָפּגעענטפערט שטיל, נאָר אקשאָנעסדיק, און מיר דוכט, אז כ׳האָב צונויפגעפרעסט די פויסטן.

דער טאטע האָט זיך געמאכט, אז ער האָט ניט געהערט, וואָס איך האָב געזאָגט. כ׳האָב נאָר באמערקט, ווי זײַן באָרד, זײַן קורץ אונטערגעשוירן בערדל האָט א ציטער געטאָן.

אפן טיש איז געשטאנען די ערעוו־יאָמקיפּערדיקע יויך, און איך האָב ניט געקאָנט פארשטיין, צי מע האָט שוין געגעסן און ניט דערעסן, צי מע האָט אָנגעגאָסן אין די טעלער און געוואַרט אף מיר. זינט די מאמע איז געשטאָרבן, איז יעדער יאָמטעוודיקע סודע געווען פאר אונדז אן אָפּקומעניש, עפּעס ענלעך אף א יאָרצײַט. יעדערער פון אונדז האָט אפסנײַ איבערגעלעבט דעם פארלוסט, וואָס מע קאָן מיט גאָרנישט ניט פארפולן. אינדערוואָכן האָט זיך עס אזוי ניט געפילט. דער טאטע האָט, אפאָנעם, ערשט אָפּגעגעסן, און די שוועסטער האָבן זיך ערשט געקליבן עסן, סײַווי וועלן זיי ניט פאסטן. זײַנען זיי אלע פיר געזעסן באם טיש. דער טאטע האָט געקוקט אף מיר בייז. כײַקע און סאָרע — א ביסל מיט שרעק און א ביסל מיט מוירע. און ליזע, וואָס האָט שוין קלאָר זיך פאָרגעשטעלט, וואָס עס קאָן באַלד פּאָרקומען, האָט א קוק געטאָן אפן טאטן און דערנאָך אף מיר. דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן האָב איך געזען, אז אויגן זאָלן אזוי קאָנען ריידן און זאָלן אין איין רעגע אזוי קאָנען בײַטן זייער אויסדרוק, זייער גלאנץ און אפילע זייער פארב און זייער גרייס.

צי וועל איך פאסטן, צי ניט, איז, אפאָנעם, דעם טאטן ניט אָנגעגאנגען. ריכטיקער, געווען ניט אזוי וויכטיק. דערפאר, מיסטאמע, וואָס דערפון וועט קיינער ניט וויסן.

— נו, איז כאַפּ עפּעס אפגיך איבער. שוין צײַט גיין אין שול ארײַן.

— איך וועל אין שול ניט גיין, — האָב איך אָפּגעענטפערט מיט אקשאָנעס.

— וואָס הייסט ניט גיין? פארוואָס?

הייבט זיך אָן א מײַסע. פאר ווען און פאר וואָס. גיי דערצייל אים פון מײַן שווערן זומער, פון מײַנע ווייטעקדיקע זוכענישן, פון קאָפּערניקן, און פון דזשאָרדאנאָ ברונאָ, פון גאַליליייען און שפּינאָזען.

— מיר דארפן אָפּפירן די קערלעך צו דער סטאנציע, מיר האָבן זיך צונויפגערעדט...

— צו קאָלנידרע פירן קערלעך?!..

עפּעס איז געווען אזוינס אין דעם טאטנס ברומענדיקער שטים, אין זײַן צאָרנדיקן בליק, אז אפילע ליזע האָט זיך דערשראָקן. זי האָט זיך א הייב געטאָן פונעם טיש און זיך א שטעל געטאָן צווישן מיר און דעם טאטן. נעענטער צו מיר. טאקע גאָר נאָענט. איך האָב געפילט, ווי איר עלנבויגן האָט זיך צוגערירט צו מײַנעם. און איך האָב געפילט, ווי ער ציטערט גלײַך מיט מײַנעם. און דאָס ערשטע מאָל פאר דער גאנצער צײַט, פארן לאנגן און שווערן זומער האָב איך זיך דערפילט שטארקער, דערפילט, אז איך בין ניט אזוי איינזאם.

— טאטע, נו, טאטע...

געווען בא ליזען א דינע און ווייכע שטים. און אז זי האָט געוואָלט, האָט זי געקאָנט מאכן איר שטים נאָך ווייכער:

— טאטע, נו, טאטע, סײַווי...

וואָס „סייַווי“? ס׳הייסט, אז סייַווי איז עס א פארפאלענע זאך, סייַווי האָב איך שוין פאר־לוירן מייַן גאָט, און ס׳איז אלציינס, צי וועל איך יאָ פאסטן, צי ניט פאסטן, יאָ גיין אין שול אריינַ אָדער ניט גיין אין שול אריינַ, יאָ פירן די קערלעך אָדער ניט פירן?.. דער טאטע האָט א קוק געטאָן אף ליזען, דערנאָך אף מיר, און, ווי שטענדיק, ווען ער איז געווען אויסער־זיך, קיין ווערטער ניט געקאָנט געפינען, א שפייַ געטאָן און האסטיק אויסגעקערעוועט דאָס פּאָנעם אין א זייַט.

— טפו, אף מייַנע סאָנימס קעפּ!

נאָר מיך האָבן שוין ניט גענומען ניט קיין ווערטער, ניט קיין קלאָלעס. איך האָב פאר גאָרנישט ניט מוירע געהאט. זאָל מען מיך שילטן, זאָל מען מיך אריינַוווארפן אין כיירעם, זאָל מען מיך ברענען אפן שייַטער. איך בין גאלילייַ, איך בין דזשאָרדאנאָ ברונאָ, איך בין שפּי־נאָזע, און איך וועל אלץ אויסהאלטן.

דער טאטע האָט נאָך אלץ ניט געקאָנט קומען צו־זיך. ער איז געשטאנען, ווי א געפּלעפּ־טער, עפּעס א פארלוירענער, און געטאפּט מיט די פינגער אינדערלופטן, ווי געוואָלט פאר עפּעס אָנעמען זיך. ער, דער טאטע, ווען כ׳האָב געהאלטן פאר א מענטש א שטיין, בא וועמען ס׳איז שווער ארויסצוקריגן א טרער. ס׳האָט מיך פארקלעמט באם הארצן, און איך בין גרייט געווען זיך א וואָרף טאָן אים אפן האלדז און זיך צערעווען אף א קאָל. אוי, כ׳האָב גע־ווּסט, אז איך טאָר הייַנט פארנאכט ניט קומען אהיים, כ׳טאָר ניט באגעגענען זיך מיטן טאטן. נאָר — איך מוז, איך מוז אלץ אויסהאלטן!

דער טאטע האָט לאנג געטראכט, וואָס ער זאָל מיר זאָגן, מיט וואָס קאָן ער מיך נעמען. ער האָט שוין פון לאנג געוווּסט, אז אף זיך האָט ער ניט וואָס צו שטעלן, אז ער האָט שוין אָנגעווּוירן די שליטע איבער אונדז.

— גוואלד וועל איך שרייַען, וואָס וועט זאָגן דער פעטער כאיִם!

יאָ, וואָס וועט זאָגן דער פעטער כאיִם... נאָר דאָס האָט דער טאטע געפרעגט זיך אליין מער, ווי מיך. וואָס וועט זאָגן דער פעטער כאיִם, און וואָס וועט ער אליין, דער טאטע, זאָגן אים און אלע איבעריקע, ווען זיי וועלן אים פרעגן אף מיר...

— —

ליבער טאטע מייַנער... שוין צוואנציק יאָר, אז דו ביסט אף דער וועלט ניטאָ. נאָך דיר האָב איך קיין קאדעש ניט געזאָגט. איך בין שוין געווען ווייַט, זייער ווייַט פון דעם. די ידיִעה וועגן דייַן טויט האָט מיך געטראָפן אין איינעם א הארבסטיקן טאָג פון פיר־און־פערציקסטן. מיר האָבן דאַן מיט אונדזערע הארמאטן געקלעטערט איבער די הויכע און וואלדיקע קארפאטן. דער בארג־ארוף איז געווען א קרומער, א שמאָלער און א ליימיקער. און די בלאָטע האָט דאָ ניט באוויזן אויסטריקענען נאָך פון פאראיאָרן. דער גאנצער ארום איז געווען געדיכט אָנגעקלאפּט מיט א טונקעלן און פייַכטן נעפּל. און ס׳איז עפּשער בעסער געווען, וואָס מע האָט גאָרנישט ניט געזען אף צוויי־דרייַ שפּאַן, האָבן מיר ניט באמערקט און ניט געפילט, ווי דער שטיינערנער אָפּגרונט הענגט דערנעבן, האָבן מיר געקלעטערט בארג־ארוף און מיט פיל שוויס אייַנגענומען יעדן שפּאַן, איניינעם מיט די פערד געקנאָטן די געדיכטע און קלעפּיקע ליים און קוים ארויסגע־שלעפּט די פיס. און מע האָט נאָך דערצו געדארפט אונטערשטופּן די וועגענער, די הארמאטן, אונטערשטופּן די פערד און אונטערהאלטן איינער דעם אנדערן. און פון די ביימער האָט געהאלטן אין איין טריפן און טריפן, ווי אין יענעם טרויעריקן הארבסטיקן טאָג, ווען די מאמע איז גע־שטאָרבן. נאָר די געדאנקען זייַנען געווען בא מיר שוין גאָר אנדערע. איך האָב שוין געווּסט, ווער עס פירט אָן מיטן סיידער־האָוילעם, ווער איז שולדיק אין דעם, וואָס די מאמע איז גע־שטאָרבן, און פארוואָס האָסטו געמוזט פארלאָזן די היים און אוועק פון יענער זייַט וואָלגע. דאָס האָבן מיר זיך אופגעהויבן אף די הויכע קארפאטן ענדערן דעם סיידער־האָוילעם אויך דאָ, מאכן א סאָף צו דער היטלערישער „נייַער אָרדענונג“.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אף איבערכאפּן דעם אָטעם, ווען דער בריוונטרעגער, וואָס איז צוגעריטן אף זייַן קליין פערדל, האָט מיר דערלאנגט דעם בריוו. איך האָב אָנגעהויבן לייענען, און אלץ ארום מיר איז פארשוווּנדן. ניין, ניט אזוי. ארום מיר איז ווי פריִער געווען א געדיכטער נעפּל, מע האָט גאָרנישט ניט געזען ארום זיך, נאָר דיך האָב איך מיטאמאָל דערזען אזוי קלאָר, גלייַך דו שטייסט מיר פאר די אויגן, דערזען אין פארשיידענע יאָרן און אין פארשיידענע אומ־שטענדן. כ׳האָב איבערגעקליבן אין זיקאָרן אלץ: ווען איך בין געווען א גוטער זון און ווען איך האָב אויִוער געווען אף קיבעד־אָוו. און מיטאמאָל איז אופגעשווּמען יענער ערעוו־יאָמקיפּער. און איך האָב קלאָר דערזען: ווי דו שטייסט א געפּלעפּטער, א פארלוירענער, ווי דו זוכסט ווער־טער אף צו זאָגן מיר עפּעס און קאָנסט זיי ניט געפינען, און ווי עס ציטערט אונטער דייַן קורץ

אונטערגעשווירענע באָרד. האָב איך דען דעמלט געקאָנט פאַרשטעלן זיך, מיט וואָס פאַר א שווער געמיט און ביטער האַרץ דו ביסט אוועק צו קאָלנידרע? נאָר אפילע, איך זאָל עס דאַן געוווסט, וואָלט איך שוין אנדערש ניט געקאָנט טאָן.

האָבן מיר געקלעטערט באַרג־אַרויף, קוים אַרויסגעשלעפּט די פיס פון דער ליימיקער בלאָטע, אונטערגעשטופּט די וועגענער, די האַרמאַטן, די פערד און זיך אַליין, און איך האָב געבעטן בא דיר מעכילע. איך בעט מעכילע אויך איצט, ווען איך שרייַב די דאָזיקע שורעס. ניט דערפאַר, וואָס כ'האָב זיך אָפּגעזאָגט פון גאָט, נאָר דערפאַר, וואָס כ'האָב דיר אָנגעטאָן שמערצן. איך ווייס, דיר איז געוווען שווער, זייער שווער. נאָר וועמען איז די נייַע וועלט אָנגעקומען גרינג? גאָט האָט אונדז מיט גאָרנישט ניט געקאָנט העלפן, מיר האָבן זי געדאַרפט אַליין, די וועלט, מיט די אייגענע הענט אפסנייַ באשאפן.

וואָס זשע האָסטו דאַן געזאָגט דעם פעטער כאַיִמען? מיר האָבן א צייַט ניט גערעדט איינער מיטן אנדערן, און איך האָב ניט געקאָנט פרעגן בא דיר. דעם פעטער כאַיִם האָב איך אויך א צייַט ניט געזען. ער איז געוווען שטאַרק בארויגעז אָף מיר און אופגעהערט אַרייַנקומען צו אונדז. ער האָט מיך ניט געוואָלט זען. איך האָב אים אָפּגענאַרט. און געוויס אָנגעטאָן שמערצן ניט ווייניקער, ווי דיר. ער האָט זייער געוואָלט, אז מיט דער הילף פון זייַן פּופּציקער זאָל איך ווערן א מיליאָנער. נו, און אז ניט, וועל איך ווערן, האָט ער געמיינט, מינדסטנס א ראַוו. און פון מיר איז גאָר אַרויס א פערד־אָנטרייַבער, אַן ערד־אַקערער, א בורעקעס־גראָבער, א דער־רועך־ווייסט־וואָס — אַן אפּיקוירעס. וועגן וואָס זשע קאָן ער מיט מיר ריידן, וועגן וואָס פּירן וויקוכים, אז איך בין א קויפּער־בעיִקער?

איך האָב גראָד געוואָלט זיך זען מיט אים און יעדן טאָג זיך געגרייט צום וויקועך. בא מיר איז אפילע געוווען א פאַרטיקע רעדע:

— טייַערער פעטער כאַיִם, איך ווייס, וואָס איר ווילט מיר זאָגן און וואָס איר ווילט מיר פּירוואַרפן. נאָר איך האָב צו אייַך גאָרנישט. איך האָב אייַך ליב, ווי פריִער, און וועל שטענדיק שעצן אייַער גוט האַרץ, וואָס ווייטעקט שטענדיק מיט פרעמדע ווייטעקן. איך ווייס שוין אָבער, אז מיט קיין נעדאָוועס קאָן מען קיין סאָף צו דער אָרעמקייַט ניט מאַכן. איך ווייס שוין וועגן רעוואָליוציע, וועגן קלאַסנקאַמף און סאָציאַליזם. איך ווייס שוין וועגן לענינען. איך ווייס אויך, אז גאָט אַליין קאָן גאָרנישט ניט אופטאָן. ניט קיין גוטס און ניט קיין שלעכטס. איך ווייס אפילע פאַרוואָס. דערפאַר, ווייַל ער איז פּאַשעט ניטאָ. און האָט קיין פּאַריבל ניט, טייַערער פעטער, איך ווייס שוין א סאַך מער פון אייַך. איך ווייס וועגן אַזוינס, וואָס איז ניטאָ ניט אין דער געמאָרע און ניט אין זויהאַר, און איך האָב ניט מוירע ניט פאַר קיין כיירעם און ניט פאַר קיין שייַטערס. גאַלילייען האָט מען געצוווּנגען אַוועקלייגן די הענט אָף דער עוואַנגעליע און זיך אָפּזאָגן פון זייַן עמעס. אָבער דאָס איז טאַקע אַן עמעס. די ערד דרייט זיך פאָרט.

— —

טאַסקען פול אָנגעלאָדענע זעק זייַנען מיר שוין געוווינט: פולע זעק מיט ווייץ, מיט גערשטן, מיט צוקער. דערפאַר האָבן די זעק מיט די קערלעך אונדז אויסגעזען גרינג ווי א פעדער. מיר האָבן אַפּגיך אָנגעלאָדן עטלעכע פורלעך. אייַנגעשפּאַנט די פערד און אַרויסגעפאָרן פונעם הויף. די באַנאַכטיקע פעלדער האָבן געשמעקט מיט די לעצטע רייכעס פון האַרבסטיקן צוויט, מיט א ביסעלע אומעט און א ביסעלע בענקעניש נאָך זומער און זון; דער באַנאַכטיקער וועג האָט אויס־געזען פאַרשמאָלט און פאַרקירצט, געטראָגן אָף זיך עפּעס א סאָד, וואָס ער האָט אונדז נאָך דער־ווייַל ניט געוואָלט אויסזאָגן; די לופט אַרום איז געוווען א פרישע, שיר ניט קיין פראָסטיקע, און נאָך קעלטער האָט אויסגעזען דער אויסגעשטערנטער הימל. מיר האָבן געטריבן די פערד און אונטערגעוואַרעמט זיך מיט כוצפּעדיקע לידלעך:

Долой, долой монахов, раввинов и попов...

איך האָב געזונגען גלייַך מיט אַלע. בין טאַקע גרייט געווען אַרוף אָפן קאַלטן און אויסגע־שטערנטן הימל און פאַנאַנדערטרייַבן אַלע געטער.

— —

ס'איז שווער צו ענטפערן אָף דער פראַגע, וואָס ציט עס אַזוי דעם מענטשן צו זייַן היים, וווּ ער איז געבוירן, צו די געסלעך און סטעזשקעלעך, אָף וועלכע ער האָט געמאַכט די ערשטע טריט. עפשער דאָס פאַרטיפערטע אַרייַנטראַכטן זיך אינעם דערעך־האָוילעם, וואָס קומט אין די עלטערע יאָרן; עפשער דאָס פאַרטיפערטע אַרייַנטראַכטן זיך אין זיך אַליין, אָט די נויטווענדי־קייַט אין כעזשבן־האַנעפעש, דאָס ווילן באַנעמען, פונוואַנען שטאַמסטו און פאַרוואָס ביסטו גע־

וואָרן אזא און ניט קיין אנדערער; און עפּשער פּאַשעט די בענקעניש נאָך דער פאַרפלויגענער יוגנט, נאָך די, מיט וועמען דו האָסט זיך לאַנג צעשיידט און וואָס קומען דיר אָפּט צו כאָלעם, נאָך דעם אָרט, ווו ס'זיינען אויפגעקומען דיינע ניט־פאַרווירקלעכטע טרוימען, ניט־געשפּילטע ליבעס. און אויב ס'איז אומעגלעך באַגעגענען זיך מיט דער אייגענער יוגנט, איז כאָטשבי מיט די שטיינדעלעך און סטעזשקעלעך פון דיין היים. זיי האָבן אין זיך אַ גרויסן קישעף, זיי קאָנען אַרויפברענגען און אופלעבן געשעענישן און מענטשן.

נאָר אָט די מענטשן, וואָס איך באַגעגן היינט אַף די שטעטלשע געסלעך, זיינען נאָך פרייַ פון די דאָזיקע געפילן. זיי זיינען נאָך צו יונג. פריש־געבאַקענע אינזשעניערן און דאָקטוירים, אַרבעטער, סטודענטן, וואָס זיינען געקומען אין די זומער־כאַדאָשים אַף אורלויב צו זייערע עלטערן, צו זייערע זיידעס און באָבעס.

מע דערקענט גלייַך, ווער ס'איז דאָ אַ גאַסט. באַזונדערס די פרויען — לויט די פּילפּאַר־ביקע קליידלעך מיט די גרויסע קעשענעס, ווי טאָרבעס. און לויט די דרייַגאָרנדיקע פריזורן, כאָטש איך זינדיק, ס'איז אַ בילבל אַף די געסט. די אָרטיקע מיידעלעך, אָט די, וואָס האַלטן באַם ענדיקן די מיטלשול, שטייען ניט אָפּ פון די שטאָטישע. מיט די כאַלאַטלעך, מיט די פריזורן און מיט די סאַמע נייַסטע לידעלעך, וואָס באַם זינגען זיי איז דער איקער ניט אַזוי דער ניגן, ווי דאָס קענען צום סאָף עפּעס אַ מין וואַיע טאָן, און וואָס לענגער.

איך גיי מיט אַ בינטל היגע און געסט צום „ווייַבערשן בוג"... אַמאָל איז דאָס געווען אַן אָרט, ווו ס'האָבן זיך געבאָדן נאָר ווייַבער.

און מע קאָן זאָגן, אַז די מענער האָבן אַרויסגעוויזן עכטע אײדלקייַט, ווען זיי האָבן אָפּגע־טראָטן אָט דאָס דאָזיקע מעכייַעדיקע ערטעלע מיטן ריינעם זאַמדיקן ברעג. דער „מענערישער בוג", עטלעכע הונדערט מעטער לינקער, איז ווייַט ניט אַזאַ. איצט איז דער „ווייַבערשער בוג" אַן אַלגעמיינער פּליאַזש, און מיר גייען אַהין אַלע אינײינעם.

נאָר קיינער פון מייַנע באַגלייטער, אַפילע וואַלאַדיע זשיבקאָוו, ווייסט ניט, וועלכע איבער־לעבונגען און וועלכע זיכרוינעס פירן מיך צום בוג. געכטן האָב איך דורכגעמאַכט דעם וועג פון יִיסראָעל־כאַיִמס הויף צו דער סטאַנציע, פאַרקערעוועט צום וואַלד און אָפּגעזעסן עטלעכע מינוט אונטערן בארנבוים מיט די שווערע צווייַגן פול מיט באַרלעך. צום באַדויערן, האָט ער מיך נאָך ניט געקאָנט מעכאַבעד זייַן. צו יאָמקיפּער איז געווען ווייַט, און די באַרלעך זייַנען געווען גרין, ווי גראָז, האַרט, ווי שטיין, און טערפּקע, אין מויל ניט צו נעמען. נאָר ס'ײַוּוי האָב איך אים גענומען טרייסלען, דעם אַלטן. מיר האָט זיך זייער געוואָלט אַ בייַס טאָן אַ באַרל, דער־פילן די קלעמענדיקע טערפּקייַט פון מייַנע פאַרשווונדענע וועלטן.

שפּאַצירט האָבן מיר אינצווייען. איך און יאַשע ווינאַקור, יִיסראָעל־כאַיִמס ציטעריק בענ־יאַכידל. איצט פאַרמאָגט ער אַ פּיין בייַכל. ער איז געבליבן טרייַ דעם שטעטל ביזן סאָף. עט־לעכע יאָר פאַר דער מילכאָמע געווען פאָרזיצער פון קאָלווירט, און אַלע נאָכמילכאָמע־יאָרן, פון די ערשטע וואָלן ביז איצט, — פאָרזיצער פון כאַשטשעוואַטער דאָרפראַט. אַכצן יאָר נאָכאַנאַנד.

— געדענקסט, יאַשע: „דראַליקל, זאָלסט ניט גיין!"

ס'איז אַפילע שווער צו גלייבן, אַז אַ שמייכעלע זאָל אַזוי קאָנען ענדערן אַ מענטשן. דעם בויך וועסטו, פאַרשטייט זיך, אין ערגעץ ניט אַהינטאָן, דעם גראַוון קאָפּ אויך. נאָר דאָס פּאָנעם! אַ גלאַנץ געטאָן, געוואָרן מיטאַמאָל לענגלעך־אָפּגעצויגן, אַפילע אַ קרים געטאָן זיך, ווי דאַן, ווען די מאַמע האָט אים געשטופּט אין מויל אַרייַן אַ לעפל קאָמפּאָט.

— אַוואַדע געדענקט איך. ע, מע גיט זיך אַמאָל אַ דערמאָן...

עפּשער האָט ער עפּעס געדענקט, אָבער ווייסן, וואָס פאַר אַ טאָג איז געווען פאַר מיר יענער ערעוו־יאָמקיפּער, האָט ער, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט.

די צייַט דרייט זיך באַ מיר אַלץ אַף צוריק. פריִער האָב איך דורכגעמאַכט דעם ערעוו־יאָמקיפּערדיקן מאַרשרוט און ערשט איצט אוועק צו „טאַשליך".

— נו, און צו דער בראַוער קרענעצע וועלן מיר גאָרניט צוגיין? — האָט זיך אָנגערופן וואַלאַדיע.

— צו דער בראַוער קרענעצע? אָך, יאָ, די בראַוער קרענעצע!

זייַנען, הייסט עס, פאַראַן זאַכן, וואָס פאַרגעסן זיך. זאַכן און ערטער, וואָס זייַנען ניט פאַר־בונדן מיט קיין געשעענישן. אַ פּאַשעטע קרענעצע, מיט קרישטאָל־ריינער וואַסער. און אַ שמאָל ריטשקעלע דערבייַ. אין די הייסע טעג איז דאָ געווען פאַר אונדז דאָס בעסטע באַהאַלטעניש. די קרענעצע, דאָס טייַכעלע און די הויכע ווערבעס, וואָס האָבן איבער זיי צעשפּרייט לאַנגע צווייַגן און אַ גאַנצן טאָג געהאַלטן אַף זיי אַ קילן שאָטן. איבערן טייַכל האָבן מיר געלאָזט אָן אַ שיר פּאַפּירענע שיפלעך, און אונדז האָט אָפּגענומען זיך געדוכט, אַז זיי לאָזן זיך אוועק אין די ווייַטע יאַמען. ווען ס'פלעגט אונדז אָנהייבן שטאַרק טריקענען אין האַלדז, פלעגן מיר אוועק צו

דער קרענעצע זיך אָנטרינקען. דאָס איז געװען אַ קרענעצע ניט קײן געװײנלעכע, נאָר װי ספּעציעל באַשאַפֿן פֿאַר קלײנע קינדער. אַלײן האָט זי אױך אױסגעזען קינדעריש. שמאָל און פֿלאַך. קײן לאַנגע קײט האָט מען צו איר ניט געדאַרפֿט. אַפֿילע ניט קײן קורץ שטריקל. אױף איר קײַלעכדיקער שטײנערנער צעברינע שטײט שטענדיק אַ בלעכענע קװאָרט קאַלטע װאַסער, און דיר דוכט זיך, אַז קײן זיסערע, קײן געשמאַקערע, קײן באַטאַמטערע װאַסער איז אױף דער װעלט ניטאָ.

ס׳איז שױן געװען פֿאַרנאַכט, די היץ איז אַראָפּ, קײן איבעריקן דורשט האָבן מיר ניט געפֿילט. נאָר די בראָװער קרענעצע! די זעלבע װערבעס, די זעלבע צעברינע, די זעלבע קװאָרט!

— װעלן מיר זיך אָנטרינקען?

אַראָפּגעלאָזט דעם שטעקן, אָנגענומען אַ קװאָרטל װאַסער און אָנגעהױבן זופּן. כ׳האָב זײער געװאָלט דערפֿילן דעם אַמאָליקן טאַם, נאָר ניט געקאָנט. עפּשער דערפֿאַר, װײַל איך בין ניט געװען דורשטיק, און עפּשער... איך האָב פּאָשעט ניט געקאָנט, אַפֿילע אױף אײן װײַלע, אומקערן די קינדהײַט. בין איך געבליבן אַ ביסל אַנטױשט. װי מיר זײַנען עס אַלע אױסגעװאַקסן, געעלטערט געװאָרן, װי װײַט אַװעק פֿון יענע צײַטן... נאָר זי, די בראָװער קרענעצע, איז געבליבן מיט איר קינדהײַט אױף שטענדיק. געבליבן באַ איר קינדערשן סײכל. און גאַנץ מעגלעך, אַז זי װײסט אַפֿילע ניט, אַז די ערד דרײט זיך און זי — אײנײנעם מיט דער גאַנצער ערד. װאָס זשע, דאַרף איך איר דערױף מעקאַנע זײַן, צי ראַכמאָנעס האָבן אױף איר?

די מומע רײזע איז, קאָנטיק געװען, שטאַרק באַרױגעז אױף מיר. אַ מענטש גײט עס אַװעק פֿאַרטאָג און פֿאַרגעסט איבערלאָזן דעם אַדרעס. זי האָט צוגעגרײט אַזאַ גוטן ראָסלפֿלײש, געמײנט, איך װעל לעקן די פֿינגער, האָט זי אים שױן דאָס דריטע מאָל געשטעלט אונטערװאַרעמען, און ער האָט שױן מיסטאַם מײַן באָבעס טאַם.

נו, מײלע, סײַװי, װאָס איך זאָל הײַנט ניט עסן, װעל איך פֿילן דעם טאַם פֿון טערפּקע באַרלעך. און װאָס איך זאָל ניט טרינקען, װעל איך שױן קײנמאָל ניט דערפֿילן דעם אַמאָליקן טאַם פֿון דער װאַסער אין דער בראָװער קרענעצע.

— עפּעס זעט איר מיר אױס װי ניט קײן היגער, — רופֿט זיך אָן די מומע רײזע און װאַרפֿט אױף מיר איר קאָסע בליק. — װוּ האָט איר עס אַרומגעבלאָנדזעט אַ גאַנצן טאָג?

— איך האָב זיך הײַנט אָפּגעפּאַרטיקט מיט מײַנע געטער.

— אַזױ לאַנג, אַזש ביז הײַנט געװאָזגעט זיך מיט זײ?

— ס׳רעדט זיך אַזױ...

די מומע רײזע פֿאַרשטײט, װאָס איך מײן. האָט זי װידער, שױן צום פֿערטן מאָל, גענומען אונטערװאַרעמען דעם ראָסלפֿלײש און אָנגעהױבן באַרײדן מײַנע געטער, איבער װעלכע דער ראָסלפֿלײש איז איבערגעשטאַנען. און װי געװײנלעך, דערמאָנט איר מענדלען, די רײד זאָלן אים ניט זײַן צו שװער. מענדלען, דעם גאָט זײַנעם און זײערע בײדנס שמאַד־שטיק. און פּלוצלינג גיט זי זיך אַ קלאַפּ מיט בײדע הענט אין די קליבעס:

— אױ, װײ מיר, איך דרײ אײַך אַ קאָפּ מיט מײַן מענדלען! אַ זיקאָרן באַ מיר, ניט פֿאַר אײַך געדאַכט, סקלעראָז! שיר ניט פֿאַרגעסן. אײַך איז אַ בריװ אָנגעקומען, אַזש פֿון מורמאַנסק!

— װער האָט געבראַכט דעם בריװ? פֿאַניע װײַפֿאַן?

די מומע רײזע באַקוקט מיך מיט אַ באַדױערנדיקן בליק און שאָקלט צו מיטן קאָפּ. זי װיל דערמיט, אַפּאָנעם, זאָגן, אַז איך האָב טאַקע פֿאַרגעסן, װוּ איך האַלט אין דער װעלט.

— אַ מאָשל. זיך דערמאָנט אין פֿאַניע װײַפֿאַן. — און מיט אַ זיפֿץ: — ע, פֿאַניע װײַפֿאַן!..

פֿאַניע װײַפֿאַן

מעגלעך, אַז דעם שטעטלשן בריװטרעגער פֿאַניע װײַפֿאַן, װי אַלע האָבן אים גערופֿן, האָב איך געזען, װען איך בין געװען נאָך גאָר אַ פּיצל, נאָר איך האָב ניט געװוּסט, װער דאָס איז, און אים ניט פֿאַרגעדענקט. מיר האָבן דעמאָלט קײן בריװ פֿון קײנעם ניט באַקומען, ניט מיר, ניט עמעצער פֿון אונדזערע שכײנים. ניט געװען קײן מאָדע שיקן בריװ מיט דער פּאָטשט. אַז מע האָט אַמאָל געדאַרפֿט איבערשיקן אַ צעטעלע דעם פֿעטער קײן סאַװראַן, די קרובֿים קײן אומאַן, זײַנען דערױף געװען באַלעגאָלעס. מיט זײ האָט מען געקאָנט איבערשיקן אַ צעטעלע אײנײנעם מיט אַ לעבעדיקן גרוס און צוגעבן דערבײַ נאָך עטלעכע װערטער, אַמאָל גראָד דעם „איקער שאָכאַכטי“, װעלכער איז אין צעטעלע ניט אַרײַן. די באַלעגאָלעס האָבן דאָס געטאָן מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן. זײ האָבן געװוּסט, אַז זײ װעלן ברענגען עמעצן אַ צעטעלע, אַ גרוס און דערצו אַ ביז גאָר װיכטיקן „איקער שאָכאַכטי“, װעט מען זײ מעכאַבעד זײַן מיט אַ קעלישעקל.

נאָר ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע אין פערצעטן יאָר און ס'איז ניט געווען קיין שטוב, ווו ס'זאָל ניט זײַן קיין סאָלדאט, און מאמעס האָבן זיך ארויסגענומען די אויגן, ארויסקוקנדיק אַף א בריוו, איז פאניע ווייפאַן... ס'איז מיר איצט אפילע שווער צו זאָגן, וואָס איז ער דאַן געווען פארן שטעטל. אלנפאלס, עפּעס מער פונעם פריסטאוו און אפילע מער פונעם ראָוו. מע האָט אים אָפּגעגעבן מער קאָוועד און אפילע מער מוירע געהאט פאר אים, ווײַל טאָמער, כאָלילע, ליגט אין זײַן בריוואַש עפּעס א שלעכטע בסורע, די שאָ זאָל ניט זײַן. זײַן פול אָנגעפאקטער בריוואַש, מיט וועלכן ער פלעגט יעדן טאָג זיך אוועקלאָזן איבער די שטעטלשע געסלעך, איז געווען פאר אלעמען ווי עפּעס א לאָטעריי. און געשפילט האָט מען אין איר ניט אַף שפּילקעלעך, ווײַבערשע קעמעלעך, אפילע ניט אַף געלט, מע האָט געשפּילט אַף מענטשלעכע לעבנס. און יעדן טאָג האָט עמעצער געקאָנט ארויסשלעפּן א בריוול, פון וועלכן מאמעס זײַנען געפאלן כאלאָשעס און אין שטעטל זײַנען צוגעקומען נײַע אלמאָנעס. אַף ווייפאנען האָט מען ארויסגעקוקט, פאר ווייפאנען האָט מען מוירע געהאט, גלײַך ער איז עס געווען דער באלעבאָס איבער די סאָלדאטישע גוירעלעס און פון אים הענגט אָפּ, וואָס וועט זײַן געשריבן אינעם בריוול.

מע האָט געזאָגט, אז בא ווייפאנען איז אזא גוטע ריִע, אז ער זעט דורכן קאָנווערט, וואָס אין בריוו איז אָנגעשריבן, ער קאָן אפילע אָנטאַפּן מיט די פינגער באזונדערע אויסיִעס. מיסטאמע איז דאָס געווען א סאך פּאָשעטער. ער האָט געקאָנט אונטערשיידן לויט די קאָנווערטן, וואָס פאר א בריוו האָט געשריבן דער סאָלדאט און וואָס פאר א בריוו איז א קאזיאָנע.

אין יענע צײַטן איז ער קיינמאָל ניט ארומגעגאנגען איבערן שטעטל אליין, שטענדיק געשפּאנט אַן ארומגערינגלטער מיט א כאָפּטע קינדער. מיר זײַנען אים פארלאָפן דעם וועג, ארײַנגעקוקט אין די אויגן, געוואָלט איבערלייענען אין זיי דאָס, וואָס ער האָט שוין באוויזן איבערלייענען אָדער אָנטאַפּן דורך די פארמאכטע קאָנווערטן. געגאנגען איז ער מיט א פּאמעלעכן, שווערן טראָט, א ביסל זיך געהויקערט, דער קאָפּ פארבויגן אַף לינקס און די אויגן צוגעזשמורעט, גלײַך ס'איז אים זייער שווער אונטער דער לאסט פונעם פול אָנגעפאקטן בריוואַש אָדער אונטער דער לאסט פון די שלעכטע בסורעס. אמאָל, אמאָל פלעגט ער זיך דערלויבן א שפּאס טאָן מיט אונדז. נאָר מיר האָבן ניט געקאָנט פארשטיין, צי טוט ער עס דערפאר, ווײַל ער איז גוט געשטימט, צי ער פּרוּווט אונדז טרייסטן. אָט שטעלט ער זיך אָפּ לעבן א שטוב, הייבט אָן ארומקוקן זיך, ווי ער וואָלט געזוכט עפּעס, און דערנאָך רופט ער זיך אָן צו עמעצן פון אונדז:

— אנו, ייִנגעלע, ווילסט מיר פארשפּאָרן א גאנג? טראָג ארײַן דאָס בריוול.

שפּעטער האָבן מיר פארשטאנען, אז ניט אין דער טירכע גייט עס. אים איז פּאָשעט שווער, אומדערטרעגלעך שווער געווען ארײַנברענגען עמעצן א שלעכטע בסורע.

בא אונדז אין שטוב האָט מען אויך אלע טאָג אָנגעהויבן ארויסקוקן אַף א בריוו, ארויסקוקן אַף ווייפאנען. מער פון אלעמען, פארשטייט זיך, די מאמע. דעם עלטסטן ברודער, וועלוולען, האָט מען גענומען אַף דער מילכאָמע, און יעדן פארנאכט האָט די מאמע זיך אוועקגעזעצט אַפן איינציקן טרעפּל פון אונדזער נידעריק גאנעקל און געבליבן זיצן א פארגליווערטע, אײַנגעקלאמערט דעם בליק אין איין אָרט, אהין, פונוואנען עס דארף זיך באווײַזן פאניע ווייפאַן. קיין איין אייוועד האָט אין איר זיך קיין ריר ניט געטאָן. בלויז די ליפּן האָבן ניט אויפגעהערט צו שעפּטשען. וואָס? א טפילע, וואָס זי אליין האָט פארפאסט: אז פאניע ווייפאן זאָל זײַן דער גוטער שאָליִעך, אז דורך אים זאָל דער אייבערשטער צושיקן א גוטע בסורע, אז איר זון וועלוול לעבט, אז ער איז געזונט, אָדער נאָך בעסער, אז ער איז שוין מיט גאָטס הילף פארוווּנדעט, אָן א האנט, ליגט אין שפּיטאָל און וועט אינגיכן קומען אהיים. געווען שוין אין שטעטל ניט ווייניק אזעלכע קאליקעס, און א סאך פלעגן זיי מעקאנע זײַן. האָט די מאמע געוואָלט אויך אויסדינגען בא גאָט: אויב ס'איז ניט מעגלעך, וועלוול זאָל קומען אהיים אינגאנצן א געזונטער, איז זאָל ער קומען אָן א האנט, אָן א פוס, אבי א לעבעדיקער.

דערנאָך האָט די מאמע געזאָגט, אז דאָס האָבן אירע טפילעס אים געראטעוועט. ווײַל וועלוול האָט זיך אומגעקערט פון יענער מילכאָמע. מיסטאמע איז אים באשערט געווען פארזוכן נאָך א שטיק פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע און אומקומען אונטער סמאָלענסק. די מאמע איז שוין דעמלט ניט געווען.

דער בריווטרעגער פלעגט דורכגיין פארבײַ אונדזער שטוב, א בייג טאָן דעם קאָפּ אַף באגריסן זיך און, באמערקט דער מאמעס פרעגנדיקן, פּאָדערנדיקן בליק, בארויִקן זי:

— ניטשעוואָ, ניטשעוואָ, פּישוט![1]

און שטעלט אײַך פאָר, ס'האָט בארויִקט, ס'האָט א ביסל געטרייסט. ווײַל אויב ס'איז ניטאָ קיין בריוו, איז דאָס אויך א גוטער סימען. ס'איז פונדעסטוועגן פיל בעסער פון יענעם שרעק-

---

[1] גאָרנישט, גאָרנישט, מע שרײַבט (רוסיש).

לעכן קאַזיאַנע בריוול. אַז פֿאַניע וויִפֿאַן פֿאַרבייגט אַזוי צוגעלאָזט דעם קאָפּ, שענקט אַזאַ צוגע־לאָזטן שמייכל און רעדט אַרויס אַ ביסל אונטער דער נאָז: „ניטשעוואָ, פּישוט", טײַטשט עס יעדערער אויס פֿאַר זיך אָפּן בעסטן אופֿן. ניטאָ, הייסט עס, וואָס איבערטראַכטן, ער לעבט, ער איז געזונט, ער האַלט איצט סאַמע אינמיטן שרײַבן, און ער, פֿאַניע וויִפֿאַן, גיט דאָס וואָרט, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועט ער ברענגען אַ בריוו.

מיסטאָם איז וויִפֿאַן געווען ניט פֿון די גרויסע פּריצים, אויב ער איז אַלע יאָרן געווען אַ בריוטרעגער. דער טיטל „פּאַניע" פֿלעגט אַמאָל אַרויסגעבראַכט ווערן אַפֿילו מיט אַ ביסעלע שפּאָט. דערפֿאַר אָבער, ווען די רעוואָליוציע האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט אַלע פּריצים און דאָס וואָרט „פּאַניע" איז אַרויס פֿון דער מאָדע, געוואָרן פּאַסל, האָט מען פֿאַר אים, פֿאַרן בריוטרע־גער, פֿאַרהיט דעם דאָזיקן טיטל אָן שום איראָניע. ווי אַן אויסדרוק פֿון אופֿריכטיקער אַכטונג.

און אַפֿילו מיר — די, וואָס האָבן זיך געריסן צו די הימלען, האָבן אים אויך אַזוי גערופֿן. ס'איז געקומען אַ צײַט, ווען מיר האָבן אָנגעהויבן אַרויסקוקן אָף אים, ניט ווייניקער ווי אונד־זערע מאַמעס. געווען איז דאָס פֿאַרבונדן ניט מיט קיין בריוו פֿון דער מילכאָמע, נאָר מיט צײַ־טונגען, איבערהויפּט מיט אונדזער יוגנטלעכער צײַטונג „יונגע גוואַרדיע".

אין שטעטל פֿלעגן אָנקומען עטלעכע „שטערנס" און אַ פּאָר „וויסטי". נאָר ווען מיר זײַנען אונטערגעוואַקסן און אָנגעהויבן אויסשרײַבן די „יונגע גוואַרדיע", איז מיטאַמאָל צוגעקומען אַריבער הונדערט לייענער. פֿאַניע וויִפֿאַן איז שוין דאַן געווען ווײַט ניט קיין יונגערמאַן, און טראָגן אַזעלכע פּעק איז אים געווען שווערלעך. האָט זיך אונדז געוואָלט אַ ביסל פֿאַרגרינגערן אים די מאַסע. אָבער ניט נאָר דאָס האָט אונדז יעדן פֿאַרנאַכט געטריבן צו דער פּאָטשט. אונדז האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער אַ נעם טאָן אין דער האַנט די פֿרישע צײַטונג, אַ לויף טאָן מיט די אויגן איבער די קעפּלעך, דערוויסן זיך, וואָס טוט זיך אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך, אין די שכיינעסדיקע קאָמיוגישע קעמערלעך, ווי האַלט עס מיטן קעלאַג־פּאַקט און מיט דעם שטרײַק פֿון די ענגלישע קוילנגרעבער און צי איז נאָך לאַנג געבליבן וואַרטן אָף דער אַל־וועלטלעכער רעוואָליוציע.

איך און מײַן דעמלטיקער כאַווער לייב לאַשאַק זײַנען געווען באַזונדערס אומגעדולדיק. צו יענער צײַט האָבן מיר אָפּגעשיקט אין דער צײַטונג אונדזער ערשטע נאָטיץ, זײַנען מיר געגאַנגען צו דער פּאָטשט מיט אַ מוירעדיקער האַרצפּלאַטערניש. מיר האָבן געהאָלפֿן וויִפֿאַנען פֿאַנאַנדערפּאַקעווען און אויסלייגן די בריוו און צײַטונגען, און די אויגן זײַנען שיִער ניט אַרויס־געשפּרונגען, זוכנדיק די נאָטיץ אין דער „יונגער גוואַרדיע". די אויגן איניינעם מיטן האַרץ. דערנאָך האָט אונדז קיין געדולד אינגאַנצן ניט געשטײַעט, און ווי נאָר דאָס פֿורל פֿלעגט צופֿאָרן פֿון דער סטאַנציע, פֿלעגן מיר זיך אַ וואָרף טאָן צו די זעקלעך מיט דער פּאָטשט. איך האָב געטרוימט וועגן אַזאַ קישעף, כ'זאָל קאָנען זען, וואָס עס טוט זיך אין די פֿאַרפּאַקעוועטע צײַ־טונגען. פֿאַניע וויִפֿאַן האָט פֿאַרשטאַנען, ווײַזט אויס, די סיבע פֿון אונדזער אומגעדולד און אונדז געטרייסט מיט זײַן שטענדיקן ווערטל:

— ניטשעוואָ, פּישוט!

און ס'איז געקומען אַ טאָג, ווען כ'האָב אָנגעהויבן רײַבן די אויגן און דערפֿילט, ווי ס'האָט זיך מיר פֿאַרדרייט דער קאָפּ. און דאָס האַרץ, דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן קלאַפּן אַזוי הילכיק, ווי אונדזער אַלטער וואַנטזייגער. און אָט, באַלד, טאַקע, ווי די טעווע פֿון אַ'נדזער זייגער, וועט זיך עס אָפּשטעלן. עס זײַנען אָפּגעדרוקט אונדזערע נעמען! שוואַרץ אָף ווײַס. מיט געדרוקטע אויסיעס.

דאָס איז געווען ניט נאָר אונדזער ערשטע נאָטיץ, דאָס איז געווען די ערשטע נאָטיץ אין דער געשיכטע פֿון כאַשטשעוואַטע. דאָס ערשטע מאָל האָט מען אין אַ צײַטונג געשריבן וועגן אונדזער שטעטל. און געשריבן האָבן ניט קיין אָנגעפּאַרענע, נאָר טאַקע כאַשטשעוואַטער. זײַנען מיר געשטאַנען, אַרומגענומען זיך אַרום די אַקסלען, צוויי יאַטלעך, וואָס זײַנען מיטאַמאָל גע־וואָרן וועלט־באַרימט. געשטאַנען אַ ביסל דערשטויִנטע און אַ ביסל דערשראָקענע און געלייענט אין דער הייך יעדער וואָרט פֿון דער צענשורעדיקער נאָטיץ. מיר האָבן געוואָלט וויסן, ווי באַ־קומט זיך עס, ווי קלינגט עס, ווי זעען מיר אַליין אויס, ווען מיר לייענען איבער די אייגענע נעמען, אָפּגעדרוקטע אין צײַטונג. פֿאַניע וויִפֿאַן, וואָס האָט געזען, אַז מיר האָבן ענדלעך זיך דערוואָרט אָף דעם, אָף וואָס מיר האָבן די גאַנצע צײַט אַרויסגעקוקט, האָט אונדז באַגריסט מיט זײַן צוגעלאָזטן שמייכל. און איך, ווי כ'וואָלט געווען זיכער, אַז ער מוז ניט נאָר אַ ביסל פֿאַר־שטיין יידיש, נאָר קאָן לייענען אויך, האָב אים אַ ווײַז געטאָן מיט די פֿינגער אָף דער נאָטיץ און אָף די אונטערשריפֿטן:

— איר זעט? דאָס האָבן מיר אָנגעשריבן!

דעם פאַרנאַכט האָט מען די „יונגע גוואַרדיע“ אַרומגעטראָגן פון שטוב צו שטוב. מע האָט געלייענט די נאָטיץ, פּאַסמאַקעוועט און באַרעדט די דאָזיקע געשעעניש. אַ שפּילכל, די גאַנצע וועלט וועט איצטער וויסן וועגן כאַשטשעוואַטע. דאָס שטעטל האָט מיטאַמאָל דערפילט אין זיך אַ באַזונדער כשיוועס. איר שפּילט זיך מיט אונדזער כאַשטשעוואַטע! און אינדערעמעסן, ס׳לעבט אַ שטעטל אַף דער וועלט, וועל וויסט וויפל דורעס, איבערגעלעבט פאַר דער צײַט אַזויפיל צאָרעס, צוויי מאָל אָפּגעבערענט געוואָרן און אָפּסנײַ זיך אויסגעבויט, עטלעכע מאָל האָבן די פּריליגדיקע וואַסערן אַראָפּגעשווענקט גאַנצע געסלעך. און שאַ, שטיל. קיינער האָט וועגן דעם אין ערגעץ מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט. און אָט איצט איז כאַשטשעוואַטע אַרײַן אין די בלעטער. און באַ אַ סאַך איז דאָס אויסגעקומען, ווי אַרײַן אין דער אייביקײַט.

איך וויס ניט, צי האָב איך נאָך שפּעטער איבערגעלעבט אַזוינס, ווי אין יענעם טאָג. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך האָב אײַנגענומען הונדערטער הערצער. און איך האָב געטרוימט אײַנעמען נאָך איין האַרץ. איך האָב געטרוימט, אַז די, איבער וועמען איך וועל אָן דאָס לאָשן, ווי נאָר איך דערזע זי, זאָל צוקומען צו מיר און זאָגן: „יאָ!“ זי האָט אויך געהאַלטן די צײַטונג אין די הענט, דאַרף זי שוין איצט וויסן, אַז איך בין גאָר ניט אַזאַ נעבעכל, אַזאַ סויסעקל, ווי עס קאָן זיך דוכטן.

דעם צווייטן פאַרנאַכט זײַנען מיר מיט ליבן, ווי שטענדיק, געקומען אַף דער פּאָטשט. ביידע אַזעלכע שטראַלנדיקע, ביידע אַזעלכע גליקלעכע, און אַ ביסל צעטומלטע פון דעם רום, וואָס האָט זיך מיטאַמאָל אַ שאָט געטאָן אַף אונדז. פאַניע ווייפאַן האָט אונדז באַגעגנט, ווי אַ שטיקל שוטעף צו אונדזער יאָמטעוו, אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע: „נו, הייסט עס, כעווריע, ווי פילט איר זיך?“

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, פאַניע ווייפאַן! — האָב איך אָפּגעענטפערט, גלײַך ער האָט אַף אָן עמעס געהאַט דעם גרעסטן כיילעק אין דעם אַלעמען.

דערנאָך זײַנען געקומען יאָרן, וואָס האָבן אונדז אַלעמען צעזייט און צעשפּרייט. איבער דאָנבאַס, דניעפּראָבוי, טורקסיב, קאָמסאָמאָלסק. און פון אומעטום זײַנען קיין כאַשטשעוואַטע געגאַנגען בריוועלעך. בריוועלעך פון דער גרויסער וועלט. און פאַניע ווייפאַן האָט יעדן טאָג זיי פאַנאַנדערגעטראָגן איבער די שטעטלשע הײַזער. און אויב ער האָט ניט געקאָנט דעקן די זאָרג פון עפּעס אַ מאַמען מיט אַ בריוול, האָט ער זי געטרייסט מיט זײַן צוגעלאָזטן בייג מיטן קאָפּ, מיט זײַן צוגעלאָזטן שמייכל און מיט די פּאָר ווערטער, אַרויסגעזאָגט אַ ביסל אונטער דער נאָז:

— ניטשעוואָ, פּישוט!

מער האָב איך ווייפאַנען ניט געזען. ווײַטער דערצייל איך איבער אַזוי, ווי מע האָט עס מיר דערציילט. ווען אין כאַשטשעוואַטע זײַנען אַרײַן די דײַטשן, האָט ווייפאַן פאַרוואָרפן זײַן אַלטן, אָפּגעריבענעם בריוווטאַש אַפן בוידעם און געבעטן זײַנע שכיינים, זיי זאָלן האַלטן בעסאָד, אַז ער איז געווען אַ בריוונטרעגער. ער האָט ניט געוואָלט דינען די דײַטשן. ער האָט ניט געוואָלט פאַנאַנדערטראָגן זייערע מעלדונגען, צײַטונגען. ער האָט שטענדיק אויסגעמיטן אַרײַנברענגען אין אַ שטוב אַ שלעכטע בסורע. און באַ די דײַטשן איז אַף קיין גוטע בסורעס ניט געווען וואָס צו וואַרטן — ניט פון די מעלדונגען, ניט פון די צײַטונגען און ניט פון די בריוו. דרײַ יאָר האָט ער שטיל זיך געפּאָרעט באַ זיך אַפן גאָרטן, וואָס אַפן ברעג דאָרף, און אין שטעטל זיך אַפילע ניט געוויזן.

נאָר דער בריוונטרעגער האָט געלעבט אין אים אַלע יאָרן. ער האָט שטאַרק געבענקט נאָכן בריוווטאַש, נאָך די שטעטלשע געסלעך און הײַזער, נאָך זײַן קליִענטור. און ווי נאָר די סאָוועטישע אַרמיי האָט באַפרײַט דאָס שטעטל, האָט ער אַראָפּגענומען פונעם בוידעם זײַן אַלטן בריוווטאַש און זיך אַוועקגעלאָזט באַרג־אַרוף צו דער פּאָטשט.

ס׳איז געווען אָנהייב פרילינג, ווען פון אַלע בערג, וואָס אַרום דעם שטעטל, רינען אַראָפּ הונדערטער ריטשקעלעך און די קויטיקע שניי־וואַסערן פאַרגיסן אַלע קעלערס, כאַפּן זיך אַרײַן אין די הײַזער, אַמאָל דורך די נידעריקע טירן, אַמאָל דורך אַ פענצטער. איבער אַלע גאַסן און געסלעך רוישן די פרילינג־וואַסערן און עס הילכן פריילעכע שטימען, מענערשע, ווײַבערשע און קינדערשע. קליין און גרויס, וועל מיט אַ לאָפּעטע און וועל מיט אַ קאָטשערע, טרײַבן אָפּ פון זיך די מוטנע וואַסערן. און די בלאָטע... זי וואַקסט ווי אַף הייוון. אַ שיטערע, אַ קלעפּיקע און אַ גלאַנציקע. דאָס גאַנצע שטעטל — איין גלאַנציקער אויסגוס. פאַניע ווייפאַן האָט ליב געהאַט אָט די בלאָטיקע ראַשיקע געסלעך. ס׳זײַנען אָפן אַלע טירן און פענצטער, און אַף וואָס פאַר אַ גאַס ער זאָל זיך ניט באַווײַזן, שרײַט מען צו אים פון אומעטום: „עפּעס פאַראַן פאַר אונדז, פאַניע ווייפאַן?“ און ער ענטפערט אָפּ מיט זײַן שמייכעלע: „פּישוט!“

האָט ער געשפּאַנט איבער די פּאַרטרונקענע און בלאָטיקע געסלעך, נאָר קיין לעבעדיקע שטים האָט מען ניט געהערט. קיינער האָט אים ניט גערופן. טויטע געסלעך!.. עס שטייען כאַרעווע, האַלב אײַנגעפאַלענע הײַזער, די פרילינג־וואַסערן האָבן זיך ארײַנגעכאַפּט אומעטום דורך די אויפגעריסענע טירן און פענצטער, נאָר ס׳איז ניטאָ, ווער ס׳זאָל זיי אָפּטרײַבן. איז ער געגאַנגען, דער אַלטער בריוונטרעגער, געקוקט מיט פאַרטרערטע אויגן אַף די פאַרגאַסענע הײַזער און אַלע מאָל פאַרבויגן דעם קאָפּ אין א זײַט און אַלע מאָל פאַרנייגט זיך. און ווען מען האָט ער געזען אין יענע מינוטן, און וועגן וואָס האָט ער דאַן געטראַכט... לאָמיר זיך ניט אונטער־נעמען טרעפן.

די פּאָטשט איז אויך געשטאַנען אָן אויפגעפראַלטע, א צעכראַסטעטע, פאַרוואַלגערט מיט פאַרשיידענע פּאַקעטן, פּאַפּירן און צײַטונגען. ווייפּאַן האָט דאָ געטראָפן נאָר דעם אַלטן אוסטים, וואָס האָט פאַרנומען אַף דער פּאָטשט צוויי שטעלעס מיטאַמאָל — געווען אי וועכטער, אי אָנ־טרײַבער.

— וואָס זשע וועלן מיר טאָן? — האָט געפרעגט דער אָנטרײַבער, דערפרייענדיק זיך מיט זײַן אַלטן פרײַנט.

— מירן פאָרן נאָך דער פּאָטשט.

— הי, הי, הי, — האָט געשמייכלט אוסטים, — זי וואַרט טאַקע אַף אונדז דאָרטן...

— מירן פאָרן נאָך דער פּאָטשט, — האָט געטײַנעט זײַנס פאַניע ווייפּאַן.

— נו, מירן פאָרן, אוואַדע וועלן מיר פאָרן. כאָטש... נו, יאָ...

דאָס איז געווען דאָס איינציקע, וואָס מע האָט געדאַרפט טאָן. ווײַל אויב ס׳זײַנען שוין גע־קומען אונדזערע און שוין אריבער דעם בוג, מוזן זיי שוין אויך האָבן דעם צוג, דעם אַלטן לײַדיקגייער. און אויב ס׳וועט זײַן א צוג, וועט ער געוויס עפּעס ברענגען. בריוו, צײַטונגען.

— ווען דאַרף ער אָנקומען, דער צוג? צוויי אַזייגער! גיכער, אוסטים, שפּאַן אײַן די פערד.

ניט צוויי, ניט דרײַ און ניט פיר איז קיין שום צוג ניט געווען. נאָר ביידע אַלטיטשקע האָבן פעסט באַשטימט, אַז אַהיים וועלן זיי ניט פאָרן. זיי מוזן זיך דערוואַרטן אַפן צוג, מעג ער קומען האַלבנאַכט. דאָס ערשטע מאָל אַף זײַן לעבן האָט ווייפּאַן אַליין איבערגעלעבט דעם פלאַטער פון אַרויסקוקן אַף בריוו. פון וועמען? א נאַפּקעמינע. פאַר וועמען? וואָס איז דער כילעק? בריוו, און שוין. בריוו פון לעבעדיקע מענטשן, בריוו פון דער גאָרער וועלט, קאָנווערטן מיט אָנגעשריבענע אַדרעסן. ער וועט באַלד נעמען די דאָזיקע קאָנווערטן אין די הענט, איבער־לייענען די אַדרעסן און סאָרטירן די בריוו לויט די גאַסן און געסלעך. בריוו, וואָס וועלן אים, דעם אַלטן בריוונטרעגער, ארײַנפירן צוריק אין זײַן געוויינלעכער וועלט, אויפלעבן זײַנע באַקאַנט־שאַפטן, ווידער פאַרבינדן מיט זײַנע אַלטע פרײַנט.

דער צוג איז אָנגעקומען שפּעט באַנאַכט. און געבראַכט א קליין פּעקעלע, צוליב וועלכן מע האָט גאָרניט געדאַרפט האַלטן די פערד. א קליין זעקעלע, וואָס מע האָט געקאָנט א נעם טאָן אונטער דער פּאַכווע. און דאָס איז געווען דער איינציקער פאַל, ווען בא ווייפּאַנען האָט ניט געסטײַעט קיין געדולד אָפּפירן דאָס פּעקל אַף דער פּאָטשט. טאַקע דאָ אַף דער האַלב כאָרעווער און מוירעדיק־פּוסטער סטאַנציע, בא דער טונקעלער שײַן פון א קאַנעצל האָט ער פאַנאַנדער־געפּאַקעוועט דאָס פּאָטשט־זעקעלע און אָנגעהויבן פאַנאַנדערקלײַבן די בריוו. אָבער... וואָס טוט זיך עס? צי די ריִע איז בא אים קאַליע געוואָרן, צי עפּעס א מעשונעדיקע קאָפּדרייעניש, צי ער איז ביכלאַל ניט באַם קלאָרן געדאַנק? אַלע בריוו מיט איין אַדרעס: „כאַשטשעוואַטע, דעם בריוונטרעגער פאַניע ווייפּאַן“! געשיקט זיך אַזוינס?

— אוסטים, אוסטים! מיר איז עפּעס ניט גוט. עפּעס דער קאָפּ. אַנו, טו אומיסטן א קוק. לייען איבער. די אַדרעסן, די אַדרעסן!

נעמט דער אַלטער אוסטים איין בריוו, נעמט א צווייטן, באַקוקט דעם אַדרעס, באַקוקט דעם בריוונטרעגער, אים אַליין דוכט זיך אויס, אַז ס׳איז עפּעס ניט גלאַטיק, אַז בא אים איז אויך עפּעס מיט דער ריִע, מיטן קאָפּ. אַלע בריוו מיט איין אַדרעס: „כאַשטשעוואַטע, דעם בריוונטרע־גער פאַניע ווייפּאַן“.

— דאָס קאַנעצל, — בעט זיך ווייפּאַן, — דריי אַרויס דאָס קאַנעצל!

ער רײַבט די אויגן, רײַבט דעם שטערן, און דערנאָך הייבט ער אויף די האַנט, טוט א בייג דעם קאָפּ אַף א זײַט, און ווידער באַווײַזט זיך יענץ ליב צוגעלאָזט שמייכעלע. צו די בריוו. צו די בריוו פון נאָוואָסיבירסק און טאַשקענט, אָקטיאָבינסק און אַלמאַ־אַטאַ, סווערדלאָווסק און קאַקאַנד. אַף יעדן בריוו אַן אַנדער שטאָט, און אַף יעדן קאָנווערט א באַקאַנטער נאָמען.

— דו זעסט, אוסטים? פון מאָטיע שאַפּאָשניק, דעם פעלצנמאַכער.

— זעסט? פון פישל סטאָליער.

— און אָט... פונעם אַלטן לאָשאַק. ער לעבט, דער אַלטער, ער דאַרף שוין זײַן בא די אַכציק.

בריוועלעך פון טיפן הינטערלאַנד און בריוועלעך פון די פראָנטן. פון אַלע פראָנטן, אויף וועלכע עס געפינען זיך כאַשטשעוואַטער. קורציִנקע בריוועלעך, קימאַט אַלע מיט איין אינהאַלט. צי איז די שטוב געבליבן גאַנץ, צי האָבן די אייגענע זיך באַוויזן עוואַקויִרן, צי איז ניטאָ עפּעס פון זיי קיין ידיעות, צי האָט ניט געטראָפן צו אים עפּעס אַ בריוו פון אייגענע, באַקאַנטע... דאָס אומגעדולד האָט אונטערגעיאָגט אַלעמען, און מע האָט אָנגעהויבן שיקן בריוו נאָך לאַנג, איידער דאָס שטעטל איז באַפרײַט געוואָרן. געטרוימט, אַז די בריוו זאָלן אָנקומען אינעם ערשטן טאָג פון דער באַפרײַונג. וועמען זשע שרײַבן? ביזוואַנען עס וועט נאָך אָנהייבן אַרבעטן דער דאָרפ־ראַט, אָבער פאַניע ווייפאַן, אויב נאָר ער לעבט!..

— אַלטיטשקע, שטיי אויף, — האָט ער שפּעט באַנאַכט אויפגעוועקט דאָס ווײַב, — טו אַ קוק, וואָס מיר האָבן באַקומען. בריוו. אַ גאַנצן פּאַק בריוו. נו, שטיי אויף, מע דאַרף שרײַבן ענטפער. איך אַליין וועל ניט באַווײַזן.

און ס'איז אַוועק אַזוי באַ ווייפאַנען טאָג נאָך טאָג. יעדן פאַרנאַכט האָט ער באַקומען אַ פּעקל בריוו, און ער מיט דער אַלטיטשקער האָבן זיך געזעצט שרײַבן ענטפער. אוואַדע איז אים געווען גוט אויפן האַרצן, ווען ער האָט געקאָנט ענטפערן, אַז די שטוב שטייט אַ גאַנצע, כאָטש אָן טירן און פענצטער, אַז די אייגענע האָבן באַוויזן אַרויספאָרן. נאָך בעסער איז אים געווען אויפן האַרצן, ווען ער האָט געקענט איבערשיקן עמעצן אַ נאָרוואָס באַקומענעם בריוו, אַ בריוו מיט אַן אַדרעס. נאָר אַ סאַך זײַנע ענטפערן זײַנען געווען זייער טרויעריקע. ער האָט אָבער געמוזט שרײַבן, געמוזט אָנזאָגן שלעכטע בשורות, דערציילן וועגן דער גרויסער גרוב הינטערן שטעטל — דער אַדרעס פון אַריבער טויזנט קאָרבאָנעס.

דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן יעדן טאָג אַרויספאָרן מיטן פּאָטשט־פורל צו דער סטאַנציע באַגעגענען זײַנע אַדרעסאַטן, זײַנע קליִענטן. און מיט יעדערן זיך געקושט, און צו יעדערן גע־שמייכלט. און פאַר יעדערן געהאַט עפּעס אַ גרוס. פון פרײַנט און באַקאַנטע. און אויב קיין גרוס אָדער קיין בריוו איז ניט געווען, האָט ער געענטפערט, ווי אין די אַמאָליקע צײַטן:

— ניטשעוואָ, פּישוט!

און דאָס האָט ווי שטענדיק באַרויִקט, געטרייסט און געוועקט נײַע האָפענונגען.

ס'האָט שוין אָנגעהויבן אַרבעטן דער דאָרפראַט, אויף דער פּאָטשט האָבן שוין געאַרבעט אַ צענדליק מיטאַרבעטער, אַ פולער שטאַט, דער באַן האָט אָנגעהויבן קומען צו דער צײַט און ברענגען פולע פּעק מיט צײַטונגען און בריוו פאַר די געסלעך און הײַזער, אין וועלכע ס'האָט ווידער אָנגעהויבן קלאַפּן אַ לעבעדיקער אָדער. נאָר נאָך לאַנג זײַנען פון אומעטום אָנגעקומען קורצע בריוולעך — אָנפראַגן אויפן אַדרעס: „כאַשטשעוואַטע, דעם בריווטרעגער פאַניע ווייפאַן".

געשטאָרבן איז ער מיט עטלעכע יאָר צוריק. אָט אַזוי, אינמיטנדערינען. פאַרנאַכט איז ער נאָך אַרומגעגאַנגען פון שטוב צו שטוב, פאַנאַנדערגעטראָגן בריוו און צײַטונגען, ווי שטענדיק זיך געלייגט שלאָפן אַרום האַלבער נאַכט און — ניט אויפגעשטאַנען. און שוין לאַנג האָט כאַשטשעוואַטע ניט געזען אַזאַ לעווײַע.

וויפל זשע איז ער אַלט געווען? איך וואָלט, פאַרשטייט זיך, געקאָנט דערוויסן זיך פּינקט־לעך. נאָר איך וויל דאָס ניט טאָן. איך האָב מוירע, איך זאָל עפּעס ניט אָנווערן. איך וויל ניט, ער זאָל זײַן פאַר מיר צו אַלט. זאָל ער בלײַבן פאַר מיר אַזאַ, ווי איך האָב אים פאַרגעדענקט פון יענע יאָרן, ווען מיר, ייִנגלעך, זײַנען אים נאָכגעגאַנגען און אַרײַנגעקוקט אין די אויגן; ווען איך האָב אים געהאָלפן צעפּאַקעווען די זעק מיט צײַטונגען און געזוכט אין זיי מײַן ערשטע נאָטיץ. אָט, דוכט זיך מיר, פאַרבייגט ער דעם קאָפּ אין אַ זײַט, טוט אַ שמייכל און אַ זאָג, אַ ביסל אונטער דער נאָז:

— ניטשעוואָ, פּישוט.

א בריוו פונעם ייִנגערן זון

— ע, פאַניע ווייפאַן... — האָט אַ זאָג געטאָן די מומע רייזע, מיט אַזאַ באַטאַמטן זיפץ, ווי ווען מע דערמאָנט זיך אין עפּעס זייער אַ גוטער זאַך. — ווער זשע שרײַבט עס אײַך פון מור־מאַנסק? וועמען האָט איר דאָרטן?

— אַ זון. דער ייִנגערער זון.

— וואָס זשע טוט ער דאָרטן, דער ייִנגערער זון אײַערער?

— אַ געאָלאָג.

— וואָס זשע טוען דאָרטן די געאָלאָגן?

— זיי זוכן...

די מומע רייזע גיט א קוק אף מיר, ווי פון אויבן־אראָפּ.

— א פײַנער קוואַרטיראַנט בא מיר. בא אײַך איז גאָר שווער ארויסשלעפּן א וואָרט. דער־קלערט מיר שוין אַלץ מיטאַמאָל, וואָס האָבן זיי דאָרטן פאַרלוירן און וואָס זוכן זיי.

— כ׳ווע, דעם נעכטיקן טאָג.

— א פײַנע מלאָכע. געוויס ארויסגעוואָרפן געלט.

— ווי אַמאָל...

עס ווילט זיך מיר בעפּייעש דערקלערן דער מומע רייזע, אז דאָס, וואָס איך האָב א זאָג געטאָן וועגן נעכטיקן טאָג, איז ניט קיין שפּאַס, אז די געאָלאָגן זוכן טאַקע דעם נעכטיקן טאָג פון דער ערד, גריבלען זיך אין אירע לאַנג פאַרגליווערטע און פאַרשטיינערטע פּלאַסטן. נאָר נאָך דעם, ווי איך האָב הײַנט דורכגעמאַכט מײַן אייגענעם נעכטיקן טאָג, איינעם פון מײַנע שווער־סטע נעכטנס, פיל איך זיך שרעקלעך מיד, עפּעס ווי אויסגעשעפּט. און איך בין טאַקע גוט הונ־געריק אויך. מאַך איך עס בעקיצער.

— מע זוכט, מע זוכט, ביז מע געפינט עפּעס.

— קימאַט ווי מײַן מענדל אָלעוואַשאָלעם. ער האָט אויך אַמאָל זיך ארומגעטראָגן מיט א געדאַנק, אז ער מוז געפינען אן אויצער. איז עפּשער וועט אים געפינען אײַער ייִנגערער זון?

— ווייסט איר וואָס, מומע רייזע, אָט וועל איך נאָר עפּעס איבערכאַפּן...

— וואָס הייסט איבערכאַפּן? און דער ראָסל־פלייש?

— נו, יאָ, אָט וועל איך זיך אָפּפּאַרטיקן מיטן ראָסל־פלייש, וועלן מיר זיך נעמען פאַר דעם בריוו. איר ווילט דאָך מיסטאָמע אויך וויסן, וואָס מײַן זון שרײַבט.

די מומע רייזע פאַרשנורעוועט אירע ליפּן.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. איך האָב אַמאָל אַליין אויך שטאַרק געוואָלט געפינען אן אויצער.

מײַן ייִנגערער זון, מאַריק, זוכט און געפינט, פאַרשטייט זיך, גאָר אַנדערע אויצרעס. נאָכן ענדיקן די מיטלשול האָט ער זיך אײַנגעשפּאַרט — ער וועט ווערן נאָר א געאָלאָג, און שוין. ער מוז אויספאָרן און איבערשפּאַנען די גאַנצע פּלאַנעטע, ארומטאַפּן זי פון אַלע זײַטן, דערגריבלען זיך צו אירע סאַמע טיפסטע טיפענישן און דערוויסן זיך, וואָס פאַרמאָגט זי נאָך עפּעס פאַר די קומענדיקע דורות. און כוץ דעם, דאַרף ער האָבן מידבאַריעס און טײַגעס, בערג און טײַכן, פּאַלאַטקעס און שיפלעך, נעכט ארום א שײַטער, צוגערייכערטע געקעכטסן און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכן. מיט איין וואָרט — ראָמאַנטיק. זיך אײַנגעשפּאַרט — פאַרפאַלן. פאַר מיר איז געווען גענוג דערוויסן זיך, אז די ערד דרייט זיך, פאַר אים איז דאָס ווייניק. ער וויל וויסן, וואָס טוט זיך בא איר אינווייניק. פון יאַקוטיע, וווּ ער איז געווען אף פּראַקטיק, האָט ער געשריבן ניסים־וועניפלאָעס. ווי ער און די כאַווירים זײַנע האָבן זיך עס געשיפּט איבער דעם באַרימטן טײַך לענאַ, סאַראַ ווונדערבאַרע מעקוימעס דאָרטן, סאַראַ פּרעכטיק ערטעלע זיי האָבן אָפּגעזוכט פאַר זייער לאַגער און ווי זיי האָבן עס אוועקגעלייגט א בער און א גאַנצע וואָך געגעסן פריש בערן־פלייש. לאָזט זיך אויס, אז קיין בעסער פלייש איז גאָר אף דער וועלט ניטאָ. גיי ווייס. געקומען איז ער פון דער פּראַקטיק א פאַרשוואַרצטער, א פאַרוואַקסענער, מיט אן אײַנגעפאַלן פּאָנעם און מיט צוויי שווערע רוקזעק, אָנגעשטאָפּט מיט פאַרשיידענע שטיינדלעך. די מאַמע לאָזט שטיל א טרער. א טאַכלעס, הייסט עס, פון א קינד, ארומשלעפּן זיך אין דער טײַגע, שיסן בערן און ברענגען אהיים א טאָרבע מיט שטיינער. און דער טאַטע...

— אָט דאָס איז אַלץ, וואָס איר האָט דאָרטן געפונען? — האָב איך אים געפרעגט.

ענטפערט ער מיר:

— אין די זאַכן דאַרף מען פאַרשטיין.

נו, אוואַדע, קינדווײַז פלעג איך אויך אָנעמען באַם בוג פולע בוזעמס מיט גלאַטע שטיינדע־לעך. נאָר קיינער האָט מיר דערפאַר קיין געלט ניט געצאָלט. און איך האָב ניט געוווסט, אז עס האָט א שײַכעס צו געאָלאָגיע.

איצט איז מאַריק שוין ניט קיין סטודענט, נאָר אן עמעסער געאָלאָג. פּינקטלעכער, א געאָ־פיזיקער, און טראַנספּאָליאַריע איז ניט יאַקוטיע. איך ווייס ניט, וואָס איז בעסער, נאָר געוויס איז דאָס עפּעס אַנדערש.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן מיטיק און מיט דער וועטשערע איניינעם, האָבן מיר מיט דער מומע רייזע זיך גענומען פאַר דעם בריוו. איך האָב געעפנט דעם קאָנווערט, און די מומע רייזע האָט אָנגעטאָן אירע אַלטמאָדישע ברילן. זי זאָגט, אז אין זיי הערט זי א ביסל בעסער.

האָבן מיר אָנגעהויבן לייענען דעם בריוו פון א געאָפיזיקער צו טאַטע־מאַמע.

„טײַערע מײַנע!

איר זײַט שוין געוויס אין כאַשטשעוואַטע און וואַרט אף מײַן בריוו. נאָר דער בריוו האָט זיך אַ ביסל פאַרהאַלטן, ווײַל ס׳איז קיין צײַט ניט געווען דערקלײַבן זיך צום יִישעוו. מיר האָבן געאַרבעט די גאַנצע צײַט אָן אָפּרו. קוים אויסגעריסן באַם טאָג עטלעכע פרײַע שאָ, און איך נעם זיך אײַך שרײַבן. וואָס איז שײַעך טאָג מיט נאַכט, זײַנען דאָס בײַ אונדז גאַנץ באַדינגלעכע זאַכן, ווײַל די זון פאַרגייט דאָ ניט אַ גאַנצן זומער און די נאַכט מוזן מיר אַליין צוטראַכטן.

וועגן וואָס זשע זאָל איך אײַך שרײַבן? מיר לעבן אין אַ לאַגער פון פּאַלאַטקעס אינעם טאָל לעבן טײַכל סואָקער־יאַקי. דאָס איז אַ שמאָל טײַכעלע, דרײַ מעטער די ברייט, וואָס פליסט צווישן צוויי סאָפּקעס, פליסט גאַנץ גיך און שטורעמדיק, האַלט אין איין שפּרינגען איבער די גרעסערע און קלענערע שטיינער, הייבט אוף אַרום זיך אַזאַ טומל און אַזאַ ראַש, אַז די גאַנצע צײַט הענגט איבער אונדזער לאַגער אַ פּאַרטויבנדיקע הודזשערײַ. די ערשטע צײַט האָט עס אונדז היפּש דערקוטשעט. איצט זײַנען מיר שוין צוגעוווינט צו דעם. זיך צוגעוווינט, ווי צו די ווינטן, שנייען און רעגנס און צו די פליגעלעך, וואָס הייסן דאָ גנוס. אין די זעלטענע זוניקע טעג פליִען זיי דאָ אַרום מאַכנעסווײַז, גאַנצע וואָלקנס גנוס. צו דעם אַלעמען האָבן מיר זיך לײַכט צוגעוווינט, פּונקט ווי לײַכט מיר האָבן זיך געשיידט מיט דער היימישער געמיטלעכקײַט, מיטן הייסן מיטיק, מיט פרישן גאָרטנוואַרג. מיר דוכט, אַז קיינער פון אונדז באַדויערט ניט, וואָס ערגעץ ווײַט איז געבליבן דאָס רויִקע, געמאָסטענע לעבן, דער טעלעפאָן מיט דער קינאָ. ווײַל דאָס, וואָס מיר טוען דאָ, דאָס, וואָס מיר זעען און פילן דאָ, די שווערקײַטן און אומבאַקוועמלעכקײַטן, וואָס מיר לעבן דאָ איבער, האָבן אין זיך אַזויפיל וווּנדערבאַרס און אַזויפיל אומגעוויינלעכס, אַז עס דעקט אַלץ.

דעם עמעס געזאָגט, איז פאַר יעדן מענטשן זייער נייטיק כאָטש אף אַ כוידעש, אָנדערהאַלבן אַוועק פון דער היים, פון די אַלע באַקוועמלעכקײַטן, וואָס די הײַנטצײַטיקע ציוויליזאַציע גיט אים, אַוועק אין וואַלד, אין דער טײַגע, אין די בערג צי אין דער טונדרע. דעמלט וואָלט דאָס שטאָטישע לעבן אים אויסגעזען גאַנץ אַנדערש. מענטשן וואָלטן דאַן מער געשעצט דאָס, וואָס אָפּטמאָל באַמערקן זיי ניט.

אָבער דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, פילאָסאָפיע. איר ווילט דאָך וויסן, ווי גייט בײַ אונדז די אַרבעט. נאָך דעם, ווי מיר האָבן אויסגעפילט דעם קוואַרטאַל־פּלאַן, איז אַרבעטן געוואָרן פיל גרינגער. עס קומט שוין ניט אויס זיצן דורך די „נעכט“ און רעמאָנטירן די אַפּאַראַטור, מיר באַווײַזן אַלץ אָפּטאָן „באַטאָג“ (איך בעט פאַרגעדענקען די באַדינגלעכקײַט פון די דאָזיקע באַגריפן). מײַן אַרבעט איז אומעטום די זעלבע, דאָ, פּונקט ווי אין יאַקוטיע צי לעם דער וואָלגע. דער כילעק איז נאָר, וואָס דאָ האָבן מיר ווייניקער טעכניק און אַ סאַך זאַכן קומט אויס טאָן מיט די הענט.

די אײַזנבערג האָבן אין זייער צײַט דאָ היפּש אָן אַרבעט געטאָן, און די שפּורן פון זייער אָנגריף — גיגאַנטישע פעלדזן, פאַרוואַקסענע מיט געדיכטן מאָך, טרעפן זיך דאָ אף יעדן שריט און טריט.

און נאָך אַלעמען פיל איך זיך דאָ אויסגעצייכנט. איך פאַרהאַרטעווע דאָ אַקשאָנעסדיק דעם אָרגאַניזם. אַלע טאָג, בײַ יעדן וועטער. איך וואַש זיך אַרום, שטייענדיק העכער די קני אין דער אײַז־קאַלטער וואַסער פון אונדזער שטורעמדיק טײַכל מיטן מאָדנעם נאָמען סואָקער־יאַקי. און די רעזולטאַטן זײַנען זייער דערפרייענדיקע. פאַר דער גאַנצער צײַט אַפילע קיין איין מאָל זיך ניט צוגעקילט. כאָטש מעגלעכקײַטן פאַר דעם זײַנען דאָ אַזעלכע אויסגעצייכנטע, ווי אין ערגעץ ניט.

די אַרבעט אונדזערע גייט גאַנץ דערפאָלגרײַך. אין אונדזער פּאַרטיע זײַנען צוויי אָטריאַדן. איינער אַ רעגיאָנעלער, וואָס לייזט די פּראָבלעמען פון טיפן געבוי פון דעם קאָלסקער האַלב־אינדזל. דער צווייטער — אַ דעטאַליזירנדיקער, אין וועלכן איך אַרבעט. מיר שאַפן די מאַפּעס פון דעם איבערשטן שיכט און קלאָרן אויס דעם באַשטאַנד און די אָפּירונג פון די אײַזנאַרץ־פּלאַסטן אין דעם דאָזיקן ראַיאָן. אונדזער אַרבעט איז זייער אַ וויכטיקע, ווײַל לויט אירע רעזולטאַטן דאַרף מען אָפּקלײַבן די באַצירקן פאַר ווײַטערדיקע, מער קאָנקרעטע געאָלאָגישע אויסשפּירונגען.

ביז דער לעצטער צײַט האָבן די אויסשפּירונגען אפן האַלב־אינדזל קימאַט ניט געגעבן קיין מאַמאָשעסדיקע רעזולטאַטן. די סיבע איז אין דעם, וואָס דער געאָלאָגישער געבוי איז דאָ זייער אַ קאָמפּליצירטער און שטימט ניט מיט די געוויינלעכע סטאַנדאַרטן. אַדאַנק דער פּילדויִרעסדיקער וווּלקאַנישער טעטיקײַט זײַנען צווישן די אוראַלטע פּלאַסטן דורכגעדרונגען אַ סאַך יונגע. דערפאַר האָט ביז איצט זיך ניט אײַנגעגעבן צוזוכן די נייטיקע מעטאָדיק אף צו שאַפן די מאַפּעס פון די באַרגיקע טיילן פונעם האַלב־אינדזל. די אַרבעט פון אונדזער אָטריאַד, באַזונדערס פון דער סייסמאָלאָגישער סטאַנציע, מיט וועלכער איך פיר אָן, האָט געגעבן אין דער הינזיכט

זייער אינטערעסאַנטע רעזולטאַטן, און מיר האָבן אַ גרונט צו האָפן, אַז די געשטעלטע אויפגאַבע וועלן מיר אויספילן. פאַרשטייט זיך, אַז איך שטאָלציר מיט מײַנע דערפאָלגן, ווײַל אויב אונדז וועט זיך אײַנגעבן אונדזער אַרבעט, וועט אין עטלעכע יאָר אַרום דאָ זיך אָנהייבן אַ גרויס ראַשיק לעבן.

דערווײַל האָבן מיר זיך אַליין געמאַכט ערגער. אַדאַנק די רעזולטאַטן, וואָס מיר האָבן שוין, האָט מען אונדז פאַרגרעסערט די אַסיגנירונגען, דעם אַרבעטס־פאַרנעם, און מיר וועלן דאָ מוזן זײַן לענגער, ווי מיר האָבן געקלערט, ווי מע זאָגט דאָ, ביז די „ווײַסע פליגן", ביז ס'וועט אָנהייבן שיטן אַ שניי. נאָר מיר אַלע זײַנען דערמיט זייער צופרידן. דאָס גרעסטע גליק פאַר אַ געאָלאָג איז — זוכן און געפינען.

אַרבעט איז דאָ אָן אַ סאָף, נאָר מײַנע כעוורע זײַנען שוין שטאַרק פאַרמאַטערט. האָבן מיר באַשטימט מאַכן אַ רו־טאָג. אויב מאָרגן וועט זײַן אַ גוטער וועטער, פאָרן מיר פאַרטאָג אַוועק אָף פישפאַנג אַ קילאָמעטער פופציק פונעם לאַגער. אַ וווּנדערבאַר אָרט. און אָן אַ שיר פיש. בײַ אונדז איז אויך פאַרפלאַנירט אַן אַרויספאָר צום ברעג פון באַרענצעווער יאַם. פאַראַן דאָרטן אויסטערלישע ערטער פון סאַמע פעלדזן. אַליין די וואַסער פון באַרענצעווער יאַם איז פון עפּעס אַן אומגעווייִנלעכער פאַרב. ביכלאַל איז דאָ אָף וואָס אַ קוק צו טאָן.

איך דערמאָן אײַך נאָכאַמאָל, אַז איך פיל זיך אויסגעצייכנט. שוין לאַנג ניט געפילט אַזוי די אייגענע קראַפט. כ'האָב גאַנץ גוט זיך פאַריכט. נאָר וועגן פאָנעם קאָן איך גאָרנישט ניט זאָגן. צי האָב איך טאַקע באַקומען אַזעלכע קײַלעכדיקע באַקן, צי ס'באַקומט זיך בלויז אַזאַ אײַנדרוק איבער דער באָרד. שוין צוויי כאָדאָשים זיך ניט געגאָלט, און כ'בין ענלעך אָף אַ קובינעץ..."

— מײַן יאַנקעלע... — טוט אַ זאָג די מומע רייזע, טוט אויס די ברילן, און איך זע, ווי אירע אויגן הייבן אָן גלאַנצן, צי פון אַ פאַרלוירענער טרער, צי פון יענעם אויפבליץ, וואָס קומט בײַ איר שטענדיק אויף, ווען זי דערמאָנט איר זון. — פונקט אַזאַ אַקשן, ווי מײַן יאַנקעלע.

מיסטאַמע האָט די מומע רייזע ניט אַלץ פאַרשטאַנען. וואָס איז דאָס פאַר אַ מײַסע דאָרטן מיטן טאָג און מיט דער נאַכט, וואָס איז דאָס פאַר אַ געשיכטע מיט דער אויפירונג פון די אײַזנאַרץ־פלאַסטן, און ווי האָבן זיך עס איבערגעמישט די אַלטע פלאַסטן מיט די יונגע. איך אַליין האָב אויך ניט אַלץ פאַרשטאַנען. מיט דער נייראָכירורגיע בין איך שוין מער באַקאַנט. דאָרטן בין איך ווי בײַ זיך אין דער היים. דער עלטערער זון האָט מיר באַוויזן אָנדערציילן אָן אַ שיר געשיכטעס וועגן פאַרשיידענע אָפּעראַציעס, און איך קאָן זיי שוין אַליין איבערדערציילן. דער דאָזיקער בריוו איז פאַר מיר אַ נײַע סעדרע, פּונקט ווי פאַר דער מומע רייזען. דעם איקער האָט זי אָבער פאַרשטאַנען.

— אַפּאָנעם, אַז אײַער זון האַלט טאַקע בײַ געפינען אַ גרויסן אוֹיצער. ווי מיינט איר?

— גאַנץ מעגלעך, גאַנץ מעגלעך.

אין דרויסן האָט שוין אַרומגעשפּאַצירט אַן אויסגעשטערנטער טאַמעוודיקער אָוונט מיט זײַן מעכײַעדיקער, אָפּפרישנדיקער קילקײַט. אַרבעטער־לײַט, די, וואָס ענדיקן די אַרבעט אַזייגער פינף־זעקס, זײַנען שוין לאַנג געקומען פונעם בוג, און קאָלווירטניקעס, נאָרוואָס פון פעלד אָדער פונעם טויק, זײַנען ערשט געגאַנגען צום טײַך באָדן זיך. קינדווײַז בין איך מעקאַנע געווען די מענטשן, וואָס האָבן ניט מוירע באָדן זיך בײַ די שטערן, כ'האָב געהאַלטן, אַז זיי מוזן זײַן זייער געוואַגטע מענטשן. איצט איז ווידער אויפגעקומען דאָס דאָזיקע געפיל. קינע צו מײַנע אייגענע זין, וועמען ס'איז באַשערט געווען קומען אָף דער וועלט אין גאָר אַנדערע צײַטן. מיט איין וואָרט — אַ ביסעלע קינע צום נײַעם דאָר.

איך בין געשטאַנען לעבן דער מומע רייזעס שטיבל און פונדערווײַטנס זיך אײַנגעקוקט אין די גלאַנצנדיקע וואַסערן פונעם טײַך, אין וועלכן ס'האָבן זיך איצט אָפּגעשפּיגלט די שטערן, די גאַנצע אייביקײַט, און ווידער געמוזט אָנקומען צו איינשטיינס רעליאַטיוויטעט־טעאָריע. און טאַקע ווידער צו דעם, אַז אויב באַוועגן זיך מיט דער שנעלקײַט פון שײַן, ווערט די צײַט אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. נול צײַט! נאָרוואָס איבערגעלעבט יענע צוואַנציקער יאָרן מיט אַלע זייערע ווייטעקן און פריידן, און גלײַך אַריבערגעשפּרונגען אין גאָר אַן אַנדער עפּאָכע. איך בין אײנײנעם מיטן ייִנגערן זון אין טראַנספּאָליאַריע, איך הער, ווי עס רוישן די וואַסערן פונעם באַרגיקן טײַכל מיטן מאָדנעם נאָמען סואָקער־יאָקי, איך שטיי בײַ די ברעגן פונעם באַרענצעווער יאַם און קאָן זיך ניט אָנכידעשן אָף די אויסטערלישע פאַרבן פון זײַנע וואַסערן, אָף די פּרעכטיקע פיאָרדן. און מיך הייבט שוין אָן באַאומרויִקן די קאָמפּליצירטקײַט פון דער געאָלאָגישער אויסשפּירונג אין טראַנספּאָליאַריע, וווּ אַדאַנק דער וווּלקאַנישער טעטיקײַט האָבן זיך איבערגעמישט די אוראַלטע פּלאַסטן מיט די גאָר יונגע...

און איבער די אַלע פאַרשיידענע צייַטן און עפּאָכעס — דער זעלבער הימל, די זעלבע שטערן...

געוויס וועט די מומע רייזע מאָרגן פאַרפירן א שמועס וועגן דעם בריוו און אָנהייבן אויספרעגן און איבערפרעגן בא מיר אַלץ פונעם אָנהייב ביזן סאָף. און איך וועל איר מוזן דערציילן וועגן געאָלאָגישן געבוי און וווּלקאַנישער טעטיקייַט. און איך וועל איר ווײַזן דערווייַזן, אז ווולקאַנישע אופּברויזן קומען פאָר ניט נאָר אין לעבן פון דער ערד, נאָר אויך אין לעבן פון מענטשלעכע דורות.

אָט שפּאַן איך איבער די ערדן פון מייַן קינדהייַט, די צייַט האָט אַלץ איבערגעשלייַדערט און איבערגעמישט, און קיין שום אפּאַראַטור פאַרמאָג איך נישט. ניט קיין סייסמאָלאָגישע סטאַנציעס און ניט קיין מעכאַניזמען. סייַווי וועלן זיי דאָ גאָרנישט ניט אופטאָן. דאָס איינציקע געווער מייַנס איז מייַן אייגענער זיקאָרן. נו, און דאָס האַרץ, פאַרשטייט זיך, כאָטש שוין גאָר ניט אזא שטאַרקס. הייבט אָן ארבעטן דער זיקאָרן, גיט דאָס האַרץ א קלעם, א פּרעס, גיט א שטאָך אמאָל ביזן אקסל אַרייַן, ווי איינער רעדט: „גענוג, מער קאָן איך ניט".

וואָס זשע זאָל איך טאָן, אז דאָס האַרץ קאָן שוין ניט נאָכטאַנצן נאָכן זיקאָרן? אף דעם האָט די נייראָכירורגיע נאָך קיין ענטפער ניט געפונען. איז לאָמיר דאָך גיין, ביזוואַנען סע גייט זיך, פון ציגל צו ציגל, פון שטויבעלע צו שטויבעלע, און לאָמיר זיך פאַנאַנדערקלייַבן אין דעם איבערגעמיש פון פאַרשיידענע פּלאַסטן, עלטערע און ייִנגערע. לאָמיר ארויסציִען פון דער פאַרגאַנגענהייַט אַלץ, וואָס איז מעגלעך. זאָל עס בלייַבן אין זיקאָרן, און זאָלן די קינדער מייַנע, וואָס גריבלען זיך אין די האַלבקייַלעכן פון דער ערד און אין די האַלבקייַלעכן פונעם מענטשלעכן מויעך, וויסן, פונוואַנען זיי אַליין שטאַמען. ווייַל ס׳וועט אוועק א יאָר, צען, פופציק, כ׳ווייס ניט וויפל יאָרן, און אַליין דאָס שטעטעלע כאַשטשעוואַטע וועט ווערן אַן איניען פאַר געאָלאָגן און אַרכעאָלאָגן...

איז שטאַרק זיך, איבערגעמאַטערט האַרץ מייַנס, לאָמיר איבערבלעטערן און פאַרגעדענקען די פאַרפלויגענע יאָרן.



אווראָם גאָנטאַר

פון פאַרשיידענע העפטן

איך בין אַ באַרדיטשעווער

איך בין דאָך אַ באַרדיטשעווער, —
גוטמאָרגן, מײַנע שכיינים!
ווו כ׳זאָל זיך ניט אַ טיטשע טאָן,
דאָרט קען איך יעדן איינעם.

דער גנילאָפּיאַט נאָך שלענגלט זיך
מיט זײַנע פוילע פּיאַטעס.
דער אַלטער שליאַך נאָך סטענגלט זיך,
און אַלץ, עס דאַכט זיך, גלאַט איז.

דער קלויסטער, ווי פאַרצײַטנס, שטייט
אין שטאָט אויף בעלאָפּאָלסקי,
די פירשטן גאַנסקאַ האָט פאַרדרייט
באַלזאַקן דאָ „פּאַ־פּאָלסקי״.

די ברייטע גאַס צעשניטן ליגט
מיט דלאַניקע קאַשטאַנען,
אַ לינדער ווינט די ביימער וויגט
און וויל מיר אַלץ דערמאָנען...

ניין, ניין, איך בעט דיך, טשעפּע ניט,
וואָס האָסטו צו מײַן לעבן?
פאַרגאַנגענהײַט, דו שלעפּ מיך ניט —
כ׳האָב אַלץ דיר אָפּגעגעבן.

מײַן וועלט, האָסט מיך געקאָסט אַ סאַך,
פיל מערער, ווי אַן אַנדערן,
פאַרלאָזט דעם סטענגלדיקן שליאַך,
האָב איך גענומען וואַנדערן.

געזען איך האָב די בערג, דעם יאַם,
כ׳האָב שטיין געטעסעט אין אוראַל,
אין נאַגאַסאַקי, אין וויעטנאַם
געברענט האָט מײַן נעשאָמע.
נאָר דו, מײַן היים, ביסט איבעראַל —
מײַן טרייסט און מײַן נעכאָמע.

מע זאָגט טאַקע, די ערד זיך דרייט
און רונד אַרום זי גייט זיך.
מײַן קאָפּ איז שוין אַצינד פאַרשנייט,
כ׳האָב טויזנט מאָל זיך שוין צעשיידט
און אַלץ געבענקט, פאַרשטייט זיך.

איך בין דאָך אַ באַרדיטשעווער,
אָט דאָ בין איך געבאָרן.
דאָס האַרץ זאָל מיך ניט מוטשען מער,
געקומען כ׳בין צו פאָרן.

איצט שטיי איך ווידער אין בולוואַר —
עס צוויטען די קאַשטאַנען.
איר מעגט אײַך זאָגן, ס׳איז אַ נאַר
פאַרבליבן אַלץ אווראָם גאָנטאַר
און וויניק וואָס אין לעבן האָט פאַרשטאַנען.

נאָר מוידע בין איך זיך פאַר אײַך,
כ׳האָב ליב דעם גנילאָפּיאַטקע־טײַך,
די פּיסקעס און דאָס אַלטע פעלד —
מײַן אָנהייב־וועלט, מײַן ענדע־וועלט.

דאָס געזינדל

אָט זיצט זי, ביילע־הינדע פון די קלאָווים —
דער גרעסטער יאַכעס באַ די שינדער
און קאַצאָווים.

זי זיצט זיך אויף דער פּריזבע ברייט־צעפלאָסן,
גלײַך אַ פאַס מיט קוואַס
זי וואַלט אין בויך אַרײַנגעגאָסן.
זי שאָבט די פיש,
די ליסקעס אינעם פּאָנעם שפּריצן,
און אירע רוגזעדיקע רייד — ווי שאַרפע בליצן...

ווער נאָך איז אויף די פּיסקעס דיק,
ווי ביילע־הינדע?
און ווער פאַרמאָגט אַזעלכע וואַוּשנע קינדער?

וואָס שײַעך יאַכעס —
איז ניטאָ זיך וואָס צו שעמען,
און ווען עס געפעלט ניט — זאָל ער ברענען!

דער מאַן — דער היצל ביינעש־איצע
(כאָטש ס׳רופן אים די כניאַקעס:
איצקע־טיטשקע) —
וועט אין גאַרטל צוואַנציק יונגערמאַנטשיקלעך
פאַרשטעקן,
און טאָמער ווילט איר גאָר,
איז זאָלן זיי דעם שוויס אים לעקן.

נאָר ביילע־הינדע וועט נאָך האָבן א נעקאָמע —
איר בערעלע וועט אויסטרייסלען די סאָנים
די נעשאָמע.

און כאָטש ער איז א שינדער אף דער בוינע,
וועט דאָס שענסטע מיידל זײַן אף אים א קוינע.

נאָך זײַנע טריט די מוידן שטארבן
שוין אצינדער,
זוער נאָך פארמאָגט אזא מין קארק,
ווי בערקע שינדער.

— ביינעש־איצע, — שרײַט זי, — כ׳וועל
באנאכט דיך ווארגן,
דו פרווו נאָר אָפּגעבן דעם הונט
דער אלטער קארגע.

דו האָסט געכאַפּט אים אין דער טיטשקע,
איז ער דײַנער,
און זאָל זי גיין צום ראָוו מיט אירע טײַנעס.

כ׳וועל א גאָרזשעטקע פון דעם הונט זיך מאכן,
און זאָל די קליפּע וויסן, ווי פון מיר צו לאכן.

און ביינעש־איצע שווײַגט.
עס קוועלט אים די נעשאָמע.
זײַן ביילעניו איז טאקע א כאכאָמע.

ס׳איז שטיל אין פּאָנאר

ס׳איז שטיל איצט אין פּאָנאר,
דאָס גראָז איז ביז די קני,
אין דעם געהיימניס פונעם וואלד
עס שוועבט ארום א קישעף,
נאָר דאכט זיך, באלד
וועט אָט דעם שטילן אינדערפרי
צערײַסן א געשריי,
אָן איימעדיקער גוואלד,
וואָס אין דער טיפעניש פון ד׳ערד
זיך דאָ באהאלט, —
אָט־אָט וועט זי, די שטילקײַט,
ווערן אופגעריסן.

אין טויזנט־שאָטנדיקער גרוב איך קריך אראָפּ —
דאָרט וואקסן איצט שוין יונגע ביימער.
ניין,
עס שטייט איבער מײַן קאָפּ דאָ ניט קיין ראָב, —
אין גרינס פון דעמב — א זינגפויגל
א שיינער —
א בלויערל, מיט פעדערלעך פון זײַד,
מיט לויכטנדיקע אייגעלעך מיט ריינע.
נאָר ס׳דוכט מיר אלץ,
איך הער, ווי עמעץ שרײַט, —
צי שרײַען ניט פון גרוב מײַן מאמעס ביינער?..

איך מאך די אויגן צו,
און פינצטער ווערט ארום,
די ביימער הייבן אָן זיך בייגן, וויגן:
אָט דאָס האָב איך צעעגבערט זייער רו,
און יעדעס בלעטעלע האָט זיך צעשריגן.
דאָס בלויערל דאָס העלדזל האָט פאריסן
און טרויעריק גענומען זיך פארגיסן.

איך פאל אנידער אינעם פײַכטן גראָז,
א צווײַגל שווארצע יאגעדעס
צו מיר האָט זיך פארבויגן.
פארוואָס גאָר יאגעדעס?
פארוואָס?
ס׳איז לייעס אייגעלעך —
זיי פרעגן מיט פארדראָס:
— פארוואָס האָט מען מיט זאמד
פארשאָטן מיר די אויגן?

ס׳איז שטיל איצט אין פּאָנאר,
א וואלד, ווי יעדער וואלד,
מיט סאָסנעס, מיט בערעזעס און מיט קליאָנען,
נאָר יעדעס אָדערל פון בלאט באהאלט
די גרויזאמע געהיימניס
שטײַף פארפרעסט אין דלאָניע.

• • •

נעכאמע ליפשיצײַטען

דײַנע פריילעכע הענט,
דײַנע טרויעריקע פינגער!
אין זיי איז געווענדט,
צי ס׳איז שווער,
צי ס׳איז גרינג מיר.

יעדער זילב,
יעדער קלאנג
פון דײַן ליד, פון דײַן ניגן
איז דער זיפץ פון א זאנג,
ווען דער ווינט נעמט אים וויגן.

ס׳איז מײַן מאמעס די ליד —
ס׳איז איר שײַן,
ס׳איז איר שאָטן.
ס׳איז מײַן שוועסטערס געמיט
אין דײַן ניגן פארקנאָטן.

ס׳איז מײַן זיידנס „די שער" —
און דו האָסט פארהיט זי.
ס׳איז מײַן באָבעס די טרער —
אין דײַן אויג, זע איך, גליט זי.

פון דײַן קאָל,
פון די הענט,
פון די טרוי׳ריקע פינגער —
פון זיי איז געווענדט,
צי ס׳איז שווער,
צי ס׳איז גרינג מיר.

יאם־לידער

1. שוואַכים

— דער יאם איז שיין!
— דער יאם איז טיף!
— דער יאם איז גרויס!
ווי האַלט ער עס,
דער אַלטער, אויס
די אַלע שוואַכים?
און איך וויל אויכעט זיין א כאַכעם —
אים אויכעט זאָגן עפּעס צארטס,
און קומען זאָל עס פונעם טיפן הארץ.

— דער יאם איז טיף?
נאָר פון דיין אויג ניט טיפער.
— דער יאם איז גרויס?
נאָר גרעסער איז דאָס אויג.
און אויב ער איז א בייזער און א שטיפער,
איז שטיפערישער, בייזער נאָך דיין אויג.

אפילע ער —
דער בלויער,
גרינער,
שווארצער —
ניט פולער איז פון אויג,
וואָס לאָזט קיין טראָפּנדל אין זיך אריין,
וואָס האָט אריינגעזאַפּט די קלוגע שיין,
די לויטערע און בלענדיקע קאָלירן,
א הארץ א מערדעריש אפילע
זאָל קראַפּירן,
ווען ס'דרינגט אריין אין דעם
די שפּיל פון פארב און ליכט.

וואָס שמייכלסטו?
דו מיינסט געוויס,
דער גראם האָט מיך פארפירט?
ס'איז ניט אזוי,
ס'איז אַלץ נאָר איבער דיר:
איך האָב געוואָלט דעם יאם היינט לויבן —
האָב איך דערמאָנט זיך דיינע אויגן.

2. גאָלד מיט זילבער

איך בין פון לאַנגאָנען
אין דיר שוין פארליבט.
באַטאָג האָסטו זילבער
געזיפּט און געזיפּט.
באַנאַכט האָסטו גאָלד
אף די וועלן צעשאָטן
און פלוצעם גענומען גאָר
לאַכן און שפּאָטן.

גענומען זיך ווארפן אף מיר,
ווי א ווילדער.
אָט ערשט אזא זיידענער,
ווייכער און מילדער,
דו האָסט מיך געקושט
אינעם האַלדז, אינעם שטערן,
איך זאָל גאָר ניט מיינען,
איך זאָל גאָר ניט קלערן,
אז דו ביסט א קייסן,
אז דו ביסט א שלעכטער.
אז דו קאָנסט צערייסן,
צעשמייסן, צעבייסן,
זיך ווארפן אף ברעגן
און טאנצן און שטיפן,
און שלעפּן צום אָפּגרונט
פארלוירענע שיפן,
אז פעלדזן געזונטע
צעשמעטערסט, ווי שפּענער...

פארטאָג כאַפּסטו אוף זיך
נאָך לויטערער, שענער.
באַנאַכט האָסטו גאָלד
אף די וועלן צעשאָטן,
אף גאָלדענע סטעזשקעס
כ'בין ווידער געטראָטן.
באַטאָג האָסטו זילבער
געזיפּט און געזיפּט.
און נאָכאַמאָל האָב איך
אין דיר זיך פארליבט.

א וואָרט צו די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“

אינטערנאַציאָנאַליזם, ווי מיר דוכט, איז איינער פון די פּרוכטבאַרסטע שטריכן פון אונדזער כאַראַקטער. אין קלאַס, וווּ איך האָב זיך געלערנט, זײַנען אַכוץ רוסן געווען קינדער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן: צוויי מיידלעך — אַ פּוילישע און אַ ייִדישע, און ייִנגלעך — אַ ליטווינער, אַ טאָטער, אַ קאַרעל. ביז דעם 5־טן, 6־טן קלאַס האָבן מיר עס אַפילו ניט געוווּסט. ניין, וועגן איינעם האָבן מיר יאָ געוווּסט — וועגן דעם טאָטער. און געוווּסט האָבן מיר עס צוליב זײַן אויסטערלישער פאַמיליע — קוטלוקוזין. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן זייער געוואָלט טרעפן, וווּ האָט ער עס געפּאַקט אַזאַ ווילקלינגעוודיקע פאַמיליע. אין די עלטערע קלאַסן האָבן מיר שוין יאָ געוווּסט ווער־וואָס. אָבער עס האָט פאַר אונדז לאַכלוטן קיין שום באַדײַטונג ניט געהאַט, ווער צו וועלכער נאַציאָנאַליטעט עס געהער.

איך האָב דאַן געלעבט אין דער אַלטער רוסישער שטאָט טווער. שפּעטער האָט מען זי אָנגערופן קאַלינין. אין שטאָט האָבן געוווינט מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, און דאָס האָט בײַ קיינעם ניט אַרויסגערופן קיין שום פראַגן. אַ ליאַדער שאָזיניסטישער אָפּגרעפּץ פלעגט זיך אָנשטויסן אויף דער סאַמע פאַרביסנסטער דערווידערונג. איך געדענק, ווי אויף אַ קאָמיוגישער פאַרזאַמלונג האָבן מיר איינמאָל באַהאַנדלט די פראַגע וועגן אַ באָכער, וואָס האָט שיקערערהייט אָנגערופן אַ ייִדן „זשיד“. אָך, ווי לײַדנשאַפטלעך ס'איז אַדורך יענע פאַרזאַמלונג! איינשטימיק האָבן מיר דעם שולדיקן אויסגעשלאָסן פון קאָמיוג, און איינעם מיט אונדז האָט געשטימט דאָס מיידל, מיט וועלכן ער איז געווען באַפרײַנדעט. יודאָפאָב! — שווער זיך פאָרצושטעלן עפּעס מער שענדלעכס פאַר אַ סאָוועטישן מענטשן! און ס'איז קיין כידעש ניט, וואָס דער דײַטשישער אָקופּאַנט האָט באַגעגנט אַזאַ פאַרביסענעם ווידערשטאַנד, בײַס עס איז אַוועק אין גאַנג די פאַשיסטישע העסלעכע ראַסןפּאָליטיק און מע האָט אָנגעהויבן כאַפּן ייִדן און ציגײַנער. די קנאַפּע אײַנוווינער פון מײַן געבורטסשטאָט, וועלכע האָבן לויט פאַרשיידענע סיבעס זיך ניט עוואַקויִרט, האָבן זיך אַקשאָנעסדיק קעגנגעשטעלט די מערדער פון ייִדן, און די ייִדישע מישפּאָכעס זײַנען באַהאַלטן געוואָרן אין די ריזיקע צוזאַמענוווינונגען פון די טעקסטיל־פאַבריקן „פּראָלעטאַרקע“, „וואָלאָטשײַעווקע“.

אין מײַן דערציילונג „דאָקטער ווערא“ רעד איך וועגן עמעסע געשעענישן, וועלכע זײַנען זיך פאַרלאָפן אין מײַן היימשטאָט בײַס דער דײַטשישער אָקופּאַציע. איך דערצייל וועגן פײַנלעך־שווערן לעבן פון אַ פרוי אַ דאָקטער, איר עמעסער נאָמען איז לידאַ טיכאָמיראָוואַ, זי לעבט אויך איצט און אַרבעט אַלס פאַרוואַלטערן פון טראַוומאַטאָלאָגישן אָפּטייל אין איינעם פון די קאַלינינער שפּיטאָלן. צי דען האָב איך, דערציילנדיק אָט די טרויעריקע געשיכטע, געקאָנט ניט שילדערן דעם טראַגישן גוירל פונעם אינזשעניער יויסעף בליטשטיין און פון זײַן מישפּאָכע!

די „ייִדישע סוזשעטישע ליניע“ פון מײַן דערציילונג שטעל איך צום מישפּעט פאַר אײַך, טײַערע לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“.

ב. פּאָלעוואָי



באָריס פּאָלעוואָי

דאָקטער ווערא

(ניט קיין אָנגעשריבענע בריוו)

עטלעכע ווערטער ביז...

אנומלטן, סאָף ווינטער, האָב איך זיך מיט א גרופּע פרײַנט אומגעקערט פון א רײַזע איבער אמעריקע. אין פּאַריזש האָבן מיר זיך איבערגעזעצט אַף א סאָוועטישן לײַנער. ווי נאָר ער האָט זיך אופגעהויבן אין דער הייך, זיך דורכגעריסן דורך די וואָלקנס און איז ארויס אַף דער זון־אַנגעזאַפּטער ראַכוועס, האָב איך זיך גלײַך דערפילט אין דער היים.

דער טײַוול ווייסט עס, אַזוי זײַנען מיר שוין מיסטאמע באַשאַפן: ווי נאָר מיר טרעטן אַריבער די גרענעץ, ווי גוט מע זאָל אונדז דאָרט ניט אופנעמען, וואָס פאַר אַן אויסטערלישע זאַכן מע זאָל אונדז דאָרט ניט ווײַזן, נעמען מיר גאַנץ גיך בענקען נאָך אונדזער היימלאַנד, נאָך דער סאָוועטישער לופט גופא, נאָך אונדזער באַזונדערס אינטערעסאַנטן און ניט גרינגן זײַן. און כאָטש אהינטער אונדז זײַנען געבליבן צענדליקער טויזנטער מײַל פון די פאַרייניקטע שטאַטן, אומבאַקאַנטע שטעט, ביז גאָר טשיקאַווע באַקאַנטשאַפטן, שמועסן, מאַכלויקעס מיט קלוגע מענטשן פון אַן אַנדערער, פרעמדער וועלט, האָבן מיר אַלע מיטאמאָל פאַרגעסן וועגן דעם אַלץ און גיריק זיך ארופגעוואָרפן אַפן שמעקנדיקן שווארצן ברויט פון באָרט־פּאַיאָק, אַף אונדזערע צײַטונגען: מיר האָבן זיי דאָך ניט געזען, ווי אונדז האָט זיך אויסגעוויזן, ווייסעך וויפל צײַט. די פּרעסע איז געווידמעט דעם טאָג פון דער סאָוועטישער ארמיי. פון צײַטונג קוקן סאָלדאַטן, אָפיצערן, גענעראַלן, מאַרשאַלן. איך לייען אַרטיקלען, פאַרצייכענונגען, און אונטער דער ווײַסער וואָלקן־פעל, וואָס איז דורכגעשטעפּט מיט קרומע זון־שטראַלן, שווימט איראָפּע — דער ענגסטער און סאַמע באַארבעטער און באַווינטער שטעק אַף דער וועלט, וואָס די מענטשן,

וועלכע קוקן היינט פון די צייטונגס־שפאלטן, האָבן געראַטעוועט און אָפּגעראַטעוועט פון גרעסטער געפאַר, וואָס האָט ווען־עס־איז געדראָעט דער מענטשהייט.

איבערבלעטערנדיק די צייטונגען, האָב איך זיך דערקליבן צום „מעדיצינישן ארבעטער". און גלייך האָט זיך מיר א וואָרף געטאָן אין די אויגן די שטאָט קאלינין... מיין היים־שטאָט! וואָס זשע איז דאָרט געשען? דער נאָמען פון ארטיקל: „דאָס הימלאנד גדענקט". די אונטערשריפט: פעלדפאַלקאָווניק פון מעדיצינישער דינסט נ. ווישניעווסקי. איך האָב גענומען לייענען. אין מיינע אויערן האָבן אָנגעהויבן קלינגען האַלב פארגעסענע שטימען פון מיין יוגנט. עס דערציילט זיך וועגן א פרוי א דאָקטער, וואָס איך האָב געקענט. מיט איר מאָן בין איך אמאָל געווען באפריינדעט, און זי אליין, דאָס דינע קורנאָסע מיידל, מיט גרויסע גרויע אויגן האָט זיך מיר אויך פארגעדענקט. דער שווערער גורל פון דער דאָזיקער פרוי, וואָס איז אין א באַשטימטן עטאַפּ געווען אפילו א טראגישער, איז מיר באוווּסט געווען. אייגנטלעך האָב איך קיין שום נייס אין דעם ארטיקל ניט געפונען. וועגן אַלץ, וואָס דאָ האָט זיך געשריבן, האָבן מיר מיינע זעמליאקעס געהאַט דערציילט. נאָר איין זאַך איז זיך דערוויסן, אפילו אויסערגעוויינלעכע זאכן, אויף דער אייגענער ערד, אין א געמיטלעכן שמועס בא א גלאָז טיי, און גאָר עפּעס אנדערש איז, ווען די זעלבע געשיכטע רייסט זיך אריין אין אעראָפּלאַן, וועלכער טראָגט דיך איבער פרעמדע לענדער. דאָס, וואָס אין שטוב וואָלט זיך אויסגעוויזן געוויינלעך־וואָכעדיק, האָט זיך פּלוצעם פארוואנדלט אין אויסערגעוויינלעכן און ווונדערלעכן. ס'האָט גאָר אויף א נייעם אויפן א קלונג געטאָן די אָדיסייע פון א פרוי א סאָלדאט, וואָס האָט אופגעטאָן און דורכגעמאכט אין דער מילכאָמע אזוינס, וואָס איצט, אין דער צייט פון שאָלעם, זעט עס אויס קימאט אומגלייבלעך. איך האָב דעמלט, אין אעראָפּלאַן, זיך געגעבן דאָס וואָרט צו באשרייבן די דאָזיקע געשיכטע. און אָט האָט איר זי פאר זיך. נאָר איך מוז וואָרענען דעם לייענער: די געשיכטע „דאָקטער ווערא" איז ניט קיין קאָנקרעטע ביאָגראַפיע פון א מענטשן, ניט קיין כראָניק פון געשעענישן, כאָטש זי איז אויסגעוואקסן פון א לעבנס־סוזשעט. איך ווענד זיך אויך צו מיין זעמליאטשקע, אז אויב דאָס בוך וועט אריינפאלן אין אירע הענט, זאָל זי עס ניט מעסטן מיט דער פּינקטלעכער מאָס פון איר אייגן ערלעך און גוט לעבן, זאָל זי מיך ניט שטרענג אורטיילן פאר דעם, וואָס איך האָב אויף מיין אויפן דערציילט וועגן געשעענישן, וועלכע זי האָט דורכגעלעבט. אָט וואָס איך האָב געהאלטן פאר מיין פליכט מיטצוטיילן אייך, לעזער, איידער איר וועט עפענען דאָס בוך.

דו ווייסט, סעמיאָן, די לעצטע נעכט מאטערט מיך א מאָדנער איינגעגעסענער כאָלעם. ווי נאָר איך שפאר זיך צו, פארמאך די אויגן, זע איך גלייך דייטלעך א וועלכן־ניט־איז ווינקל פון אונדזער שטאָט ווערכני־וואָלזשסק. די רויטע ציגלנע געביידע פון מיין שול, הארבסטיק־נאַקעטעביימער ארום דער שול און שארפע דורכזיכטיקע שפּיצן פון דער בריק, וועלכע קוקן ארויס דורך די ביימער... די גאס אפן הויכן ברעג פון דער וואָלגע, די אלטערטימלעכע טשוהון־גראַטעס און אומבאדינגט די באנק, אויף וועלכער מיר זיינען מיט דיר אמאָל געזעסן און באגעגנט דעם זון־אופגאנג. דו געדענקסט, דער מיליציאָנער מיט די וואָנצעס, וועלכן דו האָסט געגעבן פאַרייכערן, האָט, צווינקענדיק מיט אן אויג, באמערקט: „איך ווייס אליין ניט, וואָס איך זאָל אייך ווינטשן, מיינע יונגע לייט, א רויִקע נאכט צי א שיינעם גוטמאָרגן". אָפּט זע איך אויך דעם ערד־אָנשיט באַם טייכל טמא, ווו מיר פלעגן מיט דיר הערן דעם מעטורעפּן סאָלאָוויי, וועלכן דער גוטעריאָר האָט פארשלעפּט אין סאמע שטאָט. נאָר אָפטער און וואָרהאפטיקער פון אלץ זע איך אונדזער אכטקאנטיקן פּלאַץ מיט די רונד־אונטערגעשאָרענע לינדנביימער און לעגינס דענקמאָל, ווו איך מיט דאָמקען פלעגן שטענדיק וואַרטן אויף דיר, אפן טאטן, וועלכער וועט אָט־אָט ארויס פון זיין גאָרקאָם און מיר וועלן צוזאמען מיט אים זיך דורכשפאצירן, גייענדיק אהיים.

מיט איין וואָרט, איך זע, סעמיאָן, עפּעס זייער באקאנטס, נאָר גראָד איבער דעם טייל שטאָט, וואָס איך זע אין כאָלעם, שוועבט אין הימל א סטייע אָנפליגלדיקע מאשינעס. אין דער ענגשאפט שטויסן זיי זיך קימאט אָן איינע אין דער אנדערער. זיי זעען אויס ווי ריזיקע אָנגעפּרעסענע רויפּן. זיי קרייזן, נידערן. און אָט האָבן זיך פון די רויפּן אָפּגעטיילט און עס פליִען שוין, ווי פון ווינט אראָפּגעריסענע בלאָז־בלימלעך, גרויע פארמלאָזע פארזעענישן.

נידעריקער, נידעריקער. אָט זיינען זיי שוין אויף דער ערד... ניין, דאָס זיינען ניט קיין היטלעריסטישע פאראשוטיסטן, וועגן וועלכע איך האָב זיך אזויפיל אָנגעהערט. עס זיינען ביכלאַל ניט קיין מענטשלעכע באשעפענישן, דאָס איז עפּעס אומבאוווּסטס און אומפארשטענדלעך גרויליקס. ס'קאָן זיין, זיי זיינען באשעפענישן פון אן אנדער פּלאנעט. איך בין ניט בעקויעך

זיך אײַנצוקוקן אין זיי, נאָר איך פיל: עס רוקט זיך דאָס אומפאַרמײַדלעכע. עס כאַפּט מיך אָן א גרויל: גיכער צו די קינדער! די קינדער זײַנען אליין. לויפן, לויפן צו זיי!.. אָבער די פיס זײַנען צו דער ערד צוגעקלעפּט, ניט אָפּצורײַסן, ניט א ריר צו טאָן.

דערווײַל שלײַכן שוין די גרויע באַשעפענישן איבער די גאסן, פויזען דורך די פענצטער, דורך די טירן. קינדער! די קינדער געפינען זיך דאָך דאָרטן. נאָר קיין קויעך איז ניטאָ. ניטאָ קיין קויעך זיך צו רירן פונעם אָרט. א גרויל. ניין, ניט קיין גרויל, נאָר א נאָגנדיקער אומעט פון אויסגאנגלאָזיקײַט נעמט מיך ארום. איך כאַפּ זיך אויף אין טרערן. איך קאָן ניט פארשטיין, ווו איך בין, וואָס עס טוט זיך מיט מיר... עפּעס קלאַפּט, און פון אָט דעם באַקאַנטן דאָפּלט־ריטמישן קלאַפּן ציטערט אַלץ ארום. דערנאָך שטויס איך זיך אָן: דאָס קלאַפּט דאָך מײַן הארץ. צו מיר דערטראָגט זיך א כראָפּערײַ, א קרעכצערײַ, א געמורמל פון שלאָפנדיקע. פון דער פינצטערניש שיילט זיך אויס א קײַלעכדיק פארעלטערט פּאָנעם מיט באַקן פון מערן־קאָליר, א קליין געשיקט הענטל צײַלעמט מיך, ווי עס וואָלט מיך באַזאַלצן, און ליפּלעך פּרעפּלען:

— ווערא ניקאָלײַעוונא, כריסטוס איז מיט אײַך! כאַפּט זיך שוין אויף! ווערא ניקאָלײַעוונא!..

ווידער האָט איר געשריִען פון שלאָף מיט א מעשונעדיק קאָל.

איך קום צו־זיך. איך זע שוין דײַטלעך מײַן ווינקל, וואָס איז אָפּגעצוימט מיט אַלמערס, וואָס שטייען אין איין שורע און טיילן אָפּ דאָס ווינקל פון דער פּאַלאַטע, ווו עס געפינען זיך שווער־קראַנקע. איך זע לעבן זיך סטאָלקעס געקרײַזלט קעפּל און אָפן צווייטן עק בעט דאָמקעס ראָזלעך פּאָנעם. מיר שלאָפן זאַלבעדריט וואַלעטאַרטיק. אָט זײַנען זיי מיט מיר, מײַנע טײַערע, ס׳האָט גאָרנישט ניט געטראָפן מיט זיי.

— ...כאַפּט זיך שוין אויף! גיכער, גאָט איז מיט אײַך.

יאָ־יאָ, איך בין שוין וואַך... נאָר דער אײַנגעגעסענער כאָלעם איז נאָך אַלץ דאָ, אין דער שטיקנדיקער האַלב־פינצטערניש, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט קאַרבאָלקע און ליזאָל. איך הייב זיך אויף, טו אָן די שטעקשיך, דעם כאַלאַט, שלעפּ ארויף דעם קאָלפּעק און באַפרײַ זיך ענדלעך פונעם כאָלעם. איך דעק צו די קינדער, גיי אהין, אין דער אומרויִקער האַלב־פינצטערניש פון די פּאַלאַטעס, און הער אהינטער זיך די שאַרנדיקע טריטעלעך, דאָס זיפצן פון דער מומע פעניע — פון אונדזער אַלטער כירורגישער ניאַניע.

איך פארשטיי ניט, פארוואָס פּײַניקט מיך אזוי דער כאָלעם. אין דער איצטיקער וואָר איז דען ווייניקער גרויל? די פײַכטע, קאַלטע קעלערס פון דער גרויסער גאַז־באַהעלטעניש זײַנען אָנגעפּראָפט מיט מענטשלעכער פּײַן און ליידן. מע פירט און מע טראָגט אהער טאָג ווי נאַכט פארווונדעטע און אָפּגעברענטע. דו קאָנסט זיך ניט פאָרשטעלן, סעמיאָן, וואָס עס טוט זיך איצט אין אונדזער שטאָט. אַן אַליאַרעם נאָך אַן אַליאַרעם. די ערשטע צײַט האָט מען אונדז ניט זייער שטאַרק באָמבאַרדירט, מע האָט אַפילע גערעדט, אז היטלער וויל קלוימערשט אײַנהיטן די שטאָט, קעדיי זײַן כאַיל זאָל האָבן ווו אָפּצורוען אויפן וועג קיין מאָסקווע. נאָר איצט האָט ער, אָפּאָנעם, איבערגעטראַכט, ווײַל זײַנע עראָפּלאַנען קומען נאָכאַנאַנד צו פליִען. עמעס, עס פאַר־טיידיקן אונדז די זעניטקעס. די טעג האָבן זיך די דײַטשן דורכגעריסן צו דער שטאָט באַם עראָדראָם. זיי האָבן דאָרט אוועקגעשטעלט אַרטילעריע, און דאָס איז שוין א סאַך געפערלעכער. פון א סנאַריאַד וועסטו ניט באַווײַזן צו אַנטלויפן אין באַהעלטעניש.

נאָר ערגער פון אַלץ איז די אומבאַשטימטקײַט. אין די סוואָדקעס איז דער סוינע אָפּגע־שטעלט לעבן אונדזער שטאָט און ער האָט וועזנטלעכע פארלוסטן אין לעבעדיקער קראַפט און אין טעכניק... אונטערגעהאַקט... פארניכטעט. פּאַרטיזאַנער קעמפן אין די וועלדער ארום אונדזער שטאָט... אָבער די אַלטע, וועלכע מע האָט נעכטן געבראַכט מיט א צעדרויבלטן פוס, טײַנעט: „היטלער איז צוגעגאַנגען צום סאַמע שוץ־ראָוו, וואָס מע האָט אויסגעגראָבן אָף צו פארהאַלטן די טאַנקען...“ און דאָס כאַפּעניש מיט דער עוואַקואַציע פון די שפּיטאָלן. אָבער די הויפּט־זאַך איז, וואָס די סאַניטאַר־צוגן פליִען דורך פארבײַ אונדזער שטאָט, שטעלן זיך אַפילע ניט אָפּ, קעדיי איבערסאָרטירן די פארווונדעטע. מיר, מעדיקער, ווייסן שוין, וואָס דאָס באַטײַט...

דעם פארגאַנגענעם מעסלעס איז דוביניטש ארומגעלאָפן ווי א פארסאַמטער און טאַקע ניט געפונען קיין מאַשינעס אָף ארויסצופירן די שווער־קראַנקע. איך בין ניט אָפּגעטראָטן פון אָפּע־ראַציע־טיש און געשלונגען קאָפּעיִן, איך זאָל ניט אוועקפאַלן. א טראַסקערײַ. די ווענט ציטערן. אַלע ווײַלע לעשט זיך אויס די שײַן. די קראַנקע קרעכצן. א שרעק! איך האָב געענדיקט אָפּע־רירן. מע האָט אוועקגעפירט אָפן וועגעלע דעם קראַנקן. דוכט זיך, מע וועט זיך קאָנען צולייגן. נאָר ווער וואָס? פארשטייסט, סעמיאָן, ווי נאָר איך בין צוגעפאַלן צום בעטל, האָב איך גלײַך א טראַכט געטאָן, אז ערגעץ דאָרט הינטער די אַלמערס, וואָס טיילן מיך אָפּ פון. דער פּאַלאַטע, טשאַטעוועט אָף מיר דער פארשאָלטענער כאָלעם — אײַנשלאָפן האָב איך שוין ניט געקאָנט...

א כאָלעם איז פונדעסטוועגן נאָר א כאָלעם. אָבער דאָס געפיל פון אומבאַוווּסטן און אומפארמײַדלעכן אומגליק, וואָס מאַטערט מיך נאָכאַנאַנד אַף דער וואָר... אָט שטיי איך בא דער בריק. שײַן אויסגעבויגן הענגט זי איבער דער שווארצער וואַסער, אַף וועלכער עס שווימען פאַוואָליע קײַלעכדיקע פלעצלעך אײַז. ערגעץ, ניט ווײַט, ברענט א גרויסע געבײַדע, דוכט זיך דאָס איז דער שטאָט־טעאַטער. אין אָפּשײַן פון דער סרייפע, דורכן שיטערן קרום־פלײַענדיקן שניי זע איך, ווי עס טראָגן זיך פארבײַ מיר, אַהין צו דער בריק, טויב־הודזשענדיקע מאַשינעס, איבער דער הילצערנער דעק פון דער בריק שווימט פארבײַ מיר א מענטשן־שטראָם, און איך שטיי אַף אָן אָרט און האָב דאָס געפיל, אַז ניט דער שטראָם באַוועגט זיך, נאָר איך שווים אַנטקעגן אים, כאָטש איך ריר זיך ניט פון אָרט...

סעמיאָן, טײַערער, דו ווייסט דאָך, וויפל איך האָב איבערגעלעבט פאַר די לעצטע יאָרן, נאָר גלייב מיר, אַז אַזאַ־אָ געפיל פון שוצלאָזיקײַט פארן אומפארמײַדלעכן אומגליק האָב איך איבערגעלעבט נאָר אין כאָלעם. דאָס שיסן איז אָט שטילער געוואָרן, אָט האָט זיך עס געשטאַרקט און דערטראָגן זיך צו מיר פון דעם פאַבריק־ראַיאָן... די היטלעריסטישע נעוויילעניקעס הודזשען איבערן קאָפּ. נאָענטע און ווײַטע אויפרײַסן טרייסלען אויף אונטער די פיס דעם נאַסן אַספאַלט. די גאַנצע שטאָט איז אין אָפּשײַן פון סרייפעס. דער שניי איז ראָזלעך קלעפּיק, ווי דורכגעזאַפּט מיט בלוט, און דער מענטשלעכער שטראָם... מיר ווײַזט זיך אויס, ס'איז איבערגעהאַקט די מאַגיסטראַלע אַרטע און דאָס פולסירנדיקע בלוט פליסט אַרויס אין דער צונטער־רויטער האַלבפינצטערניש פון דער אַגאָניזירנדיקער שטאָט.

מײַן גאַנץ וועזן רײַסט זיך צו די מענטשן, וואָס לויפן אַוועק מיט דער בריק אַף יענער זײַט טײַך. אָבער איך טאָר ניט אַנטלויפן, ווײַל אין שטאָט, אין די גרויסע פײַכטע קעלערס פון דער גאַז־באַהעלטעניש, געפינען זיך מײַנע פארוווּנדעטע און מײַנע קינדער. צו די פארוווּנדעטע טאָר איך אויך ניט לויפן, ווײַל איך האָב אָפּגערעדט מיט דוביניטשן, אַז אָט דאָ־אָ בא דער בריק וועל איך באַגעגענען די מאַשינעס, וועלכע ער וועט שיקן. יאָ, אַזוי האָבן מיר אָפּגערעדט. ווער זשע האָט אינדערפרי געקאָנט וויסן, אַז ס'וועט זיך אָנהייבן א סטיכיייִשער געלויף פון שטאָט און די בריק וועט זײַן אַזוי אָנגעפּראָפּט? איך וואַרט און איך וואַרט... וויפל וואַרט איך אַזוי, ווייס איך ניט, נאָר מיר דוכט זיך, אַז איך וואַרט דאָ אָן א סאָף.

מענטשן גייען און גייען אין צעווירעטן קרום־פלײַענדיקן שניי. מע טראָגט קינדער. מע שלעפּט זעק, טשעמאָדאַנעס. מע פירט וועלאָסיפּעדן, באַהאַנגענע מיט פּעק. מע שטופּט קינדערשע וועגעלעך, וועלכע האַלטן קוים אויס די שווערע מאַסע. אַף די פּנים פון די מענטשן איז בעסער ניט צו קוקן... און פונדעסטוועגן, סעמיאָן, זײַנען זיי גליקלעכער פון מיר. זיי וועלן באַלד אַריבער די בריק און דער טײַך וועט זיי אָפּטיילן פון אומבאַוווּסטן און שרעקלעכן, וואָס איז שוין דאָ ערגעץ זייער נאָענט. אָבער איך? אָבער די פארוווּנדעטע? סטאַלקע און דאָמקע? וווּ זשע, וווּ איז אַהינגעקומען דוביניטש מיט די מאַשינעס? ניט געדאַכט זאָל ער ווערן!..

נו יאָ, איצט איז קלאָר: עס ברענט אונדזער טעאַטער. די סרייפע האָט זיך צעבושעוועט, די סרייפע־שײַן שלאָגט אַדורך דעם שניי־שלייער, כאַפּט אַרויס פון דער פינצטערניש די קאָנטורן פון ראַיאָן. אַהינטערן טײַך — מיר דוכט, אַז ניט ווײַט פון בריק, רעכטס אונטערן אָנשיטצווישן די יונגינקע ביימלעך פון בולוואַר, זע איך עטלעכע געדעקטע לאַסטמאַשינעס. דאָס זײַנען געוויס די מאַשינעס, וואָס מע האָט געשיקט צו אונדז. עס ווערט א קאַפּל גרינגער אַף דער נעשאָמע: די מענטשן וועלן אַוועקשטראָמען, וועלן זיך די מאַשינעס דורכרײַסן. דער שפּיטאָל איז דאָך ניט ווײַט. פאַר א שאָ וועלן מיר עוואַקויִרן אַלע אונדזערע קראַנקע און פארוווּנדעטע. מאַריִאַ גריגאָריעוונאַ פארשטייט אָן איניען, זי האָט שוין געוויס אַלץ צוגעגרייט. דוביניטש איז דאָך א דאָוועראַכער, ער האָט געדאַרפט מיטן ערשטן עשעלאָן אַוועקשיקן די פארוווּנדעטע און מיך מיט די קינדער... אָבער עס קאָן דאָך ניט זײַן, אַז ער איז אַף אַזויפיל א דאָוועראַכער, ער זאָל אײַנגאַנצן פארגעסן אין אונדז. ס'קאָן זייער זײַן, אַז ער שטייט אין געהאַקטע וווּנדן מיט די מאַשינעס ערגעץ ניט ווײַט פון דער בריק...

— ווערא ניקאָלײַעוונאַ! — רופט מיך עמעצער.

איך קוק זיך אַרום. פארבײַ דער מענגע מענטשן וויגן זיך, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן געשווומען, דרײַ גרויסע פורן. אַף איינער — א באַרג טשעמאָדאַנעס, רוקזעק, פּעק. דאָס אַלץ איז ביז העלפט פארצויגן מיט א ברעזענט, אַף וועלכן עס איז אָנגעמאָלט א רויזן־קוסט. אַרום די פורן, זיך האַלטנדיק בא די דראַבענעס, שלײַפן פרויען און מאַנצבלען. דאָס אָנטאָן זייערס פּאַסט לאַכלוטן ניט צו זייערע אומעטיקע פארפײַניקטע פּנים. די מענטשן זײַנען מיר באַקאַנט און אומבאַקאַנט. ווו האָב איך זיי געזען? אָך, יאָ — דאָס זײַנען דאָך די אַרטיסטן פון אונדזער טעאַטער. נו, געוויס! אָן דאָרטן, פון אויבן, זיצט אַף זייער אויסקומעניש אָן אַלטער אין א באַיאַרסקע היטל, דאָס איז דער קאָמיקער לאַוראָוו, דער ליבלינג פון שטאָט. ער זיצט מיטן

רוקן צו די פערד, צודריקנדיק צו זיך מיט איין האַנט אַ בילד אין אַ באַגילדעטער ראַם, און מיט דער צווייטער — אַן אַלטיטשקע, וואָס איז פּאַרקוטעט אין אַ גרויסער שאַל. זײַן בליק איז געווענדט אַהין, צו דער סרייפע. פון זײַנע אויגן רינען געדיכטע טרערן — עפּעס גליצערין־טעאַטראַלע טרערן.

— ...איר זײַט נאָך דאָ, ווערא ניקאָלײַעווונאַ? גייט אַוועק, גייט שוין אַוועק פונדאַנען! די דײַטשן זײַנען אין הויף פון דער פאַבריק „באַלשעוויטשקע". — דאָס זאָגט צו מיר אַ הויכער רעספּעקטאַבעלער מאַנצבל, זײַן פאַמיליע־נאָמען קאָן איך זיך ניט דערמאָנען, נאָר איך ווייס, אַז ער האָט געשפּילט ווערשינינען אין דער פּיעסע „בראַניעפּאָיעזד" און אַז איינמאָל האָט מען אים אין מײַן דעזשורסטווע געבראַכט פון טעאַטער און איך האָב אים טאַקע גלײַך אָפּעריִרט פון אַן אַפּענדיציט.

פאַרוואָס שטיי איך דאָ? אָט ווער עס וועט מיר אַרויסהעלפן.

— ליבער מענטש, איר געדענקט דאָך געוויס דוביניטשן? אַ העלער אַזאַ, אַ געקרײַזלטער. ווען איר זײַט בײַ אונדז געלעגן, איז ער געווען דער פאַרוואַלטער פון דעם כירורגישן אָפּטייל. ער איז שטעקן געבליבן פון יענער זײַט טײַך מיט די מאַשינעס. געפינט אים. זאָגט אים, אַז ער זאָל זיך גלײַך דורכרײַסן, די מינוט זאָל ער דאָ זײַן! איך האָב אַרום זעכציק ליגנדיקע קראַנקע. און מע האָט געבראַכט נאָך. זאָגט, אַז דאָ איז אַזאַ געדיכטעניש, אַזאַ קאַשע, אַז איך קאָן זיך קיין אייצע ניט געבן. איר וועט אים אופזוכן? איר וועט איבערגעבן?.. זאָגט אים, אַז איך וואַרט דאָ, אַזוי ווי מיר האָבן זיך צונויפגערעדט.

פאַרוואָס קוקט דער אַקטיאָר אָף מיר אַזוי?

— איר בלײַבט דאָ? — טוט ער אַ פרעג, פונקט ווי ער וואָלט גאָרניט געהערט, וואָס איך בעט.

— וואָס זשע זאָל איך טאָן?

— אונדזער ווינאָקוראָוו איז אויך געבליבן. ער האָט ביכער, אַן אוניקאַלע ביבליאָטעק. פאַרשטייט איר מיך... ביז דער לעצטער מינוט האָבן מיר געהאָפט: עפּשער וועט ער זיך לאָזן אײַנריידן, ער וועט איבערטראַכטן, איך האָב געטראַסקעט מיטן פוס אין זײַן טיר, נאָר ער האָט אַפילו ניט געעפנט. — אין די ווערטער זײַנע איז געווען אַזויפיל פאַראַכטונג צו דעם דאָזיקן ווינאָקוראָוון, און ס׳קאָן זײַן, אַז אויך צו מיר. אַז אַך און וויי.

— פאַרשטייט, איך קאָן ניט, איך האָב קיין שום רעכט ניט.

דער אַנגאַפּלויגענער ווינט האָט אופגעהויבן די פאָלע פון מײַן מאַנטל, און דער אַקטיאָר האָט דערזען מײַן ווײַסן כאַלאַט. מעגלעך, אַז ער האָט מיר געגלייבט, וואָרעם דער גרימצאָרן איז פאַרלאָשן געוואָרן אין זײַנע אויגן, נאָר זײַן פליישיק פּאָנעם איז פאַרצויגן געוואָרן מיט אומעט.

— קירא וולאַדימיראָוונאַ... איר געדענקט קירא וולאַדימיראָוונען? ווינאָקוראָווס ווײַב, לאַנ־סקאַיאַ? זי איז אומגעקומען. זי האָט דעזשורעט אָפן דאַך, איז אַראָפּגעפאַלן אַ „פוגאַסקע", און אַן אופרײַס־כוואַליע האָט זי אַראָפּגעשלײַדערט פונעם דאַך. אין כאַפּעניש האָט מען אַפילו איר קערפּער ניט געפונען... דאָס איז געווען אַזאַ טאַלאַנט! — פּלוצעם האָט ער אָנגעכאַפּט מײַן האַנט. — קומט, קומט מיט אונדז! זאָלן אַנדערע בלײַבן מיט די קראַנקע, איר טאָרט ניט, איר פאַרשטייט, איר טאָרט ניט בלײַבן. לאָמיר גיין! — ער האָט אַלץ שטאַרקער געצויגן מײַן האַנט. — אײַער מאַן האָט מיר אַמאָל אַרויסגעגעבן דעם פּאַרטבילעט. איך קאָן אײַך דאָ ניט איבערלאָזן. איר הערט, דאָקטער!

סעמיאָן, ווען ער האָט דיך דערמאָנט, האָב איך גלײַך אַ טראַכט געטאָן: ווי וואָלסטו אָף מײַן אָרט געהאַנדלט? וואָס פאַר אַן אייצע וואָלסטו מיר געגעבן? און איך האָב פאַרשטאַנען. איך האָב אַרויסגעריסן מײַן האַנט און בין אַוועקגעלאָפן צום פּאַראַפּעט. בײַס איך האָב אַרויסגעריסן די האַנט, איז באַם אַקטיאָר אַראָפּגעפלויגן דאָס היטל. ביז ער האָט זיך אָנגעבויגן, האָט אָף דעם עמעצער אָנגעטראָטן, ער האָט אופגעהויבן דאָס היטל און, ניט אָפּטרייסלענדיק דעם בלאָטיקן שנײַ, עס אָנגעטאָן.

— האָט ראַכמאַנעס, געפינט דוביניטשן, גיט אים איבער, ער זאָל זיך וואָס גיכער דורכ־רײַסן מיט די מאַשינעס!

דער אַקטיאָר האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַזאַ בליק, אַקוראַט ווי אַלטע שפּיטאָל־אופזעערנס קוקן אָף אַ שטאַרבנדיקן. און לויפנדיק פאַרבײַ דעם שטראָם בעזשענצעס, האָט ער זיך געײַלט דעריאָגן זײַנע אייגענע.

די קאָנטורן פון דער בריק האָט מען שוין געקאָנט זען אין דער בלוטיקער האַלב־פינצטער־ניש פון שפּעטן, דורך פלאַמען־צעריסענעם פרימאָרגן.

ערשט איצט האָב איך באמערקט: דער שטראָם פון מענטשן איז שיטערער געוואָרן, די מענטשן לויפן שוין ניט, זיי גייען. באיאָרטע סאָלדאטן אין צעקנייטשטע שינעלן, אין אַנגערוק־טע פילאָטקעס אַף די אויערן פּאַכען מיט פּענדלעך, זידלען זיך אָפּהענטיק, טרײַבן אונטער די לויפנדיקע מענטשן. איך האָב געוואָרט. איצט וואָלטן שוין די מאַשינעס זיך געקאָנט דורכרײַסן, אָבער איך האָב זיי ניט געזען... עס האָט זיך פאַרבײַגעטראָגן מיט א רעווען א גרויסע געדעקטע לאַסטמאַשין און האָט זיך אָפּגעשטעלט ערגעץ אינמיטן פון דער פּוסט־געוואָרענער בריק. פון אונטער דעם ברעזענטענעם צודעק זײַנען אַרויסגעשפּרונגען רויטאַרמייער און גיך גענומען אויסלאָדן עפּעס מאָדנע קעסטלעך, וועלכע זיי האָבן צוגעפּעסטיקט צו די שטאָלענע בריק־פּאַר־מעס. א יונגער קאָמאַנדיר אין א שפּאָגל־נײַ פּעלצל האָט לעבהאַפטיק געגעבן באַפעלן. איך האָב מאָמענטאַל אויסגערעכנט: אָט די גרויסע מאַשין וואָלט געקאָנט אַרײַנעמען מײַנע אַלע קראַנקע, וואָס קאָנען זיך ניט באַוועגן. איך האָב זיך א וואָרף געטאָן צום קאָמאַנדיר. א רויטאַר־מייער מיט א פּענדל האָט מיר פאַרצוימט דעם וועג. כ׳האָב אים אָפּגעשטופּט און בין צוגעלאָפן צום לייטענאַנט:

— דערבאַרעמט זיך, איך דאַרף א מאַשין. דאָ ניט ווײַט, פינף מינוט פונדאַנען... איך באַשווער אײַך מיט אַלץ, וואָס איז אײַך הייליק, גיט מיר די מאַשין. בא מיר אין שפּיטאָל זײַנען געבליבן קראַנקע, א סאַך פאַרוווּנדעטע!..

פּאַרטאָן אין זײַנע איניאַנים, האָט דער לייטענאַנט ניט געהערט מײַנע רייד. און עפּשער האָט ער זיך געמאַכט ניט הערנדיק. דאַן האָב איך צונויפגענומען די לעצטע קויכעס און גע־פּרוּווט א שמייכל טאָן צו אים, מיט דעם זעלבן שמייכל, וועגן וועלכן דו פלעגסט זיך אַמאָל וווּרטלען: „דער שני צעגייט".

— כאַוער קאָמאַנדיר, ניט שוין זשע זײַט איר אַזוי אומבאַרעכמאָנעסדיק, אַז איר וועט זײַן בעקויעך אָפּצוזאָגן א פרוי אין אַזא צײַט.

איך ווייס ניט, וואָס האָט ער געטראַכט וועגן מיר, וויאַזוי האָט ער פאַרשטאַנען מײַן ביטע, נאָר איך האָב דערזען אַזא מין אומעטיקן קאָס אין זײַנע העלע יינגלשע אויגן, אַז ס׳האָט מיך דורכגענומען א גרויל. און ער, ער האָט א פאָכע געטאָן מיט דער האַנט ווי מיט א קאַנטשיק: „א, גיי דיר, דו!" נאָר ווען ער האָט דערזען מײַן ווײַסן כאַלאַט פון אונטערן מאַנטל, האָט ער צוריקגעהאַלטן אַרויסגעבראַכט:

— גייט אַוועק פונדאַנען, אַנטרינט די רגעע! די בריק וועט באַלד ניט ווערן!

אַף א ווײַלינקע האָב איך זיך אָפּגעשטעלט. די זון האָט זיך שוין אופגעהויבן, און פונעם שניי, וואָס איז געגאַנגען באַנאַכט, איז דער אַרום געווען ליכטיק, ס׳איז געווען ווײַס, ווי אין א כירורגישן זאַל. אין דער סטערילער ווײַסקייט האָט זיך אויסגעטיילט די געבײַדע פון טײַך־וואָקזאַל. און בוילעט שוואַרץ איז געלעגן דער אויסגעטאָפּטשעטער וועג פון פאַרשוווּנדענעם מענטשן־שטראָם, וואָס האָט זיך געצויגן אַף זאַרעטשיע. די זאַרעטשיע גופע האָט מיר אויסגעזען פּוסט, און נאָר בא דער בריק האָבן מיליטערישע און ציווילע מענטשן געגראָבן שוץ־גריבער, אָפּאָנעם פאַרפעסטיקונגען. עטלעכע געדעקטע מאַשינעס זײַנען ווירקלעך געשטאַנען ניט ווײַט פון דער בריק. זאָל זײַן, אַז די לאַסטמאַשינעס זײַנען ניט פאַר אונדז? אָבער דאָרטן דאַרף דאָך זײַן א וועלכע־ניט־איז נאַטשאַלסטווע! שאַפערן זײַנען דאָרטן געוויס דאָ. ניט שוין זשע וועלן זיי וואָגן מיר אָפּזאָגן און ניט עוואַקוירן אונדזער אומגליקלעכן שפּיטאָל?

דאָס אַלץ האָט זיך געשווינד דורכגעטראָגן אין מײַן קאָפּ. איך האָב פאַרוויקלט די פּאָלעס פון מײַן מאַנטל, מיט די לעצטע קויכעס זיך א וואָרף געטאָן צו די מאַשינעס. איך האָב דער־הערט הינטער זיך דונערנדיקע טריט, א שווער אָטעמען און א געשריי:

— שטיי! וווהין! בלײַב שטיין, איך שיס... דו ביסט פון זינען?

דאָס איז געווען דער זעלבער באַיאָרטער רויטאַרמייער, וועלכער האָט מיר פריִער פאַר־צוימט דעם וועג. פון געלויף האָט ער קוים איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. ער האָט מיר אויסגע־שפּיגן אין פּאָנעם א קנויל ניבלפע, האָט מיך א שטויס געטאָן אין רוקן מיט דער ביקס און אַרויסגערעוועט:

— צוריק!.. לויף! דו ביסט בלינד?..

און טאַקע, די סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך געפּאָרעט בא די שטאָלענע פּערמעס, זײַנען גע־שפּרונגען האַסטיק אין מאַשין. א כײַישע בלינדע שרעק האָט מיך א טראָג געטאָן צוריק. ווען איך בין שוין אַרופגעלאָפן אַף דער דאַמבע, ווו איך בין אָפּגעשטאַנען א גאַנצע נאַכט, האָט זיך צעקײַקלט א מוירעדיקע טראַסקערײַ.

עפּעס האָט מיך א שטויס געטאָן, און איך בין אומגעפאַלן מיטן פּאָנעם אינעם צעטראָטענעם ברודיקן שניי.

עס ווײַזט זיך מיר אויס, סעמיאָן, אַז איך בין גלײַך אופגעשפרונגען. נאָר ס׳קאָן זײַן, אַז ניט. יעדנפאַלס, ווען איך האָב זיך אופגעהויבן און זיך ארומגעקוקט, איז דער סאמהאמאָוועס־געלער וואָלקן, וואָס האָט זיך געהויבן צום הימל, צעגאַנגען געוואָרן און אַלץ בוילעטער האָט זיך געזען די בלאָנד פון אונדזער וווּנדער־שיינער בריק. דו געדענקסט דאָך מיסטאמע, ס׳איז שוין געווען אַזוי אײַנגעפּירט, אַז די שילער, וואָס פֿלעגן ענדיקן דעם צענטן קלאַס, פֿלעגן אין דער געזעגענונגס־נאַכט זיך פֿאָטאָגראַפירן אױפֿן דורכזיכטיקן פּאַן פון דער בריק. איצט איז דער שטאָלענער האַפּט צעפליקט און צונויפגעשמאָלצענע רעשטלעך הענגען ביז דער סאמע שוואַרצער וואַסער.

א טעמפּער, שטעכעדיקער, וויברירנדיקער געקלאַנג האָט געפּויקט אין מײַנע אויערן. אַן עקלהאַפטע שוואַכקײַט האָט געפּענטעט מײַנע איוורים, און עס האָבן מיר געציטערט הענט און פּיס. איך שטעל זיך אַ דיִאַגנאָז: אַ קאָנטוזיע — נאָר אַ גרינגע. איך קוק מיט כשאַד אױפֿן בלויען הימל: וווּ זײַנען זיי, די שרעקלעכע מאַשינעס פון מײַנע כאַלוימעס? דער הימל איז בלוי, ווי שטענדיק נאָך דעם ווי עס גייט אַ שניי. אין די האַפּסאָקעס פון דער דויערנדיקער קאַנאָנאַדע הערט זיך אַפילע, ווי אין שול־גאָרטן טשיריקען די פייגל. ס׳שלאָגט צו דער גאַל. איך שטיי קוים אויף די פּיס. איך קאָן מיט קיין איווער ניט רירן, אַרום איז קיין לעבעדיקער נעפעש ניטאָ. אַ ביטער געפיל פון האָפענונגסלאָזער אײַנזאַמקײַט און אומבאַוווּסטער געפאַר, וואָס פּײַניקט מיך אַזוי אין מײַנע כאַלוימעס, כאַפּט מיך אַרום איצט, אויף דער וואָר, מיט אַ מוירעדיקער קראַפט.

דער פּלאַץ אַרום דער שול איז אופגעריסן און באַדעקט מיט גריבעלעך, ווי מיט פּאָקן. עס שטאַרצט אַרויס אַ צונויפגעדרייטער, ווי אַ גרײַצער, אַ טראַמווײַ־רעלס. עס וואַלגערט זיך אַ בלאָוו קינדער־וועגעלע מיט פּעק, און אויף דער ערד אַרום וועגעלע — האַלב־פאַרשאָטענע גלײדער פון אַ מענטשלעכן קערפּער. ס׳וואַרפט זיך אין די אויגן דאָס אַראָפּגעפּליקטע ווינקל פון שול. פונעם צווייטן שטאָק זעט זיך אַ קלאַס, עס שטייען פּאַרטעס, אויף דער וואַנט הענגט אַ טאָוול, ס׳איז אַפילע אויף אים עפּעס אָנגעשריבן מיט קרײַד. איבער דער טיר, וואָס פירט אין קאָרידאָר, הענגט אַ פּאָרטרעט, דאָס איז געוויס טימיריאַזעווס פּאָרטרעט, ווײלכער איז דאָ געהאַנגען אויך אין מײַנע צײַטן. דאָס אַלץ זעט אויס ווי פון דער בינע... פּלוצעם דערמאָן איך זיך: אין דער שול האָט זיך דאָך געלערנט אונדזער דאָמקע... דאָמקע, די קינדער, די פאַרוווּנדעטע! זיי זײַנען דאָך דאָרטן אין די קעלערס. ס׳קאָן זײַן, מע האָט געבראַכט נײַע פאַרוווּנדעטע, וועלכע מע דאַרף גלײַך העלפן...

וואָס זשע שטייסטו, שלימאַזל! אַהין, צו זיי, גיכער אַהין... איך הייב אָן גיין, איך באַוועג קוים מיט די פּיס. נאָר איך גיי, נאָכדעם לויף איך, איך לויף מיט אַלע קויכעס איבער דער פּוסטער שטאָט און הער דעם קלאַנג פון מײַנע טריט. איך לויף און זע ניט די ליכטיקע שײַן. איך מוז איבערכאַפּן דעם אָטעם... די קויכעס גייען מיר אויס! איך טוליע זיך צו צו אַ טשוהו־נעם סטויפּ. ס׳הענגען אַראָפּ פון אים די טראַמווײַ־דראָטן. זיי קלינגען אַזוי באַנגלעך, אָדער עפּשער קלינגט מיר אַזוי אין די אויערן. עס זאָל זיך נאָר ניט אָפּרײַסן דער אָטעם. איך זאָל נאָר קאָנען בײַקומען די ווייטעקלעכע האָפענונגסלאָזיקײַט, וועלכע רויבט אַוועק מײַן ווילן און מײַנע קויכעס. און דאָ פאַלט מיר פּלוצעם אײַן: ניט אומזיסט האָט דאָך מיר דער אַקטיאָר געזאָגט: „איר טאָרט דאָ ניט בלײַבן“. „איר“, — ער האָט עס איבערגעכאַזערט צוויי מאָל און באַזונדערס אונטערגעשטראָכן. דעם דאָזיקן אויסוואָרף ווינאָקוראָוון האָט ער אויך ניט צופעליק דערמאָנט... סעמיאָן, דער אַקטיאָר ווייסט דאָך גאַנץ גוט, וואָס מיט דיר האָט פּאַסירט און וווּ דו געפינסט זיך. און דער אַקטיאָר איז דאָך טאַקע גערעכט. דו פאַרשטייסט דאָך, אַז איך, גראָד איך, האָב פאַר קיין פאַל ניט געטאָרט בלײַבן באַ די דײַטשן. אַ האַלבע שטאָט ווייסט: ווערא ניקאָלײַעווונא טריאָשניקאָווא איז די פרוי פון אַ פאַרמישפּעטן, פון אַ פאַרשיקטן. איך זאָל אַפילע אומקומען אַזוי העלדיש ווי לאַנסקאַיאַ, וועגן וועלכער דער אַקטיאָר האָט מיר דערציילט, וועט מען אַלציינס זאָגן: זי איז בעקיוון געבליבן באַ די דײַטשן. דעם אַקטיאָר האָב איך דאָך אָפּערירט — געראַטעוועט דאָס לעבן, און, ניט קוקנדיק אויף דעם, קאָן זייער זײַן, אַז ער האָט אויך אַזוי געטראַכט.

עס קנאַקט אַ האַרמאַט. אַ באַקאַנט אָנוואַקסנדיק טראַסקען אין הימל... מיר זײַנען שוין געפּרוווּטע. איך ווייס: אויב איך האָב דעם קלאַנג דערהערט, איז דער סנאַריאַד שוין אַריבערגעפלויגן. נאָך, נאָך אַ מאָל. און זאָל עס טאַקע מיך טרעפן, זאָל עס, אַזוי איז אַ סאַך בעסער. ווי די לאַנסקאַיאַ: אַ רעגע, און אויס... וואָס פאַר אַ באַגאַבטע אַרטיסטקע דאָס איז געווען! ווידער אַ שווערער סנאַריאַד. נו, נו, פאַל שוין אויף מיר... ניין, ס׳האָט מיר ניט אָפּגעגליקט... אַריבערגעפלויגן. צעשלײַדערט דאָס הילצערנע הויז ניט ווײַט פון שפּיטאָל־שטעטל. און פּלוצעם טוט

מיר א שטאָך ווי מיט א נאָדל אין סאמע נערוו: אזוי גאָר, ווילסט דעם טויט, און די קראנקע און דײַנע קינדער וווּ זײַנען, די סנאַריאַדן פאלן דאָך ניט ווײַט פון זיי?..

איך רײַס זיך אָפּ פונעם טשוהונענעם סטויפּ. לויף און לויף און קאָן ניט פארשטיין, וויאזוי איך האָב זיך דערקליבן צו די רויִנען פון די געוועזענע שפּיטאָל־געבײַדעס. איך כאַפּ זיך דורך דורכן צעבראָכענעם פארקן. די סטעזשקע, וואָס איז דורכגעטראָטן געוואָרן אין די ביטערע טעג צום שפּיטאָל, פירט מיך גלײַך אהין אונטער דער ערד. נעכטן אין דער צײַט האָט דאָ געקאָכט ווי אין א קעסל. מאשין־סירענעס האָבן געקרעכצט, די פארוווּנדעטע האָבן געקלאפּט מיט די קו־ליעס, די טראָגבעטלעך האָבן געסקריפּעט, ס'האָט זיך געהערט א קרעכצן, א זידלערײַ און א געוויין. און דערבײַ א באַרויִקנדיק פרעפלען פון די שוועסטער. איצטער זײַנען אלע שפּורן צו־געדעקט מיט נאסן שניי. בא דער בעטאָן־עפענונג, וואָס פירט אין די קעלערס ארײַן, זע איך אַן איינזאמע פיגור. דאָס איז אונדזער שוועסטער — די באלעבאָסטע מאריִא גריגאָריעוונא. זי איז ברייטביייניק. ווי בא דער מערהײַט אלטע טעקסטילשטשיצעס, איז איר פּאָנעם מאָגער און בלייך.

וואָס טוט זי דאָרט? זי האלט אין דער האנט א בינטל דראָט און דרייט צו צום שטעקן פון א בארשט א פאָן. עפּעס א מאָדנע פאָן: א ציכל איז צוגעשלאָגן צו דעם הענטל פון דער בארשט און מיט רויטן סטרעפּטאָציד איז אפן ציכל אָנגעמאָלט א צײלעם. דערהערט טריט, האָט זי זיך אויסגעדרייט. אוועקגעלייגט די פאָן און גאנץ געוויינלעך א זאָג געטאָן:

— איך האָב זיי דאָך געזאָגט: ווערא ניקאָלײַעוונא וועט אומבאדינגט צוריק קומען.

איך האָב זיך א וואָרף געטאָן צו איר. זיך צוגעטוליעט צו איר מאָגערער פּלייצע, בין גע־בליבן ווי אין כאלאָשעס, זיך ניט א ריר צו טאָן. און גענומען צו איר טײַנען:

— מאריִא גריגאָריעוונא, ליבינקע... וואָס איז דאָס, וואָס וועט זײַן מיט אונדז?

זי האָט זיך א ביסעלע אָפּגערוקט פון מיר און מיטן הארבן אויסדרוק אף איר פּאָנעם רויִק צו מיר געזאָגט:

— וואָס עס איז˙— דאָס האָבן מיר. איצט, ווערא ניקאָלײַעוונא, איז ניט די צײַט צו גיסן טרערן, זיך צו פּײַניקן. מע דארף בעסער טראכטן, וויִאזוי וועלן מיר איצט לעבן, וואָס וועלן מיר ווײַטער טאָן.

עס איז צו באוווּנדערן, וואָס פאר א מענטש אונדזער מאריִא גריגאָריעוונא איז, — א רענדל א וואָרט, שטענדיק הארב און טרוקן. כ'האָב קיינמאָל ניט געזען, זי זאָל שמייכלען. און איצטער, זי זאָל עס מיר זאָגן א טרייסט־וואָרט? זי פּאָרעט זיך ווידער מיט דער פאָן. א מאָדנע זאך, טאקע גראָד דאָס האָט אף מיר געווירקט ווי וואלעריאנקע.

— דער דײַטש איז שוין גאָר קיין מענטש ניט? איך מיין אזוי, ער וועט אונדז ניט טשעפּען. ער דארף טאקע נייטיק האָבן אונדזערע קראנקע און אונדזערע פארוווּנדעטע?

איר קאָל קלינגט ווי שטענדיק טויבלעך, ניט געײַלט, רויִק, און דאָס איז עפּעס מאָדנע, ניט וואָרהאפטיק אין דעם דאָזיקן קלאָגעדיקן פרימאָרגן.

— פאר דער צײַט, וואָס איר זײַט ניט געווען, זײַנען צוגעקומען נאָך דרײַ קראנקע. צוויי גרינגע. איך און פענקע האָבן זיי באארבעט, דער דריטער, א ייִנגל — זייער א שווערער. זײַן מאמע האָט אים געבראכט צו פירן אף א טאטשקע. א שפּליטער האָט זיך ארײַנגעפּאקט צו אים אין בויך. א הויכע טעמפּעראטור. — זי אייצעט מיר: — איר וואָלט אים באדארפט נעמען גלײַך אפן טיש, אָט דעם־אָ וואסיליאָק... הא?

פונוואנען נעמט זיך צו איר אזא רויִקײַט? אזא ריזיקע קאטאסטראָפע, אין שטאָט זײַנען פאשיסטן. מיר זײַנען אליין צווישן די כײַע־ראָעס, און זי שלעפּט ערגעץ פון אונטערן מאנטל ארויס א ציכטיקע מארליעטשקע, ציט אויס איר האנט צו מיר:

— ווײַזט אָקאָרשט ווע איך אײַך אויסווישן די אויגן. ס'פּאסט ניט, אז דער דאָקטער זאָל קומען צו די כאלאָיִם מיט א פארקלאָגט פּאָנעם.

זי ווישט מיר טאקע אויס דאָס פּאָנעם, באנעצט אפילע די מארליעטשקע מיט שפּײַעכץ, קעדיי ס'זאָל זיך בעסער אָפּווישן די בלאָטע פון מײַן באק.

— וואָס מאכן מײַנע? — טו איך זיך פּלוצעם א כאפּ.

— וואָס קאָנען זיי מאכן? זיי האָבן זיך דאָ ארומגעדרייט, האָט זיך אָנגעהויבן די שיסערײַ, האָב איך זיי אוועקגעשיקט אין קעלער און געהייסן אויסמײַסטרעווען נאָך א פאָן.

און פּלוצעם:

— ווערא!

מיטאמאָל זײַנען זיי ביידע דאָ — סטאלקע און דאָמקע. ביידע אין איינע ווײַסע כאלאטלעך. זיי האָבן זיך א וואָרף געטאָן צו מיר און געבליבן הענגען אף מײַן האלדז. און כאָטש מיר, דעם איינציקן דאָקטער פון פארוואָרלאָזטן שפּיטאָל, פּאסט געוויס ניט צו באווײַזן קליינמוטיקײַט, דריק איך צו זיך סטאלקען מיט דאָמקען און באגיס זיך מיט טרערן.

א מאָדנע זאַך, דעם גאַנצן וועג פון שפּיטאָל־שטעטל ביז דעם אַכטקאַנטיקן פּלאַץ צו דער צענטראַלער שפּאַרקאַסע, וווּ איצט געפינט זיך זייער שטאַב־קאָמענדאַטור, האָב איך קיין איין באַקאַנטן ניט באַגעגנט. און עפּשער האָב איך יאָ באַגעגנט און ניט דערקענט. די מערהײַט אײַנוווינער גייען איצט אום, ווי סטאַלקע האָט זיך אויסגעדריקט, „אומגעוואַשן“. די פּענעמער זײַנען בײַ אַלעמען טונקל־ברוין, עס גלאַנצן נאָר די ציינער און די אויגן־ווײַסלעך, ווי בײַ נעגערן. דאָס האָב איך באַמערקט אין דער ריי פון אופּנאַם־צימער, וואָס געפינט זיך אין דעם זאַל, וווּ איך פלעג אַמאָל יעדער כוידעש אַרײַנטראָגן קאָמיוגישן מיטגליד־אָפּצאָל.

די רעגיסטראַציע גייט אין עטלעכע רייען, גרופּעסווײַז לויט די אויסיעס פון אַלעפבייס. און מע דאַרף אָפּגעבן די דײַטשן זייער רעכט — זיי האָבן דאָס גאַנץ גוט אָרגאַניזירט. כ׳האָב גיך געפונען מײַן ריי און ביסלעכווײַז זיך גערוקט צום פענצטערל. צו אַזעלכע שווײַגנדיקע רייען זײַנען מיר לאַכלוטן ניט צוגעוווינט. אַלע האָבן זיך ווי געשעמט איינער פאַרן צווייטן. קיינער האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט... ניין, ניט אַלע האָבן געהאַט איין אָנבליק, ווי דאָס האָט זיך מיר אויסגעוויזן אין אָנפאַנג. אָט שטייט א מויד, וואָס האָט אָנגעפּאַטשקעט מיט צופיל פּאָמאַדע און פאַרב דאָס איינפאַכע און אַפילע כיינעוודיקע פּאָנעם. אָט שטייט עפּעס א פּאָפּיק פון קאָמיוגישן עלטער מיט א שיטער ראָגאָזשע־בערדל... און ווער איז דער? דאָס איז דאָך דער אינזשעניער בליטשטיין פון דער פאַבריק „באָלשעוויטשקע“. איך האָב אים אַנומלטן אָפּערירט. פונוואַנען האָט ער זיך אַהער גענומען? עפּשער איז דאָס גאָר ניט ער? דאָס פּאָנעם האָט ער באַהאַלטן אין אויפגעשטעלטן קראַגן... ניין, ס׳איז פּאָרט ער. וויִאַזוי ביסטו גאָר געבליבן, ליבינקער? און וואָס ביסטו אַהער געקומען צו דער רעגיסטראַציע? די שוואַרצמונדירנדיקע יאָגן זיך דאָך נאָך ייִדן...

פון לאַנגווײַליקײַט שטייען אַלע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. מע הוסט, מע שנײַצט די נעז, עס קלאַפּן די שרײַבמאַשינקעס אַף יענער זײַט אָפּצוימונג. די מומע פּעניע איז טאַקע גערעכט: ס׳איז גאַנץ מאָדנע צו זען: מיליטערישע מאַנצבילען בײַ שרײַבמאַשינקעס. בײַ אונדז האָבן דאָס שטענדיק געטאָן פרויען. פּלוצעם האָט דאָס הוסטן און שנײַצן אויפגעהערט. עס איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. עפּעס איז פאָרגעקומען. איך קוק זיך אַרום, און איך זע בײַ דער טיר — וועמען וואָלסטו געמיינט, סעמיאָן? — קירא וולאַדימיראָוונא לאַנסקאַיאַ. טאַקע די זעלבע אַקטריסע, וועלכע אַלע פרײַנט האָבן אַזוי באַוויינט. א פרישע, א געזונטע, זשמורעט זי זיך קורצזיכטיק, קוקט אַף די אַלע הונגעריקע, וואָס האָבן פאַרלוירן זייער מענטשלעכן אויסזען און שטייען דאָ אין ריי אין די צעקנייטשטע, ווי צעקײַעטע, קליידער. זי האָט זיך אַף קיין האָר ניט געענדערט. זי שמייכלט גרויסאַרטיק און איז אָנגעטאָן אין א גרויען קאַראַקולענעם זשאַקעט, א ווײַס פוכן טיכל דעקט צו אירע ווייכע בלאָנדע האָר, דאָס ברייטע טיכל פאַלט פון אירע אַקסלען, איר האַנט, וועלכע האַלט צו דאָס טיכל בײַם האַלדז, איז ווי אַרײַנגעגאָסן אין א לײַקענער הענטשקע. זי טוט א בליק מיט אירע צוגעזשמורעטע אויגן אַף די שילדלעך מיט די אויסיִעס אַף די רעגי־סטראַציע־טישן. עמעצער א פאַרפרוירענער, א פאַרוויקלטער אין א פלעד, גייט אַרויס פון ריי און דערקלערט כניפעדיק:

— קירא וולאַדימיראָוונא, איר דאַרפט אַהערצו, דאָ איז אײַער אויסיעלע.

— אַך, מערסי. כ׳בין אינגאַנצן בלינד געוואָרן, — ברענגט זי אַרויס מיט איר טיפן קאָנטראַלטאָ.

דאָ האָבן זיך אונדזערע בליקן באַגעגנט. לאַנסקאַיאַ האָט מיך דערקענט, זיך ווידער צע־שמייכלט, צוגעגאַנגען, גענומען מײַן האַנט.

— ליבינקע, איר זײַט אויך דאָ? אָט א סורפּריז!.. וואָס זשע טוט איר דאָ? — אירע גרויע גרויסע אויגן זײַנען מעכילעדיק־ליבלעך. — נאָר וואָס איז דאָ צו פרעגן? אײַער טיכל מיטן רויטן קרייץ איז דער בעסטער ענטפער. איך דאַרף אײַך זאָגן, אַז עס קליידט אײַך זייער. עס מאַכט אײַך גאָר יונג און אַפילע שענער. איר אַרבעט אין זייער שפּיטאָל?.. זיי שטייען צו? זיי זײַנען פרעך?

זי האָט אָן א שיר כיין. איך גלייב אין איר שמייכל, אין איר מיטגעפיל. עס ציט מיך צו איר. נאָר גראָד דאָס פרישע אויסזען אירס איז מיר פאַרדעכטיק.

— איך האָב געהערט, איר זײַט אַראָפּגעפאַלן פון א דאַך...

— איר האָט געהערט? טאַקע? פון וועמען? — פרעגט זי לעבהאַפטיק. — יאָ, אַלע פרעגן מיך וועגן דעם. מיר, אַקטיאָרן, זײַנען ראָמאַנטיקער, מיר האָבן ליב צוצודיכטן... כ׳האָב זיך אויסגעלונקען א פוס, בייס דער אָנפאַלי איז געווען, האָט מען מיך אָוועקגעפירט. איר זעט, איך הינק נאָך איצט אויך. זייער הויפּט־כירורג פון שפּיטאָל — שוין דאָס עמעסע מענטשל! — גיט אַכטונג אַף מיר. מע זאָגט, ער איז זייער געלערנט. נאָר איך גלייב ניט. ער איז געוויס א געוויינלעכער אַרמייִשער קנאָכן־מײַסטער. טשיקאַווע, אײַער טיכל וואָלט מיר געקליידט? — און אָן א שום

איבערגאנג: — אַט באלד וועלן מיר מיט אײַך דורכמאכן די דאָזיקע טיפּישע פּראָצעדור, מיר וועלן זיך פאַרעגיסטרירן, קריגן אאוסווײַזן — און פונדאנען גלײַך צו מיר. עס גייט? אַך, ווי איך האָב זיך עס אויסגעהונגערט נאָך לײַטישע מענטשן צווישן די דאָזיקע מעכאַנישע מאַלפּעס! איר וועט באַטראַכטן מײַן פוס, און איך וועל אײַך מעכאַבעד זײַן מיט פראַנצויזישן קאָניאַק „קאַמיו“. איר ווייסט, אַט אָ־די אויבערמענטשן, די הארן פון אייראָפּע, כלי־אַבטשען נאָר פראַנצויזישע און שפּאַנישע ווײַנען. כלי־אַבטשען און זויפן, אויב מע קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, וואָרעם זיי הייבן אפילו ניט אָן צו פאַרשטיין, וואָס אַן איידעלער געטראַנק הייסט! און מיקויעך דער ריי — באַלד, איין מאָמענט.

אַן ארומגערינגלטע פון געדיכטן קאָסמעטישן ווײַרעך, א באַגלייטע פון פאַרוווּנדערטע אומ־פרײַנטלעכע בליקן, איז לאַנסקאַיאַ צוגעגאַנגען צום באַריער, א מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו איינעם פון די רעגיסטראַטאָרס און געבעטן, ער זאָל מעלדן וועגן איר דעם קאָמענדאַנט... שוין צופיל האָט זי זיך אויסגעטיילט אין דער־אָ טרויעריקער גרויער ריי: די מאַשינקעס האָבן אופ־געהערט צו קנאַקן, אַף די פּנעמער פון די אָנגעשטעלטע האָט זיך אויסגעגאָסן א נײַגער. איר ביטע, וואָס האָט אויסגעזען צו זײַן אויסערגעוויינלעך, איז פונדעסטוועגן גלײַך אויסגעפילט געוואָרן. פון דער זײַטיקער טיר, וואָס האָט פאַר דער מילכאָמע געפירט אין פאַרוואַלטערס קאַ־בינעט, פון דער געוועזענער שפּאַרקאַסע, האָט זיך באַוויזן ניט קיין יונגער, הויל־געגאָלטער אָפיצער אין ברילן. ער האָט טרוקן א שאָקל געטאָן צו מיר מיטן קאָפּ, העפלעך, ווי מיט א באַקאַנטער, באַגריסט זיך מיט דער לאַנסקאַיאַ און זי געבעטן ארײַנגיין.

— אָ ניין, הער לייטענאַנט, מיט מיר איז דאָ מײַן כאַווערטע. דאָקטער...

— טריאָשניקאָווא, — האָב איך שטיל אונטערגעזאָגט און פאַרשטאַנען, אַז איך בין ארײַנ־געפאַלן אין א מיִעסער געשיכטע.

איך האָב ניט געוואָלט גיין, זיך געפּרוּווט אומקערן אין דער ריי. און איך האָב געזאָגט צו איר:

— ניין, ניין, קירא וולאַדימיראָוונאַ, איר גייט, און איך וועל שוין דאָ מיט אַלעמען, מײַן ריי איז ניט ווײַט...

אָבער ס׳איז שוין געווען אומעגלעך זי אָפּצושטעלן.

— דאָקטער טריאָשניקאָווא איז זייער א באַוווּסטער כירורג אין אונדזער שטאָט. בעט דעם הער שטורעמבאַנפיורער קירכנער, ער זאָל אויך זי אויפנעמען.

„שטורעמבאַנפיורער קירכנער! דער זעלבער, וואָס האָט געשאָסן פינף און צוואַנציק מענטשן, — האָט זיך דורכגעטראָגן אין מײַן מויעך. — דאָס האָט מען זײַן מעלדונג צוגעקלעפּט בא אונדז אין שפּיטאָל. ניין, צו דעם הענקער? ניין, ניין...“

— דער דאָקטער אײַלט זיך זייער, — האָט לאַנסקאַיאַ ניט אויפגעהערט פּלאַפּלען, אָפּשפּאַ־טעריש קוקנדיק אַף מיר, — זאָגט, אַז די דײַטשישע פאַרוווּנדעטע קריגסלײַט וואַרטן אַף איר...

— איך אַרבעט אין אונדזער שפּיטאָל, דאָרט געפינען זיך נאָר רוסישע! — האָב איך א געשריי געטאָן אויסער־זיך.

די גאַנצע ריי האָט געשוויגן. די פּנעמער זײַנען געווען געווענדט צו אונדז. און די אויגן, זייערע... א סאַך גלײַכער וואָלט געווען פאַר מיר, ווען איך זע ניט די דאָזיקע אויגן! און דאָ האָב איך נאָך באַמערקט אַף א בענקל מודריקן. יאָ, דאָס איז ער מיט זײַן קאַראַקול־בערדל. זיצט זיך אַזוי צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, האַלט אַף דער קוליע זײַן פאַרבאַנדאַזשירטן פוס. מיר דוכט, אַז ער איז ניט נאָר פאַרבאַנדאַזשירט, נאָר אפילו אין גיפּס. זיצט אַזוי שטילינקערהייט און קוקט אַף מיר... ער איז פאַרוווּנדעט? ווען? ער איז דאָך בא אונדז אין שפּיטאָל אָן אָפּטער ארײַנ־געייער. וואָס זשע איז ער ניט געקומען צו אונדז מיט זײַן פוס? מיר וואָלטן אים אויך ניט שלעכט איבערגעבונדן. כ׳וואָלט געוואָלט צוגיין צו אים, נאָר ס׳האָט זיך ווידער באַוויזן דער אָפיצער מיטן הוילן קאָפּ. ווײַזט אויס, ער איז דעם קאָמענדאַנטס אַדיוטאַנט. ער האָט צו מיר א מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט: „ביטע“. מודריק האָט אונטערגעשמייכלט.

ווי אַלע, האָב איך זיך א סאַך אָנגעהערט וועגן די דײַטשישע פאַשיסטן, וועלכע ווילן, מע זאָל זיי רופן נאַציסטן — ניט פאַשיסטן. אַנדערש שטייט זיי ניט אָן. איך האָב זיי געזען אין פילמען און אין פּיעסן. נאָר ווען מע זאָגט מיר, אַז אָט דער דיקער, באַיאָרטער ווילזעליקער אָפיצער אינעם שוואַרצן פרײַען קיטעל, וואָס זעט אויס אַף אים ווי א פּיזשאַמע, איז דער נײַער נאַציסטישער קאָמענדאַנט פון אונדזער שטאָט, און דערצו איז ער נאָך שטורעמבאַנפיורער פון עסעס־מיליטער, וואָלט איך עס ניט געגלייבט. בייס איך און לאַנסקאַיאַ זײַנען ארײַן אין קאַבי־נעט, איז ער העפלעך צוגעגאַנגען, אונדז געבעטן זיצן און געזאָגט אַף א נישקאָשעדיקן רוסיש:

— כ׳קוש אײַערע הענטעלעך, אינגאַנצן צו אײַער דינסט.

— הער שטורעמבאַנפיורער, מײַן כאַווערטע דאָקטער טריאָשניקאָווא איז א כירורג. אַן

אופגייענדיקער שטערן אין דער מעדיצין. אַדאנק איר מײַסטערשאַפט האָב איך דאָס פאַרגעניגן צו ריידן מיט אײַך... זי האָט מיך בוכשטעבלעך צונויפגעשטעלט פון שטיקער, — האָט געוואָרקעט לאַנסקאַיאַ, נאָכלעסיק פאַרוואַרפנדיק אַ פוס אויף אַ פוס, אָבער אזוי, אַז עס זאָלן ארויסקוקן אירע קײַלעכדיקע פולע קני. צוטראַכטנדיק וועגן מיר אַלץ נײַע ווילדע גוזמעס, האָט זי ארויסגענומען אַ סיגאַרעטל, עס אַ דריי געטאָן מיט די פינגער. דער דיקער האָט די רעגע אונטערגעטראָגן זײַן צינד־מאַשינקע. ער האָט געהערט איר פלוידערײַ און פאַריינס דורכגעקוקט אַ לאַנג צעטל, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, און, ווען זי איז אנשוויגן געוואָרן, האָט ער מיך דורכגענומען מיט זײַנע וואַסערדיקע ליכטיקע אויגן.

— טריאָשניקאָווא? ווערא וולאַדימיראָוונא? איך האָב געהערט וועגן אײַך, דאָקטער טריאָשניקאָווא. אין אײַער שפּיטאָל געפינען זיך פינף און זיבעציק בעטלעך. — ער איז אופגעשטאַנען, האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט, וווּ עס איז געהאַנגען היטלערס פאָרטרעט מיט די אויסגעגלאָצטע אויגן. אונטערן פאָרטרעט איז געהאַנגען דער פּלאַן פון אונדזער שטאָט. דער שטורעמבאַנפיורער האָט אַ שטאָך געטאָן מיטן בלײַער אין אַ בעטל, וואָס איז געווען אָנגעמאָלט אויפן פּלאַן, און האָט געזאָגט: — אײַער שפּיטאָל געפינט זיך אָט אָ־דאָ. איך בין אינפאָרמירט. איר זײַט די שפּיטאָל־לייטערן, איר טוט אַ וויכטיקע, אַ נאָבעלע זאַך.

ער ווייסט וועגן אונדז. דאָס איז גוט צי שלעכט? מיר זײַנען אָנגעמאָלט אויף זײַן פּלאַן. מיר זײַנען ניט אויסערן געזעץ. אזוי איז געוויס בעסער. נאָר וואָס זאָל איך אים ענטפערן? און בכלל, וועגן וואָס קאָן ריידן אַ סאָוועטישער מענטש מיט אַ היטלעריסטישן אָפיצער? איך האָב אַ פרעגנדיקן קוק געטאָן אויף דער לאַנסקאַיאַ: זי איז געזעסן אָנגעשפאַרט אָן ווענטל פון שטול, זי האָט געריכערט און צוגעשאָקלט מיט אַ פוס. דאָס האָט ארויסגערופן אַ פײַנלעכע דערמאָנונג, ניין, ניט וועגן „ליובאָוו יאַראָוואַיאַ", נאָר וועגן עפּעס אַן אַנדער פרוי פון דער זעלבער פּיעסע. אויף אירע ליפּן האָט געפלאַטערט אַ שפּאָטיש שמייכעלע אָן אַ סימען פון בייזקײַט. זי האָט מיך באַטראַכט, ווי אַ דערוואַקסענער מענטש, וואָס האָט ארײַנגעוואָרפן אַ פּאַכדאָניש יינגל אין וואַסער, באַטראַכט לײַטזעליק, ווי דאָס יינגל ראַנגלט זיך מיטן טויט, וואַרט, עס זאָל זיך אליין ארויסקלײַבן, און קוקט דערבײַ מיט אַזאַ ראַכמאָנעס־בליק, וואָס לאָזט פאַרשטיין, אַז ער קוקט ניט גלאַט אזוי, אַז ער וועט ניט דערלאָזן, דאָס יינגל זאָל דערטרונקען ווערן.

— הער שטורעמבאַנפיורער, מיר ווייסן, ווי פאַרנומען איר זײַט. מיר זײַנען צו אײַך געקומען נאָר אויף איין מינוט, — וואָרקעט לאַנסקאַיאַ מיט די סאַמע מילדע טענער פון איר רײַכער שטים. — מיר דאַרפן זיך פאַרעגיסטרירן און באַקומען, נו, ווי רופט זיך עס דאָרט, נו, די דאָזיקע אויסווײַזן... דאָרט איז אַזאַ ריי. ווי אַן עמעסער אָפיצער, זײַט איר אָן צווייפל אַ ריטער... איר וועט געוויס זיך ניט אָפּזאָגן צו העלפן צוויי אומבאַהאָלפענע דאַמען.

— אָך, יאָ־יאָ, מיר זײַנען זייער פאַרפליכטעט, פרוי לאַנסקאַיאַ, פאַר אײַער... נו, פאַר אײַער קונסט.

ער האָט אַ קלונג געטאָן מיטן גלעקל, ארויסגערופן זײַן אַדיוטאַנט און געגעבן אַ פאַראָרדענונג. יענער האָט אַ כאַפּ געטאָן אונדזערע פּעסער און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. דער שעף איז צוגעגאַנגען צום קליינעם טישעלע, וווּ דער גראַפין מיט וואַסער איז געשטאַנען, ער האָט זיך אָפּגעקערט פון אונדז, ארײַנגעלייגט אין מויל אַ פּיל און גיך זי פאַרטרונקען. „אָ, פאָטערל, באַ דיר איז דאָך די עמעסע ווונד אין מאָגן", — האָב איך אַ טראַכט געטאָן און באַמערקט אַ ווייטעקלעכע מינע אויף זײַן פליישיק פּאָנעם.

— מאַדאַם לאַנסקאַיאַ, איך טראַכט עפענען צום נײַ־יאָר אַ וואַריעטע פאַר אָפיצערן... דאָס איז וויכטיק, זייער וויכטיק. די קאָמאַנדשאַפט איז אײַנשטימיק. מאָסקווע וועט ביז יענער צײַט גענומען ווערן, מעגלעך, אַז מיר וועלן קריגן אַקטיאָרן פון דער הויפּטשטאָט, נאָר זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז איר וועט באַ אונדז זײַן דער שטערן. — דער דיקער האָט זיך אַ גאַלאַנטן נייג געטאָן און זיך באַמיט אַראָפּצושלינגען זײַן קרענקלעכן שלוקערץ.

— יאָ־יאָ, געוויס. מיר גרייטן איצט מיטן הער ווינאָקוראָוו אַ פּראָגראַם. מע האָט מיר געשענקט אַ דײַטשישע פּלאַט, און איך רעפּעטיר איצט אַ לידל אויף דײַטש.

— ס'וואָלט גוט געווען עפּעס אזוינס, נו, ווי זאָל איך דאָס זאָגן? עפּעס האַרציקס, נו, יאָ, האַרציקס. מיר זײַנען ווײַט פון אונדזער ליבער היימאַט, פון אונדזערע צאַרטע פרויען, פון אונדזערע ליבע מאַמעס. אונדזערע העלדישע סאָלדאַטן בענקען נאָך זייערע מישפּאָכעס. נו, ווי זאָל איך אײַך זאָגן אויף רוסיש?.. נו, עפּעס אזוינס, וואָס דערוואַרעמט דאָס האַרץ.

— פאַרשטענדלעך, איך וועל נעמען אין אַכט אײַער ווונטש. עפּעס וואָס צו דערוואַרעמען דאָס האַרץ. פרעכטיק... אַן אויסגעצייכנטער פאַרטראַכט. נאָר עפּשער וועט דער הער קאָמענדאַנט אונדז שיקן עפּעס וואָס אויף צו דערוואַרעמען די מאָגנס?

— מאַגנס? וואָס איסט דאָס מאַגנס?.. אַך, זאָ, כאַ־כאַ! נאַטיורלעך, נאַטיורלעך... די דײַטשישע קאָמאַנדשאַפט קאָן אָפּשאַצן די פּערזאָנען, וועלכע דינען אופּריכטיק דעם רײַך.

בײַס דער אַדיוטאַנט האָט געבראַכט אונדזערע פּאַספּאָרטן און מיר האָבן זיך אונטערגעשריבן אויף דרײַ בלעטלעך, האָט אים דער קאָמענדאַנט אויף דײַטש אָפּגעגעבן אַן אַנטשפּרעכנדיקן באַפעל. לאַנסקאַיאַ האָט צו מיר פאַרשײַט אַ ווונק געטאָן.

ווידער האָב איך געדאַרפט דורכגיין דעם גאַנצן זאַל, קאָליסטרוי פון אָפּשפּאַטערישע, פאַרווונדערטע, אומפרײַנטלעכע בליקן. לאַנסקאַיאַ אָבער איז רויִק געגאַנגען פאַרבײַ די מענטשן. דאָס געווינלעכע שמייכעלע האָט געשוועבט אויף אירע ליפּן, זי האָט גרינג און גראַציעז דורכגעטראָגן דורכן זאַל איר גרויסן פולן גוף. איך בין אַדורכגעלאָפן דעם אופנאָם־צימער ווי איינער, וואָס ראַטעוועט זיך פון פײַער, און, כאָטש איך האָב קיין שום שלעכטס ניט געטאָן, קיין איין שעדלעך וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט, האָב איך זיך געפילט קעגן די מענטשן, וואָס שטייען אין ריי, ווי אַ פאַרברעכערן.

ווען איך בין שוין געווען בײַ דער טיר, האָב איך דערהערט: „כאַווער דאָקטער!" דאָס האָט מיך גערופן דער אינזשעניער בליטשטיין. עס איז געווען שווער אים צו דערקענען, אַזוי פאַרעלטערט און פאַרענדערט איז ער געוואָרן.

— כאַווער דאָקטער! נאָר צוויי ווערטער. איר זײַט געווען בײַם קאָמענדאַנט. איר זײַט מיט אים באַקאַנט?..

איך האָב אים געוואָלט זאָגן, ווי די זאַך איז, נאָר בליטשטיין האָט דרינגענדיק געמוזט וויסן, צי בין איך טאַקע באַקאַנט מיטן קאָמענדאַנט, און ער האָט אײַלנדיק געזאָגט:

— איר פאַרשטייט, דאָקטער, וואָס עס האָט געטראָפן? מײַן פרוי, מירע... ליגט מיט אַן אינפאַרקט, מע טאָר זי ניט רירן פון אָרט. ווי האָב איך זי געקאָנט איבערלאָזן? בין איך געבליבן מיט מײַנע טעכטערלעך. וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן אויף אַזאַ אומגליק? פריִער האָבן זיי אונדז ניט געטשעפעט. נאָר איר האָט דאָך מיסטאָמע געהערט, וואָס פרײַטיק האָט געטראָפן? די עסעסאָווצעס האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין יידישע דירעס, געכאַפּט מענטשן, אפילו ניט געלאָזט עפּעס נעמען מיט זיך און ערגעץ זיי אוועקגעפירט. מיר זײַנען אָפּגעזעסן אָפּן בוידעם אַ גאַנצן מעת־לעת, נאָר קיינער איז ניט געקומען צו אונדז. מיר האָבן פרײַ אָפּגעעטעמט. און אָט האָט איר אַ נײַע גזירה — די רעגיסטראַציע. וואָס טוט מען איצטער? מירעטשקע איז דאָך טויט־קראַנק!

זײַנע טונקעלע טיף־פאַרזונקענע אויגן האָבן געקוקט אויף מיר מיט אַזויפיל האָפענונג. וואָס האָב איך אים געקאָנט ענטפערן?

— איך האָב באַקומען פונקט אַזאַ פּאַוועסטקע ווי איר, מע רעגיסטרירט אַלעמען.

— מיר זײַנען אומגליקלעך. וואָס האָבן זיי צו מיר? איך טו מיר מײַן זאַך, איך קאָך זייף. די שטאָט נייטיקט זיך אין דעם? אײַך, ווי אַ דאָקטער, דאַרף איך דאָס ניט דערקלערן. ס'קאָן זיך צעבושעווען אַן עפּידעמיע, מײַן אומגליקלעכע מירע, מײַנע מיידעלעך... דאָקטער, עפּשער איז מעגלעך, איר זאָלט זיך מישטאַדל זײַן? דערבאַרעמט זיך, זאָגט דעם קאָמענדאַנט.

— וואָס רעדט איר, וואָס זאָל איך זאָגן דעם קאָמענדאַנט?.. די אויסוואורפן וועלן מיך פאָלגן? אָבער צו אײַער פרוי וועל איך קומען. גיט אײַער אַדרעס.

— ביטע זייער, לאַנג לעבן זאָלט איר, — האָט ער זיך דערפרייט. — איך האָב ניט אויף וואָס צו פאַרשרײַבן... אָבער מײַן אַדרעס וועט איר גרינג פאַרגעדענקען: לעבן דער פאַבריק „באָלשעוויטשקע", הויז 61. אַ זעקס, אַן איינס... וווינונג 8... דאָס איז אין הויף. איר וועט באַלד געפינען, עס איז זייער גרינג צו געפינען, אַ ביסעלע קווער פון דער באַד...

לאַנסקאַיאַ האָט אומגעדולדיק געוואַרט, דער שמועס זאָל זיך ענדיקן, נאָר עס איז איר דערעסן געוואָרן. זי איז צוגעגאַנגען צו אונדז און געזאָגט:

— אַנטשולדיקט, מיר אײַלן זיך זייער. — זי האָט מיך גענומען אונטער דער האַנט. — קומט, ווערא ניקאָלײַעווונאַ, מע וואַרט דאָך אויף אונדז...

— יאָ, געוויס, איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, — האָט פאַרלאָרן געפּרעפּלט בליטשטיין. — דאָקטער, איר וועט ניט פאַרגעסן... אויב נאָר איר וועט קענען... מײַן מירעטשקע איז, נעבעך, אַזוי אומבאַהאָלפן.

לאַנסקאַיאַ האָט מיך געפירט, ריכטיקער, זי האָט מיך געשלעפּט, ווי אויף אַ בוקסיר. כאָטש זי האָט אונטערגעהונקען, איז זי געגאַנגען גאַנץ גיך. און פאַר מײַנע אויגן איז געשטאַנען דער אינזשעניער. זײַנע דערשראָקענע אויגן האָבן געקוקט אויף מיר מיט געבעט. ניט קיין מעדיציניש הילף, ניט קיין דאָקטערשער וויזיט האָט געקאָנט ראַטעווען אים מיט זײַן מישפּאָכע...

— אַ גרויל, אַ גרויל! — האָט געטײַנעט לאַנסקאַיאַ. — דאָס איז פונקט ווי בײַ אוועלסן, איר געדענקט? אין „קאַמף פון וועלטן"? עפּעס אויסטערלישע באַשעפענישן כאַפּן מענטשן,

שלײַדערן זיי אין קוישן אף אופצועסן זיי, פונקט ווי מיר טוען עס מיט הינער אָדער מיט ענטלעך... אָן אומגעהערטער שיגאָען. דאָס פלוידערײַ זייערס וועגן דער זויבערקײַט פון דער נאָרדישער ראַסע, וועגן געהיימען בונט פון אַלוועלטלעכן ייִדנטום, וועגן דער אוראַלטער זינד קעגן זויבערן בלוט, אַ מין ווילדע אויסטראַכטעניש פון שאַמאַנען. דאָס איז בײַ זיי דערפירט צו דער מאַדרייגע פון אַ רעליגיע. קיינער פון זיי וואַגט ניט צו דערווידערן ניט נאָר אף אַ קאָל, נאָר אפילע אין געדאַנק. גאָט זאָל אָפּהיטן!

פלוצעם האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און אַ קוק געטאָן אף מיר.

— איך ווייס ניט, איך וויל ניט וויסן, פאַרוואָס איר זײַט דאָ געבליבן. איך פרעג בײַ אײַך גאָרנישט ניט. נאָר... אויב איר קאָנט, טוט עפּעס פאַר בליטשטיינס פאַמיליע. מע דאַרף זיי ערגעץ אַרויספירן, באַהאַלטן... און וואָס גיכער. אויב ניט... — זי האָט אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט באַם האַלדז און גענומען גיכער שפאַנען.

— ווען איך וואָלט עס נאָר געקענט, וואָלט איך זיי געוויס געראַטעוועט. נאָר די קראַנקע פרוי וועל איך אומבאַדינגט באַזוכן, דאָס קאָן אַנדערש ניט זײַן.

לאַנסקאַיאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט, מיך באַטראַכט מיט אירע צוגעזשמורעטע אויגן אַזוי, ווי זי וואָלט מיך ניט דערקענט, און באַמערקט:

— אָט דאָס דאַרפט איר גראָד ניט טאָן. זיי וועלן אײַך ניט מויכל זײַן אײַער וויזיט צו אַ ייִדישער מישפּאָכע...

— איך בין דאָך אַ דאָקטער.

— אַ דאָקטער? עס האָט אַ באַדײַט בײַ זיי... דאָס זײַנען דאָך ווילדע מענטשן. יעדערער, וואָס קומט אין באַריר מיט די, וועלכע זיי האָבן פאַרמישפּעט, ווערט אויך פאַרמישפּעט. באַם וואָרט „ראַסע" שליסט זיך אויטאָמאַטיש אויס זייער פאַרשטאַנד... איך רייד ניט וועגן אַלעמען, איך האָב אין זינען די, פון וועלכע ס'הענגט אָפּ אײַער און מײַן גוירל.

— נאָר איך בין דאָך אַ סאָוועטישער דאָקטער.

לאַנסקאַיאַ האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט. זי האָט מיך נײַגעריק אָנגעקוקט:

— איז וואָס? אײַער ווײַסער כאַלאַט וועט אײַך באַשיצן פון אַ קויל?.. — זי האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען. — בײַ אונדז אין טעאַטער איז דאָ אַ ווערטל: „גראַנאַנאַיִוו"... קומט, לאָמיר גיין.

...זעט אויס, אַז די רעגיסטראַציע האָט זיך געענדיקט פאַר מיר ניט שלעכט. נאָר עפּשער דערפאַר, וואָס איך בין זעלטן אף דער פרישער לופט, צי עפּשער פון אופרעגונג האָב איך דערפילט אַזאַ שוואַכקײַט, אַז מײַנע קני האָבן געציטערט. איין זאַך האָב איך איצט געוואָלט — וואָס גיכער אַהיים, אין אונדזערע קעלערס, ווו די לופט איז אָן אַ שיר מאָל דורכגעלאָזט דורך אַלעמענס לונגען, נאָר ניט קוקנדיק דערוף, אָטעמט זיך דאָרטן גרינגער.

סעמיאָן, דו ביסט דאָך בײַ מיר שטענדיק געווען אַ שטרענגער אין די פראַגן פון עטיק, דו וועסט מיר אַצינד געוויס ניט מויכל זײַן, וואָס כ'האָב זיך געלאָזט אײַנריידן און האָב זיך אוועקגעשלעפּט מיט דער אַקטריסע לאַנסקאַיאַ. און ניט דערפאַר, וואָס איך האָב געדאַרפט היילן איר פוס, נאָר קעדיי אָפּצועסן און אַ פלוידער טאָן מיט דער־אָ מאָדנער און אומפאַרשטענדלעכער פרוי, אין וועמעס טאַלאַנט מיר זײַנען בייס די סטודענטישע יאָרן אַלע געווען פאַרליבט. זי וווינט אַפן סאָוועטישן בולוואַר, דאָרט, ווו מיר האָבן אַמאָל אויך געוווינט. אַ שיין הויז, געדענקסט עס? ווען דו קוקסט עס איצט אָן! דער פליגל, ווו ס'האָט זיך געפונען אונדזער וווינונג, איז אַראָפּגעפליקט. אין צווייטן פליגל וווינט מען. נאָר וויִאַזוי וווינט מען? קיין שויבן זײַנען ניטאָ, די פענצטער זײַנען פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. דורך די ברעטער שטאַרצן אַרויס טרויבן. דער פאַסאַד איז פאַרייכערט, פון די באַלקאָנעס הענגען אַראָפּ געלע פעטע פאַרפרוירענע אומרייניקײַטן, די טרעפּ זײַנען באַדעקט מיט גראָבע ברוינע אָנגעפרוירענע בערג אײַז, אַזוי אַז, קלעטערנדיק איבער זיי, מוז מען זיך האַלטן מיטביידע הענט בײַ דער פאָרענטשע.

אין ערשטן, צווייטן און דריטן שטאָק וווינען עפּעס דײַטשישע מיליטערישע. דאָרטן, זאָגט לאַנסקאַיאַ, איז אַ ביסל בעסער, ווײַל די דײַטשן צווינגען די אײַנוווינער אָפּרייניקן דאָס אײַז פון די טרעפּ און הייצן די אויוונס, די נײַע אײַנוווינער, די ראַסן־ריינע הערן, זאָלן זיך כאָלילע ניט צוקילן...

לאַנסקאַיאַ און ווינאָקוראָוו זײַנען געבליבן וווינען אין זייער פריִערדיקער דירע. אַלע ווענט אין די צימערן, אין קאָרידאָר און אפילע אין קיך זײַנען פון דער פּאָדלאָגע ביז דעם סופיט פאַרשטעלט מיט ביכער. נאָר דאָס לעבן, ווי איך האָב באַמערקט, זשיפּעט קוים אין צימער, ווו ס'האָט אַמאָל געלעבט זייער שטוב־אַרבעטערן, און אין ווינאָקוראָווס קליינעם קאַבינעט. דאָרטן, צווישן פאַרצײַטיק מעבל, האָט זײַן אויסקומעניש וויאַטשעסלאָוו ווינאָקוראָוו. דו געדענקסט

געוויס, אז ער איז געווען דער קינסטלערישער אָנפירער פון אונדזער טעאַטער. איצט איז ער דער וויצע־בורגאָמיסטער פון שטאָט פאַר קונסט, קולטור און בילדונג.

דער הויכגעשעצטער וויצע־בורגאָמיסטער איז, צום גליק, אין שטוב ניט געווען. מיר האָבן אַרײַנגערוקט אין טשוהונענעם אײַוועלע עטלעכע אַלטע צעפאַטלטע ביכער, און, ווען עס האָט זיך אָנגעוואַרעמט די אײַזערנע טרויב, האָבן מיר זיך אוועקגעזעצט אין די שטולן. קעדיי פאַר־קירצן מײַן וויזיט, האָב איך געבעטן די באַלעבאָסטע, זי זאָל מיר ווײַזן דעם קראַנקן פוס. אָנ־שטאָט דעם האָט זי אַראָפּגעכאַפּט פון מיר דאָס טיכל, געשיקט עס אויסגעבונדן אַפן אייגענעם קאָפּ. אונטערהינקענדיק צוגעלאָפן צום אָוואַלן שפּיגל, וואָס איז אײַנגעפּאַסט אין א ראַם פון רויטן האָלץ, און דאָס שפּיגל־גלאָז האָט נאָך בוילעטער, ווי אין דער וואָר, באַוויזן איר פולע שטאַלטנע פיגור. מיט גרויס באַשיידנקײַט איז זי זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער, קוקנדיק אין שפּיגל אַף איר אָפּבילד. און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז איך האָב זי פּונקט אזא געזען אין טעאַטער אָדער אין קינאָ...

— עס קליידט מיר, הא? — האָט זי געפרעגט, ניט אָפּרײַסנדיק דעם בליק פון שפּיגל. — צו דעם־אָ שאַלכל וואָלט איך איצט באַדאַרפט א שטרענג גרוי קלייד מיט א הויכער טאַליע, ווי אין לאַוורעניאָווס „ראַזלאָם“?.. יאָ, עס קליידט מיר? נאָר אײַך קליידט עס נאָך מער. אין אײַך איז פאַראַן עפּעס פון א נאָנע, עפּעס פאַנאַטישעס. כוץ דעם, זײַט איר יונג... אך, יוגנט, יוגנט!

זי האָט אָפּגעזיפצט. דאָס מאָל איז עס געווען אן אופריכטיק זיפצן.

— נאָר איר זעט אויס ניט עלטער פון מיר, — האָב איך באַמערקט.

— יאָ? — האָט זי פרײַנטלעך אופגעפלאַטערט. — טאַקע, אינדערעמעסן? — און זי האָט אומעטיקלעך צוגעגעבן: — איך זע אויס! קעדיי איך זאָל אזוי אויסזען, פאַרליר איך אַזויפיל שאָען, וויפל איר פאַרלירט מינוטן. זאָגט דעם עמעס, איר האָט זיך דאָך הײַנט אפילע ניט צוגעקעמט, — זי האָט א שויבער געטאָן מײַנע האָר, — איר ווילט, וועל איך אײַך פאַרקעמען? איר וועט דאָך היילן מײַן פוס, גיב איך אײַך אן אוואַנס פאַר דער אַרבעט. גייט צו צום שפּיגל.

פלינק און געשיקט אַרבעט זי מיט דעם קעמל. אירע פולע הענט שוועבן. איך בין געזעסן באַם שפּיגל ווי אין א פאַנטאַסטישן דרעמל. און מײַן געוויינלעך פּאָנעם, וואָס איך האָב ניט געזען אין קיין לײַטישן שפּיגל די גאַנצע צײַט פון דער אָקופּאַציע, האָט זיך געענדערט מאַמעש מיטן קוק. ניט שוין זשע זײַנען די ווייכע שיינע האָר, וואָס פאַלן אזוי כוואַליעאַרטיק אַף מײַן שטערן, טאַקע מײַנע האָר? און דאָס פּאָנעם מיט די פּוכקע ליפּן, מיט די גרויסע קאַרע אויגן, וועלכע קוקן פון אונטער די לאַנגע וויִעס? איז עס טאַקע מײַן פּאָנעם? די פריזור, וואָס לאַנ־סקאַיאַ האָט מיר געמאַכט, גיט מיר צו עפּעס ייִנגלשס. איך בין ענלעך געוואָרן אַף סטאַלקען, אָדער ריכטיקער געזאָגט, די פריזור האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, ווי אונדזער סטאַלקע איז ענלעך אַף מיר. נאָר פלוצעם האָב איך זיך געכאַפּט, אז איך בין דאָך א דאָקטער, אז דער גוירל האָט שוין אזוי געוואָלט, אז איך זאָל ווערן א פאַרוואַלטער פון שפּיטאָל און איך זאָל זײַן פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר פיל קראַנקע מענטשן, וואָס זײַנען געבליבן אונטער מײַן אופזיכט; אז איך בין שוין ניט קיין יונגע פרוי און א מאַמע פון צוויי קינדער. וואָס זשע זיץ איך דאָ, שעפּ נאַ־כעס פון זיך, ווי א לײַכטזיניק מיידל? פון שפּיגל האָט אַף מיר געקוקט א צונטער־רויט פּאָנעם.

איך האָב זיך אָפּגערוקט פון שפּיגל, בין אופגעשפּרונגען און געוואָלט נעמען מײַן מאַנטל.

— און דער האָנאָראַר? איר זײַט דאָך געקומען אָנקוקן מײַן פוס? — האָט לאַנסקאַיאַ גע־זאָגט. זי האָט אופגעהויבן דאָס קליידל און אָפּגעשפּיליעט דעם דינעם זײַדענעם זאָק.

דאָס פאַרווײַלן זיך איז פאַרענדיקט. איך באַטראַכט איר קראַנקן פוס: צי האָט מען געמאַכט רענטגען, וואָס האָט ער באַוויזן? אַלץ איז קלאָר אויך אָן רענטגען. די ביינער זײַנען גאַנץ. איך קאָן אָבער איצט געבן די סאַמע פרימיטיווע אָנווײַזונגען — אָנטאָן דעם פוס וואַרעם, מאַכן גימנאַסטיק, נאָר אָן דעם וועט עס אויך רעכט זײַן, די צײַט וועט אויסהיילן. לאַנסקאַיאַ הערט מיך אויס צעשטרייט און טוט פלוצעם א כיכיקע, ווי א מיידעלע:

— דער דײַטש, דער כירורג, איך האָב אײַך געזאָגט וועגן אים, דער־אָ, וואָס באַזוכט מיך, טאַפּט אזוי פלײַסיק און לאַנג מײַן אָרעמען פוס, אז ס׳איז ביכלאַל שווער צו גלייבן, צי ער וועט זיך אַמאָל אויסהיילן. ער האָט מיר אָנגעפלוידערט אַזויפיל לאַטײַן, און איר — וואַרעמקײַט, גימנאַסטיק... מיר דוכט, אז ער איז ניט פאַרינטערעסירט אין מײַן גיך געזונט ווערן. אין א רעגע פון אָפנהאַרציקײַט איז ער זיך מוידע געווען, אז ער רוט בא מיר אָפּ פון זײַנע „ראַסן־ריינע קאַמראַדן“... אזוי, אזוי. און אונדזער סאָוועטישע פאַרגעשריטענע מעדיצין האָט טאַקע מער גאָרניט פאָרצולייגן דעם כוילע?

— ספּירט־קאָמפּרעסן, — לייג איך פאָר.

— קאָניאַק־קאָמפּרעסן וועלן ניט פאַרשאַטן? — פינטלט לאַנסקאַיאַ פאַרשײַט. — ס׳איז געוויס בעסער אײַנצונעמען קאָניאַק אינווייניק. ניט אזוי? אָט איז שוין די קאַווע פאַרטיק. וועלן

מיר טאַקע טרינקען קאַווע מיט קאָניאַק. — אַפן אייוועלע, וואָס האָט זיך גוט אָנגעגליט, האָט זיך אין אַ קליין פענדעלע געבלעזלט דאָס געשמאַקע געטראַנק. אַן אָנגענעמער אַראָמאַט האָט אָנגעפילט דעם צימער.

איך האָב גאַנץ גוט געוווּסט, סעמיאָן, אַז אַקוראַט איצט איז די ריכטיקע צייַט, איך זאָל אופשטיין און אַוועקגיין. ס׳וועט שוין זייַן איבערגעגוג פאַר מיר די גרויסאַרטיקע קאָמפּראָמענטירנדיקע באַקאַנטשאַפט! נאָר ס׳האָט אַזוי גוט געשמעקט די קאַווע, ס׳האָט זיך מיר אַזוי געוואָלט עסן, אַז איך בין ניט אַוועק. מיר האָבן געטרונקען פון קליינע דורכזיכטיקע דינע קריגעלעך, ווי מושלען, און געטרונקען האָבן מיר די קאַווע מיט קאָניאַק. אַף קאָניאַק, ווי דו ווייסט, בין איך אַ קליינער מייוון, און לאַנסקאַיאַ האָט צוגעגאָסן פון אַ בייַכיקער אויסלענדישער פלאַש און געלויבט ווי אַ סויכערטע. און ווירקלעך, ס׳האָט מאַמעש געברענט דאָס מויל. איבערן גאַנצן גוף איז זיך צעגאַנגען אַ וואַרעמקייַט. דאָס שווער־דריקנדיקע געפיל איז ערגעץ אַוועק, איבערגעבליבן איז נאָר דער צימער, די ביכער באַ די ווענט, דאָס אומבאַקוועמע מוזיי־מעבל, וואָס האָט זיך געטשעפּעט צום אָנטאָן מיט די בראָנזענע פליטערלעך, און דער צויבער־שפּיגל, אין וועלכן אַלץ האָט אויסגעזען בוילעטער און שענער, ווי אין דער ווירקלעכקייַט, אויך די פרוי, וואָס האָט אַמאָל דערשיטערט אונדזערע יונגע נעשאָמעס אין דער ראָל פון אַנאַ קאַרענינאַ. אויך די פליסיקייַט אין דער בייַכיקער פלאַש, וואָס האָט כאָטש אַף אַ ווייַלע אָפּגעריסן פון דעם אַלעם, וואָס האָט געמאַטערט און פאַרומערט.

— עך, דאָקטער וואָראָטשקאַ, „איין מאָל לעבן מיר" — ווי עס זאָגט אַ העלד פון איינער אַ קלאָגעדיקער פּיעסע, אין וועלכער איך האָב אַרויסגעמוטשעט פון זיך אַ פאַלשע ראָל. — זי האָט אָפּגיך אַרייַנגעגאָסן אין זיך איינס נאָך איינס צוויי גלעזלעך, אַ טרייסל געטאָן מיט די צעוואָרפענע האָר און וווּליוונגעריש אַ געשריי געטאָן: — הוליעט, ווייַבער, גאָט איז געפּיירט, ס׳איז עק וועלט!

צום גליק, האָב איך ניט באַוויזן צוצוטראָגן צום מויל דאָס צווייטע גלעזל. עמעצער האָט זיך געפּאָרעט מיטן שליסל, ס׳האָט אַ סקריפּע געטאָן די טיר, ס׳האָבן זיך דערהערט כניפּעדיקע טריט, אַ פאַרזיכטיק קלאַפּן אין טיר.

— קירא וולאַדימיראָוונאַ, מע קאָן אַרייַן?

— ניין, איך האָב געסט. נו מיילע, גייט אַרייַן!

ס׳האָט זיך באַוויזן ניט קיין יונגער מאַנצבל אין אַ גוט אופגעניטן אָנצוג, אַ וווילגעשטאַלטיקער. אַ גלייַכער שרונט האָט, ווי מיט פאָדעם, פאַנאַנדערגעטיילט זייַנע האָר, און גראָד אָט דער גלייַכער שרונט האָט צוגעגעבן זייַן אָנבליק עפּעס אַזוינס, וואָס האָט דערמאָנט דעם אַלטן רעזשים.

— זייַט באַקאַנט: מייַן כאַווערטע. מייַן לייב־מעדיק וועראַ ניקאָלייַעוונאַ טריאָשניקאָוואַ, און דאָס איז מייַן... ניין, איצט איז ער ניט מייַנער. איצט איז ער אַליין פאַר זיך אַ מאַנספּאַרשוין... אַ געוועזענער פּאַרדינסטפּולער, אַ געוועזענער לאַוריאַט, אַ געוועזענער אָרדענטרעגער און אַ דעפּוטאַט פון שטאָט־ראַט. פון וואָס נאָך אַ געוועזענער? יאָ, אַ געוועזענער מענטש. אַצינד — דער וויצע־בורגאָמיסטער פון לייַזיקע איניאָנים. די האָר פון זייַן פּערדס עק איז געוואָרן אין דעם פּאַשיסטישן זיפּעלע אַ דעק... — לאַנסקאַיאַ האָט זיך צעלאַכט צו הויך, צופיל צעצויגן, אַז דאָס זאָל קאָנען אָנגיין אַלס אופריכטיקער געלעכטער.

— ליבינקע, טרינקט מער ניט. גענוג, — האָט געדולדיק געזאָגט דער אַזוי שיין פאָרגעשטעלטער גאַסט. ער האָט זיך אַ צי געטאָן אַוועקצונעמען די פלאַש. דערבייַ געקוקט אַף לאַנסקאַיאַ מיט אופרעגונג און פאָרוווּרף.

— ניט טרינקען? וואָס זשע דען באַפוילט איר מיר טאָן? — זי האָט באַ אים אַרויסגעריסן די פלאַש און, צעפליוסקענדיק דעם קאָניאַק אַפן טיש, אָנגעגאָסן אַ פול גלעזל. — וואָס זאָל איך טאָן? פרעג איך אייַך, וואָס קאָן איך טאָן לויט אייַער מיינונג? איך קאָן זיך דאָך אַפילע ניט אופהענגען אין טואַלעט, וואָרעם איר און אייַערע באַשירמער האָבן דאָרט אָנגעלייגט אַזוינע בערג, אַז עס וועט באַלד גרייכן ביז אַ האַלבן צימער.

— ניין, ווען איר זייַט אין אַזאַ צושטאַנד, איז אומעגלעך צו ריידן מיט אייַך, — האָט דער וויצע־בורגאָמיסטער באַמערקט און האָט זיך אַף די שפּיץ פינגער דערווייַטערט צו דער טיר.

— אַנטלויפסט? דו, מאַכער! עקלדיקער לאַקרעץ, אויסגעוועפּטער שאַמפּאַניער! — האָט צעהיצט געשריִען לאַנסקאַיאַ, אַ שלייַדער געטאָן דאָס קרישטאָלענע גלעזל אין דער פאַרמאַכטער טיר. זי האָט מיך פּלוצעם אַרומגענומען, האָט זיך אַ צי געטאָן צו מיר מיט די נאַסע ליפּן. — וועראַ, דאָס האָט ער דאָך, אָט דער־אָ נעפעש, מיך צוגערעדט איבערצובלייַבן, — האָט זי, שיקער כליפּענדיק, דערציילט. — איך האָב אינדערעמעסן אויסגעלונקען דעם פוס און איך בין געלעגן צו בעט, נאָר מע וואָלט מיך דאָך אַף די הענט אַוועקגעטראָגן. און ער האָט מיך

באהאלטן און צעפויקט, אז איך בין אומגעקומען... געפונען א טערעץ: ער דארף היטן די ביכער. מע האט זיי גאר ניט געקאנט ארויספירן, די ביכער? פארשטייט איר מיך! ער האט טאקע ליב זעלטענע ביכער, ער שלעפט זיי צו זיך אין דער אייכענער נארע און באהאלט זיי פון מענטשן... נאר ניט צוליב די ביכער איז ער געבליבן, ניין... אוי, האב איך אים פיינט! — לאנסקאיא איז אופגעשפרונגען און מיט גרימצארן גענומען רייסן א בוך, וואס האט זיך געוואלגערט לעבן אייוועלע. געריסן און געווארפן אין פייער. דער פלאם האט אזש געהודיעט. אין צימער איז געווארן הייס. שווייס איז גערונען איבער איר צעהיצט פאנעם. זי האט געווישט דאס פאנעם מיט דער דלאניע, מיטן ארבל, ווי א פויערטע, וואס באקט ברויט.

— א, איר קענט אים ניט! איך האב געקויפט אין קאמיסיאנקע אויסלענדישע שיינע טופל, זעלטן־שיינע. זיי האבן מיך געמאכט העכער און האבן זייער געפאסט צו מיין נייעם קלייד. נאר אנומלטן, נאך א ספעקטאקל, איז געגאנגען א רעגן, און ביז איך בין געקומען אהיים, זיינען זיי פון דער נעץ צעקראכן געווארן. ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז זיי זיינען געמאכט געווארן פון געפארבטן קארטאן. האט דער ארדענטרעגער, דער פארדינסטפולער, דער טייוול ווייסט אים נאך וואס, אפגעשפילט אזוינס! — לאנסקאיא האט זיך צעוויינט און געטיינעט: — איך בין א פרוי, ווי אלע פרויען, איך בין געווען צוגעבונדן צו אים. — זי האט גענומען שעפטשען, ווי זי וואלט מיר פארטרויט א מוירעדיקן סאד: — איך בין שוין ניט יונג, און מיין עלטער איז זייער שווער זיך אפצוזאגן פון דעם, וואס דו האסט, זיך אפזאגן פון דעם, צו וואס דו ביסט צוגעוווינט. נאר פונדעסטוועגן וואלט איך אלץ איבערגעלאזט און איך וואלט אוועקגעפארן, ווי דער אלטער לאווראוו. איר געדענקט לאווראוון? יענער האט געכאפט פון זיין גאנצער בילדער־זאמלונג נאר איין בילד ווערובעלס, דאס ווייב און איז אוועק. נאר איך האב דאך געגלייבט דעם דאזיקן ווינאקוראוון. איך האב אין אים געשעצט א קעמפער פאר עמעסדיקער קונסט. א קעמפער!.. ער האט פאשעט רויק אויסגערעכנט, וואס איז אים גינסטיקער: אוועקפארן אדער בלייבן. לויט די מאפעס האט זיך באקומען: אונדזערע זיינען צעקלאפט, טרעטן אפ אין פאניק, האבן ניט קיין קרעפטן צו פארטיידיקן מאסקווע, נו, אויב אזוי, — דארף מען בייטן דעם קאליר, זיך צופאסן צו דער נייער סוויווע. וויצע־בורגאמיסטער! קארעספאנדענט פון דער צייטונג „דאס רוסישעווארט"... טפו, — און א זאפטיקער שפיי איז געבליבן הענגען אף דער טיר. — א טוער פון דער דייטשישער אדמיניסטראציע, א באהעלפער פון דער נייער ארדענונג, און אין קאפ איז נאר איינס — וויאזוי פעסטער זיך אנצוכאפן אין דער דייטשישער קארעטע!

נאך א שפיי. הינטער דער טיר הערט זיך די גאנצע צייט א מין שארכען. נאר אט עפנט זיך די טיר שטילינקערהייט, ווינאקוראוו גייט אריין. זיין פאנעם דריקט אויס אויסגעמאטערטע געדולדיקייט.

— קירא, איר ווייסט ניט, וואס איר רעדט. מאדאם טריאשניקאווא, איך בעט אנטשולדיקונג פאר איר. איר זעט דאך, אין וואס פאר א צושטאנד זי איז.

מאדאם! מיך האט ער אנגערופן מאדאם טריאשניקאווא! איך האב געכאפט מיין מאנטל. נאר לאנסקאיא איז שוין געווען בא דער טיר.

— וואן! זאלסט ניט וואגן אריינצוגיין צו מיר, אלט פערד! — זי האט פארקלאפט די טיר. — ווערא, איר האט דאך געוויס געלייענט זיינע ארטיקלען אין אונדזער אמאליקער צייטונג. זיי זיינען אלעמאל געווען באגרינדעט מיט סטאלינס פאסטולאטן. איצט דרוקט ער זיך אין „רוסישן ווארט" און באגרינדעט זיינע ארטיקלען מיט די דאגמעס פון דער הינקעדיקער מאלפע, פון דאקטאר געבעלסן, ער דערוויזט דאס קעגנזייטיקע. דא האט איר דעם פרימאט פון דער ליכטיקער ראסע, פון נארדישן בלוט, די פראכט פון גערמאניזאציע, אדער די טרויעריקע נאכט פון אלוועלטלעכן יידנטום... עקלהאפט!.. היי! איך ווייס, אז איר הערט אונטער פון יענער זייט טיר. כאזשע איך איבער פאר אייך נאכאמאל: עס שלאגט צו דער גאל!

איצט האט זי ניט געשפילט. איצט איז עס ניט געווען קיין פארוואנדלונג אין ליובאוו יאראוואיא אדער אנא קארענינא. איצט איז עס געווען די עמעסע קירא לאנסקאיא.

— ער איז א גליטשיקער ווארעם, — זאגט לאנסקאיא, און איר הייסער אטעם שלאגט מיר אין פאנעם איניינעם מיטן רייעך פון קאניאק. — נאר, טייערינקע, איך וועל זיין אפנהארציק. וואס וואלט איך געטאן אין עוואקואציע? איך וואלט געלעבט ערגעץ אין א קעמערל, ארויסגעטראטן אף א פראווינציעלער עסטראדע און געגעבן אפן פראנט קאנצערטן. ניין, דאס איז ניט פאר מיר... גיט מיר א באמבע, אן אווטאמאט — וואלט איך אופגעריסן א שטאב, כ'וואלט דערשאסן א וועלכן־ניט־איז גענעראל. איך וואלט געקאנט אומקומען ווי מאריא סטיוארט, ווי זשאנא ד'ארק, ווי שארלאטא קארדע, נאר ארויסטראגן די טעפלעך פון די פארוווּנדעטע, זינגען לידעלעך אין מיטיק־איבערייס!.. דאס איז נייטיק, דאס איז ווויליזעליק, נאר דאס איז ניט פאר מיר. ווער ס'איז געבוירן געווארן צו פויזען, קאן ניט פליען. נו, און ווער ס'איז געבוירן געווארן

צו פליִען?.. דאָס אַלטע פערד, — זי האָט אַ טײַטל געטאָן מיטן פינגער צו דער טיר, — ווי נאָר עס קומט דער אָוונט, טרייסלט ער זיך ווי אַ שעפּסענער ווידל און פאַרשטעלט די טיר מיטן קאָמאָד... איך האָב מער קיין קויעך ניט. איך וויל ניט שטאַרבן פון בויך־ווערעם אָדער פון אַ פלעקטיפוס־לויז. איך מוז שטאַרבן אַזוי ווי איך האָב געלעבט.

זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט באַ דער וואַנט, זיך צוגעשפּאַרט, אויסגעצויגן די הענט, שטאָלץ, גרימצאָרנדיק געקוקט פאָרויס, אַקוראַט ווי באַלד וועט זיך דערהערן אַ זאַלפּ.

וואָס איז דאָס? אַ נעשאָמע־געשריי? אַ געוווינהײַט צו שפּילן? גענוג! איך קאָן ניט אָטעמען, איך האָב געכאַפּט דעם מאַנטל, פאַנאַנדערגעפּראַלט די טיר, אומגערן אַ קלאַפּ געטאָן ווינאָקוראָוון, וועלכער האָט טאַקע אונטערגעהערט. אַ נעס, וואָס איך האָב זיך ניט אויסגעגליטשט, לויפנדיק פון די פאַרפרוירענע טרעפּ. און אַף דער גאַס האָב איך ענדלעך פרײַער אָפּגעאָטעמט...

ס'איז נאָך געווען ליכטיק. איך האָב פאַריסן דעם קאָפּ, אַ רעכטע ווײַלע געקוקט און געפונען קירעס פענצטער. עס איז געווען פאַרקלאַפּט מיט ברעטער, ווי אַנדערע. פון די ברעטער האָט אַרויסגעשטאַרצט אַ טרויב און פון דער טרויב האָט זיך געצויגן אַ געדיכטער געקרײַזלטער רויך: דאָס האָבן, נעבעך, געברענט די אַלטע אומשולדיקע ביכער. אָפּגעאָטעמט, האָב איך אָנגענומען אַ הויפן שניי, אַ ביסל גענומען אין מויל, מיטן איבעריקן אויסגעווישט דאָס פּאָנעם און די הענט. ווי שיין איז געווען דער אָוונטיקער הימל! ער איז געווען ריין, קאַלט, אַ ליליען־פאַרב האָט גענומען שעמערירן, און עס האָבן זיך אָנגעצונדן די ערשטע גרינלעכע שטערן.

אהיים, גיכער אהיים!

איך בין קימאַט געלאָפן. אונדזערע פּײַכטע, טונקעלע קעלערס זײַנען פאַר מיר איצט געווען ניט נאָר אַ זיכערע באַהעלטעניש פון באָמבעס, נאָר זיי זײַנען מיר אויך געווען אַ באַהעלטעניש פונעם געפערלעכן אומבאַקאַנטן לעבן, וואָס עס האָבן אונדז געבראַכט די היטלעריסטישע האָרדעס.

נאָך אַפן וועג צו די קעלערס האָט מיך גענומען מאַטערן דער געדאַנק וועגן אינזשעניער בליטשטיין. אונדז איז ביטער, זייער שווער, נאָר מיר זײַנען אין די קעלערס ניט עלנט, ניט איינזאַם, און ער — איינער אַליין מיט די קינדער און מיטן קראַנקן ווײַב... ווי פאַרענדערט ער איז געוואָרן! פון אַן ענערגישן, לעבנסלוסטיקן מענטשן איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַפּהענטיק־דערשלאָגן באַשעפעניש... ווי דערשראָקן, דערנידעריקט ער איז... וואָס פאַר אַ פאַריאָגטקײַט עס קוקט אַרויס פון זײַן בליק... עס דוכט זיך, ער האָט זיך אינגאַנצן צונויפגעקאָרטשעט, צוגעזשמורעט די אויגן, זיך צוגעגרייט צו קלעפּ, און האָט שאָלעם געמאַכט מיט דער אומפאַרמײַדלעכקײַט.

איך וועל גיין צו זײַן קראַנק ווײַב. וויפל לאַנסקאַיאַ זאָל מיך ניט שרעקן, וועל איך גיין. אָט הײַנט, באַלד. איך מוז גיין — איך בין דאָפּלט פאַרפליכטעט, סײַ אַלס מענטש, סײַ אַלס דאָקטער. אין לאַנסקאַיאַס וואָרענונג איז דאָ אַ באַדײַטנדיקע דאָזע היסטעריע. פאַרשטייט זיך, ס'איז שרעקלעך... נאָר גענוג, גענוג זיך גריבלען. איך מוז גיין צו דער קראַנקער.

ס'האָט מיך זייער געצויגן צו אונדזערע קעלערס, נאָר איך בין פאַרבײַגעגאַנגען די רויִנירטע שפּיטאָל־געבײַדעס. און אײַנגיכן בין איך שוין געווען באַם רויטן טויער פון קאָמבינאַט „באָלשעוויטשקע”. ניטאָ דער רויטער טויער, ניטאָ דער הויכער פּאַרקן, וואָס האָט אַרומגעצוימט די טעריטאָריע פון קאָמבינאַט. אָפּגעווישט זײַנען אויך די הילצערנע הײַזער, וואָס זײַנען געשטאַנען לענגאויס דעם פּלויט: דער אַרום איז אומגעביטן — ניט צו דערקענען. די צעוואַלגערטע פאַרברענטע רעשטלעך פון דער וועבער־פאַבריק זײַנען ווי אַרויסגעקראָכן אַף דער גאַס. און נאָר די באַוווּסטע פאַבריק־בעדער, וווּהין אַ סאַך שטאָטישע פלעגן קומען כאַפּן אַ שוויץ און זיך גוט אויסבעזעמען, זײַנען גאַנץ געבליבן. טאַקע צוליב אָט די בעדער האָב איך גרינג געפונען דאָס גרויסע פירשטאָקיקע הויז, ווו עס האָבן געלעבט די אינזשעניערן מיט די טעכניקער.

אָן שום קווענקלעניש בין איך אַרײַן אין קאָרידאָר און דערזען אַ טיר, אַף וועלכער ס'איז געווען צוגעקלאַפּט אַ קופּערן שילדל: „אי. אַ. בליטשטיין — אינזשעניער קאָלאָריסט”. באַ דער אופשריפט האָט שוין עמעצער צוגעפּעסטיקט מיט קנאָפּקעס אַ שטיקל שוואַרצן קאַרטאָן, אַף וועלכן ס'איז מיט געלער פאַרב אָנגעמאָלט געווען אַ זעקסקאַנטיקער שטערן. דער שטערן איז געווען ענלעך אַף די שפּילכלעך, מיט וועלכע מע באַפּוצט יאָלקעס. דאָ איז דאָס! איך האָב אַנטשלאָסן אַ קלאַפּ געטאָן מיט „אַ דאָקטערישן קלאַפּ”. אהינטער דער טיר האָבן זיך דערהערט פאָרזיכטיקע טריט. נאָר די טיר האָט מען ניט געעפנט.

איך האָב נאָכאַמאָל אָנגעקלאַפּט.

— אַ דאָקטער, לויט אײַער אַרויסרוף...

ווידער טריט. אַ שאָרכען. און צוגעשטיקטע שטימען. מיך האָט עס גענומען פאַרדריסן: צו

אַלדי גוטע יאָר, וואָס פּאָרען זיי זיך דאָרט? איך האָב פאַרלוירן צײַט צוליב זיי. קלאַפּ איך שוין אין טיר מיטן פויסט.

— די קראַנקע בליטשטיין ווױנט דאָ?

די טיר האָט זיך געעפנט. אין שפּאַלט צווישן דער טיר און קייטעלע האָב איך דערזען דעם אינזשעניערס פּאָנעם, ער האָט אויף מיר געקוקט ווי אויף אַ געשפּענסט.

— דאָס זײַט איר, דאָקטער? — אַליין האָט ער זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער, אַקו־ראַט ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצײַגן, צי שטייט ניט עמעצער אַהינטער מײַן רוקן.

— איר האָט מיך אײַנגעלאַדן, טאָ לאָזט מיך אַרײַן. וווּ איז די קראַנקע?

— דאָס זײַט איר טאַקע, דאָקטער? — האָט ער אַ דערפרייטער איבערגעכאַזערט. — אַ דאַנק, אַ גרויסן דאַנק אײַך. אַנטשולדיקט, מיר האָבן געמיינט... קומט אַרײַן, קומט אַרײַן!

איך בין אַרײַנגעגאַנגען אין אַ פינצטערער קיך, וווּ די גאַנצע מישפּאָכע האָט זיך, אַפּאָנעם, געפונען. ס'האָט זיך געהייצט די פּליטע. עפּעס האָט זיך דאָרט געקאָכט אין אַ גרויסן באַק. עס איז געווען וואַרעם, אַפילע הייס. די לופט איז געווען אַ שווערע, מיט אַן עסיקן גערוך. בײַ דער פּליטע זײַנען געשטאַנען בלעכן מיט אַ מין פּעטשאַ, אין ווינקל האָבן זיך געוואַלגערט אויסגע־קאָכטע, ווי אויסגעזויגענע פערדישע ביינער.

— ווײַזט מיר די קראַנקע.

— אָט איז זי, ביטע זייער, — האָט זיך געטומלט דער אינזשעניער. — דאָס איז דאָך דער דאָקטער, מיראָטשקע... זעסט, און דו האָסט געזאָגט...

איצט, בייס איך האָב זיך צוגעוווינט צו דער פינצטערניש, וואָס איז געווען באַלויכטן נאָר פון דער פּליטע, האָב איך אין ווינקל דערזען אַ בעט — און אין בעט אַ פרוי, אומגעפער אין מײַנע יאָרן... מאַמעלעך! איך האָב זי גלײַך דערקענט, כאָטש זי איז שוין קימאַט אינגאַנצן ניט ענלעך געווען אויף יענער פרוי אין בונטן אָנטאָך, וואָס פלעגט אַזוי הויךריידן, בייס זי פלעגט קומען באַזוכן דעם מאַן אין כירורגישן אָפּטייל... „אָט דאָס איז אַ פרוי אַ פײַער!" — פלעגט אַנציקט אויסשרײַען דוביניטש, וועלכער איז געווען ניט גלײַכגילטיק צו פרויען־פּראַכט. נאָך איר אַוועק־גיין פלעגט אין פּאַלאַטע אויף לאַנג בלײַבן אַ שאַרפער פּאַרפומען־גערוך, און די שוועסטער פלעגן ביזן סאָף פון זייער דעזשורסטווע באַהאַנדלען אירע טואַלעטן. און אָט ליגט זי אַן אײַנגעדאַרטע, אַ שאָטן פון יענער, און זי איז איצט ענלעך געוואָרן אויף אַ הייליקער פון אַן אַלטער איקאָנע. פון דער אַמאָליקער פרוי זײַנען געבליבן די שוואַרצע פּאַנאַנדערגעפלויגענע ברעמען און די ווייכע האָר, וואָס זײַנען אין פאַרפּלאָנטערטע פּאַטלעס געלעגן אויפן קישן.

אַ בלייכער שמייכל שוועבט דורך איבער די ליפּן פון דער קראַנקער:

— אַנטשולדיקט, דאָקטער, בײַ אונדז איז אַזאַ שמוץ... איך קאָן ניט אַראָפּגיין פון בעט, און ער...

— נישקאָשע, מיראָטשקע, דער דאָקטער פאַרשטייט: אַ קוסטאַרע זייף־קאָכערײַ איז אַ מיִעסע, אַ בלאָטיקע אַרבעט. די צענטראַל־באַהייצונג האָט געפּלאַצט. אין שטוב איז אַ קעלט, טוליעט מען זיך אַרום דער פּליטע.

צו וואָס טויגן די אַנטשולדיקונגען, צי דען פאַרשטיי איך ניט? איך האָב באַקוקט די קראַנקע, כאָטש אָן דעם איז אויך דאָס בילד קלאָר. אַן אינפאַרקט איז אַן אינפאַרקט. נאָר איך האָב גע־טאַפּט דעם דויפּעק, געפרעגט נאַרישע פראַגן, אַבי ניט הערן זייערע אַנטשולדיקונגען, אַבי צע־שטרייען די מאָרעשכוירעדיקע אַטמאָספער, אַבי זיך צו באַשיצן פון זייערע אומעטיק־פרעגנ־דיקע בליקן.

— אַ שטעכעניש, אַן אומבאַקוועמלעכקײַט פילט איר אין האַרץ?

— דאָקטער, איר האָט דאָך געזען דעם צייכן אויף דער טיר. דאָס איז אַ מאָגנדאָוויד. דאָס איז דער צייכן פון טויט. מיר זײַנען פאַרורטיילט, — זאָגט די קראַנקע אָנשטאָט צו ענטפערן אויף מײַן פראַגע און באַמערקט שטיל: — וויִאַזוי האָט איר זיך אַנטשלאָסן אַרײַנצוגיין צו אונדז?

— ווען האָט איר דאָס לעצטע מאָל געפילט אַ ווייטעק, און אויב איר האָט יאָ געפילט, איז עס געווען אַ שאַרפער אָדער אַ טעמפּער ווייטעק?..

— אונדז באַזוכט קיינער ניט... אַלע האָבן מוירע.

— מיראָטשקע, דו ביסט ניט גערעכט. און די פרויען, וואָס זײַנען געווען אינדערפרי?

— יאָ־יאָ, דאָקטער, דאָס האָט מיך דערשיטערט... אינדערפרי גייען פּלוצעם אַרײַן דרײַ פרויען פון דער זיבעציקסטער צוזאַמענוווינונג, אַזעלכע געוויינלעכע, פּאָשעטע פרויען. איינע האָט אַמאָל געאַרבעט אַלס אויפראַמערן אין מײַן מאַנס, אין אָסיעס, לאַבאָראַטאָריע, און די צווייטע אינגאַנצן אַן אומבאַקאַנטע... איז שטעלט אײַך פאָר, זיי האָבן אונדז פאָרגעלייגט, מיר זאָלן זיך באַהאַלטן אינעם גרויסן הויז, ניט ווײַט פון אונדז. איר ווייסט געוויס דאָס דאָזיקע הויז, די אַרבעטערנס רופן עס „פּאַריזש"... אַהינצו האָבן זיי אַוועקגעפירט אונדזערע מיידעלעך.

און ער, אָסיע, איז געבלִיבן צוליב מיר. דאָס איז שרעקלעך, אַזאַ מין אומגליק. באַ פרויען אין מײַן עלטער טרעפט אַזוי זעלטן אַן אינפאַרקט, און מיך האָט עס ניט אויסגעמיטן. די גאַנצע מישפּאָכע קומט אום צוליב מיר...

— מיראַ!

— באַ אײַך איז ניט קיין שלעכטער צושטאַנד, נאָר איר דאַרפט אַבסאָליוטע רו. קיין שום באַוועגונגען. אַף אַ זײַט קאָנט איר זיך שוין לייגן, אָבער זייער פאָרזיכטיק, — גיב איך געוויינילעכע אייצעס און פאַרשטיי, ווי אומגעלומפּערט דאָס איז, ווי אומגעלומפּערט־ווילד עס זײַנען מײַנע אייצעס אין דער געגעבענער סיטואַציע.

— דאָקטער, וואָס טוט זיך דאָס! אַבלאַוועס, מע רײַסט זיך אַרײַן, מע כאַפּט מענטשן פון די געלעגערס און מע שלײַדערט זיי אין מאַשינעס... אַ שרעק, אַ גרויל! דערווײַל האָט עס אונדז אויסגעמיטן, נאָר דער מאַלכאַמאָוועס־צייכן אַף דער טיר... מיר זײַנען, דוכט זיך, די לעצטע... זאָגט אים, דאָקטער, זאָגט מײַן אָסיען, זאָל ער מיך אַוועקוואַרפן און אַוועקגיין... — די פרוי וויינט, טוליענדיק זיך צום קישן, דער מאַן וויינט באַ דער פּליטע, איך אַליין פּיל, ווי אַ ווייכער, וואַרעמער וואַטע־קנויל קײַקלט זיך צום האַלדז... איך שלינג אַראָפּ דעם קנויל און זאָג, ווי מיט אַ פרעמדער שטים:

— איך וועל זיך באַמיִען צו ברענגען פאַר אײַך אַ קאָנסולטאַנט אַ קאַרדיִאָלאָג.

דער אינזשעניער האָט אַ קוק געטאָן אַפן זייגער און האָט אַ געשריי געטאָן:

— דאָקטער, ס'איז זעקס דרײַסיק! — ער זעט, אַז איך פאַרשטיי ניט, און דערקלערט: — זיבן אַזייגער איז די קאָמענדאַנט־שאָ. ס'איז דאָ אַ באַפעל, אַז זיבן טאָר זיך קיינער אַף דער גאַס ניט ווײַזן. און ווער עס פּילט ניט אויס זייערע באַפעלן... גייט, דאָקטער, גיכער, — בעט זיך בליטשטיין, און זײַן פּאָנעם איז פול מיט שרעק, איך זאָל, כאָלילע, ניט אַרײַנפאַלן אין די פאַשיסטישע לאַפּעס.

זײַן שרעק באַהערשט אויך מיך. איך גיי גיך צו דער טיר.

נאָר בליטשטיין פאַרלויפט מיר דעם וועג, שלײַכט זיך אַרויס פון קאָרידאָר, קומט גלײַך צוריק.

— ס'איז, דוכט זיך, קיינער ניטאָ, — זאָגט ער שטיל. — קיינער האָט אײַך ניט געזען... אַ דאַנק, דאָקטער.

— זאָגט אײַער פרוי, איך וועל אומבאַדינגט קומען מיט אַ קאָנסולטאַנט.

... אַ וווּנדערלעכע שטילע נאַכט. אַלץ איז פאַרגאָסן מיט לעוואָנע־שײַן, די שאָטנס זײַנען קויל־שוואַרץ. אַ מעכײַע צו אָטעמען. איך לויף, איך לויף צו מײַנע פאַרוווּנדעטע אין שפּיטאָל און טראַכט וועגן דער טיר מיטן געלן שטערן, וועגן דער פאַרפינצטערטער קיך, וועגן דער אומבאַוועגלעכער פרוי און וועגן איר מאַן מיט די פאַרלאָפענע, טויט־אומעטיקע אויגן...

באַם אַרײַנגאַנג אין אונדזערע קעלערס זע איך פיר פיגורן — דרײַ גרויסע, איינע אַ קליינע. איך ווייס, ווער דאָס איז, און לויף מיט די לעצטע קויכעס איבער די בערג שניי גלײַך אַהין.

— ענדלעך! — שרײַט אויס מאַריִאַ גריגאָריעוונאַ.

— גאָט אונדזערער, יעזוס קריסטוס, גאָט אין הימל, האָסט דערהערט אונדזער געבעט, — טײַנעט די מומע פעניע.

— מאַ, כ'האָב געוואַרט, געוואַרט, געוויינט און געוויינט, — אָטעמט מיר אַרײַן אין אויער סטאַלקע און בלײַבט הענגען אַף מײַן האַלדז.

דאָמקע שווײַגט. ער דריקט זיך צו מיר און פירט מיך איבער די פאַרפרוירענע טרעפּ צום אַרײַנגאַנג אין די קעלערס.

אין שפּיטאָל האָט אַף מיר געוואַרט אַ שלעכטע נײַס. די נײַס האָט מיר אָנגעזאָגט איוואַן אַריסטאַרכאָוויטש נאַסעדקין, וואָס אַרבעט אין שפּיטאָל, זינט די דײַטשן זײַנען אַרײַן אין אונדזער שטאָט.

איוואַן אַריסטאַרכאָוויטש האָט מיך אַוועקגעפירט אין קאַלטן קאָרידאָר, וווּ דער אַרײַנגאַנג צו דער גאַס איז איצט געווען פאַרוואַלגערט. אָט דאָרטן איז געלעגן וואַסיליאָק, אַן אויסגעצויגענער, ווי ער וואָלט פּלוצעם אויסגעוואַקסן. זײַן ייִנגלש פּאָנעם האָט אויסגעזען מאַנצבליש. לעבן אים איז געזעסן זײַן מאַמע און האָט מיט אַ קעמל געקעמט זײַנע העלע האָר, וואָס זײַנען געווען שטײַף און גלײַך ווי שטרוי. זי האָט אויפגעהויבן אירע בלויע אויגן, מיך אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט מיך ניט דערקענט, און ווידער גענומען קעמען וואַסיליאָקס האָר. אַ דערשיטערטע בין איך געשטאַנען לעבן דער אומגליקלעכער, און איך האָב ווי געהערט איר שטענדיקן מוטיקן ענטפער: „בישקאָשע, ווערא ניקאָלײַעוונאַ". אַזוי פלעגט זי זאָגן, ווען איך פלעג זי פרעגן: „ווי

פילט איר זיך?" ניין, איך וועל געוויס קיינמאָל ניט פאַרגעסן אירע אויגן, וואָס האָבן אָף מיר געקוקט, ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן, מיט אַ מין קינע, וואָס מײַנע צוויי קינדער זײַנען פריש און געזונט, בייס איר אײנציקער זון ליגט אין קאָרידאָר אומבאַוועגלעך און פאַרשטיינערט.

ס׳איז אַרײַנגעגאַנגען מאַריאַ גריגאָריעוונאַ, אַרופגעוואָרפן אָף זינאַידעס אַקסלען די אַלטע פאַרלאַטעטע פאַטשיילע און געזאָגט צו איר:

— וואָלסט כאָטש אַרײַנגעגאַנגען אין פּאַלאַטע זיך אַ ביסל אָנוואַרעמען, דאָ איז אַזאַ קעלט, וועסט זיך פאַרקילן.

זינאַידאַ האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט מיטן קעמל, זי האָט זיך פון אָרט ניט גערירט און ניט אָפּגעווענדט איר בליק פון טויטן זון.

— פון האַלבן טאָג זיצט זי דאָ. זי וועט זיך פאַרקילן, — האָט מאַריאַ גריגאָריעוונאַ זיך געווענדט צו מיר. — און איר האָט דאָ געוויס איצט ניט וואָס צו טאָן. קומט פונדאַנען.

זי האָט מיך גענומען פאַר אַ האַנט, מיך אַרויסגעפירט און, ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן, האָט זי פאַרוווּנדערט אַ קוק געטאָן אָף מיר.

געוויינלעכע איניאַנים. דאָס אויטנטיקע באַטראַכטן די קראַנקע. איינער באַקלאָגט זיך, אַ צווייטער פילט זיך שלעכט, נאָר ער שווײַגט, אַ דריטן שרײַב איך צו נײַע פּראָצעדורעס. און די גאַנצע צײַט דוכט זיך מיר, אַז די קראַנקע קוקן אָף מיר מיט ניט געוויינלעכער אופמערקזאַמקייט. וואָס קאָן עס באַטײַטן? נאָכן באַטראַכטן אַלעמען בין איך צוגעגאַנגען צו סוכאָכלעבאָוון.

— נו, ווי זשע זײַט איר דאָס פאַרפאַלן געוואָרן? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

איך האָב זיך צוגעזעצט בא זײַן בעטל און האָב אים אָפּגעגעבן אַ פּינקטלעכן דין־וועכעזשבן וועגן גאַנצן טאָג: וועגן דער רעגיסטראַציע, וועגן וויזיט באַם קאָמענדאַנט, וועגן דער באַגעגעניש מיטן פאַרוווּנדעטן מודריקן און וועגן מײַן באַזוך בא דער לאַנסקאַיאַ און ווינאָקוראָוון...

סוכאָכלעבאָוו האָט אַ וווּנדערלעכע טעווע: ער באַזיצט די שווערסטע אייגנשאַפט, די אייגנשאַפט צו קאָנען אויסהערן אַ צווייטן. ער הערט אַזוי, אַז מענטשן עפענען פאַר אים דאָס האַרץ. בייס איך האָב גענומען דערציילן וועגן אינזשעניער בליטשטיינס אומגליק, וועגן געלן שטערן אָף זײַן טיר, איז ער געוואָרן אויסער־זיך...

— מאָרגן וועל איך זיך דורכשמועסן מיט נאַסעדקינען, און מיר וועלן ביידע צוגיין אַהין, ער וועט ברענגען מער נוץ, ער איז דאָך אַ טעראַפּעווט.

— איר האָט גוט פאַרגעדענקט דעם אַדרעס? — האָט מיך איבערגעשלאָגן סוכאָכלעבאָוו.

— געוויס, „באָלשעוויטשקע", 61, וווינונג 8.

— איר וועט אַהין מער ניט גיין, — האָט ער אַנטשלאָסן געזאָגט. און דערקלערט: — מע וועט די קראַנקע ברענגען אַהער.

— ווער, וויאַזוי וועט מען זי אַהער ברענגען?

— גוטע סאָוועטישע מענטשן... זײַן פאַמיליע איז, הייסט עס, בליטשטיין, יאָ?

סוכאָכלעבאָוו האָט איבערגעכאַזערט דעם אַדרעס. ניט שלעכט צוגעטראַכט! נאָר טשיקאַווע, וויאַזוי וועט ער עס אַלץ אָרגאַניזירן? דורך דעם דורכגעטריבענעם מודריקן?.. איז דאָך יענער אַליין אָף קוליעס. מיר וועלן שוין זען, — האָב איך געטראַכט און זיך דערמאָנט אָן יענעם באַשטימטן באַפעל.

צי וועט עס אָבער ניט זײַן קיין געפאַר פאַרן גאַנצן שפּיטאָל? עפּשער איז בעסער זי צו היילן אין דער היים? ניט שוין זשע איז דאָ אַזאַ געזעץ, לויט וועלכן מע קאָן באַשולדיקן אַ דאָקטער דערפאַר, וואָס ער קומט צו אַ קראַנקן אין שטוב?..

— די פאַשיסטן האָבן אויסגעמעקט אַלע מענטשלעכע געזעצן, — האָט באַמערקט סוכאָכלעבאָוו, ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען מײַנע געדאַנקען.

— פונוואַנען, זאָגט מיר, פונוואַנען האָט זיך בא די דײַטשן גענומען אַזאַ מענטשן־האַס?

— ניט בא די דײַטשן — בא די פאַשיסטן. און פאַשיזם — איז פאַשיזם. באַם פאַשיזם איז דער סאַמע טאָך — מענטשן־האַס. היטלערס קויעך שטעקט טאַקע אין דעם, וואָס ער וועקט די סאַמע ווילדע אינסטינקטן, וועלכע פאַרוואַנדלען מענטשן אין כײַעס.

— וועלף זײַנען זיי, נאָר וועלף...

— דאָקטער ווערא, באַליידיקט ניט די וועלף...

דעם סעקרעט פון די אויסערגעוויינלעכע בליקן, וואָס איך האָב אָף זיך געפילט, האָט מיר דערקלערט סטאָלקע.

— דאָמיק, דו האָסט באַמערקט, אַז אונדזער ווערא איז עפּעס הײַנט ניט אַזאַ ווי שטענדיק, — האָט זיך צו מיר דערטראָגן איר קעלכל פון הינטער די אַלמערס, בייס איך האָב זיך צוגעלייגט נאָך אַלע איבערלעבונגען.

— טשעפּע זיך אָפּ, סטאַלקע... — ענטפֿערט דאָמקע. ער איז איצט זייער פֿאַרנומען, ער זיצט באַ דעם טיש, וווּ די דזשורנע שוועסטער זיצט געוויינלעך און קלײַבט אָפּ די פּאַפּירן, וווּ עס זײַנען פֿאַרשריבן די מיליטערלײַט.

— עמעס, אונדזער ווערא איז אַ שיינע?

— טשעפּע זיך אָפּ, אַז ניט, וועסטו באַלד כאַפּן.

איך הער אַן אומבאַשטימטן קלאַנג, לויט וועלכן איך פֿאַרשטיי, אַז סטאַלקע האָט געוויזן דאָמקען אַ צונג. זי גייט צו צו מיר און פֿרעגט, ווי איר טעווע איז, אָן קונצן:

— מאַ, זאָג, פֿאַרוואָס ביסטו הײַנט אַזאַ שיינע?

— אַ שיינע? — איך האָב ניט פֿאַרשטאַנען, און איך האָב ניט ווילנדיק אַ קוק געטאָן אין אַ פֿינצטער גלאָז פֿון אַן אַלמער.

וואַסיליאָקס טויט האָט מיך אַזוי דערשיטערט, אַז ס'איז מיר אינגאַנצן אַרויס פֿון זינען די קאָסמעטישע מאַניפּוליאַציעס, וואָס לאַנסקאַיאַ האָט אָנגעווענדט צו מיר. פֿון פֿינצטערן אַלמער־גלאָז האָט אויף מיר געקוקט אַן אַנדערע, לאַכלוטן אַן אומבאַקאַנטע פֿרוי: די האָר זײַנען געוואָרן אַזעלכע ווייכע, די ליפּן פֿולע, די אויגן ברייט צעעפֿנט. גאָט מײַנער, וואָס עס קאָן אויפֿטאָן אַ געוויינלעך קעמל, פּאָמאַדע און אַ בלײַער פֿאַר די וויִעס אין אַ געניטער האַנט! פֿון יענער זײַט אַלמער האָט זיך צו מיר דערטראָגן אַ כליפּערײַ. דאָס האָט געכליפּעט זינאַיִדאַ, ווײַל מאַריִאַ גריגאָריעוונאַ האָט זי מיט קויעך אָוועקגעשלעפּט פֿון וואַסיליאָקן און האָט זי אַוועקגעלייגט אויפֿן בעטל.

די גאַנצע נאַכט האָב איך דורכן שלאָף געהערט אַ האַרצרײַסנדיק געוויין, אַ שוידערלעך קרעכצן און אַ יאָמערלעכן געוואָי.

זינאַיִדאַ האָט געבראַכט אַ נײַעס, פֿון וועלכער אַלעמען האָט אַרומגעכאַפּט אַ גרויל. איך בין געפּלעפֿט. פּאָליצײַען האָבן לויט דער קאָמאַנדע פֿון עסעסאָווצעס זיך אַרײַנגעכאַפּט אין דער צוזאַמענוווינונג פֿון דער „באָלשעוויטשקע“. אײנײנעם מיט אַנדערע האָבן זיי געכאַפּט דעם אינזשעניער בליטשטיין. זײַן קראַנק ווײַב האָבן זיי אַראָפּגעשלעפּט פֿון געלעגער. דער אינזשעניער האָט זי אַליין אַוועקגעטראָגן צו דער געדעקטער מאַשין. נאָר זייערע דרײַ מיידעלעך האָט מען באַהאַלטן ערגעץ אין אַן אַרבעטער־צוזאַמענוווינונג. די פּאָליציי נישטערט, זוכט אין אַלע צימערן.

די נײַעס עגבערט מײַן מויעך. איך דערמאָן זיך בליטשטיינס אויגן. איך הער, ווי ער זאָגט צו מיר: „צי וועט איר זיך ניט דורכריידן מיטן קאָמענדאַנט?“ וויִאַזוי, וועגן וואָס, האָב איך גע־קאָנט ריידן מיטן קאָמענדאַנט? און עפּשער האָב איך פֿונדעסטוועגן יאָ געקאָנט?.. דאָס איז או־מעגלעך, גאָט מײַנער! די אַקטריסע איז גערעכט. באַם וואָרט „ראַסע“ פֿאַרלירן זיי אַלדאָס מענטשלעכע. צי דען איז דאָס מעגלעך זיך פֿאָרצושטעלן, אַז מע זאָל אַ קראַנקע מיט אַן אײַנ־פּאַרקט אַרויסשלעפּן פֿון געלעגער! איז טאַקע עמעס, וואָס מע רעדט, אַז זיי האָבן אומגעבראַכט טויזנטער און טויזנטער יִדן און ציגײַנער, ווײַל יִדן זײַנען יִדן און ציגײַנער זײַנען ציגײַנער...

זינאַיִדאַ איז געקומען, און ניט אַליין. זי האָט געבראַכט אַ שוואַרצכיינעוודיק מיידע־לע פֿון אַ יאָר זיבן. דאָס אָרעמע קינד האָט זיך געטרייסלט פֿון קעלט צי פֿון שרעק, נאָר עס האָט ניט געוויינט און ניט געענטפֿערט אויף קיין שום פֿראַגעס. עס האָט נאָר געקוקט דערשראָקן, ווי אַ פֿאַריאָגט כײַעלע, און זיך געהאַלטן באַ זינאַיִדעס קליידל.

— מע רופֿט זי רײַע, — האָט זינאַיִדאַ פֿאָרגעשטעלט דאָס מיידעלע פֿאַר אונדז. און ווי וועגן אַ פּעסט באַשלאָסענער זאַך, צוגעגעבן: — זי וועט לעבן דאָ, מיט מיר.

נאָכדעם האָבן די פֿרויען, וועלכע זײַנען מיט זינאַיִדען געגאַנגען זאַמלען מאַנצבלשע זאַכן, דערציילט, אַז דאָס שוואַרצכיינעוודיקע מיידעלע איז דעם אינזשעניער בליטשטיינס טעכטערל, אַז לעכאַטכילע האָבן די אַרבעטערנס פֿון דער פֿאַבריק „באָלשעוויטשקע“ זי מיט אירע שוועס־טערלעך אויסבאַהאַלטן באַ זיך. נאָר עס האָט זיך פֿאָרט געפֿונען אַן אויסוואָרף, וואָס האָט מיסטאָ־מע געלעכצט נאָך דעם ביסל אָרעמקײַט, וואָס די קינדער האָבן געהאַט, און ער האָט געמאָסערט. באַנאַכט האָבן די פּאָליצײַען געמאַכט אַן אָבלאַווע. זיי האָבן געכאַפּט בליטשטיינס עלטערע מיידעלעך, אָבער די יִינגסטע, די שוואַרצכיינעוודיקע, האָט זיך אַרויסגעריסן און איז אַנטלאָפֿן. עמעצער האָט זי באַהאַלטן צווישן דעם האָלץ, וווּ מע האָט געהייצט די קעסלען.

— זי וועט לעבן מיט אונדז, זי וועט ניט אָפּעסן דעם קאָפּ, — האָט זינאַיִדאַ טרויעריק זיך געוואָרטלט.

עס איז מיר דורכגעפֿלויגן אַ געדאַנק — אויב מירן לאָזן דאָ דאָס מיידעלע, וועט ניט דראָען נאָך אַ גרעסערע געפֿאַר דעם שפּיטאָל? אָבער איך האָב דערפֿילט אַ בושע: ניט שוין זשע בין

איך פאכדאָנעסדיקער פון די פאבריק־פרויען? ניט שוין זשע בין איך ערגער פון זינאַידען? זיי שטעלן דען ניט אין קאָן דאָס לעבן?..

אָבער זינאַידא האָט, ווייַזט אויס, אפילע אנדערש ניט געטראכט. זי האָט שוין אויסגעטאָן דאָס קינד, עס אוועקגעלייגט אפן בעטל און געזאָגט:

— אָט אזוי, רייַעטשקע. דאָ וועסטו מיט מיר שלאָפן, מיט מיר וועסטו דאָ לעבן, ביז דייַנע טאטע־מאמע וועלן צוריק קומען...

איידער איך האָב זיך געלייגט שלאָפן, בין איך אוועק אין דעם ווינקל, וווּ די שוועסטער מיט די ניאניעס געפינען זיך. די שוועסטער האָבן מיר דערציילט, אז רייַעטשקע גלייבט טאקע אין דעם, וואָס זינאַידא האָט איר געזאָגט: אז די דייַטשן האָבן אירע טאטע־מאמע אוועקגעשיקט אף ארבעט. און איר קעלכל האָט א גאנצן אָוונט געקלונגען, ווי א גלעקל. עס איז מאמעש א ווונדער, ווי פילבאר די קליינע זייַנען צו צארטקייַט. אָט ליגט זי מיט זינאַידען און שלאָפט. זינאַידא האָט זי צוגעדריקט צו זיך...

אָט אזוי לעבן מיר. אומרו אין הארצן, אומעט אף דער נעשאָמע! איך ציטער פאר יעדער שאָרך, און שטענדיק, שטענדיק ווארט איך אף עפּעס...

יִדיש — ש. גאָרשמאַן.



דאַוויד בראַמבערג

די שורע, וואָס גייט פֿונעם האַרצן

דער ערשטער שניי

דער ערשטער שניי, דער ערשטער שניי,
דו אײַל זיך ניט און ניט צעגיי.

און שיט אפּסנײַ, און שיט באַנײַס,
און קוק ניט, וואָס מײַן קאָפּ איז ווײַס.

מיט א צעעפנט מויל איך גיי
אף ערשטן שניי, אף ערשטן שניי.

א פערציק יאָר צי עפּשער מער
האָט צוגעגאַנוועט — כ׳ווייס ניט ווער.

אין אויג עס העלט, אין אויער קלינגט,
און טיף אין האַרצן עפּעס זינגט.

פון הינטער באַרג איך הער פון ווײַט:
מײַן זון — ער רופט, מײַן זון — ער שרײַט.

און זײַן געשריי איז מײַן געשריי —
דער ערשטער שניי, דער ערשטער שניי.

מײַן מאמע שטאַרבט

אינגיכן איז יאָמטעוו, ווייס איך,
איך גיי פון קלייט צו קלייט.
עס ווילט זיך דער מאמע דער אלטער
קויפן א נײַ קלייד.

פון העלע וויטרינעס אנטקעגן
קוקן אף מיר אָן א סאַך
קליידער, און קליידער, און קליידער
פון אלטן און נײַעם שטאָף.

שטעל איך זיך אָפּ בא א פענצטער,
א פאַרגאָסנס אינגאַנצן מיט שײַן.
אָט דאָס קלייד וועט קורץ זײַן אוואַדע,
יענץ וועט לאַנג אף איר זײַן.

אָט דאָס מיט די אַרבעסלעך ווײַסע
וועט איר צוגעבן וויפל כיין.
און עפּשער דאָס קלייד מיט די פאַלדן —
יענץ וועט מערער איר גיין,

ליגן ווי אויסגעגאָסן,
שײַנען אף איר — א פּראַכט,
מאכן מײַן מאמע מײַן אלטע
יִינגערער אף א סאַך.

— — — — — — — — — — —

פון האַרבסטיקע ביימער אנטקעגן
פאַלן בלעטער לעצטע אַראָפּ,
זיי לייגן גרינג אף דער ערד זיך,
זיי לייגן זיך שווער אף מײַן קאָפּ.

דאַכט זיך מיר אויס, אז אין אויער
רוימט עמעצער מיר נאָכאַנאַנד:
דו וואַרט בא דער קלייט נאָך א ביסל,
וואַרטן ז׳געבליבן ניט לאַנג...

דאָרט אין די הייכן, אינגיכן,
פּינקטלעך צו דעם סעזאָן,
א קלייד מירן מאכן דײַן מאמען
פון ריינעם ווײַס־ווײַסן ניילאָן.

די ברייט און די לענג וועט עס האָבן,
און די מאָס — פונקט ווי איר איז באַשערט:
גרויס, ווי די ערד אינגאַנצן,
ווי דער ווייטעק פון איר, פון דער ערד.

ווערט קאַלט מיר אין יעדן אייוועד,
גלײַך געלעגן איך וואָלט אין שניי,
און איך שטיי און איך קאָן זיך ניט רירן,
ביז טרערן עס טוט מיר וויי.

דערצייל מיר

א קינד וועל איך ווערן —
פאַרשיטן מיט פראַגעס:
דערצייל מיר, כ׳וויל הערן
א יִדישע סאַגע.

דערצייל, זאָל א קאָך טאָן,
א ברי טאָן באַם האַרצן
דאָס בלוט פון באַר־קאָכבען,
זײַן אָטעם זײַן שטאַרקער.

ווידער און ווידער
אף פּאַשעטן ייִדיש
פון שימשון האגיבער
דערצייל מיר דעם כידעש.

זאָל קלאַפּן אין שלייפן
ביז אָוונט ביז שפּעטן
דאָס בלוט און דער ווייטעק
פון וואַרשעווער געטאָ.

אין שויס דיר כ׳וועל ליגן
מײַן קאָפּ שוין מײַן ווײַסן,
דערצייל מיר, דערצייל מיר
א סאַגע, א מײַסע...

דער יאַם און די בערג

א גאַנצן טאָג האָט זיך דער יאַם געמאַטערט,
קיין אָרט זיך ניט געפונען. ווי ס׳פּאַסירט —
צו נאַכט־צו שטיל געוואָרן. אף זײַן פּלאַך
דער גלאַטער
א ל׳וואַניק סטעזשקעלע שוין שעמערירט.

די בערג — ווי קעמלען אונטער שווערער מאַסע,
צום יאַם מיט האַק־און־פּאַק זיך אָנגעלענט.
כאָטש ס׳איז קיין שפּײַז ניטאָ פאַר זיי אין
וואַסער,
זיי קײַען, קײַען אָן אַן ענד.

ס׳קער ווי טאָן דאָס האַרץ אים

כאָטש א רעגע אליין א טראַכט טאָן —
עס ברויזט, ווי א קעסל, דער יאַם.
אין פעלדזן, מיט כוואַליעס האַרטע,
שלאָגט ער זיך קאָפּ אין וואַנט.

פונקט ווי אָפּגעטאָן וואָלט זי אים שפּיצלעך,
געכוויזעקט פון אים, געשפּאַסט, —
ער צעבערכט די לעוואָנע אף פּיץ־פּיצלעך
און שלײַדערט ארויס זי פאַר קאַס.

נאָר גאַנצפרי גייט ער אָפּ, ווי א מאַמע,
ס׳קער ווי טאָן דאָס האַרץ אים געוויס
פאַר שטיינדלעך יענע, מיסטאָמע,
וואָס ער האָט פאַרוואָרפן אומזיסט...

מיט דער קינדהײַט

כ׳וועל אופשטיין גאַנצפרי מיט דער ראַשטשינע,
ווען א בליץ וועט זיך כאַסמענען איבער
מײַן הויז.
א באָרוועסער, א צעכראַסטעטער
אין דרויסן וועל איך ארויס.

אין דעכער מיט טראָפּנדלעך־פינגער
וועט קלאַפּן דער רעגן פויל.
מיט דאַרשט אונטער יעדער רינווע
אונטערשטעלן וועל איך דאָס מויל.

וועסטו לאַכן פון מיר, וועל איך לאַכן,
לאַכן פון זיך אליין.
כ׳וועל דיר זאָגן — פון אלע זאַכן
די קינדהײַט איז מאָלע־כיין.

באַלאַדע

ס׳איז קורץ מיר דער טאָג, און ס׳איז לאַנג
מיר די נאַכט.
איך פיל, אז אָן איר כ׳קאָן ניט לעבן.
זי זאָגט מיר ניט אָפּ, זי טײַנעט: וואַרט.
זי דאַרף בא דער מאַמען פרעגן.

דער טאָג איז אוועק, און דער אָוונט שוין גרויט,
און דער הימל ווערט טונקעלער, שוואַרצער.
מיר גייען און גייען, און אונטער מײַן הויט
איך הער יעדן קלאַפּ פון איר האַרצן.

און אָט בלײַבט זי שטיין אפּן פעלד, בא דעם ריוו,
ווהין מ׳האָט געטריבן דאָס שטעטל.
זי לאָזט זיך אראָפּ אף די קני, אין דער טיף,
און נעמט בא דער מאַמען זיך בעטן.

דערנאָכדעם מיר גייען צוריק פון דעם פעלד,
און ביז אינדערפרי שוין — צוזאַמען.
מיר האָבן דאָס וואָרט שוין, וואָס אונדז האָט
געפעלט,
דאָס איינציקע וואָרט פון דער מאַמען.

וואָס אמאָל איז געוועזן

(צוויי בילדלעך)

1

גייט די מאַמע קויפן ברויט,
האָט זי איין מאַטבייע — די נויט.

קיין אײַנהאָרע בא איר אין דער היים
אכט מײַלער, שאַרפע ציין.

זאָגט דער קרעמער: דוווירע־לייע,
כ׳קאָן ניט צעבײַטן אײַך די מאַטבייע.

גייט זי, די מאַמע, פון פּלויט צו פּלויט —
זוכט, ס׳זאָל איר עמעץ צעבײַטן די נויט.

די זון פאַרגייט. טיר־און־טויער פאַרהאַקט,
אכט קינדער עסן אין כאָלעם געשמאַק...

ווילן די קינדער גיין אין גאס,
גיסט א רעגן, ווי פון א פאס.

ס'איז אפן הארצן דער מאמען ניט זיס:
צוויי פּאָר שיך און אכט פּאָר פיס.

אכט פּאָר פיס און צוויי פּאָר שיך —
אלע שרײַען: איך... איך... איך...

און אין דרויסן איז בלאָטיק, נאס,
קינדער וויינען: אין גאס! אין גאס!

דעם לאמטערן

א מאזל בא דיר: ווי נאָר פינצטער עס ווערט,
דארפסטו שײַן פאר עמעצן טראָגן.
און ווען עס איז ליכטיק, דו בלײַבסט ניט
באמערקט
און קיינער עס דארף דיך ניט האָבן.

מיך ווען מע פרעגט

איינער וויל זײַן אן אָדלער, ניט אנדערש,
און איינער — א שטערן וויל זײַן.
און מיך ווען מע פרעגט — טראכטן כ'וואָלט
לאנג נישט,
געענטפערט: א טינטערל שײַן.

די איינציקע שורע, וואָס גייט פונעם הארצן,
זאָל ניט ווערן געשריבן מיט שווארצן.

אויסצוג פון יאנקעוו גלאטשטיינס אן ארטיקל

„דער לעקסיקאָן פון דער נײַער יידישער ליטעראטור איז נאָך ניט פארענדיקט, ער האלט שוין באם זעקסטן באנד און באם אָס „ע", און ער נייטיקט זיך שוין אין א ספּעציעלן צוגאָב־באנד, וו עס זאָלן פאריכט ווערן גרײַזן, אומפּינקטלעכקײַטן און גאנצע ביאָגראפיעס.

כ'האָב שוין געהאט א געלעגנהײַט צו דערמאָנען וועגן דעם פּאָעט הירש אָשעראָוויטש, וואָס לעבט און שרײַבט אויסגעצייכנטע לידער... אָבער אין ערשטן באנד פון „לעקסיקאָן" געפינען מיר וועגן אים עטלעכע שורעס, אפילע אָן א געבוירן־דאטע. ס'ווערט פארצייכנט, אז ער איז געבוירן געוואָרן אין פּאָנעוועזש, ליטע; אז בײַם דער נאצישער מאגייפע האָט ער געלעבט אין קאזאכסטאן און אז זײַן גוירל איז אומבאקאנט.

אָבער דער גוירל פון הירש אָשעראָוויטש איז א לע־בעדיקער און פול מיט פרוכטיקער שעפערישקײַט. אין נאָיאבער־נומער „סאָוועטיש היימלאנד" פארן 1966 ווערט פארעפנטלעכט א נײַע סעריע לידער זײַנע — „מײַן אומרו", וואָס ווײַזט ווידער זײַן קינסטלערישע בעריע־שאפט און אימפּראָוויזאציעס אפן געביט פון יידישער פאָלקסטימלעכקײַט..."

„יידישער קעמפער", ניו־יאָרק.

פּלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען

א יידישע צײַטונג אין... סײַגאָן

אין סײַגאָן איז דערשינען דער ערשטער נומער פון א יידישער וואָכנצײַטונג (אין דער ענגלישער שפּראך), וועלכע טראָגט דעם נאָמען „וויעטנאם דזשויש קראָניקל". די דאָזיקע בסורע ברענגט אונדז פון ניו־יאָרק די פּא־ריזשער מאפּיי־צײַטונג „אונדזער וואָרט" פון 16 דעקא־בער ד.י.

פאר וועמען איז באשטימט די דאָזיקע צײַטונג? צי איז אין סײַגאָן אָדער אין וויעטנאם ביכלאל פאראן אזא יידי־שער יישעוו, פאר וועמען עס איז נייטיק ארויסצוגעבן א יידישע צײַטונג? און ווער איז דער ארויסגעבער פון דער צײַטונג? ווײַזט זיך ארויס, אז דער ארויסגעבער איז... דאָס אמעריקאנער קריגס־מיניסטעריום און אז די צײַטונג איז „דער אָרגאן, — ווי עס שרײַבט דאָס פּאריזשער „אונדזער וואָרט", — פאר די יידישע זעלנער אין דער אמעריקאנער ארמיי, וואָס זײַנען סטאציאָנירט אין וויעט־נאם".

קוים אזוי, וואָלטן מיר פּאָרגעלייגט די יעניקע, וועל־כע פּאָסמאקעווען זיך אזוי מיט דער „יידישער" יעדיע פון וויעטנאם, אז זיי זאָלן איבערשיקן צום רעדאקטאָר פון סײַגאָנער „וויעטנאם דזשויש קראָניקל" די פּאָלגנדי־קע יידישע יעדיעס פון אויסלאנד:

ע ר ש ט נ ס, אז א גרויסע גרופּע יידישע שרײַבער, קינסטלער און וויסנשאפטלער פון פּאריזש האָט די פאר־גאנגענע וואָך אונטערגעשריבן א פּעטיציע צו דער אמע־ריקאנער רעגירונג, בעטנדיק זי א סאָף צו מאכן צו דער שמוציקער מילכאָמע אין וויעטנאם.

צ ו ו י י ט נ ס, אז א גרויסע צאָל יידישע סטודענטן, פּראָפעסאָרן און סטאם יידישע פּאָלקסמענטשן האָבן זיך באטייליקט אין דעם גרויסן מיטינג אין מעדיסאָן־סקווער אין ניו־יאָרק, פּאָדערנדיק פון דזשאָנסאָנען, ער זאָל ענ־דערן די פּאָליטיק אין דער פראגע וויעטנאם.

ד ר י ט נ ס, אז די יידישע מענטשן פון פּוילן און אויך פון יישראָעל און פון אלע אנדערע לענדער[1] שליסן זיך אָן אין דער מעכטיקער פּראָטעסט־באוועגונג קעגן די אמעריקאנער, וואָס באָמבארדירן צאָפן־ און דאָרעם־וויעט־נאם און אז צוזאמען מיט אלע שאָלעם־ליבנדיקע מענטשן פון דער גאָרער וועלט פּאָדערן זיי וואָס שנעלער צו פארענדיקן די בלוטיקע מילכאָמע קעגן דעם וויעטנאמער פּאָלק.

די דאָזיקע יעדיעס זײַנען דאָך י י ד י ש ע, און זיי וועלן זיכער פארינטערעסירן די אמעריקאנער יידישע זעל־נער, ווײַל אלע צילן דאָך דערצו, אז זיי, די יידישע זעל־נער, פּונקט ווי אלע אמעריקאנער זעלנער, זאָלן וואָס שנעלער קאָנען צוריקפאָרן אהיים צו זייערע מישפּאָכעס.

י. הינדעס — „פּאָלקס־שטימע", ווארשע.

---

[1] און מיר גיבן צו: אויך די יידן פון סאָוועטנפארבאנד (רעד. „סאָוועטיש היימלאנד").

צו איציק קיפּניסעס 70־יאָריקן יובילײ



דער באַוווּסטער סאָוועטישער ייִדישער שרײַבער איציק קיפּניס איז אַלט געוואָרן 70 יאָר.

נאָך אין סאַמע אָנהייב פון דעם סאָוועטישן פּעריאָד פון אונדזער ליטעראַטור, אין די פריִע צוואַנציקער יאָרן, האָט זיך געלאָזט הערן דאָס ליריש־אינטימע קאָל פון אָט דעם ביז גאָר באַגאַבטן פּראָזאַיִקער.

די רעאַליסטישע שילדערונגען פון זײַנע ערשטע ווערק האָבן זיך איבערגערופן מיט די שילדערונגען פון דעם שטעטל־מאָטיוו בא שאָלעם־אַלייכעמען, ווײַסענבערגן, אַשן.

קיפּניס איז ביז הײַנט געבליבן טרײַ דער טעמע פון שטעטל, אין וועלכן דאָס לעבן האָט אַרײַנגעטראָגן אַזויפיל נײַס, אַזעלכע מערקבאַרע ענדערונגען.

אין דער דערציילונג „כאַיעלע און פיניעלע", וועלכע מיר פאַרעפנטלעכן הײַנט, האָט איציק קיפּניס אָף די פרישע שפּורן פון די געשעענישן באַוויזן דאָס ייִדישע שטעטל אין דער צײַט פון בירגערקריג. און כאָטש עס איז שוין דורכגעגאַנגען 45 יאָר, זינט דאָס דאָזיקע ווערק איז געדרוקט געוואָרן, איז נאָך פריש דער אינטערעס צו דעם.

איציק קיפּניס, איינער פון די גרונטלייגער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, איז הײַנט נאָך שעפעריש יונג. די רעדקאָלעגיע און די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" שיקן אים די בעסטע ווונטשן צו זײַן רומפולן 70־טן געבורטסטאָג.

איציק קיפּניס

כאיעלע און פּיניעלע

I

כאיעלע מיט פּיניעלען האָבן געלעבט א טיר איבער א טיר. אין איין שטוב און אונטער איין דאך. דאָך האָבן זיי ניט געקענט איינס דעם צווייטן. זיי האָבן זיך אפילע ניט געשטויסן, אז דאָרט איבער דער וואנט, פון יענער זייַט פארשמירטער טיר, געפינט זיך א גלייַכן, א כאוועր, א פרייַנט.

פארוואָס האָבן זיי ניט געוווּסט? — פרעגט איר.

פאַרדערפאר, וואָס זיי זייַנען נאָך געווען קליינינקע.

צו פינף, צו זעקס כאדאָשים יעדערער.

(און וויפל יעדערנס מאמע זאָל ניט שווערן בא אלץ, וואָס הייליק איז, אז איר קינד איז קלוג, ווי אלע קלוגע, איז כאָטש קיין מאמעס שווערן קיינמאָל ניט פאלש, אָבער עמונע מעג מען אין דעם האָבן ווינציק, וויַיל נאָכן עלטער נאָך אליין קאָן מען שוין שאצן דעם פארשטאנד).

א סאך מיט א יאם קאָנען זיי שוין פארשטיין, אזעלכע צוויי לייַט, וואָס איינער איז אלט זעקס כאדאָשים און איינע — פינף.

נאָר ווי איר ווילט זיך, איך האָב, דוכט זיך, שלעכט אָנגעהויבן. וואָס וואָלט זייַן, ווען איך הייב בעסער אָן פון צוריק מיט צוויי כאדאָשים, פון ווען איך און מייַן וויַיב זייַנען געלעגן אף טיפוס.

יאָ. מיר האָבן זיך דעמלט געווען אנידערגעלייגט אפצוקלוימערשט, און די קרענק האָט זיך פארנומען אפדערעמעסן. איך און זי, און איבער אונדזערעביידע בעטן הענגט דאָס וויגעלע, ווו אונדזער כאיעלע שלאָפט. און דאָס קליינינקע ווייסט דאָך נאָך בּיכלאל ניט פון וואָס צו זאָגן. איין כאָכמע האָט עס זיך יאָ אויסגעלערנט — עס פארבייַסט מיטן אייבערשטן יאסלעלע די אונטערשטע ליפּ ביזן סאמע קינכעץ און שמוכט, מיר וואָלט זיך גלוסטן שווערן, עס ווייסט, מיר האָבן האנאָע פון דעם כיין, וואָרעם אויב ניט, וואָלט עס דאָך ניט געשמוכט.

דאָס גאנצע פּענעמל מיטן נעזעלע מיט די „נויגן“ און ביזן שפּיץ נאָפּעלע לאכן בא איר אלעמאָל, ווען זי מאכט אונדז דעם כיין.

און מייַן וויַיב איז בא מיר דאָס ערשטע אף מייַן לעבן, און דאָס קינד איז בא אונדז דאָס ערשטע אף אונדזער לעבן, און אונדזער ביידנס לעבן איניינעם גענומען באטרעפט האלעוויַי צוויי צי דריַי און פערציק יאָר, און מיט כאיעלען איניינעם איז נאָך דריַי כאדאָשים. און מיט אונדזער שוועסטערל איניינעם איז נאָך צען יאָר.

הייַנט בארעכנט א געזינד פון פיר מענטשן, וואָס איניינעם זייַנען זיי אלט 52 יאָר מיט דריַי כאדאָשים. נעמט זיך אָן צו דרייַצן יאָר אף א מענטשן. און מייַן וויַיב קאָן מען סיַיווי מער ניט געבן. אזא יונגיטשקע איז זי. א שפּילעוודיקע און א באכיינטע.

לעבן מיר און מיר פרייען זיך אלע פירען. כאָטש מיר מיט דער גאנצער שטאָט האלטן ערשט נאָך אזא פּאָגראָם, און כאָטש די שטאָט איז פול מיט טיפוס, און ס'ניטאָ דער טאָג, אז ס'זאָלן ניט זייַן קיין דריַי־פיר לעוויַיעס (בא אזא קליינעם קאָהאָל), איז כאָטש אזוי און כאָטש וויַיטער, אָבער ווער וואָלט געווען בעסער אף מייַן אָרט, אויב ער זאָל האָבן א וויַיב, וואָס ס'איר נאָך ניטאָ קיין 17 יאָר אפן פּאָנעם (אזוי איז איר הייַנטיקן ווינטער געוואָרן 20), און אויב ער זאָל האָבן אין וויגעלע אזא פּיצינק מיידעלע, וואָס מאכט אלע רעגע איינס און דאָס זעלבע ציכטיקע און גאָלדענע כיינדעלע: עס פארבייַסט דאָס אונטערשטע ליפּעלע ביזן קינכענדל און שמוכט. און געראָטן איז זי דאָך אינגאנצן אין דער מוטער, אפילע בא די אייבערשטע ליפּן דאָס פּופּטשיקל איז בא זייביידן אלציינס אויסגעשניצט. דאָס „קעלבעלע“ און די „פּערוויסקעלע“, ביידע אז זיי ליגן איינס לעבן ס'אנדערע, איז דאָך טאקע נאָר א כיין צו קוקן. דערצו איז נאָך דאָס שוועסטערל אונדזערס א שטיפערקע איינע אין דער וועלט! טאָ ווער קאָן קלערן פון מאָרגן. און ווער קאָן גע־

דענקען פאַגראַמען, אַז קוים פאַרעסטו זיך אײַן מיט דײַן טאָגטעגלעכער אַרבעט און קומסט צו לויפן אַהיים, שפּאַרט דיר די פרייד פון אַלע ווינקעלעך אַנטקעגן.

— —

אָבער אַז מײַן קליינע איז אַרײַן אין בעט און אין צוויי טעג אַרום — איך נאָך איר, און דער דאָקטער זאָגט דאָס זעלבע, וואָס נאָך אין פופציק הײַזער בא אונדז אין שטעטל.

פריִער זאָגט ער:

— ליגט איבער די פאָר טעג, מע קאָן נאָך גאָרניט וויסן. טיפוס אין די ערשטע טעג האָט איך ניט קיין בעסערן פּאָנעם (און פון קיין טיפוס ווילן מיר אַפילע ניט הערן, וואָרעם, וואָס הייסט? אין שטאָט גייט טאַקע אַרום אַזאַ קרענק, אָבער מיר? פריטשאָם זײַנען מיר דאָ?).

מער ניט, מײַן ווײַב האָט זיך דערשראָקן פאַר אַן אַנדער זאַך:

— דאָקטער, אָבער זאָגט מיר, איך בעט אײַך, דאָס קינד? דאָס קינד קאָן זיך אויך עפשער אָנעמען?.. און וויִאַזוי טראָגן עס קינדער איבער?.. און וויִאַזוי דאַרף מען עס היטן... אַאוו.. אַאוו.

— וויפל איז אַלט אײַער קינד? — פרעגט דער דאָקטער.

— דער דריטער כוידעש.

— נו, איז גאָרניט, האָט עס זיך נאָך ניט קיין מוירע פאַר קיין טיפוס, אַזאַ פּיצל. ביז, ביז, ביז, — ביז דאָרטן אַזויפיל און אַזויפיל כאַדאָשים קאָנט איר זײַן רויִק.

איז שוין אונדז ווײַטער גוט.

און ער כעזשבנט אונדז אַלע טאָג די היץ, אונדזער דאָקטער... גייט דורך נאָך אַ טאָג, זוכט ער אָפּן לײַב... ער זוכט מיט ליכט און געפינט פונדעסטוועגן, וואָס אים טויג, און ער זאָגט אונדז אָפּ דעם פּאָסעק!

הייבט זיך אָן בא אונדז אַ סעדרע פון זויערע טראָפּנס אַזעלכע, ניט קיין געשמאַקע, פון פוכירעס אײַז און פון ניט טאָרן עסן גאָרניט אַאוו. און נעכטיקן קומט צו אונדז קיינער ניט, ווײַל אַ יאַם פרײַנט אונדזערע ליגן אויך יעדערער אין זײַן שטוב מיט זײַנע פוכירעס אײַז, מיט זײַנע זויערע טראָפּנס און מיט קיסעל פון זשוראַכווינעס.

און אַנדערע האַלטן שוין אַפילע בא די קליזמעס.

נאָר אַזויווי אָט די קיילע איז בא אונדז אין שטאָט ניט שטאַרק בעניִמצע, טוט מען מיט איר גמילעס־כאַסאָדים און מע פאַרשרײַבט זיך אָף איר אין אַ ריי (און אויב אָף דער גאַנצער שטאָט געפינען זיך נאָר צוויי קיילים אַזעלכע, איז שוין קלאָר, אַז זיי רוען ניט, ניט באַטאָג און ניט באַנאַכט). און יעדע שטוב, בייס זי נעמט זי, ליגט פריִער אײַן אַ מאַשקן (אַ זײַדן טיכל דאָרט אָדער אַ גאָלדענע מאַטבייע). און בייס מע טראָגט זי אָפּ, נעמט מען דעם מאַשקן אָף צוריק.

און די טאַקאָנעס, וויִאַזוי זיך באַגיין מיט דער קיילע, דערקלערן די באַלעבאַטים יעדן אײַ־נעם אומזיסט. ס'איז מער ניט, וואָס דאָרטן בא די באַלעבאַטים אין שטוב קענען שוין אַפילע די קינדער פון די וויגן אַלע טאַקאָנעס אָף אויסווייניק, און זיי פאַרשפּאָרן דערווײַל זייערע טאַטעס מיט די מאַמעס אָן אַרבעט, וואָרעם ריוועלע דערציילט, אָדער עלקעלע דערציילט, אַז מע דאַרף געזאָדענע וואַסער און ניט קיין שטאַרק הייסע, ווײַל די גלאָז קאָן פּלאַצן און די גומע קאָן געשוואָלן ווערן, און, צווייטנס, קאָן עס שאַטן דעם כוילע אויך, אַז מע וועט אים גיסן אין די קיש־קעס אַרײַן זודיק וואַסער... און הײַנט, וויִאַזוי דער כוילע דאַרף ליגן „פאַר דעם“, און וויִאַזוי „נאָך דעם“, און וויִאַזוי מע זאָל זיך נוצן מיטן קרענטל, טאָמער אַרבעט עס שלעכט, און וויִאַזוי מע זאָל האַלטן ריין די קיילע, ווײַל טיפוס איז דאָך אַן „אָנשטעקנדיקע קרענק!“

איז צו אונדז קומט מען אַרײַן ווינציק־וואָס, ווײַל אַנדערע פון אונדזערע קרויווים האַלטן שוין אַפילע בא דעם „קריזיס“. און די, וואָס קומען איבער דעם קריזיס, איז געוועגדט, וויִאַזוי.

אויב מיטן לעבן, טאָר מען אַ לאַנגע צײַט ניט אַרויס פון שטוב. מע דאַרף שליאָפּען אין שטעקשיכלעך און מע דאַרף זיך היטן מיט אַ ביסן. אָהאָ, וויפל מענטשן ס'זײַנען בא אונדז גע־גאַנגען פון דער וועלט טאַקע נאָר איבער איין ביסן. און דו מעגסט אַפילע זײַן אַ קאַפּצן פון אַלע יאָרן, אָדער אַ סטאָליער, צי אַ טעפּער אַפילע, מוזסטו עסן נאָר ווייצנס און צו קליינע שטי־קעלעך, און אויב מע קאָן אויספירן אַ ײַיכעלע פון אָף, דאַרף מען אָנטריקענען פענעצלעך און אַרײַנבראָקן אַ האַלב פענעצל אין האַלב פון אַ קליין טעלערל יויך...

יאָ, אַזוי איז מען זיך נויהעג אַלץ בא די, בא וועמען דער קריזיס פירט מיטן לעבן, און בא וועמען, כאָלילע, פאַרקערט, איז דאָך גאָר ניטאָ וואָס צו ריידן. ציגדט מען ליכט און מע רײַסט אַלט וועש אָף טאַכריכים (קיין נײַ וועש איז ניטאָ פאַר וואָס צו קויפן, און אויב ס'זאָל אַפילע זײַן, איז הײַנט ניטאָ, ווער ס'זאָל פאַרקויפן). און קינדער אָדער פרײַנט הייבן אָן זאָגן קאַדיש. און אויב דאָרט אין שטוב זײַנען דאָ נאָך אַ פינף כאַלאָיִם, דאַרף מען וויינען שטיל, און ווען יענע פרעגן אָף „איצלען“ אָדער אָף „ביילען“, דאַרף מען זיי ענטפערן, אַן זיי זײַנען אַוועקגעגאַנ־גען, אָדער מע האָט זיי איבערגעפירט אין שפּיטאָל.

אזוי, אז ס׳איז שוין קלאָר, פאַרוואָס פון אונדזערע פרײַנט קומט צו אונדז קיינער ניט אַרײַן, כּוץ נאָכעמען, מײַן ווײַבלס פעטער, מיט זײַן ווײַב — לייען. און נאָכעם איז אַ יונגערמאַן, אַ גוטער כעווערעמאַן — אַ סטאָליער איז ער (פון דעם נאָכעמען איז פאַראַן אַ סאַך צו דערציילן, ווערט עס עפּשער זײַן אין אַ באַזונדער מײַסע). און נאָכעם איז שטאַרק אָנגעבונדן אין זײַנע פּלעמעניקעס, און נאָכעמס ווײַבל איז אויך אַ פּאָשעטע, און זי איז צו אונדז צוגעבונדן, איז זיי קומען צו אונדז צו צוויי מאָל יעדן טאָג. און אין שטוב, בא דער באַלעבאַטישקײַט, באַגייען מיר זיך שוין מיט איין ראָכעלען.

דערווײַל האָבן די נעכט פאַמעלעך גענומען ווערן לענגער, און מיר כאָלעמען זיך איבער די נעכט מעשונע מאָדנע כאַלוימעס. און עפּשער זײַנען עס גאָר ניט געווען קיין כאַלוימעס? אָט נעמט, צום בײַשפּיל, אַזאַ בילד (צודעקן האָבן מיר זיך שוין ניט געהאַט מיט וואָס, ווײַל דער פּאָגראָם האָט אונדז געוועזן איבערגעלאָזן הויל־נאַקעט. ליג איך צוגעדעקט מיט מײַנעם אַן אַלטן מאַנטל און זי — אָנטקעגן — מיט אירן אַן אַלטן מאַנטל). טשעפּעט זיך צו מיר צו אין איינער אַ נאַכט אַזאַ מעשוגענער געדאַנק, אַז איך בין אַ לעווקאָוויטשער ווײַבל (לעווקאָוויטשער ווײַבלעך, מאָלט אײַך, זײַנען ניט פון די איבעריקע שיינהײַטן. זיי זײַנען נאָרווילדע איישעס־כאַיִלטעס, פּאָלקאָמע מאַנצבלען). און לעווקאָוויטש גופע — דאָס איז אַ דאָרף, 9 ווערסט פון אונדז. בין איך, הייסט עס, אַ לעווקאָוויטשער ווײַבל, און איך, דאָס לאַנגע לעווקאָוויטשער ווײַבל, ליג מיר אין בעט און שלאָף צווישן מײַנע פינף־זעקס קינדערלעך. ווער ס׳ליגט מיר לעבן די הענט, ווער לעבן די פיס און ווער לעבן די אַקסלען: טאַקע אַזוי אַרום מײַנע אַלע עקסטע אייוורים ליגן זיי, און ס׳איז זיי קאַלט, מײַנע קינדערלעך, אָבער טאַקע שטאַרק קאַלט. און איך, דאָס לאַנגע לעוואָוויטשער ווײַבל, בין אַ מאַמע און ס׳דערגייט מיר שטאַרק צום האַרצן, וואָס מײַנע קינדער איז קאַלט.

טאָ וואָס זשע טו איך? — האַלט איך אין איין אַרומרוקן דאָס פּעלצל.

איז ווײַטער שלעכט:

דעק איך צו די, וואָס לעבן די הענט, הייבן אָן פרירן יענע קינדערלעך, וואָס אַרום די אַקסלען. און איך פּיל עס בעפּויעל־מאַמעש, ווי זיי פרירן! רוק איך אַרוף דאָס פּעלצל אַהין, נעענטער צו די אַקסלען, ווערט צוריק יענע קאַלט, וואָס לעבן די פיס. רוק איך דאָס פּעלצל אַראָפּ, איז קאַלט מײַנע קינדער פון רעכטס. שלעפּ איך דאָס פּעלצל אָפּ אַ זײַט, איז ווײַטער קאַלט די, וואָס לינקס. און אַזוי קאָן איך — דאָס לאַנגע לעוואָוויטשער ווײַבל — זיך ניט געבן קיין אייצע. און דאָס פּעלצל האַלט אין איין אַרומפּאָרן אַ נאַכט אַ נאַכטיקע.

אינדערפרי דערצייל איך עס מײַנער — לאַכט זי. דאָס קליינע שוועסטערל קײַכט גאָר פאַר געלעכטער. און אויך דאָס פּיצינקע אין וויגעלע פאַרבײַסט דאָס אונטערשטע ליפּעלע און אַרום די אייגעלעך בא דעם ווערן קלוגע צוויי פריילעכע ווינקעלעך און ס׳שמוכט אויך.

נאָר וואָס איז דאָ די רייד, און וואָס איז דאָ אַזוי שלעכט, כּוץ די זויערע טראָפּנס און כּוץ דעם, וואָס מע קאָן ניט זען די גאַס שוין דעם אַכטן טאָג, און וואָס פּוילישע ראַזוועדקעס מיט פּאָוסטאַנצעס געמישט כאַפּן זיך אַרײַן אַלע ווײַלע און זיי טרייסלען דאָס שטעטל.

זיי לויפן אַרום איבער די הײַזער, זיי זידלען זיך, זיי זוכן באָלשעוויקעס אין די שופלאָדן און כאַפּן דערווײַל צו זייגערלעך, שטיוול און אַנדערע כפייצים.

פאַר אונדז האָבן זיי זיך מוירע. זיי גיבן אָן עפן די טיר און דערזעען דעם אוילעם אָף די בעטן, איז אַנדערע טרעטן אפילע ניט איבער די שוועל, און מיר, פאַרקערט, האָבן שוין פאַר זיי גאָרניט קיין מוירע. אַ מיצווע אָף זיי! ווען זיי שוין ווײַטער וויסן! און איר גלייבט טאַקע, אַז מיר האָבן זיך פאַר זיי קיין מוירע ניט געהאַט? גלייבט בעסער ניט! ס׳איז אַ ליגן. וואָרעם ערשט דעמלט, ווען זיי פאַרמאַכן די טיר „פון יענער־זײַט“, אָטעמען מיר אָפּ גרינגער און יעדערער הייבט אָן דערציילן די ניסים, וויִאַזוי ער האָט זיי אָפּגענאַרט, די פּאָליאַקן.

בראָשקע מײַנע קוועלט. זי זאָגט, אַז זי האָט זיך געמאַכט בלייך, ווי די וואַנט... איך זאָג, אַז איך האָב זיך געמאַכט, אַז איך הער אפילע ניט, וואָס זיי ריידן צו אונדז, און דאָס שוועסטערל (קוקט זי נאָר אָן!) — זי האָט אַרומגעבונדן דעם שטערן מיט אַ ווײַסער פּאַטשיילע און האָט זיך אויך „געמאַכט בלייך“ (אַ קוק טאָן נאָר אָף איר, אָף ראָכעלען, איז עס שוין אַ גרייטער טעאַטער). הײַנט צום סאָף האָבן מיר דאָך זיי טאַקע ערשט אָפּגענאַרט. וואָרעם ניט געקוקט אָף דעם, וואָס אונדזער ביידנס קרענק איז ניט קיין אויסגעטראַכטע, אָבער דאָס זייגערל, וואָס מיר האָבן געליִען באַם ציגלמאַכער (מיר זאָלן וויסן ווען צו אײַנעמען די רעפּועס), דאָס זייגערל האָט בראָשקע באַהאַלטן בא זיך אונטערן קישן! און איך מײַנע שטיוול האָב אויך פאַרשטופּט ווײַט אונטערן בעט! נאָך צוויי טישטעכער פאַרמאָגן מיר, וואָס ליגן אין שטאַל אונטערן היי מיט בראָשקעס אַ פּאָר לײַבעלעך. און דאָס איבעריקע מעגן זיי שוין זוכן, וואָרעם מע האָט אַלץ צוגענומען ביז זיי!

און דערווײַל איז אונדז שוין ווײַטער גוט אפן הארצן, און לאָמיר נאָר ווערן עלטער מיט אײנע 6 אָדער 7 טעג, וועלן מיר שוין געוויס האלטן נאָכן קריזיס און נאָך די קליזמעס, און מיר וועלן שוין עסן גוטע זאכן. ייַיכעלעך וועלן מיר עסן מיט געטריקנטע פענעצן, און נאָך, און דעריקער, מיר זאָלן זיך טאקע קאָנען אײַנהיטן פון אן איבעריקן ביסן...

אָבער דער דאָקטער, אויב איר ווילט וויסן, איז אויך א גוטע קרעקוטניע. ער האלט דיר אין אײן באקלערן נײַסן. אנומלטן איז ער געקומען און גיט אונדז אוף, אז מע דארף כאיעלען צונעמען פון שטוב.

— כאיעלע קאָן נאָך הארגענען די מוטער און די מוטער וועט אומברענגען כאיעלען...

— וואָס הייסט?

דארף מען דאָ לאנג ניט געבן צו פארשטיין, וואָרעם דער דאָקטער, אז ער זאָגט, מינאסטאם ווייסט ער. און טאָמער ווייסט ער ניט אלץ ביזן סאָף, אָבער ער זאָגט, אז די מוטער, יעדעס מאָל, וואָס זי זויגט אָן דאָס קינד, גיט זי אוועק אף דעם איבעריקע קויכעס, אָט די קויכעס, מיט וועלכע זי דארף איצט פארהיטן איר אייגן לעבן. האָט איר זיך איינס. און צווייטנס, דאָס קינד, אויב ס׳וועט זויגן איבערגעברענטע מילך (בא אזא היץ), וועט עס אויך קיין נוץ ניט האָבן, נאָר פארקערט. און נאָכאמאָל דאָס אייגענע:

— היט אָפּ דאָס קינד פון דער מוטערס־וועגן און די מוטער פון דעם קינדס־וועגן!

און נאָכעם איז אונדז ניט קיין פעטער, נאָר נעענטער פון א ברודער. אים איז פון אונדזערט־וועגן גאָרניט צו שווער. און אין א ווײַסן, א טייוועסדיקן פרימאָרגן נעמט מען בא אונדז פאמעלעך אראָפּ דאָס וויגעלע פון צווישן די בעטן, מע נעמט און מע פארקוטעט כאיעלען אין שמאטעס, און כאיעלע קלײַבט זיך מיט איר וויג און מיט די פארגעלבטע פעלישקעס אין שכיינעס ארײַן.

שטעלט זיך פאָר, סארא פּאָנעם ס׳באקומען פּלוצעם אונדזערע מאָגערע צווי בעטן אָן דעם וויגעלע אינמיטן, און סארא פּאָנעם איך מיט בראָשקען האָבן אָן דעם קינד. און ראָכעלע אפילע גייט אויך ארום א גאנצן טאָג מיט אן אראָפּגעלאָזענער נאָז, אזוי ווי א באַרויגעזט.

איך דארף אײַך זאָגן, אז די שטוב האָט אָנגעווירן איר גאנצן כיין. בראָשקע וויינט, און נאָכעם זוכט איבערן שטעטל, טאָמער האָט זיך ערגעץ פארוואלגערט א מאשינקע אף מילך אָפּצאפן (זאָל זײַן אויך פאר א מאשקן). אין שטעטל איז עס ניט געווען צו קריגן, האָט נאָכעם אָנגעשפּארט פאר פינף ווערסט אין א דאָרף צו אן אלטער פריצישער לערערקע, און פון דאָרטן איז ער געקומען צו לויפן א פארסאפּעטער טאקע מיט א מאשינקע.

אָבער בראָשקע ווערט וואָס אמאָל אלץ אומרויִקער און איבער די נעכט טײַנעט זי זיך אויס עפּעס מיט אזעלכע באָכערים: „אז זי דארף זיי ניט האָבן!", „זיי טשעפּען זיך צו איר, נאָר ס׳איז אומזיסט...", „זיי זײַנען איר פרײַנט?.. נאָענטע, אייגענע?.. ניין! זי האָט ניט געהערט פון אזעלכע פרײַנט. גייט זיך געזונטערהייט! גייט, פונוואָנען איר זײַט געקומען!" — זי טײַנעט הויך און זי איז אופגערעגט.

אן אנדערשמאָל טיילט זי זיך באנאכט מיט די שמאטעס, וואָס פּאָגראָמשטשיקעס האָבן אומגעקערט:

„דאָס, — זאָגט זי, — איז עמעצנס; און יענץ איז טאקע אירס א לײַבעלע... נאָר איר זײַט א מייוון, ווי מע האָט עס צעריסן, צעקנייטשט, אזוי ווי פון א כאזערשן מויל ארויס!". ווײַטער, זאָגט זי, אז זי האָט געהערט, ווי מע טיילט בא דער רעבעצן א קויש מיט זאכן... מע האָט אהינצו צונויפגעטראָגן, און אלע גייען אהין דערקענען.

„אויכעט שמאטעס, — זאָגט זי, — גאָלע שמאטעס. און אָט איז אירער א טישטעך!"

אן אנדער ווײַבל האָט בעדייע צו זאָגן, אז דער טישטעך איז גאָר אירער, ווײַזט איר בראָשקע א בעפּיירעשע מעטקע, „האָט זי שוין געוויס ניט וואָס צו זאָגן, דאָס ווײַבל". — — —

— —

און די טעג ווערן בא אונדז וואָס אמאָל הייסער און נודנער און... איינמאָל אינמיטן מיטוואָך אפדערנאכט נעמט זי, בראָשקע מײַנע, און וויל אינגאנצן מאכן א שטארב.

מע זעט שוין.

אלע זעען שוין...

ווער ס׳ווייסט אפן גראַדוסניק (טערמאָמעטער), ווער ס׳פארשטייט אינעם דויפעק, און אן אנדערן, א דריטן דארף מען גאָר ניט דערציילן קיין מײַסעס. ער דערקענט. אין דער נאָז דערקענט ער!

ווי געפעלן אײַך עפּעס אזעלכע רייד? — הער איך זיי ניט. איך זע דאפקע אליין, אז בראָשקע איז טאקע שטארק שלאָף: זי אָטעמט קורץ און אָפּגעהאקט, זי עפנט ניט די אויגן. איר איז שווער א הוסט צו טאָן (און דער דאָקטער האָט צוגעשיקט עפּעס אזעלכעס צום הוסט, און ער גיט איר

קאמפער, אזעלכע פּראָשקעס פון קאמפער גיט ער איר צום הארצן). נו, איז אזעלכע זאכן טרעפן זיך, אַף דערויף איז מען דאָך שלאָף און ס'איז אָן סאקאָנעס.

מײַן טאטע איז נאָרוואָס אופגעשטאנען (בא זיי אין שטוב איז איצט אויך א גאנצער לאזאַ־רעט. אלע ליגן צעלייגט אַף די בעטלעך און אַף די קאנאפּעס און מע קאָכט זיך אין טיפוס, און דער טאטע איז שוין אופגעשטאנען, קימאט דער ערשטער דאָרט אין שטוב), האָט ער זיך גע־בראכט צו שלעפן צו מיר. — ער וועט שוין בא מיר נעכטיקן, — זאָגט ער, — און מיר וועלןביידע אכטונג געבן אַף בראָכעלען. דעריקער דארף מען נאָר זען, זי זאָל איבערלעבן די נאכט. די איין נאכט, אז זי וועט איבערלעבן, וועט אלץ אוועק צום גוטן, אזוי זאָגן אלע.

נו, איז א מעציִע איבערציִען א נאכט?

איך מיטן טאטן!

אינצווייען זײַנען מיר!

און... מיר האָבן דערצויגן ביז טאָג. און מיר זײַנען טאקע, א דאנק גאָט, איבערגעקומען. עפּשער ניט אזוי גרינג טוט זיך עס, ווי ס'רעדט זיך, אָבער ווער איז געבליבן גערעכט?

טאקע איך!

ווי דען? א גאנצע קונץ ריידן, זיך ווארפן מיט ווערטער. שטארבן, לעבן — לעבן, שטארבן? דאָנערשטיק אינדערפרי, אז נאָכעם איז געקומען, האָב איך אים געזאָגט: „פריי זיך, נאָכעם!“, און אזוי ווי אן עלטערער מענטש, האָב איך צוגעגעבן: „בראָכעלע איז אונדזערע!“ — — — —

— —

און לייע ברענגט אונדז צוויי מאָל א טאָג גרוסן פון כאיעלען. אזא פּיצינקע! דארף זי נעבעך אָפּריכטן גאָלעס אין דער פרעמד. צי זי פארבײַסט דאָרט כאָטש דאָס אונטערשטע ליפּעלע? און צי זי קווע‌לט אזוי, ווי צו דער מאמען. מינאסטאם, ניין?

לייע זאָגט, אז כאיעלע לעבט און קוועלט. זי ווארט נאָר, די מאמע זאָל גיכער ווערן געזונט.

איך ווייס? לייע איז זייער א צוגעלאָזטער מענטש. קיינער אין שטאָט וואָלט אונדז ניט טאָן אזא טויווע, ווי זי. ס'דאָך ניט קיין גרינגע ארבעט — צונעמען צו זיך א קינד פון דריטהאלבן כאדאָשים, ווינטערצײַט. און אליין ווינט מען אין א צימער — א קיך מיט אייגענע צוויי פּיצ־לעך קינדער.

און דאָ איז הײַנט א זון אין דרויסן. די פענצטער גייען אָפּ מיט פריילעכער שײַן. און מיר איז טאקע פריילעך אפן הארצן — אלע זאָגן, אלע זאָגן, אז אבי בראָשקע איז איבערגעקומען אָט אָ די־אָ נאכט, איז זי בא אונדז א געפונענע.

און דער דאָקטער האָט געבראכט א שער־מאשינקע און איר אָפּגעשוירן, בראָשקען, די לאָקן ביז צום קאָפּ.

זי וועט זיך מיט אים אָפּרעכענען, בראָשקע, אז זי וועט ווערן געזונט? מיטן דאָקטער? פאר אזא זאך?

— איך מיין, אז נאָך וויִאזוי!

דערווײַל איז מײַן בראָשקע געוואָרן א ייִנגעלע.

א קירפּאט ייִנגעלע, מיט קלײַנדיקע פארויטלטע בעקעלעך.

א דײַגע. אז מע וועט דארפן, וועט זי ווערן צוריק א מיידל. ס'נאָר, וואָס פרײַטיק! — פרײַ־טיק דארף מען אויך ניט זײַן קיין נאר און אכטונג געבן אַף בראָשקען ווי ס'באדארף צו זײַן. כאָטש ס'מאכט ניט אויס. בראָשקע איז קליגער פון מיר, און ס'ניטאָ אַף איר וואָס אכטונג צו געבן.

אָט איז געקומען צו לויפן נאָכעם. א פּראָסטיקער, א פרישער, האָט ער זיך נאָר אָנגעוואַ־רעמט א קאָפּ אין קיך, ער זאָל ניט אָנטראָגן קיין קעלט, און ער לויפט שוין צו אונדז אין צימער.

— וואָס מאכט איר, קינדער?

און מיר מאכן שוין ארום און ארום גוט.

איך גופע האָב דעם קריזיס ערגעץ אײַנגעלאָזן אזוי, ווי א גרינגע געווינערן לאָזט אמאָל אײַן דאָס קינד, אומגעריכט לאָזט זי עס אײַן, אזוי אפילע בא דער ארבעט שטייענדיק, אָדער דעם פאָל וואשנדיק. איך האָב אים שוין, ווײַזט אויס, ערגעץ געהאט, דעם קריזיס, אזוי צווישן טאָג און נאכט. אָבער דאָס איז מיר ביכלאָל פון די קלייניקײַטן. דעריקער איז, — א דאנק גאָט, וואָס זי עפנט שוין די אויגן.

— זי בעט דאָך שוין עסן! — בארים איך מיִך פאר אים. — א נאשערן איז זי, זי וויל, איך זאָל איר געבן לעקעך!

און נאָכעם קאָן זיך דאפקע פרייען פון אזעלכע זאכן, ער לאכט אזש, ווי א קליין קינד. און איצט האָט ער שוין אן אנדער ארבעט — פארהערן בראָשקען. ער פארהערט זי, ווי א באהעלפער

פאַרהערט אַ קליין מיידעלע. און זי ענטפערט אים, כאָטש אָן אַ שמייכל, אָבער זי ענטפערט אַלץ, אַף אַלע קלייניקייטן.

„און די מאַשינקע זאָל מען נאָך באַ איר ניט צונעמען. זי וועט מיט איר אַרויסרופן די מילך, אַז זי וועט ווערן געזונט“. איר הערט? ס'שוין ניט מיטוואָך אָפּדערנאַכט! ס'שוין גאָר אַנדערע רייד!..

און מיר, אַז איך וויל זאָגן, דרייט זיך שוין אַפילע ניט דער קאָפּ. איך שליאָמפּע שוין אַרום איבער דער שטוב אין אַ פּאָר אַלטע פּאָפּעטשעס. דאָס הייסט, ניט איבער דער גאַנצער שטוב כאָלילע. ניין, איבער אַ גאַנץ קלענערן שעטעך: איך שליאָמפּע שוין אַרום פּרײַ — צווישן אונדזערע ביידע בעטן!.. און בראָשקע איז באַ מיר אַ יאַט. זי האָט מיר נאָר דערלאַנגט אַ פּליאַסק איבערן פּאָנעם. פּרײַטיק אָפּדערנאַכט איז עס געווען. זי האָט ניט געוואָלט, איך זאָל איר שטופּן דעם רעצעפּט. האָב איך געכאַפּט אַ פּאַטש, און דאָס גלעזל פון לאָמפּ איז אַראָפּגעפאַלן. נאָך גוט, וואָס עס האָט זיך ניט צעבראָכן. אָבער אַ טאַם האָב איך געפילט אין דעם פּאַטש, זאָל איך אַזוי לעבן, אַ געשמאַקערן, ווי אין גוטע געפּרעגלטע פיש. — — — — — — — — — — — — — —

און דער דאָקטער האָט אונדז געגעבן עפּעס אַזאַ קרײַטעכץ, מיר זאָלן עס אויסקאָכן און מאַכן פון דעם בראָשקען אַ ברייטן, אַ גרויסן קאָמפּרעס צו די פּלייצעס. דער דאָקטער איז עפּעס די לעצטע צײַט זייער ערנסט. עפּשער נעמט זיך עס דערפון, וואָס ער איז איין מענטש אַף אַזאַ שטאָט מיט כאַלאָיִם? און דאָס גראָז שמעקט עפּעס מאָדנע. און בראָכעלע? בעשאַס איך האָב איר איבערגעטאָן פאַרנאַכט אַ ווײַס העמד (אַ לײַוונטנס, אַ גראָבס — מײַן מאַמעס אַ מאַטאָנע פון נאָכן פּאָגראָם) — בעשאַס איך האָב איר איבערגעטאָן דאָס העמד, האָט זי זיך ניט נאָר געלאָזן, נאָר זי האָט נאָך מיר אַפילע אָנגעדאַנקט אַ פולן קאָפּ (זי האָט דאָך מיר אָנגערעדט אַזאַ סאַך גוטע ווערטער. צוויי, עפּשער, ווערטער האָט זי מיר געזאָגט, יאָ). וואָלט איך זיך ריכטן אַף אַזאַ קליינער, זי זאָל בעיין־אויפן ניט לאָזן צולייגן דעם קאָמפּרעס? און אויב איר האַלט כעזשבן, טאָ געדענקט — זי האָט מיר איצט אַראָפּגעלאָזן דעם צווייטן פּאַטש. און אַ סאַך אַ קלינגענדיקערן און געשמאַקערן פון דעם ערשטן!.. דערנאָך איז זי געווען אַ גאַנצע נאַכט שטאַרק שלאָף.

איך בין אַרומגעגאַנגען אַרום איר בעט און איך האָב זיך צערעדט.

איך האָב זיך צעטײַנעט מיט גאָט...

און גאָט איז באַ מיר געווען אַלצדינג: דער לאָמפּ, די שאַפע, די ווענט, די דעמבענע גאַלקעס אַף די בעטן. און איך האָב זיך זייער שטאַרק אײַנגעשפּאַרט, אַז ווער מען, וועמען, בראָשקען נעמט באַ מיר קיינער ניט. וואָרעם צוליב וואָס, פרעג איך אײַך, בין איך דען מעכוּיעוו זײַן אַזאַ אָפּגעריסענער נאַר? מעשוגע בין איך?! אויב ער דאַרף עפּעס אַנדערס, דער גאָט, קאָן איך מיט אים ריידן, און פאַרוואָס דען ניט? מיטן שענסטן קאָוועד! אָבער ווו מ'דאַרף ניט זײַן קיין כאַזער, אַהין זאָל ער ניט קריכן, וואָרעם איך וועל אים, וואָס וועל איך אים?..

ראָכעלע איז שוין דעמלט געשלאָפן, און געטײַנעט מיט די געטער האָב איך, ווײַזט אויס, איינער אַליין, און ניט שטאַרק הויך. אָבער די באַלעבאָסטע פון יענער־זײַט טיר האָט עפּעס דערהערט, און זי איז אַרײַן אַ קוק טאָן, וועגן וואָס דאָ רעדט זיך. און דאָ ערשט, לעבן בראָשקעס בעט שוין, האָט זי אַ מיִעסן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, און מיט עפּעס אַ זיכערקײַט פון אַ געניטן פאַרשוין, און זי האָט געזאָגט, אַז מע דאַרף בעסער אַרײַנרופן עטלעכע מענטשן...

איך האָב איר גאָרניט געטאָן... איך האָב נאָר אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן און פּאַמעלעכקע אופגעהויבן אַף איר אַ קולאַק. האָט זי זיך פּאַר עפּעס דערשראָקן און האָט זיך גלײַך אַרויסגערוקט פון צימער. זאָגן האָב איך איר גאָרניט געזאָגט. איך האָב זיך, ווײַזט אויס, געהיט, איך זאָל ניט מאַפסיק זײַן.

דערנאָך האָט דער באַלעבאָס אָנגעקלאַפּט אין טיר, אַז די שטאָל איז אָן אָפּענע... די בעהיימע איז ניטאָ... און מע זאָגט, אַז פון שטאָט זײַנען נאָך ניט אַוועק די פּאָוסטאַנצעס... זיי וועלן זי אַוועקטרײַבן מיט זיך, די בעהיימע, אָדער זיי וועלן זי דערשטעכן.

ניט אומזיסט איז ער אַ מעלאַמעד, מײַן באַלעבאָס. נו, איז זי אָן אָפּענע, די שטאָל. טאָ וואָס זשע וויל ער? און איך ענטפער אים ניט גאָרנישט. אויך, ווײַזט אויס, דערפאַר, וואָס איך קאָן ניט מאַפסיק זײַן. און אַזוי ווי אַ פליג אונטערן שפּינס קלאַמערן אין שפּינוועבס אַ פאַרפּלאָכטענע מאַכט זיך, אַז זי הערט אוף אַף אַ ווײַלע און אין אַ רעגע אַרום הייבט זי אָן צוריק הודען איינע אַליין אין באַנאַכטיקער שטילקײַט, אַזוי האָב איך ווײַטער פאָרגעזעצט מײַן אַווידע. און דעם שפּין — ניט מע זעט אים, ניט מע הערט אים, ווי ער האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין מיר און זויגט מיך אַף צו דערקאָנטשען. אָבער איך? מיר קומען צו פרישע קויכעס, און איך הודע זיך אַזוי נאָך אַ שאָ און נאָך צוויי שאָ אַף ניט אופהערן אַזוי גיך, און אַ ווינטערדיקער אָוונט קאָן דאָס אַף זיך טראָגן. ער איז געוואָג לאַנג. ער איז געראום. בראָכעלע סאָפּעט עפּעס דורך אַ פאַרמאַכט מויל. און אַזוי ווי ניט באַ זיך אין די הענט. איך האָב קיינמאָל ניט געזען, מענטשן זאָלן אַזוי

סאָפּען. און זי הערט ניט אוף אזוי מאכן שוין די וויפלטע שאָ. און... פּלוצעם האָט בראָשקע אופ־געהויבן דעם קאָפּ, זיך אנידערגעזעצט ביז האלב, און איך דערשרעק זיך שטארק אָט פּונקט פאר דעם, וואָס איך דארף זיך גאָר שטארק דערפרייען. עפּשער וויַיל בא די שאָטנס פון לאָמפּ? — און אין אזא הייליקן אפּדערנאכט, וואָס איז באהויכט מיט לעצטן שוויס פון טויט און פון געראנגל?

און געזיגט האָבן גאָר מיר? די לעבעדיקע?

אָט אזוי האָט זי זיך אונטערגעהויבן אין דעם־אָ סוידעסדיקן און שאָטנספולן אפּדערנאכט און זי פרעגט מיך עפּעס.

קימאט אף שטום־לאָשן האָט זי מיך געפרעגט.

און איך ענטפער איר, און צו מיר האָט זיך טאקע שוין אָט אין דעם־אָ אויגנבליק אומגע־קערט די פרייד.

„פונוואנען קומסטו איצט אָן, מיַין שיינע קאלע, — וויל איך זי פרעגן, מיַין ניַיע, מיַין דערפרישטע, — פון וועלכע וועלטן ביסטו איצט אהער אראָפּגעקומען?"

און איך שאר ארום דעם טומאן פון מיַין פּאָנעם און פון מיַינע אויגן און איך גיב איַין בראָשקען דעם רעצעפּט. זי שלינגט אראָפּ שווער, אָבער גערן.

„און ווער איז גערעכט? — וויל איך ווערן אף עמעצן גוט־ברודעריש אין קאס. — וויַיטער איך!"

„בא מיר, — וויל איך זיך בארימען, — גייען ניט אָן אזעלכע מיַיסעס! און מיט מיר מאכט מען ניט קיין געשעפטן! איצט דערלאנגט אהער אלץ פון דער וועלט פאר מיר און פאר מיַין בראָשקען. אָ, אָ?! איצט זאָגט דאָך שוין דער באלעבאָס אויך, אז קוים האָט זי א מידע נאָך אונ־טערגעהויבן דעם קאָפּ און זיך פּלוצעם אופגעזעצט, איז זי שוין א „היגע". נו, ווי דען?! דער באלעבאָס! ער האָט זיך אריַינגענארט אהער זען, וויאזוי איך פריי זיך. און צוריק מיט איין שאָ איז שוין בא אים געווען א געוויסע זאך, אז בראָשקע איז שוין ניט קיין היגע. זיי האָבן געמיינט, אז איך מאך זיך אומזיסט נאריש... טאָ זאָלן זיי טאקע ניט מיינען! קיינער שלאָגט זיך צו זיי ניט אָן. — — —

הע־אָך! זאָל לעבן די פריַיהיַיט!! — און אָן עק!"

ס'גלאַט, ווען זאָל איך דערציילן פון מיַין אָט־ערשטיקער נעסיַע, כוץ איר אליין, מיַין איינציקער אף דער גאנצער וועלט?

אָבער איך זשאלעווע זי טשעפּען. זי איז נעבעך זייער מיד. אהאָ, זי איז שוין היַינט געווען ערגעץ וויַיט איַינגעפאָרן, זייער וויַיט. נו, אָבער איצט איז שוין — דאיאָש! דאיאָש אלדאָסגוטס פאר דעם גאנצן „געזינדל". ס'שוין דאָ מיט ווען עס פארדיַיען.

און מיר גלוסט זיך קוויטשען, און לאכן, און זיך קאטשען איבערן גלאטן פּאָל: מיַין וויגריש־נער בילעט האָט אויסגענומען דעם איבערגרעסטן געווינס! דאיאָש אהער מיַין טאטן מיט דער מאמען! דאיאָש די גאנצע וועלט! איך האָב זיי עפּעס וואָס צו דערציילן!

און איך האָב זיך אנידערגעזעצט בא זיך אפן בעט אנטקעגן בראָשקען. — — — — — — — —

אז איך האָב זיך אופגעכאפּט, איז שוין געווען 6 אינדערפרי. אין דרויסן איז נאָך געווען פינצטער, אָבער ס'שוין געווען באגינען.

ניטאָ, ווער ס'זאָל מיך אויסשמיַיסן.

איך בין אלע מיַינע יאָרן א גענארניק. און אלע יאָרן, ווען איך לאָז עפּעס דורך א נייטיקן איניען (איבער דעם, וואָס איך האָב זיך פארשפּילט, אָדער איך האָב זיך פארזעסן בא מיַינע מיידלעך), האָב איך דערנאָכדעם אָן ארבעט זיך פארענטפערן. אזוי פאר דעם טאטן, אזוי פאר מיַינע באלעבאטים, און אזוי אפילע אמאָל פאר א כאווער.

אָבער פאר ווען וועל איך זיך איצט פארענטפערן?

ווער האָט עס מיר דערלויבט איצט אָפּשלאָפן אזויפיל שאָ דורכאנאנד?

נעכיַי וואָלט איך זיך בעסער ניט אונטערגענומען, וואָלט מען זיך עפּשער אף מיר ניט פארלאָזן?

וואָס וועט א געגארניק איצט זאָגן?

נאָר פאר מיר איז נאָך אָפן איין טירעלע פון טרייסט:

איך האָב דאָך נאָר דורכגעלאָזן איין מאָל דעם רעצעפּט געבן (דעם, וואָס אלע צוויי שאָ), איז בייס ס'וועט אלץ דורכגיין בעשאָלעם, האָב איך א בריירע פאר קיינעם אין דער וועלט ניט אויסזאָגן, אז דאָס האָב איך זיך אין אזא ענגער שאָ אזוי געשמאק אויסגעשלאָפן.

טאָ וואָס מאכט בראָשקע — ווילט איר וויסן.

וואָס זאָל זי מאכן? זי איז אָן איַינהאָרע א יאַט!

„וויפל האלט דער זייגער?" — פרעגט זי מיך.

דו ביסט א מיוון אף אזא כעוורעמאן?

„שוין, מײַן קינד. שוין זאָג איך דיר, וויפל ס׳האלט דער זייגער. האלב, האלב: האלב זיבן! אף מאָרדכע־בער דעם ציגלמאכערס זייגערל". — און א רעכאש קומט איר, מײַן אלטיטש־קער, וועלכע איז אָפגעשוירן אזוי ווי א ייִנגעלע, פאר אזא ניכטערער שײַלע. „וויפל האלט דער זייגער?" — איר זײַט א מיוון?

און איך טו זי א קוש.

וואָלט איך זיך אָבער ריכטן אף אזא מאלפע, אז זי נעמט און פוילט זיך ניט און צאָלט מיר אָפ צוריק מיט דאָס אייגענע. מיט א קליין, פיצעלע קושעלע.

— א דו! דו ביסט דאָך גאָר א ייִנגעלע, ביסטו דאָך! אן אָפגעשוירן ייִנגעלע! — און זי פרעגט זיך בא מיר אף ראָכעלען. וועק איך זי אוף, די קליינע, און אף מיר איז א פרייד, א גע־דולע. און מיט ראָכעלען בײַט זי זיך אויך אָפּ מיט קליינע קושעלעך, און...

— ס׳ניטאָ בא אונדז קיין יויך? ניטאָ גאָרניט?

קוים וואָס מע הערט. קיינער וואָלט עס ניט פארשטאנען, וואָס זי רעדט. אָבער זי מאכט עס ניט ווי א שלאָפע און ניט ווי מע פארקרימט זיך, נאָר עפּעס זייער שיין, אזוי ווי מע שפּילט זיך. און איך פארשטיי יעדעס וואָרט, וואָס זי רעדט אויס, — וואָלט זי שוין נאָר ריידן!

נו, יאָ, וועט דאָך ראָכעלע „שוין" לויפן צו מײַן מאמע אהיים און זי וועט ברענגען פון דאָרטן אלע גוטע און פרישע זאכן.

און ראָכעלע דארף זיך קיין סאך ניט קלײַבן. גערעדט און געטאָן. זי איז שוין אן אָנגעטאָ־נענע און זי איז שוין אפילע ערגעץ אין וועג.

און בראָכעלע וויל מיר נאָך עפּעס זאָגן, האָט זי מיט א האלב וואָרט אָנגערופן מײַן נאָמען. און זי קוקט אף מיר אזוי ליב, און אזוי קלוג, און איר פּאָנעם שײַנט.

אָבער א לעפעלע רעצעפּט וועסטו בא מיר אויסטרינקען, מײַן קינד?

און איך גיב אײַן מײַן בראָכעלען א לעפעלע רעצעפּט (דעם, וואָס איין מאָל אין זעקס שאָ). קאָן זי אים איבער עפּעס ניט אראָפּשלינגען (צי זׂי וויל ניט), און ס׳גיסט זיך בא איר אויס אף די באקן און ארום האלדז.

און איך, אזוי ווי איך האלט איר האנט, בראָכעלעס, אזוי זיך, אָן שום דאָקטאָריעס, האלט איך זי בא דער האנט, דערפיל איך אָבער פלוצעם, אז עפּעס א זייגערל דאָרט האלט זיך באם אָפּ־שטעלן, א שיינינק און ציכטיק זייגערל טוט א קלאַפּ, און די איבעריקע דרײַ קלעפּ פארשווײַגט עס... טוט נאָך א קלאַפּ, און ס׳שווײַגט שוין אינגאנצן.

פאר מיר אין די אויגן, הייסט עס.

— גיכערט! — הוקע איך צו דער באלעבאָסטע, עמעצער זאָל פון דאָרט ארײַן.

און די באלעבאָסטע איז ארײַן.

טוט זי א קוק אף בראָשקען, טוט א קוק צוריק צו זיך אף די נעגל, און זי זאָגט שוין גאָר־ניט. זי רוקט זיך נאָך אָפּ אף צוויי טריט. און עפּעס אזוי ווי זי מאכט אף עפּעס א בראָכע.

— גיכערט דעם דאָקטער גיט אהער, גאזלאָנים!

איך ווייס, אז דאָס קינד איז נאָך א ווארעמס. דאָס בעטגעוואנט און דער מאנטל, מיט וועלכן זי איז אײַנגעדעקט, זײַנען נאָך ווארעמע, און דאָס קינד איז נאָך אזוי פריש, אז די באקן בליִען איר, איז דאָך דאָ נאָך פאראן אלץ, וואָס מע דארף, אז אלץ זאָל ווערן צוריק יאָ.

— גיכערט א דאָקטער! וואָס קריכט איר דאָרט אזוי?

דער דאָקטער נעמט בא מיר צו בראָכעלעס האנט, און די מינע בײַט זיך בא אים.

— טשעפּעט זי ניט, — לאָזט זי צורו... — און ער כאפּט זיך ארויס פון צימער, ווי א גאנעוו (ער איז שוין אפילע ניט ארײַן צו דער באלעבאָסטע א קוק טאָן אף איר זון). ווי געפעלט אײַך דער באָכער? און די שטוב וועל איך דאָ ניט צעטראָגן אף שטיקלעך?

— ראָכעלע! קום נאָר גיכער אהער, מײַן קינד, און קוק, ווו מיר האלטן!

און ראָכעלע ווייסט נאָך ניט, פון וואָס איך רייד צו איר, און זי ווייסט ניט, וואָס צו טאָן מיט די ווארעמע צוויי טעלער, וואָס זי האָט געבראכט פון ערגעץ צו טראָגן.

— שטעל אנידער, ראָכעלע! שטעל אנידער גיכער און לאָמיר עפּעס טאָן. איצט איז דאָ זייער א סאך וואָס צו טאָן! — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ראָכעלע, אויב זי קען אפילע יאָ וויינען, וויינט זי אזוי, ווי „זי" קען. אזוי ווי א קינד. און נאָכעם איז געקומען צו לויפן. אין זײַן געוויינלעכער צײַט איז ער געקומען צו לויפן. האָט ער זיך אויך געכאפּט גלײַך וויינען. און ער וויינט עפּעס אויך ווי א קינד, מיט ביטערע טרערן וויינט ער: הו־הו! הו־הו־הו! קוק אים נאָר אָן!..

און פון אנטקעגניבער מײַן קיך־פענצטער איז אונדזער שאָכן דער מוליער (אינעם שאבעס־דיקן סורדוט) א באלן געוועזן ארײַן צו מיר אין שטוב ארײַן, טאָמער דארף איך אים אף עפּעס.

אויב ס׳שוין יאָ אזוי, מעג איך אף אים אופהייבן די קולאקעס אויך: ניע פריסטופי! א רועד אין דייַן טאטנס טאטן אריַין און אין דייַן מאמעס מאמע אריַין! — — —

איר זאָלט אומיסטן א קוק טאָן, סארא טרייפענער ייִד דער שאָכן אונדזוערער איז. ער האָט דאָך זיך גאָרניט דערשראָקן. ער האָט זיך אפילע ניט אָנגעבייזערט. ער האָט זיך נאָר אויסגעקערעוועט אף צוריק און איז אוועק. ער האָט מיר אפילע קיין קרום וואָרט ניט געענטפערט! און איך האָב דאפקע געוואָלט, ער זאָל זיך מיט מיר קריגן און זיך עפשער שלאָגן אויך.

בא אים איז א געלע, ליים־קאָלירענע באָרד, און בא אים וועלן באלד זייַן אזעלכע אייניקלעך ווי איך, וואָלט איך א באלן זייַן מיט אים איצט זיך שלאָגן! און ער האָט זיך גאָר אויסגעקערעוועט און איז אוועק...

דערפאר איז דאָס מיידל, וואָס איז ארומגעגאנגען ארום די שלאָפע בא מייַן מאמע אין שטוב, איז געקומען צו לויפן פון ערגעץ צו מייַן מאמע אינמיטן שאבעס־אינדערפרי:

— א קלאָג צו איר! א בראָך צו איר! בא מייַן מאמעס זון אין שטוב איז עפעס זייער שטארק געוויין.

נו, איז זי ניט קיין אָפגעריסענער נאר, אָט די מויד?

און די ערשטע פּאָטשט, וואָס איז צו מיר אוועקגעלאָפן, זייַנען געווען מייַנע ייִנגסטע — א שוועסטערל מיט א ברודערל. און אף אָט דער־אָ ערשטער פּאָטשט האָב איך זיך ווייַטער געגעבן א וואָרף מיט די קולאקעס, נאָך איידער זיי זייַנען אפילע צוגעגאנגען צום גאנעק. און איך האָב אף זיי געגעבן א מעשוגענעם בריל:

— קיינעם דארף איך אהער ניט!! וואָן פונדאנען!!

און מיט דער אייַזערנער קליאמקע האָב איך הויך און קאסדיק פארקייטלט די טיר פון אינווייניק.

זיי האָבן זיך, נעבעך, דערשראָקן, קינדער מייַנע טייַערע! אין גרויסער פארייִרונג האָבן זיי זיך אף א רעגע אָפּגעשטעלט פאר דער טיר און דערנאָך האָבן זיי זיך אויסגעקערעוועט און זייַנען אוועק גאָר ניט מיט קיין גרינגע הערצער, באליידיקטע, דערשראָקענע און מיט א יעדיִע פון „גאָרניט ווייסן מיר ניט״ אהיים.

דערנאָך האָב איך זיך פארשעמט פאר בראָכעלען, וואָס איך שרייַ אזוי, און אָפּגעשוירעֿנינקע איז זי דאָך געלעגן, אזוי ווי א ייִנגעלע, בא זיך אפן בעט, און האָט, ווייַזט אויס, געדרעמלט. איך האָב זיך פארשעמט און בין אנשוויגן געוואָרן.

דערנאָך איז געקומען דער טאטע און זיך, ווי א מעכוטן, אוועקגעזעצט אויבנאָן באם טיש, און איך האָב זיך שוין אף קיינעם ניט געוואָרפן מיט קיין קולאקעס. איך בין נאָר געשטאנען, די הענט פארלייגט פון הינטן און זיך געווארעמט בא דער הרובע.

אויב אונדזער צימער איז א ליכטיקס און האָט אפילע פיר פענצטער — צוויי און צוויי — א וואנט לעם א וואנט, זיצט זיך דער טאטע רעכט באם אויבנאָן, וואָס איז אין ווינקל פון אלע פיר פענצטער, און ס׳שטייען די בעטן לינקס,ביידע מיט די צופוסנס צו מיר, צו דער הרובע־צו, צו דער הרובע, וואָס איז א סאך נעענטער צו דער לינקער וואנט, ווי צו דער רעכטער, און וואָס אהערצו טאקע, גלייַך צו דער הרובע אנטקעגן, שטייט דאָס צופוסן־ווענטל פון בעט, ווו זי שלאָפט אן אייַנגעדעקטינקע, זי, מייַן בראָכעלע.

מיר איז געווען מאָדנע, וואָס זי האָט א גאנצן טאָג עפשער אין מויל ניט געהאט. און מיר איז געווען גוט, וואָס מע דארף שוין זי ניט מוטשען מיט קיין רעצעפּטן.

און אלעמאָל, ווען דער טאטע פלעגט אף א ווייַלע ארויס, פלעגט זיך מיר ניט גלוסטן, און דאָך פלעג איך צוגיין און זי א קאלטן, ניט קיין געשמאקן קוש טאָן.

איך האָב עמעצן אָפּגענארט, בא עמעצן געגאנוועט.

— —

און אין אָוונט, אז מע האָט אָנגעצונדן פייַער, איז מיר געווען א ביסל אנדערש, נאָר איך בין אויך ניט אוועק פון הרובע.

איך האָב איטלעכן געענטפערט, ווו ס׳ליגן די העמדער.

עפעס העמדער דארף מען האָבן און לייַלעכער, אויב ס׳איז דאָ.

— קיין לייַלעכער זייַנען ניטאָ. א טישטעך איז דאָ.

— נו, זאָל זייַן א טישטעך, — זאָגן זיי.

איטלעכן ענטפער איך שטיל און פונקט אזוי ווי צו דער זאך.

און נאָכעם אייסעקט זיך אלץ מיט יאָסלען דעם נידעריטשקן שנייַדערל, וואָס קען עפעס נייען אי פאר מאנצבלען, אי פאר ווייַבער, אי פאר יונגע, אי פאר אלטע, און אָן א מאָס. ווייַטער

האָט ער צו טאָן, נאָכעם, מיט ברעטער דאָרט אין הויף אינמיטן שאַבייסענאַכטס. מיט ווייַסע, נייַע, ניט קיין געהובלטע ברעטער.

וואָס האָרעוועט ער עס אַזוי, נאָכעם, אַף אַ פּולער וואָך? עס וועט אים עמעצער דען באַצאָלן? צי עס וועט אים עמעצער כאָטש זאָגן אַ גוט־וואָרט דערפאַר? קיינער וועט דאָך אים אַפילו אַף דער האַנט ניט אָנשפּייַען. און ער שלעפּט זיך אַרום אין דער אָוונטיקער קעלט און מע אַנטלייַט אים פון פרעמדע שטאַלן ברעטער.

ווייַטער רעדט ער, נאָכעם, מיטן טאַטן פון דעם, וואָס מע דאַרף דינגען מענטשן און צונע־מען דעם „באַרמאַן" פון שטוב... טאָמער זייַנען נאָך אין שטאָט דאָ פאָוסטאַנצעס — ניט יעדערער וויל גיין... ס'איז פינצטער, ס'איז גליטשיק, דאַרף מען דינגען.

— וואָס איז עפּעס מענטשן? — גיב איך צו אַזוי ווי פון דער זייַט. — איינמאָל איז...— און איך וויל פאַר זיי ניט זאָגן, וואָס איינמאָל ס'איז, טאָמער וועלן זיי נאָך ניט דערקענען, ווער ס'רעדט צו זיי. — און צווייטנס, זאָל זייַן אַף אינדערפרי! דאָ טראָגט מען ניט קיין געגאַנוועטע זאַכן. אינדערפרי וועלן אַלע זען.

אין שטוב זייַנען דאַפּקע געווען אַ סך עלטערע פון מיר, מענטשן שוין מיט בערד, און זיי האָבן מיר קיינער ניט דערוווידערט. מינאַסטאַם בין איך געווען גערעכט, וואָס אינדערפרי וועט זייַן אַ סאַך פריילעכער און היימלעכער.

האָט מען נאָר געבראַכט ליכט פון דער רעבעצן (די רעבעצן וועט כאָטש פאַרשטיין, אַף וואָס מיר קויפן מיטאַמאָל אין אינמיטן שאַבייסענאַכטס צוויי פונט גרויסע, קיילעוודיקע ליכט?), און מע האָט מיר אָנידערגעזעצט פייסעכן דעם בלינדן און אַווראָם־לייבן דעם בעדער פאַר שאָמרים.

פייסעך, ווי איר זעט אים, אַ בלאָנדער און אַ וווקסיקער יונגערמאַן מיט אָפענע צוויי אויגן, וואָס זעען גאָרניט, קען ער דערציילן אַ סאַך מייַסעס. ער האָט זיך דאַפּקע אָנגעשלאָגן צו מיר נאָך רייד. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז איך ענטפער אים ניט אַפילו אַף קיין צענטן וואָרט, האָט ער שוין נאָר גערעדט צו אַווראָם־לייבן.

אַווראָם־לייב איז אַ קורצער און אָנגעפּוישטער, אַווראָם־לייב, זומער און ווינטער. ער איז אַ בלוטיקער קאַפּצן. זומער און ווינטער גייט ער נאָר אין איין קאַפּאָטע פאַר אָן אייבערשט (פאַרדערפאַר טראָגט ער ווינטער אונטער דער קאַפּאָטע אַ וואַטאָווע לייַבל). ענטפערט ער אויך פייסעכן נאָר אַף אַ צענטן וואָרט און מיט אַ שטילן בורטשע.

עפשער האָט בראָשקען האַנאַ געטאָן פון זייער פאַרבערענגען — זי איז דאָך אַ שטיפערקע, מייַן בראָכעלע. עפשער האָט זי זיך צוגעהערט די גאַנצע צייַט אונטער איר צודעק און האָט געשמייכלט. איך אַף איר אָרט, ווען איך בין שוין אַזוי אָן דייַגעס, וואָלט איך זיך געוויס צוגע־הערט צו אַזעלכע יידן. און זי ליגט דאָך אַף דער ערד. ניט ווייַט פון זיי ליגט זי, אַפן גערוימען „אַף־דער־ערד" און אָן אייַנגעדעקטע, כאָטש אין דעם קאָמפּרעס פון די שמעקנדיקע גראָזן, אָבער שוין נאָכן קריזיס.

צוקאָפּנס בא איר האָבן געברענט ליכט אין קופערנע געלייַנע לייַכטער. און אַז ס'האָט זיך פאַרלאָשן איינע, האָט מען אָנגעצונדן אַן אַנדערע. דאָס האָט געטאָן אַווראָם־לייב. פייסעך האָט צו דעם קיין שייַכעס ניט געהאַט. ער איז געווען אַ בלינדער. מיט אָפענע, ריינע אויגן, מיט אַ בלאָנדער און שיינער באָרד, נאָר אינגאַנצן אַ בלינדער.

אינדערפרי האָט זיך געוואָלט, אַז מע זאָל מיר דערלאַנגען אַ קיכל מיט ציקאָריע אַזוי ווי אין אַ יאָמטעוו, אַזוי ווי שוועס. און די מענטשן, וואָס דאַרפן זיך נאָך עפּעס קלייַבן צו אונדז, זאָלן זיך אָנהייבן קלייַבן שפּעטער מיט אַ מינוט צען, ווען איך וועל אָפּעסן דאָס קיכל מיט דער ציקאָריע. דאָס קיכל וואָלט געווען אַ פּרישס, און מיט צימרינג, און די ציקאָריע וואָלט געווען מיט פעטער מילך און מיט צו דער מאָס צוקער. און אַף אַ ריינעם טישטעך וואָלט איך עס אַלץ געגעסן, און אָנגעטאָן בין איך דאָך אויך אינדערפרייִענדיק און אַזוי ווי אַ מענטש...

אָבער מע האָט עס מיר גאָר ניט דערלאַנגט. צי ווייַל איך האָב ניט געבעטן, צי ווייַל ס'קיין צייַט ניט געווען. מע האָט אונדז נאָר אַרויסגעשיקט, אַלע מאַנצבלען, אַף דער קיד. און מענטשן זייַנען דאַפּקע געקומען צו אונדז אַ סאַך. אַזוי ווי דעמלט אַף דער כאַסענע. און מיט גענוג אַפשייַ פאַר מיר, וואָרעם ס'מיר, מינאַסטאַם, געקומען.

בין איך געשטאַנען בא דעם בלעכענעם טירל פון דער פאַרמיגע און איך האָב געזען, אַז אַף דער ערד שטייען עמעצנס אַ פּאָר שטיוול אויסגעפּוצטע און זיי קוקן נאָר אַף מיר. אָט דער באַלעבאָס פון די צוויי שטיוול, זייַנע אויגן זייַנען אַריינגעשטעקט נאָר אין מיר. אָבער איך האָב זיך פאַר אים קיין מוירע ניט געהאַט. אים אָפּצעלאָכעס האָב איך נאָר געוויינט. שטיל האָב איך געוויינט, און ס'מיר געווען זייער גוט אַפן האַרצן.

בא לייַטן וואָלט מען עס אָנגערופן „ער האָט זיך באַוואָשן מיט טרערן". אָבער איך האָב זיך ניט געוואָשן. איך האָב זיך געבאָדן, און קיין קאָל האָט מען פון מיר ניט געהערט, און אין מייַן

שטערן איז געווען אײַנגעגראָבן דער פארזוימטער ראָג פון דעם גלאַנציקן, אײַזערנעם פאַרמיגע־טירל, און מײַנע אויגן האָבן זיך ניט געקענט אָפּטאָן פון יענע צוויי אויסגעפּוצטע שטיוול, פאַר וועלכע איך האָב זיך אָפּצעלאָכעס ניט קיין מוירע. און מײַנע אויערן הערן, ווי הערשל יאָסעף־לייבס זאָגט פּסוקים און אַלע זאָגן אים נאָך. איר קענט קיינער ניט אונדזער הערשל יאָסעף־לייבס מיט די קראַנקע, ווײַסע פלעקן אויף דער געלער באָרד? ער איז אַ פּראָסטער, ערלעכער ייִד, אָט דער הערשל, אַ באַפאַלענער מיט קינדער, און האָט זיך זײַן אייגנס אַ זיבן־אַכט פּאַרנאָסעס: ער איז אַ בעדער, אַ שערער, אַ שאַמעס אין שטאָט, אַ קלעזמער, הײַנט איז ער נאָך אַ באַדכן, אַ גראָם־זאָגער, אַ באַגראָבער, און ביכלאַל אַ קאָהאָלשער מענטש.

אָן אָרעמער און אַ פּראָסטער ייִד, פירט ער הײַנט אָן מיט דער סימכע בײַ מיר אין שטוב. דאָס זאָגט ער עס טאַקע די פּסוקים. בײַ אים באַקומט זיך „נויעך“ ניט מיט זיבן גרײַזן, נאָר מיט זיבעצן. אָבער די ייִדן זאָגן אים נאָך דרויזשנע, און מיר טוט שטאַרק באַנק, פאַרוואָס איך קען ניט אויך נאָכזאָגן, פאַרוואָס בײַ מיר איז איצט אַ פאַרשלאָסן מויל, אַ נאַס פּאָנעם און שטאַרק צונויפגעקוועטשטע ציין.

און הערשל זאָגט, — זאָל ער זאָגן, ער איז אַ טײַערער ייִד, אָט דער הערשל. ער איז טאַקע פייסעך דעם בלינדנס אַ שוואָגער אויך.

און דאָרטן אין שטוב וואַשן מיר די ווײַבער מײַן בראָשקען.

זיי זאָגן, אַז זי איז אַ צאַדייקעס, וואָס איר לײַב וועט ניט קאַליע. שוין דער צווייטער מעסלעס, און זי איז נאָך פריש, אַזוי ווי אַ מיידעלע.

און הערשל זאָגט די פּסוקים, און אַלע ייִדן זײַנען אַזעלכע טײַערע, וואָס זיי זאָגן אים נאָך. ס'איז אַ סימען, אַז זיי זײַנען מיר אַלע געטרײַ.

איינס נאָר. איך האָב זיך צופיל פאַרטראַכט אין וועלט־זאַכן און איך האָב זיך ניט ארומגעקוקט, אַז אַלץ, וואָס מע טוט, טוט מען דאָ אָן מײַן וויסן. און אַז מע קלײַבט דאָך זי ערגעץ אויס, בראָכעלע, און די, וואָס נעמען זי, זײַנען מיר ניט אָרעוו, אַז זיי וועלן מיר זי אָפּהיטן און זיי וועלן מיר זי צוריק צושטעלן אַ גאַנצע און ס'זאָל איר גאָרניט פעלן. און אויב איך בין איצט דער כאָסן און ס'ניט מײַן אייסעק זיך מישן, דאַרף דאָך עמעצער מיך דאָ אין זינען האָבן ביזן סאָף. זאָל זײַן מײַן טאַטע, אָדער מײַנע אונטערפירער. און אַזוי אויך פאַר איר, פאַר בראָשקען, דאַרף זײַן אַזאַ, וואָס וועט זיך אײַנשטעלן, ביז מע וועט זי איבערגעבן צוריק אינגאַנצן אין מײַן רעשוס.

און אַזוי ווי מײַן האַרץ האָט מיר געזאָגט. איך האָב זיך טאַקע צו שפּעט ארומגעקוקט. איך האָב ניט באַוויזן דאָס מויל עפענען, איך האָב ניט באַוויזן אויף עמעצן די אויגן אופהייבן, ווי מע האָט מיר פאַר איין מינוט, אַזוי ווי מע זעט ניט, אויסגעליידיקט מײַן שטוב. אַלע, אַלע האָט מען זיך אויסגעשאָטן אויף דער גאַס דורך אונדזער ברייטן ווײַס־הילצערנעם קיך־טירל, און מיט איר, מיט מײַן טײַערער, מע האָט זי ערגעץ צוגענומען, עפּשער ערגעץ אויף אַ פּאַראַד, אָדער אויף אַ כאַסענע. האַ?..

נו, פאַרפאַלן, גייט שוין געזונט, גייט געזונט...

און אין שטוב בין „איך“ נאָר געבליבן, איך בין דאָך נאָך אַ ביסל אַ שלאָפער. איך מיט מײַנס אַ שוועסטערל. ניט מיט ראָכעלען, ראָכעלען האָט מען דאָך אָפּגעפירט צו מײַן טאַטן אַהיים. בין איך געבליבן מיט „מײַנס“ אַ שוועסטערל, אויך מיט אַ בראָשקען. און אין שטוב איז געווען אינמיטנדערינען אָנגעגאָסן אַ נעץ. און מײַן בראָשקעס בעט איז עפּעס געווען ניט קיין כאָרעווע, ניט קיין גאַנצע. און „מיר“, ווען איך וואָלט זיך ניט שעמען אויסזאָגן, איז אַלץ געווען פון עפּעס גרינג אויפן האַרצן. ווען איך ווין נאָר איצט אויף אָן אינדזל, ניט צווישן מענטשן, אָדער אין אַ וואַלד, וואָלט איך ארויסגענומען פון שאַפע מײַן פידל און איך וואָלט לאַנג געשפּילט! (איר ווייסט גאָר ניט, אַז איך קען שפּילן אויפן פידל? איך שפּיל דאָך אויס אַלע ניגונים, וועלכע איך קען נאָר אין געדאַנק!). און איצט וואָלט איך זיי אַלע קעסיידער איבערגעשפּילט צו עטלעכע מאָל...

אויך זע איך, אַז מײַן שוועסטערל האָט זיך עפּעס מוירע פאַר דער נעץ, וואָס אין שטוב, און פאַר די טאָמע־געלײַענע לײַכטער, מיט די שטיקלעך כיילעווונע ניט־דערברענטע ליכט. ס'איז איר אומהיימלעך עפּעס דאָ בײַ מיר אין שטוב. העי־העי, קינד איינס, וואָס איז די מוירע, ס'דאָך גאָרניט. נעם ווישׁ אויס, גיס צו נאָך וואַסער און ווישׁ אויס. אָדער, איך ווייס? עפן עפּשער אַ פאָרטקעלע פון פענצטער, ס'איז דאָך גאָרניט, נאַרעלע. נאַ, זע אַליין. — — — — — — — — — — —

— —

II

...און דאָ וואָלט זיך ערשט דאַרפֿן אָנהייבן די מײַסע פֿון כאַיעלען מיט פֿיניעלען: ווי איך מיט ראַכעלען, מיט דער בעהיימע און מיט די זאַכן, האָבן זיך איבערגעקליבן צום טאַטן. און דער טאַטע האָט דאָך מיר פֿון דער ערשטער שאָ געזאָגט, אַז „מיר" איז „ווי מיר", אַ „ווײַב" וועל איך האָבן, נאָר אַפֿן קינד איז אַ ביטערער ראַכמאָנעס.

איך האָב דעם טאַטן ניט געוואָלט ענטפֿערן שוין די ערשטע שאָ, ווײַל איך האָב גוט געוווסט, אַף „וועמען" ס'איז דער ראַכמאָנעס... אײַ, דאָס קינד? דעם קינד וועט ניט זײַן שלעכט. דאָס קינד וועט זײַן אָפּגעהיט, אַז קיין שטויב וועט אַף דעם ניט פֿאַלן. נאָר וואָס איז בּיכלאַל דאָ וואָס צו ריידן מיטן „עלטערן דאָר" מענטשן?..

אָבער, אַז איך בין דאָס ערשטע מאָל אַוועק צו לייען געוווּיר ווערן דאָס קינד און ס'האָט מיר אַ שמעק געטאָן פֿון דעם זויער, אַז מע קאָן ניט צוגיין צו דעם נאָענט, און די הויט אַף די הענטלעך און פֿיסלעך הענגט, — האָב איך ערשט פֿאַרשטאַנען, וואָס הייסט „יעסוימעשאַפֿט", אַט דאָס וואָרט, וואָס גרוילט מיך אַזוי אַלע יאָרן, ווען איך דערהער עס נאָר...

„גוט־מאָרגן, יעסוימעלע", — טויטשעט זיך אין אַלע מײַנע איוורים אַ ווענדונג צו דעם־אַ מאָדנעם מיידעלע, וואָס איך דערקען ניט; צו דעם־אַ מאָדנעם גופֿעלע מיט דער לויז־אַראָפּגעהאַנגענער הויט, וועלכע לייע העצקעט אַף איין האַנט. זי וויל מיר אַנטאָן אַ נאַכעס, לייע. זי וויל מיר ווײַזן, וויאַזוי דאָס קינד לאַכט.

ט'לאַכט זיך אים אָבער ניט.

ניט אים, ניט מיר.

און עפּשער האָט שוין לייע אַליין אויך פֿאַרשטאַנען, אַז וואָס־וואָס, נאָר ווינציקער פֿון אַלץ איז שוין דאָ פֿאַראַן אָרט פֿאַר פֿרייד און גוטמוטיקײַט.

און אין אַ וואָך אַרום איז איבערגעפֿאָרן די וויג מיט די שטריקלעך, מיט דעם אײַזערנעם שרויף און מיט דער קליינער כאַיעלע. אַלע זײַנען זיי איבערגעפֿאָרן צו איינעם אַ ווײַבל אײדיִע. און אײדיִע האָט געזאָגט, אַז בײַ דער מאַמען אין בויך איז כאַיעלען ניט געווען אַזוי גוט, ווי בײַ איר וועט איר זײַן...

כאָטש מילך וועט שוין כאַיעלע זויגן פֿון אַ פֿלעשעלע, און כאָטש עמעצער וועט שוין מיר טאָן די טויווע און וועט מיר שוין ברענגען גוטע „סאָסקעס" פֿון אַ גרויסער שטאָט.

און מילך נעמען מיר איצט בײַ אונדזער קלוגער בעהיימע, בײַ דער יערושע־בעהיימע, וועלכע איז בײַ מיר איצט ניט קיין קליינער שטאָלץ (איבער וואָס — ווייס איך נאָך דערווײַל אַליין ניט).

מיר דוכט זיך, אַז ווען איך דערציי̆ל איר עפּעס, דער קלוגער, וואָלט זי געוווּסט, וואָס איך רייד צו איר (די „קלוגע" — אַזוי האָט איר מײַן מאַמע איבער עפּעס אַ נאָמען געגעבן). און מיר דוכט זיך, אַז זי ווייסט בּיכלאַל פֿון אונדז אַ סאַך זאַכן, און קוקט זי אומיסטן אָן, ווי זי איז אויך פֿאַרענדערט געוואָרן. כאָטש בראָכעלע איז צו איר קיינמאָל נאָענט ניט צוגעגאַנגען און כאָטש עסן גיבן מיר איר איצט ניט ערגער, ווי שטענדיק.

טאָ לאָמיר דערווײַל האַלטן דעם כעזשבן אַזוי, אַז אַלע אינדערפֿרי — צי אין שטאָט זײַנען דאָ די פֿאַליאַקן, צי ס'זײַנען שוין ניטאָ קיין פֿאַליאַקן — אַלע אינדערפֿרי איז בײַ אונדז אַ פֿראָסט און איבער דעם־אַ קנאַקעדיקן פֿראָסט לויף איך אַלע אינדערפֿרי אין מײַן אַלטן פֿאַלטעקעלע אַ פֿאַרמאַטערטער און איך טראָג עפּעס פֿון אַ מיידעלעס־וועגן, פֿון אַ יעסוימעלעס־וועגן מילך, וואָס פֿון אונדזער קלוגער בעהיימע. אַלע גאַנצפֿרי — אַ קריגעלע נאָך וואַרעמע מילך. און דאָס ווײַבל דערציי̆לט מיר עפּעס יעדן אינדערפֿרי פֿון דעם מיידעלע, אַזוי ווי פּונקט „איך" וואָלט עס דאַרפֿן וויסן.

נאָר... דאָס ווײַבל איז דאָך טאַקע גאָרניט שולדיק. ס'„איך" שפּיל דאָך דעם טעאַטער! (און פֿיר אים אויס דערווײַל, דאַרף מען זאָגן, זייער שלעכט).

דער טעאַטער באַשטייט אינדערינען, וואָס איך פֿאַרשטעל זיך, לעמאָשל, פֿאַר דעם מיידעלעס אַ טאַטן, בײַ וועמען דאָס ווײַב, דה. דער מיידעלעס מאַמע, איז געשטאָרבן און איך האָב באַשטעלט דאָס מיידעלע צו אַן אַם, און איך זאָג צו דער אַם אַזוי:

— ווײַבל, אײַער לוין וועט זײַן שטענדיק אַפֿן אָרט. איר היט מיר נאָר אָפּ דאָס קינד, ווײַל מער האָב איך שוין אַף דער וועלט גאָרניט, כוץ דעם קינד! טאָ זאָל עס בײַ אײַך זײַן אָפּגעגעסן, אויסגעשלאָפֿן און אויסגעבאָדן צו דער צײַט. און אָט האָט איר מילך, און אָט האָט איר צוקער (צוקער, פֿאַרשטייט זיך, זייער ווינציק, וואָרעם איר געדענקט דאָך מינאַסטאַם אין וועלכער צײַט די שפּיל קומט פֿאָר), און אָט האָט איר געלט (אויך זייער ווינציק) אַאַוו., אַאַוו. נאָר מײַן ראָל שפּיל איך, ווײַזט אויס, זייער שלעכט, וואָרעם קיינמאָל הער איך ניט, וואָס דאָס ווײַבל דערציי̆לט מיר. אַמאָל דערציי̆לט זי מיר, ווי דאָס קינד שפּילט זיך, אָן אײַנהאָרע, שיין,

און אמאָל שווערט זי זיך, אז זי האָט שוין פארטאָן א סאך מער צוקער אייגענעם, ווי דעם, וואָס איך האָב געבראכט. אין „פערווע־פּאָטרעביטעלסקע" (ערשטער געברויך־קאָאָפּעראטיוו) האָט זי באקומען די „נעשטשאסנע" אָנדערהאלבן פונטעלעך צוקער, — טאָ זאָל זי אזוי וויסן פון סאם אין איר מויל, ווי זי וייסט, וואָס פאר א טאם אפילע דער צוקער האָט. און פאר אן אויבער־האסבאָרע נעמט זי נאָך אראָפּ בא אירע קינדער, זי רײַסט ארויס בא זיי פון מויל און גיט אָפּ אָט דעם קינד.

טאָ וואָס גייט עס מיך אָן, וואָלט איך וועלן וויסן? איך ענטפער איר אפילע ניט, וואָרעם וואָס איז מיט מיר דאָס מיידעלע געוועזן און וואָס האָב איך דאָ ביכלאָל פאר א שײַכעס צו דעם אלעמען?

אז ניט — דערציילט זי מיר, איידיִע, אז דאָס מיידעלע איז א שרײַערן און א וויינערן (א גראָבקײַט פון א פרוי א ביסל! אָנשטאָט לויבן אזא קינד, וואָס קומט מינאסטאם ארויס פון אזעלכע עלטערן, איז שטענדיק פאָרט זי ארויס מיט אזעלכע זאכן, אזוי ווי ס'וואָלט נאָך „איר" עפּעס ארויסגעקומען), „איז זי א שרײַערן און א וויינערן... און דער מאן אירער איז א באלמע־לאָכע, לאָזט זי ניט דעם מאן אירן שלאָפן, אָפּרוען די נאכט לאָזט זי ניט. אזוי האלט זי אין איין פארגעבן... זי וויל ניט טרינקען קיין קאלטע מילך, וויל זי ניט טרינקען. און ווו וועט זי זיך איר שטעלן אינמיטן באנאכט צעלייגן די קיך?.." „און מע וואָלט דארפן כאָטש קויפן נאָך א ביסל גאזע צום לאָמפּ אף באנאכט, ווען מע שטייט צו איר אוף, זי וויל ניט ליגן אין דער פינצטער, וויל זי ניט".

גאָרנישט האָט זי ניט קיין סייכל, דאָס ווײַבל. זי רעדט אזוי, ווי איך בין איר א מעכויעוו. און אויב איר מאן קאָן יאָ שלאָפן, אָדער ער קאָן „ניט" שלאָפן, גייט עס מיר שטארק אָן.

אזוי פארגעס איך אלעמאָל מײַן ראָל. און א סימען האָט איר, אז איך שפּיל זי לעפּיש, וואָרעם בעשאס איך קום אלע מאָל אהין אין שטוב מיטן קריגעלע, פארקוק איך זיך צום שוסטער באם ווארשטאט, ווי ער ארבעט דאָרט, און איך פרעג איבער אלע טאָג איינע און די זעלבע אײַנגעכאזערטע ווערטער: „צי דאָס קינד איז געשלאָפן, צי ס'האָט נאָך צוקער און וויִאזוי איז בא דעם דאָס מעגעלע?" און איך פארגעס מיך גאָר צוגיין עס ארומנעמען, אָדער כאָטש א קוק טאָן אף דעם מיט א ליבן בליק. ערשט אין גאס שוין, צוריקגייענדיק, דערמאָן איך זיך, אז דאָס ווײַבל האָט עפּעס געהאלטן א מיידעלע אף די הענט, א פּיצינקס פון עטלעכע כאָדאָשים, אן אומעטיקס און גאָר אָן א פּאָנעם.

און איך האָב זיך אפילע פארגעסן צוגיין? און עס בעטן אף די הענט?.. ווארט נאָר אויס, דאָס ווײַבל וועט מיך כאָטש ניט באריידן פאר אירע שכיינעס, וואָס קומען ארײַן צו איר א ביסל זיצן? — אפריִער פאר אירע שכיינעס און דערנאָך וועלן די אייגענע רייד אוועקגיין פון טיר צו טיר און איבער דער גאנצער שטאָט?!..

...ביז מײַן מאמע איז געוואָרן געזונט און ביז מײַן מאמע האָט זיך ארויסגעשלעפּט אין גאס, איז זי פארגאנגען צו איידיִען געוויר ווערן דאָס קינד.

און א ווײַבל מיט א ווײַבל קענען זיך צונויפריידן.

ווײַזט איר איידיִע, ווי דאָס קינד איז א שלימאזלדיקס ניט דאָ געדאכט: „אָט איז עס גאָר אינגאנצן צעפּריִעט!" — גייט די מאמע צו און וויל א קוק טאָן צום וויגעלע.

— וואָס איז דאָרטן דאָס קוקן צום וויגעלע, — שפּאָרט זיך אײַן איידיִע מיט א רויגעז, — א וויגעלע, ווי אלע!

גייט שוין די מאמע אליין ארײַן פאר דעם שאליוקע־ווענטל (ווו דאָס וויגעלע איז געהאנ־גען), און — „זאָל שוין גאָר אזא צאָרן ניט זײַן, ווי ס'אוווערט!"

זי טוט א הייב דאָס קישעלע — ס'איז נאס. דאָס שטרוי־זעקעלע — ס'איז נאס און צעפּוילט, און ס'אוווערט פאר א מײַל. דאָס ברעטל, וואָס פון אונטן, איז נאס און ס'וואקסן שוין אף דעם שוואָמען.

— נו, — זאָגט די מאמע, — ס'איז גאָרניט, וואָס עס איז צעפּריִעט. בא א קינד מאכט זיך אלץ. — און זי קומט צו גיין אהיים און יִישעווט זיך עפּעס אויס מיט אונדז, מיט איטלעכן, און זי שיקט אונדז אוועק, מיך מיט צוויי קלענערע קינדער, פון שטוב, צו איידיִען.

ווערט אף א ווײַלע א שטיקל אומאָרדענונג בא איידיִען, אזוי ווי אין ערעוו־פּייסעך, אָדער אזוי ווי א סטראזשניק קומט נאָך מאשקאָנעס. און אין איין רעגע ארום זײַנען מיר שוין צוריק אפּן פּראָסט. איך טראָג דאָס וויגעלע מיט די שטריקעלעך און מיט דעם אײַזערנעם שרויף, בראָשקע (מײַן שוועסטער) טראָגט דאָס קינד אן אײַנגעוויקלטס אין אן אלטן מאנטל און הינדע טראָגט שוין דאָס איבעריקע ביסל געפּעס.

דאָס ווײַבל זאָל כאָטש ניט נאָכשילטן אונדז פוסטריט.

און וואָס עפּעס נאָר דאָס איינע ווײַבל? פֿאַראַן אין שטאָט אינמיטן־באַטאָג אַ סאַך אויגן, וועלן זיי מיך עפּשער אַלע זען, און אַלע זיי וועלן מיך האַלטן פֿאַרן גרעסטן אויסוואורף, פֿאַר אַ פֿאַרשאָלטענער זאַך, פֿון וועלכער מע דאַרף זיך מיט עקל אָפּקערן, וואָרעם אויב אַ מענטש טראָגט זיך שוין יאָ אַרום מיט „גאָטס שטראָף", איז עס מינאַסטאַם ניט אומזיסט!

. . . .

אַלע האָבן געזען באַשײַמפּערלעך, ווי דאָס קינד האָט אופגעלעבט און ס'איז געוואָרן צוריק אַ קינד.

דאָס קינד איז אין דער היים, און ס'איז טאַקע „אונדזער" קינד. און אײנגיכן האָט עס שוין אָנגעהויבן צוריק פֿאַרבײַסן דאָס ליפּעלע און ס'האָט זיך שוין אויסגעלערנט נאָך אַ כיינדעלע: ס'מאַכט קולעקלעך.

לייע מיט נאָכעמען קומען אַלע שאַבעס געוווּיר ווערן דאָס קינד, און נאָך דער מומעס קומען. באַ יעדערן, כוץ נאָכעמען, איז דאָ פֿונמײַנעטוועגן אַ שטיקל זיפֿץ, און פֿאַרן אַוועקגאַנג — נאָך אַ ביסעלע טרייסט־ווערטער, אַזעלכע ווערטער, נאָך וועלכע איך שלאָג זיך ניט אָן און וועלכע פֿילען מיך קעסיידער באַם האַרצן. און ווען וועלן זיי שוין זײַן כאָטשבי וויפֿל ס'ניט איז קליי־גער, מײַנע מומעס?

און... ווי, זעט איר, איז שוין מיר יאָ בעסער, ווען איך דערזע ערגעץ מענטשן, אַפֿילו ווילד־פֿרעמדע, נאָר אויך געשטראָפֿטע און אויך שטומע צינגער... אַזעלכע, ווען איך דערזע אַמאָל אַפֿילו דורכן פֿענצטער דורכגיין — און מיך, ווייס איך, זעען זיי ניט — שטרעקן זיך אויס מײַנע הענט פֿון זיך זעלבסט צו זיי און מײַנע ליפּן עפֿענען זיך פֿון זיך זעלבסט און זיי לייגן אויס שטילערהייט און קוים וואָס מע הערט אין שטומען געבעט: „כאַוויירים"... „טײַערע כאַוויי־רים"... — און איך וויל צו זיי. איך האָב צו זיי אַ שטילע גלוסטונג.

און אין שטוב האָבן אַלע ליב כאַיעלען, אַפֿילו דער טאַטע. און „איך" האָב זי נאָך באַזונדער ליב. איינמאָל, הייב איך אָן צוביסלעך פֿאַרשטיין, אַז ס'איז מײַן קינד. און צווייטנס, איז עס אַ לעבעדיק בילד פֿון איינעם מיר זייער אַ נאָענטן מענטשן, צו וועלכן מיר איז איצט ניט אַזוי גרינג זיך צו באַקומען (עפּשער איבער די פֿראָנטן, וואָס הײַנט אַף יעדן טריט, עפּשער איבער די גרענעצן, וואָס אַף יעדן טריט מיט די באַנדעס, און עפּשער איבער מײַן גרויסער אָפּגעלאָזנקײַט, וואָס איך בין איצט זייער אָפּגעלאָזן)...

און ראָכעלע האָט זיך שוין אויך איבערגעקאַטשעט אין טיפֿוס, צוויי וואָכן איז זי געלעגן מיט אירע כאַלוימעס און מיט אירע שרעק פֿאַר די „באַנדיטן", וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן אין אַזאַ גרויסער צאָל אַפֿן וועג, וואָס פֿון איר היים ביז דער „מעכוטענעסטעס" שטוב, וווהין ס'איז איר אַ מוז פּונקט איצט צו גיין. און אַז די באַנדיטן דערשרעקן זי טאַקע — הייבט זי אָן רופֿן מיך, אָדער נאָך עפּעס אַ פּאָר נאָענטע נעמען, וועלכע זײַנען איצט דאָ ניטאָ.

און אַז זי האָט זיך אויסגעקאַטשעט, ראָכעלע, איז עס באַ איר צוגעגאַנגען גיכער, ווי באַ די עלטערע, איינס און צוויי און אָט שפּילט זי זיך שוין זייער שיין מיט כאַיעלען. זי שפּרינגט אַרום איר אַזוי ווי אַ ציגעלע, זי זינגט צו איר, זי לאַכט צו איר און זי קען זי מיט עפּעס באַזונדער און גאָר אַף אַן אַנדער אופֿן דערפֿרייען.

און אַז דער גרעסערער שוועסטער איז אויך געוואָרן אַ ביסל גרינגער, האָב איך שוין צוריק געהאַט (באַם טאַטן אין שטוב) אַ באַזונדער צימערל מיט צוויי בעטן ווײַטער. אין איינעם איז געשלאָפֿן די שוועסטער מיט ראָכעלען און אין איינעם — איך. און אונטער דער סטעליע פֿאַר אַ קרוק איז אַף שטריקלעך געהאַנגען דאָס וויגעלע. און איך מיט דער שוועסטער האָבן מיר זיך אַף אונדזער אייגנס צוריק אַ קינד.

באַנאַכט, ווען דאָס קינד האָט געדאַרפֿט אָפּוויינען אַ דרײַ אָדער פֿיר מינוט אַף אופֿוועקן וועמען מע דאַרף, אַף אײַנמאָגנען עפּעס און ביכלאַל אַף וואָס אַ קינד דאַרף זיך צעוויינען און צעפֿילדערן אינמיטן באַנאַכט, און אַז מיר פֿלעגן אופֿשטיין דאָס צעוויקלען און איבערוויקלען אין דער וואָרעם און אין דער טרוקן, פֿלעגט דער טאַטע אָפּטמאָל זיך אופֿכאַפּן און נעמען בורטשען:

„ער איז אַן אָנגעהאָרעוועטער פֿאַרן טאָג און מע לאָזט אים אַפֿילו ניט אָפּרוען".

איז וואָס, נאָך אײַער מיינונג, ענטפֿערט מען אַ טאַטן באַ אַזאַ פֿאַל?

קאָן איך אײַך זאָגן, אַז מערסטנטײל ענטפֿער איך אים גאָרניט. טאַקע גאָרניט אַף אַלע נײַן און נײַנציק פּראָצענט. נאָר, ס'טרעפֿט זיך, ווען אונדזער „אָווי" כאַפּט אַ ביסל איבער די מאָס און די מאַמע רופֿט זיך שוין אָפּ פֿון איר בעט, אַז „זאָל זײַן שטיל" (אַפֿן טאַטן אַזוי שרײַט זי אָן), און די שוועסטער וואַכט זיך אוף און וויל אים אויך אָנהייבן צאָלן, און באַלד וועט עס נאָך

אָנקומען אין דריטן צימער, וועט זיך נאָך פֿון דאָרטן אויך דערהערן אַ באַסקאָל פֿון די קלענערע קינדער, ווען זיי ווילן זיך צעוועקן, — דעמלט ענטפֿער איך אים שטיל און אָפּגעהאַקט:

„זאָל ער נאָר דאָרט אופֿהערן בורטשען אַלע באַנאַכט און זײַן בײז אַף אונדזער קינד, און באַטאָג בעט אים קיינער ניט זיך שפּילן מיטן קינד און עס קושן".

דוכט זיך, אַז דער טאַטע ענטפֿערט, אַז מיר מאַכן אים ווינציק־וואָס גליקלעך באַטאָג אויך. אָבער ער נעמט עס, ווײַזט אויס, אין אַכט און ער ווערט שטילער. — דער מאַמען און דער שוועסטער קאָן איך „הייסן", ס׳זאָל ווערן שטיל. און דאָס קינד איז שוין ווייך און טרוקן איבער־געוויקלט און ס׳ווערט שוין באַלד אַנשלאָפֿן. דאַן ווערט אין שטוב צוריק שאַ־שטיל. נאָר דער שרויף פֿון וויגעלע האָט זיך זײַן געוויינלעכן איינטאָניקן און ליבן סקריפּ. סקריפּעט ער זיך קעסיידער אַף הין און צוריק שאַ־שטיל און אײַנשלעפֿערנדיק. און איך זיץ מיר אין ריינעם וועש אָפּן בעט און איך וויג מיטן פֿוס פֿונדערגרינג דאָס וויגעלע. איך מאַך זיך אויך, אַז איך בין שטיל אַף צום אײַנשלאָפֿן, קעדיי ס׳זאָל אַף איטלעכן ווירקן שלעפֿעריק און באַזונדערס אַף כאַיעלען. און איך בורטשע זיך אינדערשטיל אַ ניגן. טאַקע גאָר אינדערשטיל, אַזוי שטיל, אַז איך אַליין הער קוים. און דעמלט דוכט זיך מיר, אַז מײַן בראָכעלע האָט מיך אַזוי ליב פֿאַר דעם אַלעמען און זי קוקט די גאַנצע צײַט אַרײַן דורך דער שפּאַרע פֿון די לאָדן און זי גלעט מיך מיט איר יוגנטלעך־באַפּײַכטן און ליבן בליק. אַזוי ווי אַ יונגע קאַלע איז זי מיט אירע סאַך יונגע כאַווער־טעס, וועלכע רינגלען זי שטענדיק אַרום. אַלע זײַנען זיי שיין און אין גאָלע ווײַסן און פֿאַר אַלעמען ליובט זי מיך, מײַן קינד. נאָר מיך... טאָג און נאַכט, אַז זיי פֿאַרברענגען צווישן זיך און נאָר פֿון מיר.

און איך וואָלט זי אַוואַדע געוויס אַרײַנגעלאָזן אינגאַנצן אין שטוב אַרײַן. טאָמער איז איר קאַלט, מײַן מיידעלע, באַנאַכט אונטער די פֿענצטער אין אַזעלכע לעוואָנעדיקע און גרימערדיקע פֿרעסט. איך וואָלט אַוואַדע זייער וועלן. שטיל וואָלט איך אָפּגעריגלט די קליאַמקעס פֿון די טירן און די אײַזערנע באַנאַכטיקע פֿאַרוקערס. פֿון מײַן מאַמען וואָלט איך עס געגאַנוועט און פֿון מײַן טאַטן, אַז אין שטוב זאָל קיינער אַפֿילע קיין שאָרך ניט דערהערן, אָבער ס׳וועט גאָרניט אַרויס־קומען. זי וועט ניט גיין!.. (פֿאַר די פֿרעסט האָט זי זיך גאָר קיין מוירע ניט, כאָטש זי גייט גרינג אָנגעטאָן. אין איינע זעקעלעך און קימאַט אין גאָלע ווײַסן, אַזוי אַפֿילע ניט אָנגעטאָן, נאָר פֿאַר־דראַפּירט), זי וועט ניט גיין... דערפֿאַר, וואָס אַן עמעצן אַזאַ איז ניכע, אַז מיר זאָלן זיך ניט זען מיט איר אויג־אַף־אויג, — כאָטש נאָענט מעגן מיר שטענדיק זײַן, אָט אַזוי ווי איצט, און כאָטש פּריווילעגיעס האָט זי מער פֿון מיר. זי, לעמאָשל, קאָן מיך זען אין האַלדז־און־נאַקן און דאָס קינד קאָן זי זען, ווי ס׳שלאָפֿט (און ווי איך וויג עס). דערפֿאַר „איך" זאָל זי זען — לאָזט מען ניט. „איך" מעג נאָר פֿילן איר נאָענטקײַט, דעם הויך פֿון איר יוגנטלעך־באַפּײַכטן בליק און די געטרײַשאַפֿט פֿון איר יונגער וואַכזאַמקײַט איבער אונדז די גאַנצע צײַט.

און... איך וואָלט זי וועלן פֿרעגן, צי זי קוקט אַף ראָכעלען אויך, וואָס אָט־אָ שלאָפֿט זי מיט אונדזער עלטערער שוועסטער. ראָכעלע איז דאָך שוין אויך אופֿגעשטאַנען פֿון דער שלאָפֿקײַט. און ראָכעלען איז אויך נייטיק איר געטרײַשאַפֿט. ראָכעלען קומט עס פֿאַר אַ סאַך זאַכן . . . .

. . . .

און אַזוי ווי איך זיץ דאָ אויס די לאַנגע נאַכטישע שאָען אַרום וויגעלע, און מיר זײַנען זיי ניט לאַנג און ניט דערווידער, און דאָס וויגעלע סקריפּעט זיך שלעפֿעריק און פֿונדערגרינג, איז פֿון יענער זײַט וואַנט אין יענער האַלבער שטוב, ווו די מומע לייע וווינט, הער איך אויך דאָס לאָשן פֿון אַ וויג, דאָס אַרומקריכן אַרום דעם באַנאַכט, כאָטש עמעצער שרײַט דאָרט אָן, כאָטש עמעצער איז דעם ניט גערן... און איך בין נאָך גענוג וואַכעדיק צו וויסן, פֿון וואָס דאָרט רעדט זיך. דאָרט כאַפּט עס אויך אָן אָנבליק אין אונדז. דאָרט איז ביילע געשטאָרבן, דער מומעס שנור. אויך אַ יונגע און אַ געזונטע און אויך נאָך פֿאָגראָמען און נאָך טיפֿוס. און יענע האָט פֿון אַכצן ביז אַכט און צוואַנציק יאָר אָנגעהאַט איר מאַן אַ סאַך קינדערלעך און אַלע געזונטינקע און שטײַפֿע. און דאָס קלענסטע, וואָס בא דער ברוסט, איז געווען פּיניעלע.

און פּיניעלע וויינט דאָרט אויך אַלע נאַכט. וויגט מען אים דאָרט אויך אַלעמאָל, כאָטש אָפּט מיט אַן אָנגעשריי און ניט גערן.

די וואַנט, וואָס טיילט אָפּ אונדזער האַלבע שטוב פֿון זייערער (און כאַיעלעס צימער — פֿון פּיניעלעס), איז אַ הילצערנע און אַ גראָבע. און די טיר איז אַ פֿאַרשמירטע. אָבער באַנאַכט, ווען ס׳שטיל, הערן זיי דאָרט אַלץ, ווי ס׳גייט צו בא אונדז. און איך הער שוין זיי אויך. און ס׳איז בא מיר גאָר ניט קיין סאָפֿעק, אַז ביילע כאַפּט זיך אויך אַראָפּ אהער אַלע נאַכט (צום לאָדן פֿון דער זעלבער וואַנט, נאָר עטוואָס ווײַטער). און מער איז זי אין קאַס, ווי צופֿרידן, וואָרעם איר מאַן, מײַן שוועסטערקינד (זאָל ער מיר מויכל זײַן), איז אַ ביסל אַ זשלאָב. ער בענקט דאָפּקע, מיר

זעען עס אַלע, ווי ער בענקט נאָך איר, אָבער ער פאַרשטייט ניט, אַז ער קען איר האָווירן מיט דעם, וואָס ער וועט צווויגן פּיניעלען איבער די נעכט, אָט אַזוי ווי איך! — כראָפּעט ער גאָר, און מיט פּיניעלען פאַרנעמען זיך זײַן מאַמע און באָסל.

דערווײַל ווייס איך, אַז מײַן בראָכעלען איז פרײַלעכער דאָרט אונטער די לאָדן, — זי איז ניט אַליין. און פּיניעלען ווער איך שוין אויך פאַר עפּעס געטרײַ. און מיר דוכט זיך: „גיט מיר אַהער „זײַן" וויגעלע אויך", מיר איז „זײַן" וויגעלע אויך ניט שווער. איך וועל זיך אַף אים ניט בייזערן, טאָמער וועט ער וויינען. און גיט מיר ביכלאַל אַהער וויפל וויגעלעך איר ווילט, אַלץ מיט אַזעלכע קינדערלעך, בא וועמען ס׳פּעלן זייערע נאָענטסטע, בא וועמען ס׳פּעלן „די", וועלכע קענען אַ גאַנצע נאַכט וויגן און ניט שרײַען. גיט מיר אַהער די אַלע יינגעלעך מיט די מיידעלעך. איך וועל שוין וויסן, וויאַזוי אַרום זיי אַרומצוגיין. די וויגעלעך זייערע וועל איך האַלטן ריין און טרוקן; יעדן איינעמס פּלעשעלע וועט זײַן מיט אַ באַזונדער צייכן און ס׳וועט זײַן אָנגעוואָרעמט צו דער צײַט. און קוקט, וויפל שטריקעלעך איך האָב אָנגעהאַנגען אַרום דער הרובע, וווּ די וויקעלעך זאָלן זיך טריקענען. —

אינדערפרי קומט אַרײַן צו אונדז די מומע אַנטלײַען אַ טעפּל, אָדער זיך דערוויסן עפּעס אַ נײַס און זי דערזעט מיך, זאָגט זי:

— וואָס איז? דו מיינסט, אַז איך האָב ניט געהערט, ווי דו האָסט זי געוויגט אַ גאַנצע נאַכט? און איך זאָג:

— אײַערער איז עפּעס אויך ניט געשלאָפן. איך האָב געהערט, איר זײַט אַרומגעגאַנגען באַנאַכט די גאַנצע צײַט...

און אַף דער קיך בא אונדז גייט אַוועק אַ שמועס וועגן קינדער, און כאַיעלע איז אין איין העמדעלע און אין אַ סטאַניקל בא מיר אַף די הענט. אין קיך איז וואַרעם און ס׳איז איר גוט. און פון יענער (צווייטער) זײַט פאַרקלעפּטער טיר איז אויך אַ קיך און ס׳הייצט זיך דאָרט אויך אַן אויוון און דאָרט קובלעט זיך באָסל מיט די קלענערע קינדער און מיט פּיניעלען. און פּיניעלע גייט נאָך אויך אין איין העמדעלע און אין אַ סטאַניקל, בא אים זײַנען נאָר געפּאַקטערע הענטע־לעך און פיסעלעך. די מומע זאָגט, אַז בא אים איז ניט קיין געזונטע, נאָר אַן אָנגעבלאָזענע פול־קײַט. און ס׳איז אים אויך אַרום אויוון וואַרעמער, ווי דאָרט אין די איבעריקע כאַדאָרים פון שטוב.

טאַקע איבער אַ פאַרקלעפּטער טיר און אַן אויוון אַנטקעגן אַן אויוון, אָבער קענען האָבן זיי נאָך ניט געקענט איינס דאָס צווייטע. סײַדן זומער, אַז מיר וועלן דערלעבן, וועלן מיר זיי עפּשער צונויפירן אין איין שטוב און זאָלן זיי פּראָוון באַקאַנטשאַפט צווישן זיך. ביידע כאַווירימלעך אַזעלכע פון איין עלטער און פון איין דאַליע: כאַיעלע און פּיניעלע.

פּורים־צײַט, אַנערעך, האָבן אונדז פאַרפּלייצט פּאָליאַקן. פריער איז, ווײַזט אויס, נאָר געווען דער טייל, וואָס קומט אָן צום ערשטן. זײַנען בא אונדז אײַנגעשטאַנען נײַן פּאַרשוין. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז ס׳נאָך אַ דאַנק גאָט, וואָס זיי זײַנען עלטסטע, וועט מען עפּשער פון זיי האָבן ווינ־ציקער יעסורים אויסצושטיין.

האָבן די קלענערע פון די עלטסטע גענומען שנײַדן כאַזער אַפן טיש, און מע גרייט זיך אַזוי פּרעגלען אַ וועטשערע. איינער פון זיי, גאָר אַ ראָשע, מיט ווײַסע האָר און קליינע קאָלירלאָזע אויגן, האָט גענומען אַרומפּאַרן מיט אַ שטיק כאַזער איבערן טיש, אַזוי ווי מיט אַן אומריינער שמאַטע מע ווישט אויס אַן אָפּגאַנגס־אָרט. דער כאַזער איז אָבער ניט געווען אַזוי מיִעס, ווי מיִעס ער האָט עס געטאָן. ער קוקט אַפן טאַטן, טאָמער פּיליעט עס אים ווינציק באַם האַרצן, מײַן טאַטן, און ער פלײַסט זיך נאָך בעסער. ער ווישט. די כאַווירים זײַנע האָבן געשמייכלט, און איינער אַן עלטסטער האָט אים געהייסן, ער זאָל אופהערן.

— וואָס איז דען? — פרעגט ער.

בא דעם, וואָס האָט באַפוילן, זײַנען די פּאַגאָנעס געווען אַ סאַך גלאַנציקערע, די שטיוול — פון בעסערן לעדער, און די מאַלבושים — פון איידעלערן שטאָף. האָט ער פאַרשפּאַרט אַן איבע־ריק מאָל געבן צו פאַרשטיין „וואָס איז דען" און יענער האָט גלײַך אופגעהערט.

דערנאָך פרעגט ער, דער ווײַסער, בא „אונדז, יידן", טאָמער וועלן מיר אים געבן האָבער, טאָמער האָבן מיר געגנדז: מיר וועלן בעסער מאַכן...

— ניטאָ בא „אונדז, יידן", — ענטפערט דער טאַטע, — „ניט" קיין האָבער און „ניט" קיין געגנדז, די פּאַגראָמען האָבן אונדז ביכלאַל אויסגעליידיקט.

— וואַרט, איר וועט כאַראָטע האָבן, — טוט ער אַ מאַך בעסאַד.

עפּשער האָט ער מוירע געהאַט, אַז עמעצער וועט אים דאָ פאַרווערן מאַכן שטיק. —

און דער עלטסטער מיט די פּאַגאָנעס פאַרברענגט מיט מיר און מיט מײַן שוועסטער אין צוויטן צימער. און איך האַלט כאַיעלען אַף די הענט.

איר ווייסט ניט, צו וואָס האַלט איך איצט דאָס קינד אַף די הענט? (כאָטש ווען האַלט איך

ניט כאַיעלען אַף די הענט?). אָבער איך וויים, פאַרוואָס איך האַלט דאָס קינד אַף די הענט פּונקט איצט. — איך בין אַ „יונגער מענטש", וועלן זיי זאָגן, די פּאַליאַקן, אַז איך בין, כּלומרשט, ניט קיין „באָלשעוויק". איך בין נאָר אַ „נעשטשאַסנער" פאָטער בין איך.

און ער מיינט גאָר אַף מײַן שוועסטער, אַז זי איז מײַן ווײַב, און ער ליבט אונדז ביידן, און אַז כאַיעלע איז מינאַסטאַם אונדזער ביידנס קינד. און ער פאַרבאַרענגט און צעפרעגט זיך אַף אַלץ, ווי אַ וועלטלעכער מענטש.

קאָן זײַן, אַז ס'איז טאַקע אַזוי בעסער, אַזוי ווי ער מיינט, אַז די יונגע „פּאַני" איז מײַן ווײַב און דאָס איז אונדזער ביידנס קינד. כאָטש אויב אַזוי, וועט איך שוין פּונדעסטוועגן אַ ביסעלע ווינציקער אומגליקלעך. —

— די „באָלשעוויצעס", — זאָגט ער, — זײַנען אַ באַנדע. מיר וועלן זיי צעכאַפּן, — זאָגט ער, — אַזוי, ווי די הינט, איינציקווײַז.

דאָס באַרימט ער זיך אַזוי פאַר מײַן שוועסטער.

מיילע, עפשער איז ער גערעכט? עפשער זײַנען טאַקע די באָלשעוויקעס ניט מער ווי אַ באַנדע און „ער" וועט זיי טאַקע צעכאַפּן, ווי די הינט, איינציקווײַז. נאָר מײַן שוועסטער זאָגט אים, אַז וועגן לעניגען רעדט מען צווישן דער אינטעליגענץ (וויאַזוי צווישן דער רוסישער, אַזוי צווישן דער ייִדישער) ווי וועגן אַ „הויך־באַגאַבטן מאַן". כוץ נאָר, וואָס מיט די „אידייען" איז עפשער ניט יעדערער מיט אים אײַנשטימיק...

און אַז דער, וואָס האָט געריבן דעם כאַזער איבערן טיש, רופט מיך אָפּ אָן אַ זײַט און פרעגט מיך, צי וויסן ניט „מיר, ייִדן", באַ וועמען קריגט מען פּאַרט האָבער, צי גענדז, אָדער אַנדערע זאַכן: זאָל זײַן באַ ייִדן, זאָל זײַן באַ קריסטן, באַ וועמען איך וויל אַליין...

האַלט איך נאָך אַלץ כאַיעלען אַף די הענט און זאָג אים אָפּ קימאַט האַרב, אַז „וואָס איז? ער זעט דען ניט, אַז מיר האָבן ניט קיין שײַכעס צו קיין האָבער און צו קיין גענדז?.. און ווו מע קריגט, ווייסט ער בעסער פון אונדז!.."

האָט ער שוין מיר אויך געזאָגט, אַז ער וועט שוין איבערריידן מיטן פּאַן פּאַרוטשיק, מע זאָל זיך נאָר צו אונדז אַ נעם טאָן, וועט ווערן אי האָבער, אי גענדז!

אַוואַדע, ווען איך האָב אַ קישעף אַזאַ אין מויל, וואָלט איך אים פאַרשאָלטן, און איך וואָלט אים געטאָן, וואָס מע טוט קיין ייִדן ניט. ווען איך האָב אַזאַ קישעף, אָדער ווען איך האָב כאָטש אַזוי אַף עפּעס צו שאַפן. וואָרעם אָן קישעף און אָן קויעך קאָן איך אים איצט געוויס גאָרניט טאָן. און קומען קומט אים.

— קום, — זאָגט ער צו זײַנעם אַ כאַוועד.

און אין אַ האַלבער שאָ אַרום האָבן זיי געבראַכט צוויי קלאָר־ווײַסע, ציכטיקע גענדז מיט אַראָפּגעדרייטע קעפּלעך, און עפּעס נאָך האָבן זיי געבראַכט, מיר זײַנען ניט געגאַנגען זיך צו־קוקן. פאַרן אָוונט האָט מען צעפּליקט די גענדז און זיי געמאַכט. דעם אויוון האָבן מיר שוין פון־זייערטוועגן געהייצט און די גענדז האָט מען פאַרוקט אין צוויי גרויסע טעפּ אין אויוון. זיי זאָלן זיך טשאָלנטיקן איבער נאַכט.

אַף וועטשערע האָט מען דאָך שוין אָפּגעגעסן פון געפּרעגלטס און געבראָטנס, און טיי האָט מען פאַרטרונקען פון סאַמאָוואַר. און דעם טיש האָט מען נאָך וועטשערע אויך ניט אָפּגעטראָגן, ווײַל זיי האַלטן זיך, ווײַזט אויס, ניט פאַר קיין געסט און ווײַל מע דאַרף נאָך דאָ זינגען. און געזונגען האָט מען „כאַיעטשקע" און „איי־ווײַ־באַם". אַכט שטימען זינגען הויך און קלינגענדיק, אַז ס'צעגייט זיך אַ כּיעס איבערן האַרצן, און אַז ס'קומט צום טאַם, זינגט שוין דער עלט־סטער אויך.

און אונדז געפעלט.

דוכט זיך, אַז מע זינגט געזונט און וווּליונגעריש!

שטייען מיר לעבן די טירן, אָדער ווער ס'איז אָנגעשפּאַרט אָן אַ בײַשטידל און מיר הערן. מיר זײַנען עס פון די צופעליק־אָנגעקומענע, און מעהייכעטייסע. מיר האָבן די מעגלעכקײַט הערן, אַזוי ווי באַ זיך אין דער היים. מע זינגט. כעוורע זינגען, וועט אונדז טאַקע עפשער זײַן פריילעכער אויך.

און דאָס זינגען זיי אַזוי אַף פּוילישן לאָשן, נאָר אַלץ פון ייִדן. קיין אַנדערע לידער קענען זיי מינאַסטאַם ניט.

נאָר צוריק גערעדט, איז דאָך פריִער דער כאַזער ניט געווען אַזוי מיִעס, ווי דאָס ווישן, און איצט איז די ליד ניט אַזוי פרעך, ווי דאָס זינגען. און איך האָב ווײַטער ניט קיין „קישעף" אין מויל — טאָ זינגט, זינגט געזונטערהייט, זינגט נאָך! ס'שיין. מיר וועלן הערן אפילע אַ גאַנצע נאַכט!

און אַזוי־וויי געלעגערס זײַנען שוין דאָ פאַר איטלעכן, — מילכאָמע־לײַט קענען זיך אײַנ־

אַרדענען, — גייט מען שוין שלאָפן. ס׳איז שוין צוועלף אַזייגער. כאַיעלע (ווי איך האָב זי ניט געקענט אָפּגעלאָזן) שלאָפט שוין פונדעסטוועגן פון צוריק מיט צוויי שאָ. און אַמאָל, אַפילו פון שלאָף, פאַרבייסט זי דאָס ליפּעלע אַזוי ווי איך האָב אײַך דערציילט, און איצט מאַכט זי נאָך קולעקלעך אויך. טאָ שלאָף, כאַיעלע, שלאָף, די פּריצים האָבן ערשט זייער שיין געזונגען. שלאָף, מײַן קינד, די פּריצים זײַנען אונדז געטרײַ און מיר זײַנען בא זיי אין גרויסן קאָוועד. זאָלסטו טאַקע איצט שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט און מע דאַרף ניט וויינען.

אינדערפרי האָב איך געזעגט האַלץ בא אונדז אין הויף, און אינדערפרי האָט מען געזאָגט, אַז פּיניעלע איז באַנאַכט געשטאָרבן. ער וואָלט עפּשער ניט געשטאָרבן, ווען מע וואָלט זיך ניט געוועזן מוירע האָבן (פאַר די פּאָליאַקן) גיין באַנאַכט רופן דעם דאָקטער. ס׳איז אים פּלוצעם גע־וואָרן ענג אין הערצל, פּיניעלען, און ער איז פון זיך אַליין דערשטיקט געוואָרן.

שימענקע און באַסל (ביידעס עלטערע צוויי קינדער) קוקן פון דעם הויכן גאַנעק, ווי דער אַלטער טעוויע (דער עלטסטער באַגראַבער פון שטעטל) האָט אַוועקגעטראָגן פּיניעלען, אין נײַע ברעטעלעך אײַנגעפּאַקט און אונטערן אָרעם, אַזוי ווי עפּעס אַ קלומעקל.

און איך זעג זיך דאָס האַלץ און מיר איז מאָדנע דערוויַיל, ווי די קינדער קוקן נאָך פּיניעלען.

צי ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, צי שימענקע האָט טאַקע אינעמעסן אַראָפּגעהוקעט צו מיר פון גאַנעק:

— ער וועט שלאָפן שוין מיט ביילען, פּיניעלע, וועט אים דאָרט זײַן גוט!.. וואָס איז? איר ווייסט ניט, אַז פּיניעלע איז געשטאָרבן? אָט האָט ער דאָך אים אַוועקגעטראָגן, טעוויע, אָט־אָ, קוקט! אָן־אָ טראָגט ער. ער טראָגט אים אַהין אונטערן בערגעלע צו ביילען.

מיט אַ פרייליכן טאָן זאָגט ער עס מיר, שימענקע. ער איז אַ שטיפער אַ גרויסער (כאָטש איצט האָט בא אים דאָס פּאָנעם אַ מאָדנע פאַרבענקטן אויסדרוק) און די מוטער האָבן זיי די גאַנצע צײַט ניט גערופן „מאַמע“, נאָר באַם נאָמען.

— נו, יאָ, — זאָג איך צו שימקען, — אויב דער אַלטער טעוויע איז נאָך אים געקומען, איז עס צו ביילען. ווען איז עס געווען?

— באַנאַכט, — זאָגט באַסל. און בא איר זײַנען פונדערגרינג געווען נאַס די אויגן.

אַמער, איך האָב עס גאָרניט געהערט, אַז עפּעס זאָל דאָרט פּאַרקומען. און זיי האָבן מיר אַפילו ניט אָנגעקלאַפּט אין וואַנט...

— בא אײַך האָט מען געזונגען, — זאָגט באַסל.

— אהא־א־אָ?.. בייס מע האָט בא אונדז געזונגען?.. אָט ווי? זײַנען מיר דאָך טאַקע געווען פאַרנומען מיטן געזאַנג. זיי זינגען זייער שיין, די פּאָליאַקן, און הילכיק, אַז די גאַנצע שטוב קלינגט, אַזוי זינגען זיי. אָט באַמבלען זיך מיר איצט אויך אין געדאַנק זייערע ניגונים. „כאַ־יעטשקע“, „איַי־וויי, טאַטעניו, זאַג־זאַג, מאַמוניו“ און „איַי־וויי־באָם“. אהא־א־אָ!

האָבן מיר, הייסט עס, אײַנגעלאָזן פּיניעלען, אַזוי ווי פון אונטער די הענט אַרויס. — און איך וואַרף אַוועק דאָס האַלץ אינמיטן זעגן און גיי אַ קוק טאָן, וואָס טוט דאָס קינד! כאַיעלע וואָס טוט...

דעם זעלבן טאָג פאַרנאַכט זאָגט באַסל צו מײַן טאַטן:

— פּעטער! איר האָט שוין אַרויסגענומען, וואָס די סאָלדאַטן האָבן בא אײַך פאַרגראָבן אונ־טערן טויער?

ווען האָבן זיי פאַרגראָבן אונטערן טויער?

— אָט־אָ! איידער זיי זײַנען אַוועקגעפאָרן, האָט איינער געשאַרט עפּעס אין שנײ אונטערן טויער! —

דער איינער — דאָס איז געווען דער בעסטער זינגער און דער בעסטער שמירער. דער טאַליען מיט די ווײַסע האָר און קליינע, פּרעכע, קאָלירלאָזע אייגעלעך.

און דער טאַטע האָט פאַרזיכטיק גענומען שאַרן אין שנײ, און פונקט לעם בײַשטידל, צווישן שרויף און טויער, האָט ער געפונען אַן ענגלישע געקאַרבטע אופרײַס־גראַנאַטע.

די ערשטע וואָלט געוואָלט גיין די מאַמע אין שטאָל אַרײַן, ווײַל פאַרנאַכט דאַרף מען אַרײַנ־לאָזן און צוזען די בעהיימעס.

ס׳זײַנען אַוועק שליכים צו שלוימע־לייבן אונדזער ווײַטן שאָכן. יענער פאַרשטייט אין גע־ווער. שלוימע־לייב האָט זיך עפּעס אויך געקווענקלט, דערנאָך האָט ער גענומען די גראַנאַטע אָף אַ לאָפּעטקע און פאַרזיכטיק (אונטער דער אופזיכט פון אַלע קינדער פוןביידע הײַזער) אַרײַנגעלאָזן זי, אַזוי ווי אַ שערעץ, אין הויף, אין דעם אומריינעם ברונעם אַרײַן.

און די פּאָליאַקן זײַנען שוין ערגעץ ווײַט אין דער ערד, ווײַל זיי זײַנען אַוועקגעפאָרן אַלע פון שטאָט נאָך באַטאָג.

פון וואָס א באַלמעלאָכע קאָן אמאָל זײַן רײַך?

א באַלמעלאָכע קאָן אמאָל זײַן רײַך פון א קלייניקײַט. לעמאָשל, ווען איך פאַרקויף אונדזער „קלוגע", וואָלט איך געהאַט א קלענער בעהיימעלע, אויך מיט מילך, און דערצו וואָלט איך נאָך געהאַט א פּאָר טויזנט רובל אין קעשענע. אַ־האַ! די קלוגע אונדזערע, א סאַך אויגן קוקן אַף איר. און איך אַרבעט ניט שוין דעם אנדערן כוידעש, וואָלטן זיי וועלן וויסן, די שכיינים, פונוואַנען איך לעב, און זיי שאַדכענען זיך צו מײַן בעהיימע. נאָר ס'ניטאָ וואָס צו ריידן. איך די בעהיימע פאַר־קויף ניט. איך האָב מיט איר א סאַך כעזשבוינעס, מיט אונדזער בעהיימע. און איך האָב זיך גאָר עפּעס וואָס צו דערפרעגן בא איר אויך. איך לייג עס נאָר אָפּ פון טאָג אַף טאָג, וואָרעם קיינער וועט זי בא מיר ניט אופּעסן. פונדעסטוועגן, אז שכיינים קומען זיך אַף איר פרעגן, רײַכע פּויערים־שכיינים קומען און טוען א פרעג: „צי וואָלט איך אָפּטמאָל ניט וועלן בײַטן, אָדער פאַרקויפן מײַן בעהיימע...", טוט עס מיר האַנאָע.

— מ־נו!.. איך וועל זי דערווײַל נאָך עפּשער ניט בײַטן.

און די קאַצאָווים, די פּי־העַנדלער גיבן מיר אַלע מאָל אָפּ גרוסן: „דער און דער שאַכן וויל זי קויפן — א רײַכער פּויער"; „דער און דער שאַכן קוקט אַף איר — נאָך א רײַכערער", און זיי זאָגן, אז איצט איז א צײַט פאַר איר אָפּנעמען גוט געלט. וואָרעם אין דער בעהיימע שטעקט גאָר ניט אזא יִכעס, — זאָגן זיי, — פּאָשעט א פּויער האָט זיך אײַנגעשפּאַרט, ער וויל אָפּפירן גוטן פּי.

נו, מיילע. די קאַצאָווים און די פּי־העַנדלער ווייסן זיך זייערס — יִדן ווילן פאַרדינען! און איך בין זיך מיט עפּעס שטאָלץ און קימאַט מיט עפּעס באַלוינט און איך ווייס זיך מײַנס.

— ניין, — ענטפער איך זיי, — איך וועל זי דערווײַל עפּשער ניט פאַרקויפן, — כאָטש דער יעיצער־האָרע צו געלט איז גרויס און כאָטש די „קלוגע" וועט זיך עפּשער שפּעט קעלבן הײַנ־טיקס יאָר, און כאָטש און כאָטש — א סאַך כאָטשן.

איך וואָלט נאָך האָבן א האַסאָגע האַלטן די בעהיימע ביז כאַיעלע וועט ווערן א גרויסע און ביז איך וועל כאַיעלען כאַסענע מאַכן, און זי, כאַיעלע, וואָלט אויך פאַר עפּעס געוועןן געטרײַ דער בעהיימע... אויב ניט, זאָלן מיר כאָטש אָפּפירן פון איר א קיעלע...

און די צײַט שטייט דערווײַל ניט און קיין אַרבעט איז ניטאָ, קימאַט פון נאָך די פּאָגראָמען אָן. דערפאַר, וואָס ס'איז נאָך ביכלאַל א צעמישעניש צווישן די „וולאַסטן", איז אַלע קומען זיי און ווילן „קאָזשע", און די באַלעבאַטים אַף זיי קוקנדיק, צי זיי האָבן זיך מוירע אַרבעטן, צי זיי האָבן שוין ניט מיט וואָס צו אַרבעטן. שטייען דערווײַל די האַרבאַרניעס פּוסטע און מיט פאַר־פּרוירענע ביטן.

טאָ וואָס זשע טוט מען פאַרט? לעבן דאַרף מען דאָך!

און דערווײַל הייבט מען מיר אָן אונטערזאָגן אין שטוב אויך, אז די בעהיימע גיט ווינציק מילך, זי פאַרלאָזט זיך און די מילך איז שוין געזאַלצן. פאַר כאַיעלעס־וועגן איז עס ניט קיין מילך, און כאַיעלע איז שוין, קיין אײַנהאָרע, א קינד, וואָס ס'קומט איר „איר" כיילעק.

בעקיצער, ווײַטער אַלע אַף דער בעהיימע.

נו, העלפט דאָך ניט, אז כאַיעלע דאַרף מילך און פאַר וואָס צו קויפן איז ניטאָ, וועלן דאָך ניט העלפן קיין מײַסעס. דאַרף מען, הייסט עס, אויסבײַטן די בעהיימע, און טאַקע אַף א קלע־נערער, און טאַקע אַף א פריש־געקעלבטער און טאַקע נעמען א פּאָר טויזנט רובל צוגאָב. אָבער איך ווייס זיך מײַנס. די בעהיימע וועט דאָ זײַן לעבן אונדז א שכיינע און זאָל דורכגיין א יאָר, זאָלן דורכגיין צוויי יאָר, די בעהיימע וועט זײַן צוריק בא מיר.

איך האָב זיך געייצעט מיט נאָכעמען, — זאָגט ער מיר אויך דאָס אייגענע, דעריקער איך זאָל זי נאָר ניט פאַרנאַרן.

און בא הערשלען דעם געלן, דעם פּי־העַנדלער שטייט א קליין בעהיימעלע אין שטאַל, א פריש־געקעלבטע. וועט זי קאָסטן אינגאַנצן זעקס הונדערטער. און די מילך איז געשמאַקע, הוילע פּוטער, וועט טאַקע דער זעלבער הערשל גיין צו מיכטאָדן און וועט אויספירן דעם שידעך.

און מיכטאָד פאַרלאַנגט, איך זאָל אויך אַרײַנקומען צו אים אין שטוב אַרײַן (א ביסל הינ־טערן שטאָט קומט זי אויס, זײַן דירע) און בא אים איז א שטוב מיט קאַלטווו: מיט זין און מיט טעכטער, מיט שנירן און מיט אייניקלעך און אַלע זיי טוען אַרבעט. די גאַנצע אַרבעט פון שטוב און פון אַרום שטוב טוען זיי אַליין אויף.

בין איך זיי שטאַרק מעקאַנע.

איינמאָל, פאַרוואָס זײַנען זיי אַלע אַזעלכע געזונטע מיט די זין און מיט די שניר, מיט די טעכטער און די איידעמס — קיין איינס ניט געמינערט. פאַרקערט, די מישפּאָכע פאַרגרעסערט זיך נאָך, אזוי אין די שטאַלן בא די שאָף מיט די רינדער, אזוי אין הויף בא די כאַזיירים מיט די אויפעס און אזוי אין שטוב, מיט דער שעפע, מיטן געזונט און מיט די קינדס־קינדער. און אַלע האָבן זיי אַרבעט אי פאַר די באָלשעוויקעס, אי פאַר די פּאָליאַקן. און איך בין שוין גאָר אן אנ־

דערער; ניטאָ בא מיר קיין איין גאַנצער אייווער. און איך פֿלאָג זיך ארום אין וויסטער ליידיק־גייערשאַפט שוין דעם אנדערן כוידעש, און אז מע וויל רעכענען, איז שוין אַלע זעקס כאָדאָשים פֿון דעם פּאָגראָם אָן. אײַנגעטונקען בין איך אין קרענקען און אין טויטן. אײַנגעטונקען און אויסגעוווייקט, און איך בין נאָר א סימען, א בייזע געדעכעניש פֿון א מענטשן.

זיי קערן אָף מיר איצט געוויס האָבן ראַכמאָנעס, אָט די לײַט. וואָס איז? זיי פֿאַרשטייען דען ניט? זיי זײַנען דאָך קימאַט שכיינים, ערשט נעכטן זײַנען זיי דאָך קימאַט געווען מײַנע גלײַכנס, און זיך מיט מיר איניינעם געייצעט וועגן זאַכן...

טאָ זאָל איך זיך עפּשער אויך אָנהייבן שנײַדן אָף א גאַי?

אזוי.

קעדיי די שטאָט זאָל מיך ארײַנוואַרפֿן אין כיירעם, און קעדיי איך זאָל זיך אויסטאָן פֿון דער וועלט, און קעדיי איך זאָל טאָמיד האָבן ארבעט און פֿאַר קיינעם קיין מוירע ניט האָבן. איך וואָלט זיך אויסטאָן פֿון אַלץ, וואָס ס'איז געווען מיט מיר ביז אהער, איך וואָלט זיך אויסטאָן, וואָלט איך ניט זײַן צעבראָכן.

...נאָר וואָס? — איך וואָלט קיין פּאָגראָמען קיינמאָל ניט געמאַכט אָף קיין יִדן, דאָס יאָ. איך וואָלט שוין קיינמאָל אָף קיינעם ניט געמאַכט קיין פּאָגראָמען!.. ערגעץ ווײַט פֿון מענטשן וועל איך וווינען אָף מײַן שטיקל נאַכלע מיט מײַן „געזונט" און מיט מײַן שטוב... די האַק וואָלט בא מיר געווען קעסיידער א שאַרפֿע און א גלאַנציקע אזוי ווי א נײַע, פֿון שטענדיק נוצן. ארום הויף וועט בא מיר שטענדיק זײַן ריין. און די בעהיימע? אויב אזוי, וואָלט איך עפּשער קיינעם ניט פֿאַר־קויפֿן די בעהיימע אויך?!

און אויב ניט? פֿרעסט מיך אוף די קינע אָט־דאָ בא מיכטאָדן אין שטוב זיצנדיק. אַלע זײַנען זיי גאַנצע, אַלע טוען זיי ארבעט. און איך פֿיל אָף זיך נאָר זייער ראַכאָנעס, דעם ראַכמאָנעס פֿון דער גאַנצער וועלט פֿיל איך איצט אָף זיך...

נאָר מיכטאָד איז ניט אויסן מיט מיר מאַכן איצט קיין פּאָגראָם־שטיק. ער האָט נאָר בעדייע, מיר זאָלן צווישן זיך ווערן מעכוטאָנים, — די בעהיימע מײַנע וויל ער דאָך אָפּקויפֿן און איך זאָל זי אים פֿונדעסטוועגן פֿאַרגינען, אויב איך פֿאַרקויף זי שוין יאָ...

און איר, דעם ווײַב זײַנעם, זאָל איך זאָגן, וואָס קעלבט זי מיר מער, די קלוגע אונדזערע, ביקלעך, צי טעלעטשקעס? זי וואָלט עס וועלן וויסן.

— איך ווייס ניט אקוראַט. איך? איך ווייס ניט אקוראַט. זי איז דאָך בא מיר ערשט דאָס צווייטע יאָר אינגאַנצן. פֿאַראַיאָרן, געדענק איך, איז געווען א טעלעטשקע, א שיינע, א גרויסע און אינגאַנצן א שוואַרצע.

— מהמ?

„און איך וואָלט זיי ניט וועלן אָפּנאַרן. זאָלן זיי עפּשער פֿריִער גוט באַקלערן".

— גוט. פֿאַרנאַכט, ווען די בעהיימע וועט קומען צו דער שטוב (זי גייט דאָך ערגעץ אום איצט), וועט די אַלטע זײַנע צוגיין. זי וועט זי אויסמעלקן און מע וועט זי פֿאַרנעמען צו אים אהיים.

איר זעט? א פֿויער כאַפּט זיך ניט ציילן קיין געלט. א פֿויער איז שטענדיק רויִק. ווען איך וואָלט קאָנען זײַן כאָטשבי האַלב אזוי ווי א פֿויער. כאָטשבי א פֿערטל! —

און... אויב זײַן ווײַב וועט קומען פֿאַרנאַכט, וועט דאָך דאָס טאַקע אויסקומען אום פֿרײַטיק פֿאַרנאַכט, ווײַל הײַנט איז פֿרײַטיק.

און מיר איז שווער זיך אָפּרײַסן פֿון מיכטאָדס לאַנגער און זאַטער באַנק, פֿון אונטער די „אָבראַזן" מיט די האַנטעכלעך די באַהאַנגענע. פֿון צווישן די כאַזערשע און הינערשע קאָרעט־קעס, וואָס פֿאַר מײַנע פֿיס פּלאָנטען זיך דאָ אונטער דער באַנק און ארום אויוון. מיר איז שווער, איך בין דאָ אזוי ווי א צוגעקלעפּטער. און ביכלאַל בין איך אזוי ווי א באַקלעפּטער מיט פֿלוצעם צעגאָסענע געלכנס פֿון א סאַך צעבראָכענע אייער, און אז איך וועל זיך נאָר א ריר טאָן פֿון אָרט, וועלן אַלע דערזען מײַן שאַנד.

ווען איך ווייס, אז די אייניקלעך מיט די שניר וועלן פֿון מיר דאָ ניט לאַכן! דאָ איז, דוכט מיר, א שטוב א באַלעבאַטישע. און מע רעדט דאָ שטענדיק שטיל, איז אויב זיי וועלן ניט לאַכן, וואָלט איך זיך אופֿגעהויבן אבי־ווי און איך וואָלט זיך ערגעץ אוועקגעשלעפּט פֿונדאַנען.

איך האָב נאָך פֿון גאַנצפֿרי אָן אין מײַן מויל ניט געהאַט. דאָס בין איך אַלץ אזוי פֿאַר־נומען מיט מײַן „בײַטן די בעהיימעס". מיט מיכטאָדן רייד איך „אזוי", און מיט הערשלען דעם געלן (באַם שוואַרצינקן קליינעם בעהיימעלע) רייד איך „אנדערש" — ווי זשע, א ייִד האַנדלט.

בא שלוימע־לייבן שמעקן פֿון קוימען פֿרישע געפּרעגלטע קאַשניקעס. עפּשער וועט מען מיר אין דער היים אויך דערלאַנגען אַזעלכעס צום איבערבײַסן. די מאַמע וועט אָף מיר אָנשרײַען, וואָס איך שלאָנדער זיך אום אזוי א גאַנצן טאָג אָן עסן.

און אונטער די פיס קוואטשעט זיך א דין בלאָטקעלע און די זון איז שוין הויך און פרילינגדיק, די ביימעלעך אפן וועג זײַנען שוין אלע אָנגעזאפט מיט כּיעס, טאקע טערפקער, אָבער פונדעסטוועגן ליבער פארפייסעכדיקער פרילינג. און איך קוואטשע שוין (מיט א פארקלעמט איבערגעכאלעשט הארץ) די בלאָטע, די אייגענע, וואָס ארום דעם טאטנס הייפל.

ערשט ס׳רופט מיך א שוועסטערל פון אונדזער נאסן און נידעריקן גאנעק.

„ווּ בין איך עס אהינגעקומען אף א גאנצן טאָג? כאיעלע איז עפּעס שטארק ניט געזונט!"

— ווייס איך וואָס, — שרײַ איך אָן אף צוריק, — בא א קינד וואָס עס מאכט זיך!

און צו זיך אליין קלער איך אויך: „זיי וועלן זיך אליין דאָרט ארומקוקן אף כאיעלען".

„איך וויל עסן, און וואָס איז? זיי זעען דען ניט, אז איך בין פארטאָן?"

און אין שטוב האָב איך געגעסן גייענדיק און שטייענדיק א מאָגערן קאשניק, און איך בין עפּשער געווען לעבן וויגעלע אויך און עפּשער אלע צען מאָל. און די מאמע האָט מיר דערציילט עפּעס זייער אומרויִק פון דעם קינד.

און די מומע איז ארײַן מיט אן אונטערגעשטעקט קליידל (זאָל זיך ניט פארדריפּען פון דער בלאָטע) און זי זאָגט, אז ס׳שוין, דוכט זיך, דורכגעגאנגען. ס׳ניט־דאָ־געדאכט א קינדערשע שלאפקייַט. און זי שפּײַט אויס, דאָ פאר אונדזערע אויגן.

און כאיעלע איז נעבעך בלייך, ווי די וואנט, נאָר זי לאכט שוין צוריק און זי שפּילט זיך.

— דער פעלדשער, — גיט איבער מײַן שוועסטער, — האָט אויך געזאָגט, אז ס׳שוין איבערגעגאנגען.

— האָט איר שוין דאָ, הייסט עס, גערופן דעם פעלדשער אויך?

— נו, ווי דען? פונוואנען ביסטו עס געקומען? פון ווארשע?

און דאָס, וואָס די שוועסטער און די מאמע דערציילט, איז גרוילנדיק. און ראָכעלע איז אזוי בלייך און דערשראָקן, און זי הערט זיך איבערראַנײַס צו צו דעם, וואָס מײַנע לײַט דערציילן. אָבער א דאנק גאָט, אבי ס׳שוין דורכגעגאנגען, און זאָלן זיי מיך ניט טשעפּען איצט, וואָרעם איך בין דאָך פארנומען מיט בײַטן די בעהיימעס.

„טאָ וואָס זשע זאָגן זיי אין שטוב (וועגן אלץ האָב איך ליב זיך פריִער אָנפרעגן אין שטוב), אז מיכטאָד גיט אזויפיל און אזויפיל און דאָס שווארצע בעהיימעלע גיט אָן אײַנהאָרע פײַן מילך — אויך א שיינינקע כודאָבינקע, און די מאמע האָט דאָך שוין זי געזען, די שווארצינקע... און ס׳העלפט ניט. מ׳דארף אָפּקאָנטשען..."

און איך שלעפּ זיך אוועק א מידער און א דערשלאָגענער צו הערשלען דעם געלן. אין דרויסן איז נאָך אלץ א זון, אָבער עפּעס כאפּט זי גאָר איצט אן אָנבליק פון א געל, קראנק ווײַבל, פון וועמען ס׳רינט אָן אופהער א גאנץ קײַלעכדיק יאָר און איך דארף זיך איצט מיט אָט דער־אָ פרוי צוליב עפּעס באַגעגענען און פילן איר קלעפּיקע נאָענטקײַט אף זיך...

אהא? די „קלוגע" אונדזערע וועט זיך געוויס באלייריקן, ווען מע וועט ברענגען די שווארצינקע, זי וועט זיך נאָך שלאָגן מיט די הערנער אויך. פארדערפאר אָבער וועט די שווארצינקע קומען מיט א קעלבעלע...

און שוין צו ליכט־בענטשן קימאט האָבן מיר געטויטשעט די בלאָטע אפצוריקוועגס צו אונדז אהיים, איך מיט הערשלס יינגל, מיטן שווארצן בעהיימעלע, וואָס מיר פירן אפן בלאָטיקן אײַנגעריכטן שטריקל. און מיטן קעלבעלע.

מיילע, עפּשער וועט זיך אין דער היים עמעצער פרייען מיטן קעלבעלע. עפּשער די קינדער, צי ווער. ס׳גלאט ווער האָט עס אין זינען. עפּשער ראָכעלע וואָלט זיך געשפּילט. צי וועט איר אויך באנק טאָן אונדזער בעהיימע?

און מיכטאָדעכע ווארט שוין אף מיר: אָן מיר לאָזט מען זי ניט, זי זאָל מעלקן די בעהיימע. — „א פרעמדע פויערטע זאָל ניט אָנטאָן קיין קישעף" — פראָים!

און אזויווי די בעהיימע אונדזערע וועט זיך סײַווי ניט לאָזן פירן אפן שטריקל (זי איז ניט פון דעם צענדליק), דארף איך זי אָפּפירן אהין מיט א ביסל היי אונטערן אָרעם. נאָך מיר וועט זי נאָכגיין, זי וועט סקובען אזוי דאָס היי און נאָכגיין, וווהין איך וועל זי נאָר פירן. טאָ לאָמיך איצט אויסנוצן, הייסט עס, איר שוואכקײַט און זי „פאראטן", אונדזער קלוגע...

בא מיכטאָדן אין דער היים איז אָוונט און ס׳איז אינדערוואָכן, און בא אונדז אין דער היים איז שוין, מישטיינסגעזאָגט, שאבעס. פון נאָך די פּאָגראָמען אָן האָבן שוין בא אונדז די שאבאָסים דאָס שיינע פּאָנעם. נאָר מיילע, א פאָר קויטיקע כיילעוועגע ליכטלעך ברענען דאָך באַם טיש.

און אלע אין שטוב האָבן זיך שוין ארומגעפּאָרעט און מע ווארט שוין נאָר אף מיר מיט וועטשערע. אפן שיינעם זון מיטן סאך נאכעס, וואָס מע האָט פון אים, ווארט מען איצט מיט וועטשערע, נו, נו...

און מיר האָבן שוין אָנגעהויבן די קאָרענע קוילעטשלעך, און מיר האַלטן שוין דעם ערשטן ביסן אין מויל, ווי פון אַלקער לויפט אַרײַן ראָכעלע מיט אַ דערשראָקענער יעדיע, אַז כאַיעלע האָט זיך ווײַטער פאַרקאַטשעט. כאַיעלע איז שוין ווײַטער ניט געזונט!

נאָך־מיר־נאָך וואָלט מען מעגן אַבי־ווי אָפּעסן און אַראָפּאַטערן די וועטשערע. נאָר דער טאַטע, די מאַמע און די קינדער זײַנען שוין מער באַ אונדז אין אַלקער, ווי דאָ באַם טיש. און איך בלײַב, ווי ס׳ווײַזט אויס, איינער אַליין באַם טיש זיצנדיק מיטן שאַבעסדיקן ניט־צעקײַטן ביסן אין מויל. און אַלע זאַכן אין שטוב הייבן אָן אָפּגלאַנצן אַנטקעגן מיט קויטיקן, אַלט־געבוי־גענעם מעש, וואָס קופּערצט און שוויצט. און אָן איימע באַפאַלט מיך. איך ווייס ניט פאַרוואָס.

און אַז איך קום שוין אויך אַרײַן אין אַלקער צו אונדז, דאָרט, וווּ אַלע זײַנען, — ליגט דאָס קינד אין וויגעלע און עס פּינעט, ס׳האַלט אופגעדריקט די קולעקלעך און ס׳וואַרפט זיך אין אַן אופגעקלעמטער, אומדערבאַרעמדיקער שטומעניש. גאָר אַזוי? —

אונדזערע קוקן זיך איבער דערשראָקענע צווישן זיך, דערנאָך קוקן זיי אַף מיר. טאָ וואָס זשע קוקן זיי אַף מיר — ווייס איך ניט, וואָס איז? באַ מיר איז עפּעס אָנגעשריבן אויפן אַפּן שטערן, צי איך קאָן דאָ עפּעס העלפן? און מע קלאַפּט אָן פון אונדז „צו זיי״ אין וואַנט. קומט מען אַרײַן פון דער מומען. ס׳קומט אַרײַן דער זון דער אַלמען, פּיניעלעס טאַטע. און גלײַך נאָך אים קומט אַרײַן די מומע אַליין. און די מומע שפּײַט ווײַטער אויס פאַר אונדז אין די אויגן און זי זאָגט אַף געוויס, אַז ס׳איז די „קינדערשע שלאָפקײַט״. און מע דאַרף איבערדעקן, זאָגט זי, די וויג מיט אַ טאַלעס און מיר זאָלן צעברעכן אַן ערדענעם שאַרבן איבערן קינדס קאָפּ, אָדער אַ טעפּל אַן אַלטס, און מיר זאָלן זיך ניט מוירע האָבן דאָס טאָן. ס׳איז אַ סגולע...

דער טאַלעס איז אויך אַ מיִעסע זאַך אַף אײַנדעקן מיט אים אַ וויג, נאָר אַ טאָפּ צעברעכן איז שוין גאָר ווילד. מע קאָן דאָך מיט דעם אַליין הארגענען אַ מענטשן.

— דעם טאָפּ, — זאָגט די מומע, — אַזוי ווי ס׳שאַבעס, מעג מען אָפּלייגן און ניט צעברעכן. „שטעלט אים נאָר אונטער אונטער דער וויג״. מע האָט דאָס גלאַט געדאַרפט טאָן נאָך באַטאָג. וואָס איז? זי האָט דאָך באַלד געזאָגט, באַלד ווי זי האָט דערזען!

און אַלע שטייען מיר אַף די שפּיץ פינגער און מיר בײַטן זיך נאָר אַלע ווײַלע מיט די ערטער, אי די עלטערע, אי די יינגערע, — אַלע באַ אונדז אין קלייניקן אַלקערל.

ס׳איז זי, אָט דאָס קליינע מיידעלע, אָט די כאַיעלע, וואָס אָט־אָ, דאָס האָט זי אונדז פאַרגעבן אַזאַ שווערע קאַשע אַף צו פאַרענטפערן, אַף צו לייזן. און מיר אַלע, גרויסע און גרעסערע, דאַרפן דאָ שטיין און שטוינען. — טאָ זאָלן עפּשער טאַקע ראָכעלע מיט די קלענערע קינדער גיין שלאָפן, וואָס וועלן זיי דאָ שטיין?

. . . .

„זעט איר שוין, אַז אַזאַ קליין נעפּאַשעלע מוטשעט זיך שוין אַזויפיל צײַט! אַזאַ אייפּעלע, און ס׳איז „אים״ שווער זי בײַצוקומען?! באַהיט זאָל מען ווערן!

דאָס איז מײַן טאַטן אַזאַ כידעש, וואָס איינעם אָן עמעצן, אַ מערדער אַזאַ מיט אַ לאַנגן כאַלעף, וועלכן מיר זעען ניט דאָ פאַר די אויגן, איז שווער בײַצוקומען אונדזער פּיצינק כאַיעלע. נאָר מיר מישן זיך, הייסט עס, ניט, מיר דאַרפן נאָר זײַן זײַטיקע איידעס פון דעם גערανגל.

און באַ מײַן טאַטן באַמבלט זיך שוין אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַ נײַ שטיקעלע דערפאַרונג, וועלכע ס׳וועט אים אויסקומען שוין ניט איין מאָל דערמאָנען באַ אַן ערנסטן געשפּרעך. און ניט פון זאַכן, וואָס ער האָט אויסגעקלערט, נאָר וואָס ער האָט אַליין געזען מיט זײַנע אויגן. ס׳האָט זיך פון אים אַוודע געצאַפּט בלוט, נאָר ער האָט געמוזט זײַן דערבײַ...

און אַז ס׳איז שוין איינס אַזייגער פּרײַטיק באַנאַכט און אַלע שלאָפן שוין (ווער דאָ און ווער דאָרט), כוץ מיר מיטן טאַטן, און דאָס קינד פּינעט אַלץ און ס׳מאַטערט זיך מיט די קולעק־לעך אין וויג אונטערן טאַלעס, קלערט זיך דער טאַטע (ער קלערט עס אַף אַ קאָל און צו זיך אַליין, אַז וואָס „ס׳דאַרף״ זײַן, „וועט״ זײַן. און אויב אַזוי — און אַזאַ פּיצל האָט דאָך אַף זיך געוויס קיין זינד ניט — טאָ נעכײַ וואָלט עס געווען גיכער, וואָרעם ער קאָן דעם ראַכמאָנעס ניט צוזען.

דערפאַר איך, פון מײַן זײַט, קלער שוין גאָרניט. ניט „גיכער״ און ניט „ניט־גיכער״. מיר איז נאָר עפּעס מיִעס: וואָס אַ טאַלעס; וואָס עס פּינעט; און וואָס קולעקלעך, טאַקע די זעלבע קו־לעקלעך, נאָר ווען ס׳איז אין ביסעלע אַנדערש... און פאַרוואָס זאָל עס ניט אַ ווין טאָן? ניט אַ הוסט טאָן? פאַרוואָס זאָל עס אַלץ באַ דעם גיין אונטער אַזאַ שטומען נויט־שווייס?

און... אַרום דרײַ אַזייגער באַנאַכט האָט שוין עמעצער פון אונדז צווייען געמעגט גיין שלאָפן, ווײַל אין וויג איז שוין געווען שטיל. און דאָס בלייכינקס, דאָס געלינקס איז שוין געווען פאַר־הילצערט און אײַנגאַנצן אַף דורך און דורך אַ „מעס״. און ס׳איז שוין געזונקען אין אייביקן שלאָף מיט פריקרע אופגעדריקטע קולעקלעך.

פון קיך האָט עפּעס געגעבן א שאָס.

מיר האָבן זיך אומזיסט דערשראָקן, ס׳איז געווען גאָרניט. ס׳איז געווען דאָס פלעשעלע מילך, וואָס מע האָט אריַינגעשטעלט אין פארמיגע פון כאיעלעס־וועגן אָנווארעמען און מ׳האָט עס פארגעסן ארויסנעמען. און אין פארמיגע איז דאָך פריַיטיק־צונאכטס הייס, אזוי ווי אין א קאלך־אויוון, האָט עס געפּלאצט, דאָס פלעשעלע. נו, ס׳גאָרניט.

דער טאטע האָט נאָך געוואָלט איבערפרעגן: „וואָס זשע וועלן מיר טאָן אָן א פלעשעלע?“

ס׳א נאר דער טאטע איז: „דארף מען דאָך שוין ניט דאָס פלעשעלע, אויב אזוי?!“

און אינדערפרי האָט זיך די בעהיימע אזוי ווי פון א ביקס געבראכט צו יאָגן צוריק צו אונדזער הויף אָן אָנגעפּוזשעטע און א צעשראָקענע. די קינדער זיַינען אריַינגעלאָפן מיר זי פארמאסערן, אזוי ווי זי האָט דאָ עפּעס שלעכטס אָפּגעטאָן.

און א גאנצן טאָג שאבעס איז געווען דעם אוילעם דערווידער אריַינגיין צו אונדז אין אלקערל. און ווער ס׳איז אריַין, איז אריַין אהין אָף די שפּיץ פינגער, און נאָר איינער האָט געדארפט דעם גאנצן טאָג ניט ארויס פון דאָרט, דאָס האָט מען עפּשער געמיינט מיך.

און שאבעס באטאָג האָט מיך געוואָלט זען, טאקע בא אונדז אין שטוב האָט זי מיך געוואָלט זען, מיַינע א יִינגערע כאוורטע, א מיידל — שיפרע. זייער גוט, וואָס זי איז ניט קיין געניטע, שיפרע, און וואָס זי האָט מיך געוואָלט זען, און וואָס ס׳איז בא אונדז אין אלקערל, וווהין מיר האָבן שוין קיינעם ניט אריַינגעלאָזט, כוץ איך און זי, און דאָס, וואָס אין וויגעלע.

און דער טאָג האָט זיך מיר פּונקט ניט אויסגעצויגן.

און זונטיק אינדערפרי איז געקומען די אלטע כאִימעכע מיט די וויַיסע פארדריפּעטע מאנצבלשע שטיוול, שטיוול נאָר פון א קוואָרעס־מאן. און מע האָט פון־אירטוועגן געשטעלט א סאמאָוואר. זי האָט געדארפט מאכן כאיעלען די לעצטע באָד.

איז אויב באָדן כאיעלען, טאָ פארוואָס עפּעס כאִימעכע? און ניט פון שטוב עמעצער, אזוי ווי שטענדיק. און אויב זי איז איצט אָנשטאָט א באָבע, כאִימעכע, איז ווער וועט איר ווארפן אין מולטער אריַין קופּעל־געלט? הא?! קיינער וועט ניט ווארפן?! און איצט נאָך איין פראגע: וויפל ציַיט, טעג, צי וואָכן, וועט מען דערנאָך זיך מיִעסן בא אונדז אין שטוב פון דער מולטער? (איך וואָלט זיך דער ערשטער געמיִעסט!).

און פון אונדזער שטוב אויך האָט דער אלטער טעוויע אוועקגעטראָגן א קליין וויַיס פּעקעלע אונטערן אָרעם און (לאָמיך זיך ניט מאכן גרויס) איך בין נאָך אליין אומגעלאָפן אין שטאל אים זוכן א דין ברעטעלע. א דינס און א ניַיס. איך האָב דאָס נאָך אליין אים געהאקט מיט אונדזער טעמפּער האק. אזוי האָב איך געהאקט, ווי ער האָט מיר געוויזן: „אזוי“ און ניט „אזוי“! יאָ, „אזוי“ און ניט „אזוי“! וואָרעם דער אלטער טעוויע ווייסט בעסער...

איז שיפרע, וואָס איר שטוב איז אינמיטן שטאָט, איז זי כאָטש געשטאנען אין פענצטער און געקוקט, בייס טעוויע איז דורכגעלאָפן די גאס מיט א ניַי וויַיס פּעקעלע אונטער דער האנט? און זי האָט געוווסט, פונוואנען ער לויפט? יאָ? און איצט, ווו נעמט מען נאָך אָף א רעגע א שטיקל שאַליעך צו בראָשקען. צו בראָשקען צו מיַינער. איך וואָלט איר דארפן מוידיִע זיַין וועגן עפּעס א מינדסטער קלייניקיַיט. נו, וועגן א „פראט“, און ס׳ניטאָ וועמען שיקן אָף דער פרישער שאָ.

...יאָ, און כאָטש דער טאטע איז געקומען פון שול מיט א ניַיס, אז היַינט גייען אריַין זעקס הונדערט פּאָליאקן אין שטאָט און ער וועט עפּשער גיין צו מאָטיען איבערזיצן דעם טאָג, צו מאָטיען דעם שוסטער...

— וואָס עפּעס צו מאָטיען, וואָס איז? מאָטיע איז קיין ייִד ניט?

און מע האָט אים קוים איַינגערעדט, ער זאָל איבערזיצן אין שטוב; וואָס ס׳וועט זיַין מיט אלע ייִדן, וועט זיַין מיט אונדז אויך!

און כאָטש אין שטאָט זיַינען גאָר, א דאנק גאָט, אָנגעקומען ניט קיין פּאָליאקן, נאָר פארקערט, א פארפלייצעניש מיט באָלשעוויקעס, פון עמעס דימענטענע מענטשן, און ס׳וועט שוין א היפּש שטיקל ציַיט געוויס זיַין „ספּאָקאָינאָ“ (בא אונדז אין שטוב אליין זיַינען שוין דאָ דריַיסיק מאן, אי פעכאָטע, אי קאָנע, אי קאוואלעריע מיט הארמאטן. די הארמאטן וועלן אפילע שטיין ניט וויַיט פון אונדז), פונדעסטוועגן איז בא דער מומע אין שטוב געווען א טונקלקיַיט אָף די ווענט און א פּוסטקיַיט אין אלע כאדאָרים.

זיי האָבן שוין דאָרט ניט געהאט קיין קלאָפּאָט מיט פּיניעלען.

און בא אונדז זיַינען אויך בא איטלעכן אָפּגעלאָזן די הענט (אונדזערע געסט ווייסן ניט, פון וואָס דאָ רעדט זיך, זיי קוקן אונדז אָן, זיי ווייסן ניט, אז...) — דאָס וועלן מיר שוין עפּשער אויך מעגן שלאָפן גאנצע נעכט רויִק און אומגעשטערט, וויַיל ניטאָ זי שוין אויך אין דער היים, „זי“, אונדזער קלייניקנע כאיעלע!

איטשע באָרוכאָוויטש

אין ליכט פון טאָג

• • •

וואַרט צו א ווײַלע — אײַל ניט, טאָג!
ניט ברעך די וואָלקנדיקע טורעמס —
ס'האָט זיי די קלאָרקײַט אויסגעפורעמט,
ס'האָט זיי די שטילקײַט אויסגעטאָקט.

ניט שפּרייט אף הייסן זאמד דאָס גראָז,
ניט טרײַב די פרישקײַט פונעם ברונעם, —
א לעבן — און ניט איינס — אנטרונען
איז אָט אזוי — מיט ווינטס א בלאָז.

כ'האָב נאָך מיט פרייד זיך ניט באזאָרגט,
אזויפיל דײַגעס ניט דערדײַגעט,
אזויפיל —
ביזן לעצטן שווײַגן —
דער וועלט נעוויִעס ניט דערזאָגט!

• • •

איעדעס גרעזל שמעקט אין סטעפּ פארטרויט.
ביז קני אין דעם גערוך, איך גיי פארשלעפערט.
די נאכט האָט איבער מיר איר טהאָם צעעפנט,
צעשאָטן קאלטן טוי, ווי הייסע דרויב.

א כוואַליע רייצט דעם זוים פון ברעג אומזיניק,
א מעווע, ווי א ווײַסער בליץ, צעשפּאלט
די וועלט ארום, וואָס לאנג פון מיר באהאלט,
ווער בין איך איר:
א בכאָר צי א מיזיניק...

• • •

ס'איז נאָך ניטאָ פון דעם קיין זייכער, —
פון דעם, וואָס זיך באיאָרטקײַט רופט.
פאראַן נאָר אומגעדולד פון זייגער,
פאראַן נאָר אײַליקײַט פון פרווו,

און לאנגער וועג אהינטער פּלייצע...
און אויב דו טוסט א קוק צוריק, —
פארלירסט דעם סאָף פון יענעם בליק,
גלײַך ווי א סטעזשקעלע אין ווייצן...

• • •

הײַנט זײַנען אומרויִק די ביימער
און צוויט זיך שיט אף קאלטן זאמד;
די צווײַגן — בייגעוודיקעביינער —
זיך רײַבן אָן דעם הימלס ראנד.

ס'איז דאָ אין לופט אזא מין שארפקײַט,
אזא מין רויגעזדיקע מאכט,
ווי עפּעס וואָלט פאסירן דארפן —
דעם טאָג ניט זען זיך מיט דער נאכט.

• • •

זײַן אָנקום פײַערט דער באגינען,
ער שפּריצט מיט שטאָלץ דעם בלייכן פלאם
אף גרינער ביימערשער מעדינע,
ווּ יעדער בלאט — ער רוישט צום גראם.

אָט האָט ער יאָמטעוודיק צעפאָכעט
די צווײַגן
און אדורכגעשפּיזט
דעם שטאם — דעם איינציקן, וואָס איז
פארוואקסן אין דעם אינדערוואָכן.

• • •

— זע: א טויעלע זיך זיפּט
אף א בלאט, ווי אף א דלאָניע —
ווי א ליכטיקע דערמאָנונג,
ווי א בלוט־שטויס אונטער ריפּ.

זאָגסט: עס פינצטערט נאָך די וועלט,
קאָנסט ניט אופּפראלן די וויִעס,
צו דערצו, דו ווייסט ניט, ווי איז
מיר ניט נימעס אָט די שטעל:

וועקן אָן א מינדסטן זין,
ווי עס פירט זיך ניט בא מענטשן...
— זע: עס נידערט, ווי א בענטשונג,
אף די טויען דער באגין.

• • •

א דולער ווינט האָט גאָר די וועלט צעשויבערט,
פאַרשמיסן צווייַג אַף צווייַג און זאַנג אַף זאַנג;
און ערדישן אין יאַם פאַרקנאָטן שוידער —
און ניט געוואָרן —
פאָלגט אים אזא גאַנג!

און לאַנג נאָך דעם אין לופט עס האָט גערודערט,
אהינטער שויב א בוים ט׳געוויגט זיך ווילד,
און שפּעטער ערשט, מיט ערנסט פון א ברודער,
ער האָט געלערנט מיך, ווי ווערן שטיל.

• • •

אווּ זיך נעמט דער וועג קיין רייַסן —
צו די בעריאָזעס ווייַסע פיס?
כ׳וואָלט שטאַרקער זייַן פון שטאָל און אייַזן
און כ׳וואָלט אהין דערגיין געוויס.

דאָרט גליִען אַף דער יאָדלע טויען
און ס׳ברענט די זון אַף סאָסנע־קרוין,
דאָרט שטייט מייַן מאָזל בא א טויער —
מייַן סיוון קאַפּ ביז הייַנט נאָך שוינט.

• • •

ס׳האָט ווידער מיך פאַרפירט אין קאַנט פון אוועס
דער שטערן־וועג, געפלאַסטערטער אין בלוי...
כ׳האָב אָנגעשפּאַרט זיך אַף דעם אַלטן פלויט —
און ווידער זיך דערפילט אי יונג, אי באַרוועס.

געקרעכצט די מיל האָט היימיש אונטער ווינט,
געהוידעט איבער זיך א ווייַסן נעפּל,
און פונעם בושעל־ברונעם, וואָס דערנעבן,
מיט פרישקייַט האָט געצויגן גלייביק־דין.

און דאָס, וואָס האָט ביז איצטער מיך
געצאַרנט, —
די לייד און פרייד, פאַרשטאָכענע ביז ביין, —
אַלץ אָפּגערונען האָט,
און ווידער ריין
איעדער שלונג פון לופט איז מיר געוואָרן...

— — — — — — — — — — — — — — —

צו טייַער האָט דער כאָלעם מיך געקאָסט!
די שויב מיט ערשטער גרויקייַט שוין
פאַרצויגן, —
באַגינען פאַלט אַף מייַנע מידע אויגן
און לעשט די לעצטע שטערן מיט פאַרדראָס.

• • •

איר האָט געהערט אין וואַלד א רוף?
איר זייַט אַמאָל פאַרכושט געשטאַנען
אין קרייַז פון שטומענדיקע שטאַמען
און זיך ניט אומקוקן געפרוּווט?

און צווישן אַלע ווילדע שאָטנס
פון ביימער, קוסטעס און פון גראָז
פון זיך קיין שאָטן ניט פאַרלאָזט, —
מיט פייַער אייגענעם באַשאָטן?

איר האָט געזוכט א וועג צוריק
צו יענע, די צעקלאַפּטע שוועלן
(זיי ניט באַטרעטן — מוט פלעגט פעלן!),
ווו אייַך האָט רויִקייַט באַזיגט?

ניט קוקט מיך אָן אזוי פאַרוווּנדערט:
א וועלכער רוף, א וועלכער וואַלד?
כ׳וואָלט אייַך באַגלייט, ווען כ׳בין ניט אַלט,
ווען פיס אין וועג כ׳וואָלט ניט פאַרוווּנדיקט...

• • •

אין דייַנע אויגן זינקט דער אָוונט־פלאַם,
און פייַכטע ווייַסלען ווערן טיף און טויִק...
אָ, טאָג פאַרגייענדיקער, דויער, דויער,
בא שאָטנדיקער באַרג־קייט זיך פאַרזאַם!

וואָסי, דו קאָנסט זיך גרויסמוט ניט פאַרגינען?
ס׳איז דיר דאָס ביסל ליכטיקייַט א שאָד?
העל אויס מייַן שרעק. מיר דוכט: די זונען־ראָד
קאָן זיך פאַרקייַקלען ווייַט —
ניט צו געפינען...

• • •

דייַן הויט האָט מיר פאַרשמעקט מיט שניי־גערוך,
כאָטש זומער ברענט, ווי סטויגן היי אַף לאָנקע,
און ווייַסע וואָלקנס הויך אין הימל בלאָנקען,
ווי זיי וואָלטן א שאָטן זיך געזוכט.

די ערד זיך שפּאַלט אונטער די פיס פון היץ,
און גראָזן גיבן אָפּ דאָס גרינס אָן צאַרן,
נאָר איינער איך,
איך פיל א קעלט אין אָרעמס
פון שניי, דעם ניט צעגאַנגענעם ביז איצט.

• • •

דיר ענטפערן — איז ווי א שאָדן אָנטאָן.
איך ווייס פון אָט דער שאָ דעם וויסטן טאָך —
די שאָ, וואָס זונטיק זונדערט אָפּ פון מאָנטיק,
דעם ליבן יאָמטעוו פון דער טריבער וואָך.

פון לאַנג זיי זייַנען שוין פאַרגרייט, די ווערטער,
די פייַנלעכע,
די איידעס פון פאַרדראָס.
זיי שטייען בא מייַן האַרץ, ווי שטומע וועכטער,
וואָס מ׳האָט פאַרגעסן אַף א ווייַטן פּאָסט.

• • •

ניט אָפּצוּווענדן זיך פון דיר, ניט אָפּצוקערן...
פאַראַן אין דיר די גרויסמאַכט פון דער זון,
וואָס ציט אַרויס אַ ווידערוווּקס פון קערן
מיט קישעף בלויז,
ניט וויסנדיק דערפון.

ניט אָפּצוקערן זיך פון דיר, ניט אָפּצוּווענדן...
פון טעג און ווערסטן בענטש איך דעם גאַלאָפּ,
נאָר צײַט און ווײַט —
ווי שטרוי זיי ברענען אָפּ,
און, ווי אַ פלאַם אין ווינט, דו ווערסט נאָך
נע׳נטער...

• • •

איך וואָלט אַ סאַך, כ׳וואָלט אַלצדינג אָפּגעגעבן,
ווען כ׳קאָן די יאָרן אָפּרופן צוריק,
און ווידער יונג, און ווילד, און ליכטיק לעבן,
גלײַך ווי אַ מוילעד אַף דער שטערן־בריק.

און גאָרניט וואָלט ניט שוואַרצן מײַנע אויגן,
אַכוץ די נאַכט,
פאַרטיפט ביז האַרצן־שלאָג,
אַכוץ די ווײַט, וואָס האָט זיך אויסגעצויגן
פון דיר ביז מיר
אין נאָמען פונעם טאָג.

• • •

צי ווייסטו דען, וואָס אָנוועה הייסט?
באַטאָג — אַ זון אַן אָפּגעקילטע,
וואָס גאָר איר הימלדיקע גרייס
דער ערד זיך פינטלט ווי אַ גילדן.

אַ דולער שטערנפאַל — באַנאַכט,
ווען פּלוצעם ווערט דיר איימיק־ליכטיק,
און גלײַך נאָך דעם אַ כאַשכעס קראַכט,
און מ׳קאָן שוין גאָרניט ניט פאַריכטן:

ניט אופצועפענען קיין טיר,
קיין שטילע בראָכע ניט פאַרקלערן,
און צווישן דיר און צווישן מיר —
ניט טאָג, ניט נאַכט, ניט זון, ניט שטערן.

• • •

די הייסע קוילן פון דער זון פאַרשאַרט
דער אָוונט האָט —
פאַרטונקלט אַלע ווינקלען.
דער שוואַרצער יאַם, ווי אים וואָלט עס
פאַרשאַדט —
אַ כוואַליע נאָך אַ כוואַליע טוט צעווינקלען.

אַ רעגע — און צערינען וועט די ערד
אין אַלדי אירע גרינקייטן פון זומער...
אַ שטערן פאַלט, מיט אייביקייט באַשווערט,
און ס׳קומט די נאַכט
מיט אָנזאָג פון דײַן קומען.

• • •

אָט דאָרט אין יאַם, אין אויסגעמיש פון ווײַטן,
וווּ הויכע הימל־בלוי ווערט שוואַרץ און טיף,
איז גרינג,
זיך דוכט,
דאָס גוטס אַף שלעכטס
פאַרבײַטן,
ווי ס׳בײַט די זעגלען אונטער ווינט אַ שיף.

און אַלץ אין לעבן אופלויכטן וואָלט אַנדערש,
און לעצטער טאָג — אויך אַנדערש זיך
פאַרמעקט,
ווען ס׳וואָלט מײַן האַרץ אַף דײַנס ניט זײַן
פאַראַנקערט,
ווי יענע שיף באַם אויסגעבענקטן ברעג.

• • •

אַהינטער די אויגן — וואָס רעדט מען, וואָס
רעדט מען...
אַהינטער די אויגן — וואָס זעט מען, וואָס זעט
מען...

אַן אײַליקע וועל שנײַדט מײַן ברוסט מײַן
אַנטבלויזטע,
צעוויגט מיר דאָס האַרץ, ווי אַ גלאָק אַף אַ
קלויסטער;

דער זוניקער גוס שינדט מײַן הויט ניט
באַשיצטע,
וואָס בלייכט זיך,
ווי מילכוועג זיך בלייכט אינדערפינצטער.

נאָר ס׳אָטעמט די ערד מיר מיט קעלט אין דער
פלייצע
און לאָזט ניט, דער יאַם זאָל מיך איצטער
פאַרפלייצן, —

זי פאַלט אַף אים אָן מיט די האַרטקײַטן אַלע —
אין איינעם אַ טאָג אַף איר ווייכקײַט כ׳זאָל
פאַלן...

אַהינטער די אויגן — וואָס רעדט מען, וואָס
רעדט מען...
אַהינטער די אויגן — וואָס זעט מען, וואָס זעט
מען...

גריגאָרי ראַשאל
קינאָ־רעזשיסער, פאָלקס־ארטיסט פון רספסר

עטלעכע בלעטלעך פון די קינדער־יאָרן

דער געלער בער

באַגינען זײַנען מיר מיטן זיידן ארויס פון שטוב און זיך געלאָזט גיין צום בערעזע־וועלדל, וואָס האָט זיך געפונען הינטערן שטעטל. דאָס שטעטל איז געווען א גרויס, און צום וואלד א היפּשער מעהאלעך.

אינעם קלויסטער האָבן געקלונגען די גלעקער. פאר אונדז איז געגאנגען א טשערעדע בעהיימעס. א וואָלקן שטויב האָט זיך געטראָגן איבער איר.

הינטערן וועלדל, דאָרטן, ווו עס הייבט זיך אָן דער גרויסער זומפּ און עס שלענגלט זיך א טײַכל, האָט זיך געשפּרייט א געדיכטער נעפּל. די באַנאַכטיקע שאָטנס זײַנען נאָך ניט אינגאנצן פארשוווּנדן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז דער וועג איז זייער א לאנגער, א נודנער און אן איבעריקער.

איך האָב גאָר קנאַפּן כיישעק געהאט אָנצוהייבן לערנען. מיר האָט זיך נאָר געוואָלט באַקומען די מאַטאָנע, וואָס דער גוטער מאַלעך שענקט יעדן יינגל אינעם ערשטן טאָג, ווען ער הייבט אָן צו גיין אין כיידער.

לערנען זיך האָב איך ניט געוואָלט דערפאר, ווײַל איך האָב געזען, ווי עס מאַטערן זיך מײַנע שוועסטערקינדער — זיי שוויצן אין כיידער פון אכט אינדערפרי ביז אכט אין אָוונט.

אָנגעטאָן בין איך געווען אין א פײַן אָנצוגל, דער קאָלנער פונעם נײַעם וואָלענעם אויבערהעמדל האָט מיר געפּערלעך געריבן דעם האלדז. די שיך זײַנען אויך געווען נײַע, מיט גראָבע פּאָדעשוועס. אונטערן אָרעם האָב איך געהאלטן א שווערן כומעש. אין שטוב האָב איך אייניקע מאָל שוין געבלעטערט אים און מיר איז געפעלן געוואָרן דער רייעך זײַנער — דאָס איז געווען א געמישטער טערפּקער רייעך פון אן אלטן בוך און שמעק־טאבעק. אָבער איצט איז מיט יעדער מינוט געוואָרן שווערער צו טראָגן דעם כומעש.

דער זיידע איז געווען אָנגעטאָן אין זײַן שאבעסדיקער זײַדענער קאַפּאָטע, אפן קאָפּ א יארמלקע, אין דער רעכטער האנט האָט ער געהאלטן דעם שירעם מיטן פײַן־געטאָקטן הענטל, אין דער לינקער — עפּעס א קליין פּעקעלע. מיר האָט זיך זייער געוואָלט וויסן, וואָס איז דאָרט אין פּעקעלע, נאָר זיך ניט אײַנגעשטעלט צו פרעגן.

באַם סאַמע וועלדל איז געשטאַנען די הײַזקע פונעם געלן בער — אזוי האָט מען גערופן מײַן קינפטיקן רעבן. די הינטערשטע וואנט פונעם שטיבל האָבן אונטערגעהאלטן צוויי שטאַמען פון בערעזע־ביימער. די פאָדערשטע וואנט האָט מיט אירע קליינע פענצטערלעך בלינד און אומעטיק געקוקט אפן שטויביקן שליאך. נאָך פונדערווײַטנס האָבן מיר דערהערט קינדערשע שטימען. ווען מיר זײַנען צוגעגאנגען נעענטער, האָבן מיר דערזען א פּופּצן כעווערלײַט אויסגעזעצט באַ א גרויסן, לאנגן טיש. דער טיש מיט די שמאָלע בענק ארום אים זײַנען געשטאַנען באַם סאַמע ראַנד פונעם וועלדל.

דער געלער בער איז געווען זייער א הויכער. אף זײַנע לאנגע דארע פיס איז ער, ווי א בושל, ארומגעגאנגען ארום דעם טיש און געהאלטן אין איין צופּן דאָס שיטערע בערדל. ער איז אינגאנצן באַזעצט געווען מיט זומערשפּרענקעלעך — ניט נאָר דאָס פּאָנעם, נאָר אויך דער דארער האלדז, די ביינערדיקע, אָדערדיקע הענט זײַנען געווען פארזייט מיט זיי. געלע פּאַסמעס האָר זײַנען ארויסגעקראָכן פון אונטער זײַן יארמלקע.

דער רעבע האָט מיר דערלאנגט די האנט, מיך א גלעט געטאָן איבערן קעפל, דערנאָך געעפנט מײַן כומעש און גענומען מיך אויספרעגן. איך האָב שוין געקענט דעם אלעפבייס. דער זיידע האָט מיר אונטערגעוווּנקען, איך זאָל ניט מוירע האָבן און ווײַזן, וואָס איך קען.

— קאָמעץ אלעף — אָ... — האָב איך, שווער אָטעמענדיק, אָנגעהויבן. און אין דער זעלבער רעגע זײַנען אף דער אָפענער בלאט פונעם כומעש אראָפּגעפאלן דרײַ שאָקאָלאד־קאָנפעטן, אײַנגעוויקלטע אין פּאַפּירלעך, אף וועלכע עס איז געווען אָנגעמאָלט א בער, א פישל און א קרעפּס. איך בין געוואָרן איבעראשט פונעם דאָזיקן אומגעריכטן אויצער. איך האָב אפגיך אויסגעדרייט דעם קאָפּ, קעדיי צו באמערקן, פונוואנען האָט זיך עס אלץ גענומען, נאָר איך האָב גאָרניט געזען. דער זיידע איז געשטאנען רויִק, פארקלערט, ווי ניט אים מיינט מען. דער רעבע — אויך. איך האָב א קוק געטאָן אף די כיידער־ייִנגלעך. כוץ דעם, וואָס זיי זײַנען מיר שטארק מעקאנע, האָב איך אף זייערע פּענעמער גאָרנישט ניט באמערקט. דער רעבע האָט אראָפּגענומען די קאָנפעטן פונעם כומעש, אוועקגעלייגט זיי אפן טיש. און איך האָב פאַרגעזעצט:

— פּאסעך בייס — בא...

דעם „בייס" האָב איך ארויסגעבראכט, ניט קוקנדיק אין בוך, איך האָב האסטיק אויסגעדרייט זיך מיטן גאנצן קערפּער און געפּאקט דעם זיידן בא דער האנט, ווען ער האָט זי צעעפנט און ארויסגעוואָרפן א „טערקיש האָרנדל". איך האָב אזא האָרנדל אמאָל שוין פארזוכט און גוט פארגעדענקט דעם כיִעסדיקן טאַם. איצט האָב איך זיך דערוווּסט, ווער איז עס דער גוטער מאַלעך. דער זיידע האָט זיך פאנאנדערגעלאכט, און פאר מיר, אין מײַנע פינף יאָר, איז עס געווען די ערשטע מינוט, ווען איך האָב אָנגעהויבן מיט צווייפל צו קוקן און צו באנעמען אייניקע זאכן.

— דו ביסט דען, זיידע, א מאלעך? — האָב איך געפרעגט.

די כעוורע האָבן אויסגעשאָסן א געלעכטער.

— שאַ! שטיל זאָל זײַן! — האָט דער רעבע א קלאָפּ געטאָן איבערן טיש מיט דער ווירע, וואָס ער האָט די גאנצע צײַט ניט ארויסגעלאָזט פון דער האנט.

דער זיידע האָט מיך א קוש געטאָן, אויסגעווישט א טרער, וואָס האָט זיך באוויזן בא אים אף דער באק, נאָכאמאָל מיך א גלעט געטאָן איבערן קעפל, א דריק געטאָן די האנט דעם רעבן און איז אוועק.

אין כיידער האָב איך זיך געפילט ניט שלעכט. שפּעטער האָב איך פארשטאנען, אז עס האָט מיר פּאָשעט אָפּגעגליקט. דעם געלן רעבן האָט מען אין שטעטל שיר ניט געהאלטן פאר אן אפּיקוירעס, דער צווייטער שטעטלשער רעבע — אווראָם־לייב פלעגט אפילע שרײַען, אז יענער איז א סוינע־ייִסראָעל און אז מע טאָר צו אים ניט צולאָזן קיין ייִדיש קינד. דער געלער בער האָט דערוף נאָר ארײַנגעשמייכלט אין זײַן רויט־פײַערדיק בערדל און דערבײַ פאריכט די ברילן, וואָס האָבן זיך קוים געהאלטן אף זײַן נאָז.

אָפטמאָל האָט אונדז דער רעבע געהייסן פארמאכן די כומאָשים און ער פלעגט אונדז אָנהייבן דערציילן מײַסעס פונעם כומעש, נאָר אף זײַן אייגענעם אויפן, און דאן האָבן זיי געקלונגען נײַ און זייער אינטערעסאנט. געלערנט האָב איך זיך באם געלן בער ניט קיין סאך צײַט. מע האָט אים דערהארגעט אין 1905 יאָר, בייס א פּאָגראָם אין שטעטל.

פאַנטאַסטישע טעג

אין פעטערבורג האָבן אונדז געהאָלפן קריגן א דירע אונדזערע לאַנדסלײַט, וואָס האָבן שוין לאַנג געהאַט פאַרלאָזט סעמיאָנאָווקע. דאָס איז געווען די מישפּאָכע לעווין. דער ייִנגערער זון לעווינס, ניומע, איז געווען אין איינע יאָרן מיט מיר, און מיר זײַנען געוואָרן גוטע כאַווײרים.

אין דער היפשער לעווין־מישפּאָכע זײַנען אויסער ניומען געווען נאָך דרײַ קינדער: צוויי טעכטער און א זון — ליאָווע. יעדערער פון זיי האָט געהאַט זײַן קרײַז פרײַנט און כאַווײרים, און שטענדיק איז פול געווען די שטוב מיט מענטשן: אַלטע פרומע ייִדן מיט פּייעס און לאַנגע בערד — זיי פלעגן קומען צו ניומעס טאַטן דעם אַלטן לעווין; אין די אַנדערע צימערן האָבן פאַרבראַכט קורסיסטקעס, וואָס האָבן גערייכערט פּאַפּיראָסן; גימנאַזיסטן פון די עלטערע קלאַסן און צולעצט — זיבן־אַכטיאָריקע כעווריליט, וואָס פלעגן צוזאַמען מיט מיר און ניומען איבער־קערן אַלץ אין שטוב.

קימאַט די גאַנצע מישפּאָכע לעווינס איז געגאַנגען מיט אונדז אין קראָם העלפן קויפן מעבל: מיר האָבן בעשום־אויפן ניט געקאָנט אײַנהאַנדלען דאָס, וואָס מיר האָבן געדאַרפט. איך בין אויך מיטגעלאָפן מיט אַלעמען.

די מאַגאַזינען זײַנען פול געווען מיט שטולן, איבערגעקערטע מיט די פיסלעך אַרויף, מיט ניקלנע בעטן און פאַרשיידענע אַנדערע זאַכן. די מעשאָרסים האָבן די קוינים געשלעפּט פאַרן אַרבל:

— טוט נאָר א קוק, א גאַרניטורל אַן אַנטיק!

אומגעקערט האָבן מיר זיך, געוויינלעך, מיט גאָרנישט, און צוביסלעכווײַז איז מיר נימעס געוואָרן דער אייסעק, איך האָב שוין ניט געבעטן, מע זאָל מיך מיטנעמען, ווען מע איז געגאַנ־גען זוכן מעבל. איך בין בעסער געלאָפן שפּילן זיך מיט ניומען. דערפאַר אָבער, אין די זעלטענע אָוונטן, ווען דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן זיך געקליבן גיין אין טעאַטער, בין איך זיי גוט דערגאַנגען די יאָרן, זיי זאָלן מיך נעמען מיט זיך, ווי נאָר איך האָב געזען, אַז זיי נעמען זיך פוצן. די מאַמע טוט אָן דאָס שוואַרצע זײַדענע קלייד און קעמט עפּעס צו לאַנג די האָר אירע, דער טאַטע דרייט זיך אויך בייסמײַסע באַם שפּיגל, בינדט צען מאָל איבער דעם שניפּס. דאַן בין איך שוין געווען אָף דער וואַך. איך האָב זיך אָנגעשטויסן, אַז זיי גייען אין טעאַטער. פון אָנפאַנג האָב איך גענומען וויינען, און וואָס ווײַטער, אַלץ שטאַרקער, ביז די מאַמע האָט אָף מיר ניט געקראָגן קיין ראַכמאָנעס און גענומען אײַנריידן דעם טאַטן, אַז ס'איז ניט געפערלעך, אויב איך וועל אויך גיין.

די ערשטע זאַך, וואָס איך האָב געזען אָף דער בינע, איז געווען די אָפּערעטע „גיישאַ“. די שפּיל האָט מיך אינגאַנצן פאַרקישעפט, און טאַטע־מאַמע זײַנען געווען מאָלע־געדולע פון זייער זון, וואָס איז אַזוי פילבאַר צו קונסט. אין שטוב האָב איך א צײַט געהאַלטן אין איין ריידן וועגן „גיישאַ“. איך און ניומע האָבן געמאַכט א גרויסן פאָרהאַנג פון צוויי קאָלדרעס, צו די האָר אָפן קאָפּ האָבן מיר צוגעטשעפּעט צעפּ פון פּאַקליע, און ס'איז אַוועק באַ אונדז א מעשונעדיקע אימפּראָוויזאַציע פון טענץ און לידער, וועלכע האָבן געהאַט איינעם און דעם זעלבן רעפרען: „איך האָב דיך ליב, דו האָסט מיך ניט ליב...“

א קאָלאָסאַלן אײַנדרוק האָט אָף מיר געמאַכט די אָפּערעטע „אַפריקאַנקע“. מיט אירע מאַט־ראָסן, קינזשאַלן, שיפן און טורמעס. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז איך און ניומע האָבן נאָכדעם מיט היץ און ברען אויסגעשפּילט די זעלבע „אַפריקאַנקע“ באַ אונדז אין שטוב.

עס האָט זיך מיר פאַרגעדענקט א צופאַל, וואָס האָט זיך געקאָנט ענדיקן גאַנץ טרויעריק פאַר מיר.

די עלטערן האָבן מיט גרויס מאַטערניש געקראָגן בילעטן אָף „באָריס גאָדונאָוו“, ווו די הויפּט־ראָל האָט געשפּילט שאַליאַפּין. איך בין דאַן אַלט געווען צען יאָר און האָב שוין געהאַט זיך גוט אָנגעהערט וועגן דעם, אַז שאַליאַפּין איז א גרויסער אַרטיסט. איך האָב זיך פּאָשעט ניט געקאָנט פאָרשטעלן, איך זאָל זיצן אין דער היים, בייס עס זינגט שאַליאַפּין און מענטשן הערן אים.

איך האָב באַשלאָסן צו ווײַזן, וואָס איך קען. איך האָב זיך גענומען קײַקלען אָפן דיל, דונערן. מיט די פיס איבערן פּאַרקעט, רעווען אַזוי, אַז עס האָבן זיך געקאָנט לעכערן די ווענט. עס האָט אָבער גאָרנישט ניט געהאָלפן: מע האָט מיך איבערגעלאָזט אין דער היים. ווי נאָר איך בין געבליבן אַליין, בין איך אַרויסגעשפּרונגען פון שטוב און זיך געלאָזט לויפן צום מאַרײַינסקי אָפּערע־טעאַטער. אָף דער גאַס האָב איך דערזען די עלטערן, וואָס האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אין א פאַעטאָן און אַוועקגעפאָרן. איך האָב זיך געלאָזט נאָכלויפן. די קאַרעטע איז אַלץ האַסטיקער

געפּאַרן, און איך בין מיט אַלע קוויטעס געלאָפֿן, זיבן שווייסן האָבן זיך געגאָסן פֿון מיר, איך האָב ניט געקאָנט איבערכאַפּן דעם אָטעם. איך בין אומגעפֿאַלן, נאָר גלייך זיך אופֿגעהויבן און גענומען זיך ווייטער טראָגן, אָבער דעם פּאַטעטאָן האָב איך שוין גאָהאַט פֿאַרלאָרן פֿון אויג. צום גליק, זיינען די עלטערן אַרויסגעפּאָרן מיט אַ גאַנצער שאַ פּאַרן אַנהייב פֿון ספּעקטאַקל, און איך האָב באַוויזן פֿונקט צו דער צייט...

באַם אַריינגאַנג אין טעאַטער איז געשטאַנען אַ גרויסע מענגע מענטשן. איך האָב זיך גע־נומען דורכשטופּן פּאָרויס. מע האָט מיך געשטויסן, מע האָט געשריִען אויף מיר, געזידלט, נאָר איך האָב קיין צימעס פֿון דעם ניט געמאַכט. איך בין געקראָכן אַלץ נעענטער צו דער טיר. ענדלעך בין איך שוין געווען לעבן שווייצאַר. שטאַמלענדיק און היקענדיק, האָב איך אים דער־ציילט, אַז מיינע עלטערן זיינען אַקאָרשט אַריין אינווייניק און זיי האָבן מיך אויף אַ רגע אײַ־בערגעלאָזט. דער שווייצאַר האָט פּאַנאַנדערגענומען זיין פּרעכטיקע באָרד אויף צוויי העלפֿט און אין יעדער העלפֿט אירער עפּעס אַריינגעמורמלט. וואָס — האָב איך ניט געהערט, נאָר די האַנט זיינע האָט קאַטעגאָריש אָנגעוויזן אויף דער טיר, ס'הייסט — איך זאָל זיך גיכער פֿאַרנעמען פֿונ־דאַנען. איך בין אַוועק, אַ פּאָר מינוט זיך אַרומגעדרייט אַרום גלינקעס דענקמאָל און מיט טיפֿער בענקשאַפֿט געקוקט אויף די העל־באַלויכטענע פֿענצטער פֿון טעאַטער. דערנאָך האָב איך זיך ווידער אומגעקערט צו דער זעלבער טיר מיטן זעלבן בערדיקן שווייצאַר. איך האָב זיך געגעבן דאָס וואָרט, אַז וואָס עס זאָל ניט זיין, מיין טויט צי דעם שווייצאַרס, נאָר איך מוז אַריין אין טעאַ־טער. סאַפּקאַלסאַף האָט דער שווייצאַר דערוויזן, אַז בײַ אים איז אויך דאָס האַרץ ניט פֿון שטיין, ער האָט מיך פֿון האַנט צו האַנט איבערגעגעבן דעם קאַפּעלדינער, וואָס איז אין זיין גרויסאַרטי־קער אוניפֿאָרם אַרומגעגאַנגען איבערן וועסטיביול.

דער קאַפּעלדינער האָט מיך אָוועקגעפֿירט מיט די טרעפּ און אַריינגעלאָזט אויפֿן פֿינפֿטן יאַרוס, אונטערן סאַמע דאַך.

איך בין נאָך קיינמאָל ניט געשטאַנען אַזוי הויך. איך בין נאָך קיינמאָל ניט געווען אין אַזאַ ריזיקן, אַזאַ פֿאַנטאַסטיש־שיינעם טעאַטער. עמעס, איך האָב נאָר געזען אַ ברעקל פֿון דער בינע, און די אַרטיסטן האָב איך געקאָנט אָנקוקן בלויז דאַן, ווען זיי זיינען צוגעגאַנגען האַרט צו דער ראַמפּע. אַלע האָבן זיי זיך מיר אויסגעוויזן עפּעס ווי צוגעפּלעטשטע, צום אָנהייב האָב איך אויף יעדערן גלייך געמיינט, אַז דאָס איז שאַליאַפּין. אָבער צוביסלעכווייז האָב איך זיך פּאַנאַנדער־געקליבן, ווער עס איז שאַליאַפּין. איך האָב געזען זיין וווּנדערפֿולן באָריס גאָדונאָוון, און אויף מיינע אויגן זיינען געווען טרערן פֿון אַנציקונג און מיטגעפֿיל צו אים.

טייער האָט מיך געקאָסט דער דאָזיקער ספּעקטאַקל. קוים אַ לעבעדיקער בין איך געקומען אַהיים, דערנאָך האָב איך אַ גאַנצע נאַכט געדעדט פֿון היץ... אָבער חרטה האָב איך ניט געהאַט. פּאַרקערט, איך בין גרייט געווען מיטן זעלבן מעסירעסנעפֿעש לויפֿן נאָכאַמאָל הערן שאַ־ליאַפּינען.

אינגיכן איז פּאָרגעקומען נאָך אַ געשעעניש, וואָס האָט זיך מיר פֿאַרגעדענקט אויפֿן גאַנצן לעבן.

דעם ערשטן טאָג כאַנעקע בין איך צוזאַמען מיטן טאַטן אַוועק אין דער פּעטערבורגער כאָר־שול.

איך האָב נאָך גוט געדענקט אונדזער סעמיאַנאָווקער שול, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן פּלאַץ אינמיטן שטעטל. ס'איז געווען אַ קליין אָרעם שולכל, מיט סקריפּענדיקע שטענדערס און בענק־לעך. דער כאַזן מעדוועדאָווסקי האָט זיך געשאָקלט באַם אָמעד, ווי אַ גרעזל אויפֿן ווינט.

דאָס, וואָס איך האָב דערזען אין דער כאָר־שול, האָט מיך אויסערגעוויינלעך פֿאַרוווּנדערט און איבעראַשט. ערשטנס, איז מען צו דער שול צוגעפֿאָרן אויף פֿאַעטאָנען און אין קאַרעטעס. צוויי גאָראָדאָוואָיען זיינען געשטאַנען עטוואָס ווייטער פֿונעם אַריינגאַנג אין שול און נאָכגע־קוקט נאָך דער אָרדענונג. דאָס אַלץ האָט מיר דערמאָנט דעם אַריינגאַנג אין מאַריינסקן טעאַ־טער... די מאַנצבלען זיינען געווען אין צילינדערס, די פֿרויען אין זיידענע און אין סאַמעטענע קליידער, קיינער האָט ניט געקרעכצט און ניט געזיפֿצט. פּאַרקערט, מע האָט פֿריילעך געשמועסט צווישן זיך. די מאַנטלען האָט מען אויסגעטאָן און אָפּגעגעבן אין גאַרדעראָב, פֿונקט אַזוי ווי אין טעאַטער. די סידורים זיינען באַ אַלעמען געווען אין טייערע סאַפֿיאַנאָווע איינבונדן. די שאַמאָ־סים האָבן געטראָגן אויפֿן קאָפּ עפּעס מאָדנע שפּיציקע יאַרמלקעס. צום ערשטן מאָל האָב איך דאָ, אין שול, דערזען דעם געלערנטן העברעיִסט האַרקאַווי, וואָס איז געווען אופֿזעער איבער די אַלטערטימלעכע מאַנוסקריפּטן אין דער פּעטערבורגער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק. הינטער אים איז אין דער פּולער גענעראַלסקער אוניפֿאָרם געגאַנגען אַ הויכער שטאַלטנער פּאַרשוין, אויך מיט אַ סידער אין דער האַנט.

— א ייִד מעג דען זײַן א גענעראל? — האָב איך שטיל געפרעגט באם טאטן. (איך האָב שוין דאן גוט געוווּסט, וואָס ייִדן מעגן און וואָס זיי טאָרן ניט).

— ער איז א באַרימטער דאָקטער, א כירורג, ער האָט אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן אין מאַנטשזשוריע, — האָט דער טאטע געענטפערט מיט אזא שטאָלץ, פונקט ווי ער אליין וואָלט געווען דער גענעראל.

מיר זײַנען ארײַן אין שול. די עלעקטרישע שײַן פון די גרויסע ליוסטרעס האָט א שניט געטאָן די אויגן. איך מיטן טאטן זײַנען דורך נעענטער צום מיטן און פארנומען אונדזער „שטאָט". איך האָב גענומען קוקן אפן אָמעד. אין א שניי־ווײַסן קיטל און אין א ווײַסער יאַרמלקע איז באם אָמעד געשטאַנען דער באַרימטער כאזן סיראָטע. די מעשוירערים האָט מען ניט געזען, זיי זײַנען געווען ערגעץ אין דער הייך, איבער דער ווײַבערשער שול, דערפאר האָט מען גוט געהערט זייערע ריינע און שטאַרקע שטימען. סיראָטע האָט זיך געציקלט, גענומען די העכסטע אָקטאַווע, אראָפּגעלאָזט זיך צו דער נידעריקסטער. אָט האָט זײַן שטים געוויינט, געבעטן ראַכמים, אָט איז זי געוואָרן א פאָדערנדיקע, א מעכטיקע, פול מיט אינערלעכער קראפט. אלע האָבן אים געהערט מיט א פארטײַעטן אָטעם. כ'ווייס ניט פארוואָס, נאָר בא מיר איז פאר די אויגן בייסמײַסע געשטאַנען אונדזער כאזן מעדוועדאָווסקי און כ'האָב אף אים שטאַרק ראַכמאָנעס געהאַט... ער שטייט, האָב איך געטראַכט, עפשער אויך איצט באם אָמעד, נאָר קיינער העלפט אים ניט, די ייִדן טומלען...

סיראָטע מיט זײַן כאָר האָט מיך פארכאַפּט ניט אף לאַנג. אינגיכן איז מיר געוואָרן לאַנגווײַליק און אומעטיק. איך האָב שוין מיט אומגעדולד געוואַרט, ווען מע וועט ענדיקן דאַווענען.

ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט פון שול אהיים, האָט דער טאטע מיט אלע פּישטשעווקעס גענומען פאנאנדערקלײַבן סיראָטעס ניגונים, יעדן ניגן באזונדער. די מאמע האָט געזאָגט, אז סיראָטע איז אפילע פארשריבן אף א גראַמאָפאָן־פּלאַטע.

אינעם זעלבן כאַנעקע־טאָג האָט מיך דערוואַרט נאָך אן אינטערעסאַנטע געשעעניש. עס איז געקומען צו לויפן צו מיר מײַן כאַווער ניומע און געזאָגט, אז איך זאָל טייקעף גיין צו אים אהיים. עס איז צו זיי אראָפּגעקומען צוגאַסט איינער א גרויסער צאַדיק. די מאמע האָט זיך אָנגעבויגן צו מיר און אײַנגערוימט אין אויער:

— גיי בעסער ניט, די צאַדיקים זײַנען גרויסע שווינדלער. קיינער פון אונדזער מישפּאָכע האָט אין זיי קיינמאָל ניט געגלייבט...

איך האָב א קוק געטאָן אף דער מאַמען און לויטן אויסדרוק פון איר פּאָנעם געזען, אז פונדעסטוועגן איז זי אליין אויך א גרויסער באַלן צו גיין אָנקוקן א צאַדיק אין פּעטערבורג. אויב זי גייט ניט, איז עס נאָר דערפאר, ווײַל ס'פּאַסט ניט: קיינער האָט זי דאָך ניט אײַנגעלאַדן.

איך בין אוועק צו די לעווינס. ניומע האָט געעפנט די טיר און גלײַך גענומען „שורקען":

— טס... שאַ... שטילער...

אויבנאָן, באם גרויסן טיש, איז בעהאַרכאָוועדיק געזעסן דער אלטער לעווין, און לעבן אים דער צאַדיק — א מיטלוווּקסיקער מענטש מיט א גרויסער רויטער באָרד, דער רוקן איז געווען בא אים א סוטולעוואַטער, די הענט האָבן א ביסל געציטערט, אָבער די אויגן האָבן פון אונטער די געדיכטע ברעמען געקוקט יונג, מיט א שאַרפן בליק. ער האָט געמאַכט א בראָכע, אופגעגעסן א פּיצל ברויט, גענומען א זופּ ווײַן, און גלײַך פארצויגן עפּעס א ניגן. צוערשט האָט ער געזונגען איינער אליין, דערנאָך האָט מען אים אונטערגעהאַלטן, און ס'האָבן געזונגען אלע, וואָס זײַנען געזעסן באם טיש. ניט איבערײַסנדיק דעם ניגן, האָט דער צאַדיק זיך אופגעהויבן, און אלע נאָך אים. ער האָט אוועקגעלייגט די האַנט אף לעווינס פּלייצע, און לעווין — די האַנט אפן צאַדיקס פּלייצע, און ביידע לײַט האָבן גענומען טאַנצן. די איבעריקע האָבן אויך געטאָן אזוי, — האַנט אף פּלייצע, האַנט אף פּלייצע, האָבן אלע גענומען זיך דרייען ארום טיש, ריטמיש געטופּעט מיט די פיס און אלץ העכער און פריילעכער געזונגען.

איין מעלאָדיע איז געקומען נאָך דער אנדערער. קיינמאָל אין מײַן לעבן האָב איך מער ניט געזען, אז מע זאָל טאַנצן מיט אזויפיל דוויקעס, מיט אזויפיל פײַער. עס טאַנצט שוין דער רעבע נאָר אליין, אלע שטייען ארום אים אין א קרײַז. דער טאַנץ זײַנער ווערט אלץ קאָמפּליצירטער. ער מאַכט עטלעכע טריט פאָרויס, טוט זיך א דריי אפן אָרט, טרעט אָפּ צוריק, בייגט אָן דעם קאָפּ אף רעכטס, פארוואַרפט אים אף הינטן, יעדע באַוועגונג איז אויסערגעוויינלעך ריטמיש, פײַן געשליפן... מיטאמאָל האָט ער זיך געלאָזט גלײַך צו אונדז — צו מיר און ניומען, וואָס זײַנען געשטאַנען בא דער טיר, ניט וואַגנדיק ארײַנצוגיין אין צימער. מיר האָבן אָנגעהויבן אָפּטרעטן אף צוריק, נאָר דער רעבע איז מיט א ברייטן שמייכל צוגעשוווּמען צו אונדז, גענומען פאר די הענט און ארײַנגעשלעפּט אין קרײַז.

— טאַנצט, יינגלעך, טאַנצט! — האָט ער אויסגעשריִען. — ווער נאָך זאָל טאַנצן, אויב ניט איר? אין דער הייליקער טוירע שטייט: די מלאָכים טוען זיך פרייען, ווען קינדער טאַנצן.

איך און ניומע האָבן געגומען שפּרינגען, זיך מאַכן משוגע. דערנאָך האָט מען אונדז אוועקגעזעצט באַם טיש, און מיר זײַנען זיך מעכאַבעד געווען מיט די אַלע געשמאַקע זאַכן, וואָס זײַנען אַף אים געווען.

דער אוילעם האָט געטרונקען, געגעסן, געזונגען, געטאַנצט ביז האַלבער נאַכט. צום סאָף איז דער אַלטער לעווין געוואָרן כמורנע, אָנגעברויגעזט און אָנגעדרודלט. עס האָט געדוכט, אַז אים טוט שוין באַנק די גאַנצע סימכע באַ אים אין שטוב. ער, דער רײַכער געשעפטסמאַן, האָט זיך אויסגעגעניכטערט פריִער פון אַלעמען און מיט קענטיקן ביטל און פאַראַכטונג שוין געקוקט אַף די געמיינע געסט זײַנע, אַף די שנײַדערס, שוסטערס, בלעכערס, פּריקאַשטשיקעס, שאַמאָסים, וואָס האָבן זיך פריילעך געמאַכט אין זײַן גרויסאַרטיקער שטוב. מיט יאָרן שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט וועגן די קאָמפּליצירטע סאָציאַלע פעדעם, וואָס האָבן פאַרבונדן די דאָזיקע קליינע מענטשעלעך — די ניקאָלײַעווער סאָלדאַטן און באַלמעלאָכעס פון די פּעטערבורגער ענגע, שמוציקע, קאַלטע בוידעם־שטיבלעך מיטן דאָזיקן טאַקיף, דעם גוויר, דעם קאַרגן און האַרבן לעווין. ער איז געווען גאַבע פון דער כסידישער שול. צום רומל האָט אים געפעלט א צאַדיק. האָט ער אים אַרײַנגעקראָגן.

דער קישעף-לאַמטערן

מײַן מאַמע האָט געקוקט מיט גרויל אַף דעם, ווי גיך עס ווערן באַ אונדז צעפּליקט און צעריסן די ציכן און די לײַלעכער. איך האָב זיי געדאַרפט האָבן צוליב מײַן טעאַטראַלן גאַרדעראָב און רעקוויזיט פאַר די ספּעקטאַקלען, וואָס מיר האָבן געפּראַוועט אין שטוב. עמעס, קיין גוואַלדן האָט די מאַמע ניט געמאַכט. זי אַליין האָט זיך אינטערעסירט מיט אונדזערע פּילצאַליקע טעאַטראַלירטע שפּילן און אָפּטמאָל אַפּילע געהאָלפן צוטראַכטן פאַרשיידענע קונצן, וואָס זאָלן מאַכן שענער די היימישע פאָרשטעלונג.

איינמאָל האָט די מוטער מיט א געהיימניספולער שעפּטשעריי אַרײַנגערופן די קינדער צו זיך אין שלאָפצימער, אַוועקגעשטעלט אונדז אַלעמען באַ דער טיר און געהייסן זיך ניט רירן פון אָרט, לעמאַנהאַשעם זײַן פּאַרזיכטיק מיט דער מינדסטער באַוועגונג. די טיר האָט זי צוגעמאַכט. און דאַן האָבן מיר אַף דער וואַנט דערזען עפּעס א פינקלענדיקן פלעק. אין שלאָפצימער איז געווען פינצטער, נאָר א שמאָל פּאַסיקל שײַן האָט זיך דורכגעזיפּט אַהער דורכן טיר־שפּאַלט פון אַנדערן צימער. לעבן דער וואַש־שיסל, אַף א קליין טישל, איז געשטאַנען עפּעס א מאָדנער אַפּאַראַט. ער האָט געשיקט א בינטל שטראַלן, און זיי האָבן עס געשאַפן דעם קײַלעכיקן העלן פלעק אַף דער וואַנט. לעבן אַפּאַראַט איז געשטאַנען דער טאַטע. ער האָט איבערגעקליבן און דורכגעקוקט פאַרשיידענע קליינינקע פּלאַטן.

דעם עמעס געזאָגט, האָט דער אַפּאַראַט מיט די פּלאַטן ווייניקער מיך פאַרוווּנדערט, ווי גופע דער טאַטע. זעלטן־ווען האָט ער זיך פאַרנומען מיט די קינדער, מיר האָבן אים נאָר געזען, און אויך ניט אַלע טאָג, בייסן עסן מיטיק. אָפּגעגעסן, איז ער גלײַך אַוועקגעלאָפן. פון צײַט צו צײַט האָט ער די קינדער, דערהויפּט מיר, געמאַכט אַן אויסרייד, א באַמערקונג און געלייענט א ביסל מאָראַל, וויאַזוי מע דאַרף זיך פירן אַף דער וועלט. איצט איז ער געווען מיט אונדז. מיר האָט געדוכט, אַז די מאַמע איז אויך זייער צופרידן דערפון. זי האָט גוט אויסגעווישט מוישקען דאָס נעזל און אים אָנגעזאָגט:

— זאָלסט ניט שטיפן. דער טאַטע איז דאָ.

דעם טאַטנס קאָל איז הײַנט גאַרניט געווען ענלעך אַף זײַן געוויינלעכער שטרענגער און האַרבלעכער שטים. דער טאַטע האָט קענטיק שטאָלצירט מיט דער מאַשין, וואָס ער האָט אַראָפּגעבראַכט, און איז געווען זייער אופגעלייגט.

— כ'וועל אײַך באַלד ווײַזן אַף דער וואַנט א שיין מײַסעלע, — האָט ער זיך געווענדט צו אונדז. — כ'וועל אַרײַנשטעלן אין אַפּאַראַט אָט די אַלע פּלאַטן, און איר וועט דערזען די גאַנצע געשיכטע פון דער „שניי־קיניגן". איר וועט אויך איבערלייענען אַף דער וואַנט די פערזן, וואָס וועלן זײַן אונטער יעדן בילד.

— מע רופט עס „קישעף־לאַמטערן", — האָט צוגעגעבן די מאַמע. און שוין פונעם נאָמען אַליין — „קישעף־לאַמטערן" איז אונדז געוואָרן פריילעך.

נאָר ניומע האָט גאַנץ גלײַכגילטיק איבערגעכאַזערט, אפילע א ביסל איראָניש: „קישעף־לאמטערן“.

אין דער דאָזיקער מינוט בין איך אים שטארק מעקאנע געווען. אַלץ ווייסט ער. עס איז ניטאָ די זאַך, וואָס ניומע זאָל ניט וויסן. ער האָט שוין געוויס געזען ניט איין קישעף־לאמטערן... אָט האָט ער שוין אפילע געכאפּט א גענעץ. איך האָב אויך געפּרוווט עס טאָן, צו דערווײַזן, אַז איך בין גאָרניט איבעראַשט, נאָר אין דער זעלבער רגע האָב איך שוין פארגעסן וועגן ניומען, וועגן זיך, וועגן דעם, אַז איך בין שוין קימאַט א באַרמיצווע־ייִנגל און דאַרף אומעטום אַרויסווײַזן גרויסע באַהאַוונטקײַט. ניומע אַליין האָט אויך פארגעסן, אַז ער איז ניומע, און פון זײַן געמאַכטער גלײַכגילטיקײַט איז ניט געבליבן קיין סימען. אַף דער וואַנט זײַנען געשווומען די פאַנטאַסטיש־שיינע איליוסטראַציעס צו אַנדערסענס פּרעכטיקער מײַסע „די שניי־קיניגין“. די מאַמע האָט מיט איר ווייכער שטים געלייענט דעם טעקסט אונטער די בילדלעך. ניומע האָט אַוועקגעלייגט זײַן האַנט אַף מײַן פּלייצע, און איך האָב דערפילט, אַז מײַן כאַווער איז פּונקט אַזוי פאַרקישעפט, ווי איך, און אַז פון הײַנט אָן וועלן מיר שוין האָבן נײַע שפּײַז פאַר אונדזערע שפּילערײַען.

אין צימער האָט א ביסל געשמעקט מיט גאַז: אינעם לאַמטערן איז געווען א גאַז־לעמפּל און ס׳האָט עטוואָס געריכערט. די ייִנגערע שוועסטער, רייזעלע, האָט באַ יעדן נײַ בילדל הויך אויסגעשריִען, געקלאַפּט אין די הענט און געלאַכט פון פאַרגעניגן, דערנאָך, ניט וויסנדיק, וויִאַזוי ווײַטער אויסדריקן איר אַנציקונג, איז זי צוגעלאָפן צום טאַטן און גענומען אים קושן. מוישעלע האָט געהאַלטן באַם מויל אַן עפּל, פלײַסיק אים אַרומגעלעקט און געלאַכט אָדער געכניקעט, גאָרניט דאַן, ווען מע האָט באַדאַרפט. ענדלעך איז ער צוגעלאָפן צו דער וואַנט און געוואָלט אַראָפּרײַסן פון איר דאָס בילד. דאָס האָט זיך אים, זעלבסטפאַרשטענדלעך, ניט אײַנגעגעבן, דאַן האָט ער גענומען אַרײַנקוקן אין אָביעקטיוו, נאָר ער האָט געמוזט גלײַך אַוועקכאַפּן די אייגלעך.

דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער, פרייִלעכער אָוונט... ווען די מאַמע האָט מיך דערנאָך געפרעגט, וויִאַזוי איז מיר געפעלן געוואָרן דאָס נײַע שפּילכל, האָב איך ניט געוווסט וואָס איר צו ענטפערן, ריכטיקער צו זאָגן, איך האָב יאָ געוווסט, נאָר באַשלאָסן צו מאַכן, ווי ניומע, דעם אָנשטעל, אַז איך בין ניט אַנציקט. גאַנץ רויִק און אײַנגעהאַלטן האָב איך א זאָג געטאָן, אַז ס׳איז נישקאָשע, מע קאָן קוקן. די מאַמע האָט געהאַט עמעסן פאַרדרוס פון מײַן ענטפער, און איך האָב געקראָגן אַף איר ראַכמאָנעס, זי אַרומגענומען און א קוש געטאָן.

...פונוואַנען האָב איך געקאָנט וויסן, אַז די דאָזיקע קישעף־בילדלעך אַף דער וואַנט וועל איך דערנאָך ווידמען מײַן גאַנץ לעבן?



שלוימע טשערניאַווסקי

אַזאַ מין קישעף

כ׳צאָל מיט גאָלד

אינעם אויסשיט הארבסטיקן פון שטערן
גוט איז שווײַגן, דיך אצינד נאָר הערן.
לייג די קאָרטן, טרעפּערקע, פּאַנאַנדער, —
טרעף: א בריוו פון יוגנט צו מיר וואַנדערט?
צי איך וועל זי יאָ, צי ניט באקומען?
כ׳צאָל פאר אלץ דיר איצטער מיט מעזומען:
כ׳צאָל מיט גאָלד פון פאָלנדיקע בלעטער,
כ׳צאָל מיט שטערן — דימענטן פון עטער...

אין קאָסמאָס כ׳גיי ארויס

כ׳פאַרוואַרף דעם קאָפּ צום הימל־רוים דעם ברייטן
פון מײַן באַוווינטער ערדיש־גוטער נעסט,
און זאָג צו דער לעוואָנע: זאָלסט זיך ׳גרייטן
צו אופנעמען די לאַנג־געגאַרטע געסט...

ווען ארום איר באַגלייטערס מײַנע פליִען
און קוקן צו דער קאַלע גוט זיך צו,
און זי, מײַן אַלטיטשקע, נעמט ווידער בליִען
און וויסט ניט פון קיין שלאָף מער, פון קיין רו...

איז דריי זיך, ערד, אין קאָסמישן געוויטער,
ארום דײַן אייביקער, געטרײַער אַקס.
אף נײַע, ניט־באַטראָטענע אַרביטעס
איך שיק ראַקעטעס ווײַטער פונעם מאַרס.

אין קאָסמאָס כ׳גיי ארויס אין א סקאַפאַנדער,
און ס׳בלענדט מײַן רויטער שטערן פאר דער וועלט,
איך רוק נאָר זײַנע גרענעצן פאַנאַנדער
צו שטעלן אף וועגערע מײַן געצעלט.

די ווײַט די קאָסמישע — שוין ניט קיין ווײַטע,
און אָפן איז דער וועג פאר אונדז און קלאָר,
ווען אונדזער ערד — א רויטער עפּל — צײַטיקט
און שענער ווערט פון יאָר צו יאָר.

* * *

ווען כ׳וואָלט פאַרמאָגט אין זיך אזאַ מין קישעף,
כ׳וואָלט אַלע הערצער לײַדנדע געהיילט,
און צווישן טוישנוים פון מײַן גרויסן יישעוו,
פונקט ווי א לעבל ברויט, מײַן פרייד געטיילט...

און פאַזעמקעס א קאָרב און מילך א קריגל
געשטעלט בא יעדער שוועל נאָך אין באַגין,
פאר יעדן בויער אָנגעטראָגן ציגל,
צעעפנט בלומען־בעכערלעך דער בין.

און יעדן ווײַנטרויב פון א ווײַנטרויב־הענגל
פאַרוואַנדלט אין אן אוירינגל־סאַפּפיר,
אַט דאָס געשאַנק מײַן ליבער וואָלט איך ברענגען,
ווי אָנגעמאָסטן וואָלט עס זײַן פאר איר.

ווי פון א מײַסעלע צו איר כ׳וואָלט קומען
(עס טרעפט אין לעבן אויך מיט אײַך צומאָל),
איך וואָלט מײַן זאָלושקע ארומגענומען
און שיכעלעך געשענקט איר פון קרישטאָל.

פון רעגנבויגן כ׳וואָלט א רייף געבויגן,
און אַט אזעלכע בונטע רייפן צוויי
אף אַקס אף שטײַפער וואָלט איך אָנגעצויגן,
א רײַטוואָגן געמײַסטערוועט פון זיי.

און אײַנגעשפּאַנט אין אים צוויי פערד —
צוויי בליצן,
פאר זיי פאַדקאָוועס גאָלדענע געשמידט, —
מיט פונקען גאָלדענע זיי זאָלן שפּריצן,
ווען ס׳פאָרט ארויס מײַן זאָלושקע, מײַן ליד...

זאָל ברענען פון ליבע דער שײַטער

עס טאָר אף דער ליבע
קיין שאָטן ניט פאַלן,
קיין שטויבעלע אייפער,
קיין שטויבעלע קינע,
איז טראָג איך א סנאָפּ —
אירע גאָלדענע שטראַלן —
אוועק אין באַגינען.

איז זאָלן די ווינטן
דעם סנאָפּ מײַנעם דרעשן,
די זוימען צעזייען,
נאָר פונקען פון ליבע
בא זוימען ניט לעשן —
ס׳איז פריידן און ווייען.

ווײַל אייביק פון ליבע
דאָס גאָלדענע פײַער, —
עס דויערט,
ביזוואַנען דאָס לעבן סע דויערט.
פאר די,
וואָס זיי קומען די ערד צו באַנײַען,
צעפּראַלט עס זײַן טויער.

טאָ זאָלן זיי קומען,
דאָס לעבן זאָל יאָמטעוון ווײַטער.
ביז ס׳קלאַפּט נאָך דאָס הארץ
און אין הארצן איז זומער —
זאָל ברענען פון ליבע דער שײַטער!

זינאָווי שולמאַן

אָנהייב וועג

און אָט האָט עס מיך אויך אָנגעכאַפּט:
איך בין שוין אַ בען־שישים און איך
שרײַב מעמוארן...

סלאָבאָדקע ראָמאַנאָווקע

מײַן קינדהײַט איז אַדורך אין די הינטערגעסעלעך פון דער שיינער שטאָט אָדעס, אָף סלאָבאָדקע ראָמאַנאָווקע. אין יענע צײַטן איז דאָס געווען איינער פון די אָרעמסטע ראַיאָנען פון אָדעס. קרומע, שמאָלע געסלעך, שמוציקע הויפן, קליינע הײַזלעך, אָנגעפּאַקטע מיט ווײַסטער אָרעמקײַט.

אונדזער גאַס פלעגט אופשטיין אַ סאַך פריִער פאַר דער זון. אַלץ אַרום איז מיר געווען אַזוי באַקאַנט, אַז איך האָב געקאָנט אַפילע פון שלאָף פעסטשטעלן, ווער פון די שכיינים דערלאַנגט עס באַגינען אַפן ניכטערן האַרצן אַ שעלט.

אָט הערט זיך נאָענט, פונקט ווי דאָס וואָלט פאָרגעקומען בײַ אונדז אין שטוב: „נו, מײַן טײַערע ברויטגעבערן, גענוג שוין צו שלאָפן. צײַט נעמען זיך צו דער אַרבעט. דו ווייסט דאָך — פינף מײַלער וואַרטן, מע זאָל זיי אָנהאָדעווען. ווער זשע וועט עס טאָן, אויב ניט איך מיט דיר?“

דאָס טײַנעט זיך אויס דער פעטער כאַיִם מיט זײַן טאַטשקע, פונקט ווי מיט אַ לעבעדיקער באַשעפעניש. עס הערט זיך אַ גערודער — דער פעטער כאַיִם האָט אַרויסגעפירט זײַן „פאַעטאָן“ אָף די שטיינער פון אונדזער גאַס. דאָס גאַנצע לעבן זײַנס טרוימט דער פעטער כאַיִם וועגן אַ פערדל, נאָר דערווײַל בלײַבט עס נאָר אַ טרוים. ער אַליין שפּאַנט זיך נעבעך אײַן אין די האָלאָבליעס. אומקערנדיק זיך פאַרנאַכט אָן אויסגעמאַטערטער, פלעגט ער גערן לאָזן אונדז, יִינגלעך, זיך פאָרען מיט זײַן טאַטשקע, אַבי מע זאָל זי ברענגען אָף אָן אָרט, אַבי די פאַרמאַטערטע הענט זאָלן זיך געזעגענען מיט איר ביז מאָרגן פרי...

פון דער אַנדערער זײַט גאַס הערט זיך אַ באַקאַנט קלאַפּן. דאָס האָבן אָנגעהויבן זייער אַרבעטסטאָג די צוויי האָרעפּאַשניקעס, די צוויי בעסטע כאַווײרים — דער קאָוואַל הריצקאָ און דער בלעכער דאָוויד, די בעקאָוועדיקסטע מענטשן בײַ אונדז אין גאַס. דעם פעטער דאָוויד האָבן מיר שטאַרק ליב געהאַט. אָך איז דאָס געווען אַ ווױלער מענטש!

שפּעטער פלעגן זיך לאָזן הערן די צוויי באַרימטסטע ווײַבלעך פון סלאָבאָדקע ראָמאַנאָווקע, דאָס צירונג פון אונדזער גאַס — כײַע די גראָבע און דווירע די געלע, זיי האָבן געהאַנדלט מיט פיש. כײַע איז געווען גראָב, אַוואַדע אָנדערהאַלבן מעטער אין דער ברייט, און האָט פאַרמאָגט אַ פאָר פיס ווי קלעצער. אַ קאָל האָט זי געהאַט אַ קוויטשענדיקס און אַ הילכיקס, ווי אַ פײַף פון אַ לאָקאָמאָטיוו. עס פלעגט אויש אָנ־

כאַפּן באַם האַרצן, ווען זי פֿלעגט זיך צעשרײַען: „ביטשקי, ביטשקי, סוועזשיִע[1], סקומבריִא, סקומבריִא, סאַליאַנאַיאַ, קאַפּטשאַנאַיאַ[2], קאַמבאַלאַ, קאַמבאַלאַ!"

דווירע די געלע איז געווען פּונקט דער הייפּעך פֿון כּײַע דער גראָבער — אַ הויכע און אַ דאַרע. די נאַטור האָט זי אויך באַשאָנקען מיט אַ גרילצנדיק קעלכל, פּונקט ווי כּײַען. קעדיי ניט אַרײַנפֿאַלן אין כּײַעס טאָן, פֿלעגט דווירע זיך סטאַרען שרײַען מיט אַ גראָב קאָל — מיט אַ מין ווײַבערשן באַריטאָן.

דער דועט פֿון כּײַע דער גראָבער מיט איר קוויטשענדיקן סאָפּראַן און דווירען דער געלער מיט איר הייזעריקן באַריטאָן איז געווען שטאַרק באַליבט בײַ די קוינים פֿונעם אָדעסער אַזויגערופֿענעם נײַעם מאַרק.

אין אונדזער געסעלע האָבן מיר זיך גערעכנט ניט פֿון די אָרעמסטע. אין שטוב איז געווען אַ קאָמאָד, צוויי בעטן, אַ טיש מיט עטלעכע בענקלעך. בײַ אַנדערע שכנים איז דאָס אויך ניט געווען.

מיר זײַנען געווען טאַקע ניט פֿון די אָרעמסטע, נאָר קריגן צוויי קאָפּעקעס צושטײַער אויף אַן „עקסקורסיע" צום ים מיט כעוורע יינגלעך איז געווען פֿאַר מיר זייער שווער, קימאַט אומעגלעך.

אונדזער כעוורע איז באַשטאַנען פֿון אַ צענדליק באָרוועסע יאַטלעך. דער ראש פֿון דער קאָמפּאַניע איז געווען אַ שוואַרצינקער, פּריילעכער יונגאַטש — יאַשקע, אַ שטיוולפּוצערס אַ זון. אַחוץ פּוצן שטיוול און טרינקען בראַנפֿן, האָט זײַן פֿאָטער געקאָנט שילטן זיך מיט טויטע קללות און בייקערן די בײַנער דעם ווײַב און די קינדער.

מײַנע עלטערן זײַנען געווען קעגן דעם, איך זאָל זיך כאַווערן מיט יאַשקעס קאָמפּאַניע. די מאַמע, ווי אַלע מאַמעס, וואָס טרייסלען זיך איבער זייערע קינדערלעך, פֿלעגט זאָגן: „אָף קיין גוטס קאָן מען זיך פֿון דער באַקאַנטשאַפֿט ניט ריכטן, קאָנסט נאָך כאַלילע דערטרונקען ווערן", „עס פֿאַלט מיר אַרויס די נעשאָמע — אינמיטנדערינען אַנטלויפֿט ער אָן אַ זײַ־געזונט און סטײַעט ניט אָף אַ גאַנצן טאָג! דער טאַטע וועט זיך דערוויסן, וועט ער דיך דערהאַרגענען!"

אַמאָל פֿלעג איך אַ טראַכט טאָן: צוליב וואָס דאַרף איך עס? און איך פֿלעג צוזאָגן טאַטע־מאַמע, אַז מער וועל איך שוין ניט האָבן צו טאָן מיט יאַשקען. נאָר אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מיך ווידער געצויגן צו דער כעוורע, ווי מיט אַ מאַגניט.

ניין, איך האָב ניט געקאָנט לעבן אָן דער כעוורע, אָנעם ים! איך האָב געליטן, נאָר פֿרעגן באַם טאַטן האָב איך מוירע געהאַט. ערשטנס, מאַלע וואָס עס קאָן אים אײַנפֿאַלן אין קאָפּ! לעבן מיטן טאַטנס סייכל — דאָס הייסט געזעגענען זיך אָף אייביק מיט דער פּריילעכער כעוורע און מיטן ים! דער פֿאָטער זאָל גיין מיט מיר, איז געווען אַ קנאַפּע האָפֿענונג. ער איז געווען שטענדיק פֿאַרטאַראַראַמט, פֿלעגט קומען פֿון דער פֿאַבריק אַ פֿאַרמאַטערטער. אין דער פֿרײַער צײַט איז ער געווען פֿאַרנומען מיט דעם, וואָס אָדער ער איז ערגעץ געגאַנגען הערן זינגען, אָדער ער האָט געזונגען אַליין... און אַחוץ האַמײַסע, וואָס פֿאַר אַ פֿאַרגלײַך קאָן זײַן צווישן מײַן פֿאָטערס קאָמפּאַניע און יאַשקעס פּריילעכער כעוורע?

מײַן פֿאָטער

מײַן זיידע, דעם פֿאָטערס פֿאָטער, כאַים־לייב שולמאַן, איז געווען אַ מעלאַמעד אין זשלאָבין (ווײַסרוסלאַנד), נאָר אַ מעלאַמעד, אַזוי צו זאָגן, אַ פּראָגרעסיווער, מע האָט אים גערופֿן „פּעדאַגאָג". ער האָט אָוועקגעלייגט אַ סאַך קויכעס, קעדיי אײַנאָרדענען אַנשטאָט כאַדאָרים ייִדישע שולן. אין אַזעלכע שולן פֿלעגט מען לערנען, כוץ ייִדיש, אויך רוסיש, מאַטעמאַטיק, געשיכטע, געאָגראַפֿיע.

די קלייקוידעש האָבן, נאַטירלעך, געהאַלטן דעם זיידן פֿאַר אַן אַפּיקוירעס, פֿאַר אַ „וואָס אין דער קאָרט". דער בעסטער באַווײַז איז געווען זײַן האַלבאַשעס: אַנשטאָט אַ כאַניאַקישן לאַפּסערדאַק מיט אַ טאַלעסקאַטן איז ער געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ גוט אויפֿגענייטן אַנצוג, אין אַ ריין העמד מיט אַ שניפּס, אַנשטאָט אַ לאַנגער באָרד־און־פּייעס האָט ער געהאַט אַן אַקוראַט אונטערגעשוירן קליין בערדל, אַנשטאָט ברילן האָט זײַן נאָז באַקרוינט אַ פּענסנע, אַזוי ווי בײַ דעם גאַלעך אַטיעץ[3] ספּירידאָן, וועלכער האָט געלערנט אין גימנאַזיע „זאַקאָן באָושי"[4].

דאָס אייניציקע, וואָס האָט נאָך אָפּגעהאַלטן די פֿאַנאַטיקער פֿון אַרײַנלייגן מײַן זיידן אין כיירעם, איז געווען דאָס, וואָס ער איז געווען אַ ייִד אַ לאַמדן, אַ מומכע אין די שוואַרצע פּינטע־

[1] פֿרישע; [2] געזאַלצענע, גערייכערטע; [3] פֿאָטער; [4] לימעד פֿון רעליגיע.

לעך. ער פלעגט זיך אויך אמאָל שטעלן צום אָמעד ווי א גוטער באַל־טפילע. און טאקע איבער־הויפט צוליב דעם האָבן די קעגנער זייַנע געהאט פאר אים גרויס דערעכערעץ.

דער אוילעם, וועלכער איז געקומען הערן דעם „טרייפן מעלאמעד" (אזוי האָט מען גערופן דעם זיידן), פלעגט הערן אויך זייַן קליין באהעלפערל מיט דעם זיסן אלט. דאָס איז געווען א צעניאָריק יאטעלע — בערעלע שולמאַן.

בערעלע האָט שטארק ליב געהאט זינגען. ווען ער וואָלט כאָטש א פערטל אזוי וועלן לערנען, ווי זינגען, — פלעגט זאָגן דער זיידע, — וואָלט פון אים ארויס א גאָען האדאָר.

זינגען האָט בערעלע געקאָנט טאָג־און־נאכט. נאָר פאר דעם זינגען האָט קיינער אין מארק אָדער אין קראָם גאָרנישט ניט געגעבן. און דער זיידע איז געווען א מעטופל מיט קינדער. בערעלע — דער פינפטער. גלייַך נאָך באר־מיצווע איז בערעלע אָנגעקומען פאר א העלפער צו א בעקער, דערנאָך געארבעט אין א קוזניע.

דער טאטע, דעמלט פאָשעט בערעלע, איז געווען א מענטש פון מיטעלן וווקס, מיט א פאָר ברייטע פלייצעס, שטארקע מוסקולן, אטלעטיש געבויט, מיט א שיינעם קאָפ האָר און א פאָר לעבעדיקע פריילעכע אויגן. מע האָט דערציילט, אז מע פלעגט אף אים ארופלייגן א קלאָץ פון זיבן־אכט פוד, פלעגט ער אפילע זיך קיין קרים ניט טאָן און נאָר א זאָג געבן: „אנו, בערעלע, הייַדא פאָרויס!"

אכוץ געזונט און גווורע, האָט די נאטור געשענקט מייַן פאָטער, ווי געזאָגט, א שיינע שטים.

איינמאָל איז צו דער קוזניע, ווו מייַן טאטע האָט געארבעט, צוגעפאָרן א בויד אונטערקאָוועו די פערד. ביז וואָס ווען, האָט מען זיך צערעדט. לאָזט זיך אויס, מע פאָרט קיין מאָליעוו — מע דארף דאָרט מענטשן אף ארבעט אין וואלד. ס'איז א מין שמאלץ־גרוב: מע צאָלט גוט און מע גיט נאָך א ווױנונג דערצו. האָט זיך בערעלע טייקעף פארשריבן. און אינגיכן איז ער שוין געווען א זעגער, א טרעגער, א האָלצהעקער, א באלעגאָלע אין קאלינקאָוויטש.

אמאָל האָט בערעלעס זינגען פון דער ווייַט דערהערט א פעטערבורגער וואלד־ספעציאַליסט, וועלכער איז געקומען אף עטלעכע טעג קיין קאלינקאָוויטש. ער האָט געמיינט, אז דאָס זינגט עפעס א באוווסטער זינגער, וועלכער רוט דאָ אָפּ אף דאטשע. גרויס איז געווען זייַן וווּנדער, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אז דאָס זינגט א פאָשעטער ארבעטער.

דער וואלד־ספעציאַליסט איז געווען א גרויסער ליבהאָבער פון געזאנג. ער האָט אָנגעהויבן אגיטירן דעם פאָטער, ער זאָל פאָרן שולן די שטים. פאר מייַן פאָטער איז עס געווען ניט קיין נייַס, וואָס מע לויבט זייַן שטים, נאָר ער האָט ניט געלייגט קיין אכט אף דעם.

דער פאָטער האָט געענטפערט, אז דאָס איז אָן ארבעט פאר גווירים. קאפצאָנים דארפן זיך ניט פארדרייען דעם קאָפּ מיט קיין פוסטע זאכן.

שאבייסענאכטס האָט בערעלע ליב געהאט צו זינגען. זייַן שטים פלעגט הילכן דורך די אָפענע פענצטער און פלעגט זיך דערטראָגן וויַיט־וויַיט — אזש ביזן „שושיי", ווו ס'איז געווען דער קאלינקאָוויטשער הויפט־שפאציר.

א סאך פלעגן זיך צונויפקלייַבן אונטער די פענצטער, קעדיי בעסער הערן דאָס שיינע געזאנג. דעם כאזן פון האָמעל, דעם בארימטן באָרעך־דאָוויד, וואָס איז אמאָל אהער אראָפּגעקומען, איז מייַן פאָטערס זינגען אויך שטארק געפעלן, ער האָט אים אפילע געוואָלט ארויסנעמען אין האָמעל און מאכן אים פאר א כאזן.

קיין גרויסע זיבן גליקן האָבן דעם פאָטער אין קאלינקאָוויטש ניט געטראָפן: אין האָמעל לערנען זיך פאר א כאזן — ניט געפאָרן, קיין וואלד־ספעציאַליסט — ניט געוואָרן, געבליבן דער זעלבער ארבעטער, ווי געווען. נאָר איין גוטע זאך האָט ער פאָרט אָפּגעטאָן אין קאלינקאָוויטש — כאסענע געהאט פאר מייַן מאמען.

מאלקע, איינע פון די פינף טעכטער פונעם וואלד־מייַסטער, האָט שטארק ליב באקומען דעם שיינעם, פריילעכן וואלד־ארבעטער. און ער האָט אויך געשעצט זיך פאר גליקלעך, וואָס ער האָט באקומען אזא מין מאלקע פאר א ווייַב.

ניט מייַן פאָטער, ניט די מאמע און איך אוודע האָבן קיינמאָל אף דעם קיין כאראָטע ניט געהאט.

סאָפּקאָלסאָף איז דער פארלאנג לערנען זיך זינגען געוואָרן בא מייַן פאָטער אן אידייפיקס. דער פעטערבורגער וואלד־ספעציאַליסט האָט ניט אופגעהערט אגיטירן און האָט געוואָלט אים מיטגעבן א בריוו צו זייַנעם א גוטנפרייַנט אין אָדעס, א גרויסן ליבהאָבער פון נעגינע, מיט א ביטע — העלפן דעם פאָטער אָנקומען אף אן ארבעט און לערנען זיך זינגען. מייַן מאמעס מישפאָכע איז געווען שטארק קעגן, איר פאָטער האָט געזאָגט: „איך וועל דיך דאָ מאכן פאר א

וואלד־ספעציאַליסט. דאַ האָב איך עס בעיאד; איז צוליב וואָס דאָס פּאָרן, דאָס וואַלגערן זיך אין א פרעמדער שטאָט?"

דער פּאַטער איז אָבער אוועקגעפּאָרן קיין אָדעס. דער פריינט פונעם פּעטערבורגער אינזשעניער איז אויך געוואָרן א הייסער כאָסיד פון מײַן פּאַטערס שטים. ער האָט אים אײַנגעאָרדנט אַף ארבעט אין דער טאבעק־פאבריק, ווו ער אליין האָט געארבעט אלס אינזשעניער, און האָט אים געפירט פארהערן צום פּראָפעסאָר דעלפינאַ־מענאַטי.

„פון דעם באָכער, — האָט געזאָגט דער איטאַליענער, — קאָן זײַן א טאָלק. איך וועל אליין שטודירן מיט אים".

און גאָר אינגיכן האָבן מיר, די מאמע מיט די קינדער, דורכגעמאכט א גרויסע רײַזע — פון קאַלינקאָוויטש קיין אָדעס.

דער פּאַטער איז געווען גליקלעך — ער האָט געארבעט, געלערנט זיך בא א פּראָפעסאָר און די מישפּאָכע איז אויך געווען מיט אים. ווער האָט געקאָנט זײַן גלײַך צו אים?

נאָר יענע יאָרן האָט א קאַפּצנס גליק ניט לאַנג געדויערט. דעם פּאַטערס ווילן זיך לערנען זינגען איז טאַקע געווען אומגעהייער גרויס, נאָר די נויט איז געווען נאָך גרעסער. קעדיי אויסהאַלטן די פאמיליע, האָט דער פּאַטער געמוזט שווער הארעווען. די פאבריק איז געווען זייער ווײַט פון אונדזער שטוב. קומענדיק אַן אויסגעמאַטערטער, פלעגט דער פּאַטער נאָך אויספילן באַשטעלונגען פון פריוואטע קוינים — אָנשטאָפּן פּאַר זיי פּאַפּיראָסן. כוץ דעם, און דאָס איז געווען דער איקער, האָט דער טאבעק־שטויב צעפרעסן זײַן גאָרגל. ס'איז אים שווער געווען צו זינגען, און דער פּראָפעסאָר האָט אים געהייסן אריבערגיין אַף אן אנדער ארבעט.

ס'רעדט זיך אַזוי — אַן אנדער ארבעט. ווו נעמט מען זי? פיל ארבעטסלאָזע זײַנען אומגעגאַנגען איבער אָדעס. ווער האָט געוואָרט אַף א פּאַשעטן ארבעטער?

און דאָ איז געקומען צוהילף דעם פּאַטערס שטים.

לויט דער רעקאָמענדאַציע פון דעם מאַעסטראָ דעלפינאַ־מענאַטי האָט מען אים גענומען אין דעם אָדעסער אָפּערע־טעאַטער אלס כאָריסט.

אויך דאָס גליק האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט — אינגאַנצן צוויי טעג. אַפן דריטן איז דער טאַטע ארויסגעפלויגן פון טעאַטער.

פּאַרגעקומען איז דאָס אַזוי.

מע האָט געשטעלט די אָפּערע „דעמאָן" מיט דעם גרויסארטיקן באַריטאָן באַטיסטיני אין דער הויפּט־ראָל. דער זאַל איז געווען געפּאַקט, דאָס פּובליקום — יאָמטעוודיק געשטימט, דער דערפאָלג — אַן אויסערגעוויינלעכער.

אין דער מאַסן־סצענע, ווו די באַגלייטער פונעם פירשט סינאָדאַל שטעלן זיך באַנאַכט אָפּ אַף אָפּרו, האָט זיך באַטייליקט אויך מײַן פּאַטער.

ס'איז פינצטער. די טשערקעסן שלאָפן. אין דער פינצטערניש וואַקסט אויס די פיגור פונעם דעמאָן. און פּלוצעם רײַסט זיך ארײַן אין דער ארומיקער שטילקײַט אַן אויסגעשריי: „אוי ווײ!".

דער זאַל איז מאַמעש אופגעטרייסלט געוואָרן פון געלעכטער.

לאָזט זיך אויס, אַז באַטיסטיני האָט, ארויסלויפנדיק אַף דער סצענע, ארופגעטראָטן אַף דער האַנט איינעם פון די „שלאָפנדיקע טשערקעסן". דאָס איז געווען דער נײַער כאָריסט — באָריס שולמאַן...

טייקעף נאָך אָט דעם „גלענצנדיקן" דעביוט האָט זיך פארענדיקט זײַן ארבעט אין דעם אָדעסער אָפּערע־טעאַטער.

שפּעטער איז דער פּאַטער אָנגעקומען אין כאָר צום באַוווּסטן כאַזן ראַזומני און איז אינגיכן געוואָרן א סאָליסט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן א נײַע עפּאָכע אין מײַן פּאַטערס לעבן.

עס האָט זיך אויך געענדערט אונדזער מאַטעריעלע לאַגע. מיר זײַנען אריבערגעפּאָרן פון סלאָבאָדקע ראָמאַנאָווקע אין צענטער שטאָט.

אין אָדעס האָבן אין יענע יאָרן געוווינט א סאַך באַגאַבטע יידישע אַקטיאָרן: קלאַרע יונג, פּעפּי ליטמאַן, ווערע זאַסלאַווסקאַיאַ, ראָזע שטשערבאַקאָוואַ, מישע פישזאָן, ג. אקערשטיין, מ. איריס, א. סעגאַל אאַ.

ניט יעדער אויסגעצייכנטער זינגער האָט געקאָנט אויסנוצן זײַן טאַלאַנט אַף דער אָפּערע־סצענע. די מערהײַט פון זיי פלעגן ווערן כאַזאָנים. עס פלעגן זיי אונטערכאַפּן די געשעפטמאַכערס פון די יידישע קעהילעס און אויסנוצן אָט די סכוירע אַף מאכן געלט.

אין אָדעס איז דעמלט געווען א גאַנצע פּלעיאַדע אויסערגעוויינלעכע מײַסטערס — כאַזאָניט: יאַנקעוו באַכמאַן — א הערלעכער טענאָר, מע פלעגט אים פארגלײַכן מיטן גרויסן איטאַל־

יענישן העלדן-טענאָר — טאַמאַניאָ, דער פענאָמענאַלער כאַזן מוישע קאַרניאָל, וועמעס קאָל עס האָט פאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינלעכן דיאַפּאַזאָן: ער האָט געקענט זינגען מיט א באַס, א באַריטאָן און א טענאָר. מוישע קאַרניאָל פלעגט זאָגן באַכמאַנען, וועלכן ער האָט גערעכנט פאַר „ניט קיין שלעכטן“ טענאָר: „הערסט, יאַנקל, דו קאָנסט זיך סטאַרען דערגרייכן צו מײַן טענאָר. אָבער וואָס וועסטו טאָן מיט מײַן באַריטאָן און מיט מײַן באַס?“

דער כאַזן פּיצע אַבראַס האָט פאַרמאָגט אַן אולטראַלירישן טענאָר, זיס ווי א פידל. און א קאָלאָראַטור האָט ער געהאַט, אַז עס פלעגן אים מעקאַנע זײַן די בעסטע אָפּערע-זינגערנס.

אָבער דער גרעסטער שטערן צווישן זיי אַלע איז געווען עפראָיִם-זאַלמען ראַזומני. ער פלעגט מאַמעש רײַסן די הערצער בא די צוהערער מיט זײַן מעסיקעסדיק געזאַנג.

דאָס, וואָס מײַן פאָטער איז געוואָרן א סאָליסט אין ראַזומניס כאָר, האָט באַטײַט, אַז עס גייט אויף א נײַער שטערן.

ראַזומניס געזאַנג, זײַן כאָר און די אויסגעצייכנטע סאָליסטן פלעגן צוציִען אַלעמאָל א מענגע צוהערער.

אין איינעם א טאָג איז א גרופּע סאָליסטן פון דעם מילאַנער אָפּערע-טעאַטער, וועלכער האָט גאַסטראָלירט אין אָדעס, בעראָש מיטן באַרימטן מאַטיאָ באַטיסטיני, „דעם קיניג פון אַלע באַריטאָנען“, געקומען הערן ראַזומנין, און אויך דעם טענאָר — באָרעך שולמאַן.

די געסט האָבן שטאַרק געלויבט דעם פאָטערס שטים און רעקאָמענדירט שיקן אים לערנען קיין איטאַליע. די פאַרוואַלטונג פון דער קעהילע האָט באַשטימט — שיקן דעם פאָטער קיין מילאַן, קעדיי צוגרייטן א פאַרטרעטער פונעם גרויסן ראַזומני, וועלכער איז שוין געווען ניט יונג.

די איטאַליענישע געסט האָבן מיטגעגעבן דעם פאָטער א בריוו קיין מילאַן צום אָנגעזעענסטן פּעדאַגאָג פון וואָקאַל — אווגוסטאָ בראָדזשי.

ווען מײַן פאָטער איז געקומען צום ערשטן מאָל צו בראָדזשי, זײַנען אין קלאַס געווען א סאַך טאַלמידים — די מערהײַט פון זיי רײַכע יונגעלײַט. זיי זײַנען געווען שיין אָנגעטאָן און געקוקט מיט ביטל אַף דעם נײַעם שילער, אַף זײַן אָרעמען הוילעך און פאַרשעמטן אויסזען.

בראָדזשי האָט געפרעגט:

— וואָס וועט איר זינגען?

דער פאָטער האָט געזאָגט, אַז ער וועט זינגען די ערשטע אַריע פון קאַוואַראַדאָסי (אָפּערע „טאָסקאַ“ פון ד. פּוטשיני).

— אָהאָ! — האָט אויסגעשאָסן עמעצער פון די יונגעלײַטלעך, און אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

— איך בין געוואָרן שטאַרק אין קאַס, דאָס העלפט אַמאָל: גיט צו קוראַזש, — האָט דערציילט דער פאָטער, — און איך האָב פעסט באַשטימט באַווײַזן, וואָס איך האָב די ווערט. איך האָב געזונגען מיט האַרץ און נעשאָמע. לויט דער שטילקײַט אין אַאודיטאָריע און לויט דער אָנגעשטרענגטקײַט, האָב איך דערפילט, אַז איך האָב געטראָפן אין סאַמע פּינטל. איך האָב פאַרענדיקט. א פּאַוזע... אַלע שווײַגן... קיינער שמייכלט אפילע ניט... און אין דער שטילקײַט דערהער איך מאַעסטראָ בראָדזשיס ווערטער: „אָט האָט איר געלאַכט. אָבער לאַכן לאַכט דער, ווער עס לאַכט דער לעצטער. איך קאָן אײַך זאָגן, מײַנע ליבע פרײַנט, אַז דער סיניאָר שולמאַני פאַרמאָגט אַן עמעסן טענאָר און ער וועט טאַקע זיכער זײַן אַן אָפּערע-זינגער! זינגט נאָך עפּעס!“ — האָט דער מאַעסטראָ זיך געווענדט צו מיר. „איך האָב מער גאָרניט. מיט מײַן לערער אין אָדעס דעלפינאָ-מענאָטי האָב איך אויסגעלערנט דערווײַל נאָר איין זאַך“, — האָט געענטפערט מײַן פאָטער, און אַלע האָבן זיך ווידער צעלאַכט, נאָר גאָר פרײַנטלעך, מיט אַן אַנדער מין געלעכטער.

„איך קאָן אויסזינגען איינע פון מײַנע סינאַגאָגאַלע סאָלעס“, — האָט פאָרגעלייגט מײַן פאָטער. דער מאַעסטראָ איז מאַסקים געוואָרן.

דאָס געזאַנג האָט געמאַכט א גרויסן רוישעם — די געוועזענע אָפּלאַכער האָבן הייס אַפּלאָדירט.

אינגיכן האָט בראָדזשי אָנגעהויבן שטודירן מיט זײַן נײַעם טאַלמיד די פּאַרטיע פון מאַנריקאָ אין ווערדיס אָפּערע „טרובאַדור“. דער מאַעסטראָ האָט אפילע ניט געוואָלט הערן וועגן דעם, אַז מײַן פאָטער דאַרף זיך אומקערן צוריק אין אָדעסער סינאַגאָגע לויטן אָפּמאַך מיט דער פאַרוואַלטונג פון דער קעהילע, וועלכע האָט אויסגעהאַלטן דעם סטיפּענדיאַטס מישפּאָכע אין אָדעס. בראָדזשי האָט פאָרגעלייגט צו לערנען אומזיסט מיטן פאָטער, וועלכער איז געוואָרן זײַן באַליבטסטער טאַלמיד.

אַף די רעפּעטיציעס פון „טרובאַדור“ האָבן אָנגעהויבן אַלץ אָפטער אַרײַנקומען טעאַטראַלע אַנטרעפּרעניאָרן, ווײַל צו זיי זײַנען דערגאַנגען די קלאַנגען וועגן דעם טענאָר פון אָדעס.

און דאָ האָט מען מײַן פֿאָטער אַראָפּגעפֿירט פֿון דעם ריכטיקן וועגן און טרעפֿט ווער?.. איך... יאָ, איך! דער פֿאָטער האָט דערהאַלטן אַ טעלעגראַם, אַז איך בין שטאַרק קראַנק. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער באַקומען געלט אויף צו פֿאָרן קיין אָדעס. דער מאַעסטראָ בראָדזשי האָט פֿאַרשווירן זײַן ליבלינג, ער זאָל אומבאַדינגט קומען אין אַ כוידעש אַרום צוריק קיין מילאַן.

נאָר קיין מילאַן האָט זיך מײַן פֿאָטער ניט אומגעקערט און קיין אָפּערע־זינגער ניט געוואָרן. מאַכמעס וואָס? אָט וועל איך דערציילן.

מײַן מוטער איז געווען דערצויגן אין אַ פּאַטריאַרכאַלער, רעליגיעזער שטוב. עס האָבן זי גאָרניט געפֿרייט די גלענצנדיקע פּערספּעקטיוון פֿון איר מאַן אויף דער אָפּערע־סצענע. פֿאַרקערט, זי איז געווען שטאַרק ניט צופֿרידן פֿון דעם, וואָס איר בעלעבאָס, וועלכער האָט זיך שוין אַזוי געהאַט אַרופֿגעאַרבעט — געוואָרן אַ פּרימאַ־כאַזן, ווערט אינמיטנדערינען מעשוגע און קלײַבט זיך ווערן אַן אַקטיאָר! ער וועט זיך קושן און אַרומנעמען מיט אַלערליי אַקטריסעס. און גאָט ווייסט צו וואָס קאָן דאָס ברענגען. אירע טרײַע כאַווערטעס זאָגן איר: „ווילסט אים פֿאַרלירן, מאַלקעלע, איז לאָז אים גיין אויף דער סצענע!“

„אַ כאַזן צו זײַן און דערצו נאָך אין אָדעס איז ניט ערגער, ווי זײַן אַ באַלאַגאַנשטשיק, — האָט געשריבן פֿון קאַלינקאָוויטש דער מאַמעס פֿאָטער, מײַן זיידע אַווראָם־כאַיִם, — זע, מאַלקע, סע קאָן כאָלילע־וועכאָס דערגיין צו אַן אומגליק!..“

דער פֿאָטער — „אין פֿינף מינוט“ אַן אָפּערע־זינגער — האָט זיך, געוויינלעך, ניט געוואָלט אונטערגעבן. נאָר עס האָט אים ניט געהאָלפֿן. און דאָ דאַרף זיך נאָך מאַכן אַזאַ זאַך. אײַנגיכן נאָך מײַן פֿאָטערס קומען פֿון מילאַן איז פּלוצעם געשטאָרבן ראַזומני. עס איז געווען ערעוו ראָשהאַשאָנע און די קעהילע איז געבליבן אָן אַ כאַזן.

און כאָטש פֿאַרנעמען ראַזומניס אָרט איז געווען אַ גרויסער קאָנקורס און ס'האָט געהייסן, אַז מײַן פֿאָטער האָט געמאַכט אַ גלענצנדיקע קאַריערע וועדליק ווי פֿאַר יענע צײַטן, פֿלעגט ער דערמאָנען אַלע מאָל מיט אַ ווייטעק אין האַרצן מילאַן, די פֿאַרלוירענע מעגלעכקײַט צו ווערן אַן אָפּערע־זינגער. ווי אַ טײַערע רעליקוויע האָט ער געהאַלטן דעם קלאַוויר פֿון „טרובאַדור“, וווּ אויפֿן טיטל־בלאַט איז געווען אָנגעשריבן: „מײַן בעסטער טאַלמיד, דו קאָנסט און מוזט ווערן איינער פֿון די בעסטע אויספֿילער פֿון „טרובאַדור“. מיט ליבע — מאַעסטראָ אַווגוסטאָ בראָדזשי“.

אין קאַלינקאָוויטש

אויף זומער־קאַניקולן פֿלעגן מיר אַרויספֿאָרן צום זיידן — די מאַמע מיט אַלע קינדער, פֿריִער דרײַ, נאָכדעם פֿיר און פֿינף.

דער צוג פֿון אָדעס פֿלעגט אָנקומען קיין קאַלינקאָוויטש אָדער זייער שפּעט באַנאַכט אָדער, פֿאַרקערט, זייער פֿרי, ווען אין דרויסן איז נאָך געווען פֿינצטער און די זון האָט נאָך אַפֿילע ניט געטראַכט אויפֿשטיין און באַווײַזן זיך דורך די צווײַגן פֿונעם ברוינעם סאָסנאָוון וואַלד, וואָס האָט אַרומגערינגלט קאַלינקאָוויטש פֿון אַלע זײַטן.

פֿונעם וואָקזאַל ביזן זיידנס שטוב איז געווען גאַנץ ווײַט. אונדז פֿלעגן פֿירן די צוויי בעסטע קאַלינקאָוויטשער באַלעגאָלעס — קיווע און קושע.

מיר, קינדער, האָבן זיי שטאַרק ליב געהאַט: זיי זײַנען געווען די ערשטע, וועלכע האָבן אונדז געגעבן צו וויסן, אַז מיר זײַנען טאַקע אין קאַלינקאָוויטש און אַז אין דרײַסיק־פֿערציק מינוט אַרום וועט מען אונדז ברענגען אין דעם זיידנס שטוב.

קיווע — אַ שוואַרץ־גראָוולעכער, אַ דאַרער און אַ הויכער.

קושע — אַ בלאָנדער, אַ טיפּ פֿון אַ ווײַסרוסישן פּויער, אַ פֿעסטערער פֿון קיוועס און אויך אַ הויכער, און אויך אַזאַ גוטער, אַזאַ דימענטענער, ווי קיווע.

פֿונעם קאַלינקאָוויטשער וואָקזאַל צום שטעטל איז מען געפֿאָרן איבער אַ שאָסיי, וואָס האָט זיך געצויגן דורך אַ וואַלד — פֿון ביידע זײַטן שפּאַליערן סאָסנעס. אַלע מאָל, ווען מיר פֿלעגן צוקומען צו דעם שטיק וועג, פֿלעג איך אָנהייבן מוירע האָבן, אַז עס וועט אונדז באַלד באַפֿאַלן אַ וואָלף אָדער אַ בער, אָדער גאָר אַ רעצייעך מיט אַ גרויס מעסער אין האַנט, מיט אַ פּאָר מיט בלוט פֿאַרלאָפֿענע אויגן. ניט קיין וואָלף, ניט קיין בער, ניט קיין רעצייעך זײַנען אונדז ניט באַפֿאַלן, נאָר איינמאָל, מיר פֿאָרן אַזוי אין הוילע טויט־שרעק, פּלוצעם דערפֿילן מיר: די פֿערד האָבן זיך פֿאַר עפּעס דערשראָקן, זיי האָבן אָנגעשפּיצט די אויערן, כראָפּען און ווילן ניט גיין ווײַטער.

פֿון וואַלד דערטראָגט זיך צו אונדז אַ סקריפּ און אַ ווילדער שטילער געלעכטער. אין דער טונקל האָב איך דערזען אַ שרעקלעך בילד: אַ מאָדנע באַשעפֿעניש איז געהאַנגען אויף די צווײַגן

פון א בוים און זיך געהוידעט הין און צוריק. א גרויל איז אדורך איבערן לײַב און די האָר האָבן זיך געשטעלט קאַפּויר... מיר זײַנען פּאַרבײַ...

נאָר אָט זע איך — קיווע און קושע קריכן אַראָפּ. סאַראַ העלדישע מענטשן! זיי נעמען אָן די פערדלעך בא די צײַמלעך און פירן זיי. ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צום געפערלעכן אָרט, האָבן אַלע אויסגעשאָסן א געלעכטער: א באַלעבאָסטע, פון די, וואָס וווינען אין די שטיבלעך באַם וועג, האָט אויסגעהאַנגען אויסטריקענען א פּאָרל וועש...

נאָר אָט ווערט ליכטיקער, דער וואַלד האָט זיך פאַרענדיקט, אויפן האָריזאָנט ווערט גרינגער. עס זעט זיך פונדערווײַטנס דאָס טײַכל. אינגיכן פאָרן מיר אַרויף אויף דער הילצערנער בריק. דאָ פאַרענדיקט זיך דער שאָסיי און עס הייבט זיך אָן קאַלינקאָוויטש.

קווידעמקאַל פאָרן מיר דורך „די בלאָטע" — אַזוי הייסט דאָס שוין באַם פאָלק, דאָס דאָזיקע שטיק קאַלינקאָוויטש. די בלאָטע טריקנט דאָ טאַקע קיינמאָל ניט אויס. קיווע און קושע דערציילן, אַז נאָך גרויסע רעגנס מוז מען צוליב „דער בלאָטע" פאָרן צום צוג דורך מאָזיר — איבעריקע צוועלף ווערסט. דאָ, אויף „דער בלאָטע", איז דער מאַרק, דאָ זײַנען אַלע קראָמען, אַלע קאַדאַרים, די באָטעמעדראָשים, די מיקווע. דאָ וווינט דער פּאָשעטער אוילעם, די אָרעמשאַפט.

די רעדער פונעם וואָגן פאָרן אַרײַן אין א וויכער, פּוכיקער מאַסע, דאָס הייסט מיר זײַנען שוין אַרויף אויפן „זאַמד", באַלד וועלן מיר פאַרבײַפאָרן דעם קלויסטער, נאָכדעם די „פּאָזשאַרנע", און פון דאָרטן איז שוין מיט דער האַנט צו דערלאַנגען צו דעם זיידנס שטוב. ס'איז נאָך ניט אינגאַנצן ליכטיק, נאָר וואָס א מינוט, ווערט דער וואַלד אַלץ ליכטיקער און העלער, און אָט טוקן זיך שוין די שפּיצן פון די ביימער אין זוניקן גאָלד...

באַם זיידן זײַנען אַלע אויף. מע וואַרט אויף די געסט. אויפן גאַנעק — דער זיידע מיט דער באָבען און אַלע מומעס. מע האַלדזט זיך, מע קושט זיך, מע וויינט, מע ווישט די טרערן. עס לאָזט זיך אויס, אַז פאַר פרייד קאָן מען אויך וויינען!

מיר גייען אַרײַן אין שטוב, אין דעם זיידנס ליבער שטוב. די מומע בראָכע לעשט אויס דעם הענגלאָמפּ.

פון פאַראַיאָרן האָט זיך דאָ גאָרנישט ניט געביטן: א גרויסער טיש אינמיטן צימער, בענקלעך אַרום־און־אַרום, דרײַ הילצערנע קושעטקעס בא דרײַ ווענט, בא דער פערטער — א ברייטער און א הויכער אַלטמאָדישער בופעט, אויף די ווענט — פּאָרטרעטן פון די אָוועס: יאַרמלקעס, בערד און פּייעס.

עס האָט זיך פאַרענדיקט אונדזער לאַנגע רײַזע — אָנדערהאַלבן טויזנט ווערסט. מיר זײַנען ווידער אין קאַלינקאָוויטש.

באַלד וועלן מיר זיך באַגעגענען מיט די פאַראַיאָריקע כאַווערים. ס'ווילט זיך וואָס גיכער זען מיט לײַבע דעם בלעכערס דרײַ יאַטלעך.

מיט איינעם פון זיי, מיטן יידישן דיכטער ז. טעלעסין, האָב איך דורכגעטראָגן די פרײַנטשאַפט פון די קאַלינקאָוויטשער קינדער־יאָרן ביז הײַנט. אַז מיר באַגעגענען זיך איצט, דערמאָנען מיר זיך וועגן אונדזער פאַרוואָרפענעם, אָרעמען קאַלינקאָוויטש, וואָס איז געווען אונדז אַזוי ליב, אַזוי טײַער.

נאַטירלעך, איצט איז דאָס שטעטל ניט צו דערקענען. ניט לאַנג, בייס איך בין געווען אויף גאַסטראָלן אין ווײַסרוסלאַנד, בין איך ספּעציעל צוגעפאָרן קיין קאַלינקאָוויטש. איך בין מאַמעש דערשטוינט געוואָרן: ניטאָ „די בלאָטע", ניטאָ „דער זאַמד". אַלץ איז אַספּאַלטירט. ניטאָ אויך דעם זיידנס הויז — גאָר אַן אַנדער גאַס מיט אַנדערע הײַזער. אַלץ אַרום איז גאָר אַנדערש. איך בין אַרויסגעטראָטן אין א שיינעם, הײַנטצײַטיקן זאַל פון דעם קאַלינקאָוויטשער קולטור־הויז.

דער מאַמעס פאָטער, אונדזער זיידע אווראָם־כאַים, א וואַלד־ספּעציאַליסט, שטייט מיר פאַר די אויגן, ווי א לעבעדיקער: מיט א קליין ציגן בערדל, א הויכער, א דאַרער, מיט א פּאָר שאַרפע קלוגע אויגן. אויף די פיס — שטיוול, שאַבעס און יאָמטעוו — אין א סערדעט. אויפן קאָפּ — א יאַרמלקע.

אופשטיין פלעגט ער קאַיאָר און גלײַך אַרויסגיין אויפן גאַנעק. „אַליא, אַליאַ!" — הערט מען דעם זיידנס אויסגעשריי. דאָס האָט ער געגומען זיך אויסטײַנען מיט טראַפּימס כאַזירימלעך, וועלכע זײַנען פאַרקראָכן פונעם שכײנישן הויף צום זיידן אין גאָרטן אַרײַן. מיט דעם זיידנס טײַנעס צו דעם שאָכנס כאַזירימלעך האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַלינקאָוויטשער טאָג.

נאָך דעם פלעגט זיך לאָזן הערן, ווי די באָבע שיינע־כאַנע, א פײַנע און זייער א פרומע יידענע, וועלכע האָט שוין דורכגעלייענט א פּאָר בלעטער טכינע, פאַרעט זיך מיט דער בעהיימע. בא דער פּראָצעדור האָבן מיר, קינדער, פאַרשטייט זיך, געדאַרפט זײַן אומבאַדינגט. די פּאַילע שמעקט א מעכײַע. די באָבע זאָגט, אַז פּאַילע איז א בעהיימישער באָרשט. די בעהיימע האָט

אים שטאַרק ליב. הײַנט די מאַקוכע! ווער עס ווייסט ניט דעם טאַם פון מאַקוכע, ווייסט ניט, וואָס הייסט גוטס אויף דער וועלט! פאַר א בעהיימע, — זאָגט די באָבע, — איז מאַקוכע בעסער פון קוגל און פון צימעס.

נאָכן פרישטיק פלעגן מיר גיין אין וואַלד.

גיין אין וואַלד!.. ריכטיקער וואָלט געווען זאָגן — אַרויסגיין אין וואַלד. דעם זיידנס שטוב איז געשטאַנען קימאַט אין וואַלד. פון דער הינטערשטער טיר איז מען אַרויסגעגאַנגען צו דער שטאַל, און דורך דער פאַרטקע אינעם פּאַרקאַן פונעם גאָרטן גלײַך אין וואַלד אַרײַן.

מיטן פונפאַרנט איז דעם זיידנס שטוב אַרויס אויפן „זאַמד" — אַזוי האָט מען גערופן דעם גרויסן פּלאַץ, וועלכער האָט זיך געשפּרייט פאַר אונדזער זיידנס הויז. ס'איז געווען אַזאַ מין שיינער, אַזאַ מין גאָלדענער זאַמד, וועלכער וואָלט זיך ניט פאַרשעמט אפילו פאַרן זאַמד פונעם באַרימטן יעווּפּאַטאָריער פּליאַזש.

פונקט אַנטקעגן דעם זיידנס הויז איז געשטאַנען אינמיטן „זאַמד" איין־און־איינציקע גע־בײַדע — די פּאָזשאַרנע דעפּאָ מיט איר הויכן טורעם.

ס'איז זייער אינטערעסאַנט געווען צו קוקן דורך די פענצטער, וויאַזוי די פײַערלעשער רייניקן, האָדעווען און פּויען די פערד, ווי זיי פאָרען זיך מיט די וואָגנס, מיט די שלאַנגען, מיט די האַנט־פּאָמפּעס און מיט נאָך אַזעלכע „מאַשינעריעס".

מיט אָט דער גוואַלדאָוונער „טעכניקע" וואָלט שוין קאַלינקאָוויטש מיסטאָמע פון לאַנג אַוועק מיטן פײַער, ווען ניט די צענדליקער מענטשן, וועלכע פלעגן קומען מיט עמערס וואַסער העלפן לעשן די סרייפע. אַרײַנגיין אינווייניק אין דעפּאָ איז געווען מײַנער א לאַנגאָניקער טרוים. וויאַזוי מײַן טרוים איז מקוים געוואָרן און איך בין געווען אין דעפּאָ, וועל איך דערציילן ווײַטער.

פון קאַלינקאָוויטש ביז ניו־יאָרק

צו דער צײַט איז מײַן פּאָטער שוין געווען א גאַנץ פּאָפּולערער כאַזן. מע האָט אים גערופן „דער צווייטער ראַזומני".

דעם פּאָטער האָט מען אָנגעהויבן אײַנלאַדן אויף גאַסטראָלן אין אַנדערע שטעט — וואַרשע, קיִעוו, ווילנע, ריגע, קעשענעוו, כערסאָן אאַ.

איינמאָל זײַנען אים געקומען הערן עטלעכע שרײַבער, צווישן זיי כאַים־נאַכמען ביאַליק און שימען פרוג.

דער פּאָטער פלעגט אָפט דערציילן וועגן א שמועס מיט ביאַליקן. ס'איז אַוועק א רייד וועגן יידישע גלײַכווערטלעך. אָט וויאַזוי ביאַליק האָט אויסגעטײַטשט דאָס גלײַכווערטל „ניט גע־שטויגן, ניט געפלויגן".

— פונוואַנען איז דאָס ווערטל צו אונדז געקומען און וואָס באַטײַט עס? — האָט ער געפרעגט.

אַלע האָבן געשוויגן.

— נו, ווײַזט אויס, אַז איר ווייסט ניט. וועל איך אײַך דערקלערן. דערמאָנט זיך, וואָס עס שטייט אין די הייליקע ספאָרים. דאָרט שטייט געשריבן, אַז אין איינעם א שיינעם טאָג איז מוישע ראַביינוס ברודער — דער קויהען האַרישן אַרן געפלויגן צו גאָט נעמען בא אים די לוכעס מיט די אַסערעס האַדיבערעס און אַז מוישע ראַביינו איז אַרויף אויפן באַרג סינײַ, קעדיי צו נעמען די לוכעס פון זײַן ברודער אַרנס הענט און טראָגן זיי צום פאָלק.

מיר ווייסן ניט, ווער זײַנען געווען די ערשטע אַפּיקאָרסים, וואָס האָבן ניט געוואָלט גלייבן אין דער מײַסע. זיי האָבן געזאָגט — ניט געשטויגן, ניט געפלויגן! דאָס האָט באַטײַט, אַז מוישע ראַביינו איז ניט געשטויגן אויפן באַרג סינײַ און אַרן איז ניט געפלויגן צו גאָט...

שאַליאַפּינס גאַסטראָלן אין אָדעס זײַנען פאָרגעקומען אין די טעג פון די יידישע יאָמטוויוים. דעם פּאָטער איז געקומען הערן שאַליאַפּינס סעקרעטאַר איסײַ דוואָרישטשין. ער האָט זיך באַ־קאַנט מיטן פּאָטער און האָט געוואָלט, אַז שאַליאַפּין זאָל אים אויך הערן.

אַז דער פּאָטער איז געקומען אויף גאַסטראָלן קיין פּעטערבורג, האָט דוואָרישטשין אים באַ־קאַנט מיט שאַליאַפּינען. דאָס איז פאָרגעקומען אינעם אַנטראַקט פון דער אָפּערע „באָריס גאָדו־נאָוו". דער גענײַאַלער אַרטיסט האָט געשאָנקען מײַן פּאָטער א פּאָטאָ מיט אַן אונטערשריפט און האָט געזאָגט, אַז ער וועט אים קומען הערן.

צום גרויסן באַדויערן, איז שאַליאַפּין קראַנק געוואָרן און האָט ניט געקאָנט זײַן אויף מײַן פֿאָטערס קאָנצערט. שאַליאַפּינס פּאָרטרעט האָט מײַן פֿאָטער געהיט, ווי די טײַערסטע רעליקוויע (איצט איז ער אַריבער צו מיר).

דאָס יאָר 1914 איז געווען פֿאַרן פֿאָטער אַן אויסערגעווײנלעך גערעטנס. ער איז אַרויסגעפֿאָרן אויף גאַסטראָלן אין די גרעסטע שטעט פֿון אייראָפּע און אַמעריקע — בערלין, בודאַפּעשט, פּאַריז, לאָנדאָן, ניו־יאָרק, טשיקאַגאָ, פֿילאַדעלפֿיע. מיר האָבן באַקומען אין קאַלינקאָוויטש אַ בריוו פֿון אים.

ער האָט געשריבן:

„אונדזער שיף איז אַזוי גרויס, אַז מע קאָן אויף איר אַרומפֿאָרן פֿון איין עק ביזן אַנדערן אויף מײַן בולאַנעם. דער אָקעאַן בושעוועט אַזוי, אַז די נעשאָמע פֿאַלט שיִער ניט אַרויס און צוזאַמען מיט איר מײַן שטימעלע, וועלכע האָט מיך פֿאַרשלעפּט אין אַזאַ אויסערײַסעניש. בעסער וואָלט איך געווען, ווי אין די אַמאָליקע גוטע צײַטן, אַ וואַלד־אַרבעטער, וואָלט איך זיך ניט פֿאַרקליבן צו אַלדי שוואַרצע יאָר און כ׳וואָלט געווען אינײנעם מיט אײַך, מײַנע טײַערע“.

אין דעם בריוו האָט דער פֿאָטער געשריבן, אַז פֿון אַמעריקע וועט ער פֿאַרפֿאָרן קיין קאַלינקאָוויטש.

גאַנץ קאַלינקאָוויטש איז געגאַנגען כאָדאָראָם. אַ קלייניקײַט: אין צען יאָר אַרום וועט דער געוועזענער וואַלד־אַרבעטער, בערעלע, איצט אַ באַוווסטע פּערזאָן, קומען קיין קאַלינקאָוויטש, און פֿונוואַנען — פֿון ניו־יאָרק! ס׳איז דאָך פּשוטע גאָטס ניסים.

ערשט ניט לאַנג איז גאַנץ קאַלינקאָוויטש געווען אויף מיט אַ קאַלענדאַר, וואָס איז אָנגעקומען פֿון אָדעס צום קאַלינקאָוויטשער אַפּטייקער, אויף אים איז אויסגעמאָלט בערעלעס פּאָרטרעט. און אָט איז ער אַליין דאָ.

פֿון ניו־יאָרק קיין קאַלינקאָוויטש

קיין קאַלינקאָוויטש איז מײַן פֿאָטער געקומען שפּעט באַנאַכט. אויף מאָרגן האָט מען קיווען, דעם באַלעגאָלע, פֿאַרשאָטן מיט פֿראַגעס: געקומען?.. וויִאַזוי זעט ער אויס?.. וואָס האָט ער דערציילט?.. וואָס הערט זיך עפּעס אין אַמעריקע?.. וויפֿל וועט ער פֿאַרברענגען אין קאַלינקאָוויטש?.. צי וועט ער זיך לאָזן הערן?..

און ס׳איז אַוועק איבער קאַלינקאָוויטש: אַ קראַסאַוועץ, גלײַך און שיין, ווי אַ שיינער בוים, אָנגעטאָן, ווי אַ באַראָן!.. אַ שיין קליין בערדל, ווײַזט אויס, אויפֿן אַמעריקאַנער שניט!

געקומען איז ער נאָר אויף עטלעכע טעג, — ער אײַלט זיך קיין אָדעס, ער מוז רעפּעטירן, זאָגט ער (אַ מין וואָזשנע וואָרט — רעפּעטירן), מיט זײַן כאָר — ס׳גייט צו יאָמים־נויראָים...

מיט איין וואָרט, קאַלינקאָוויטש האָט געזאָטן, ווי אַ קעסל!.. די גאַנצע צײַט, ביז דער פֿאָטער האָט זיך אָפּגערוט פֿונעם וועג, זײַנען געקומען אַלערליי מענטשן — קרויווים, גוטעפֿרײַנט, גלאַט באַקאַנטע, — כאָטש מיט איין אויג אַ קוק טאָן אויף אים... אייניקע זײַנען ניט אַוועקגעגאַנגען — געוואַרט, ביז ער וועט זיך אויפֿכאַפּן.

פֿון דעם ערשטן טאָג אָן רעדט מען, מע רעדט און מע רעדט אָן אויפֿהער. און ס׳איז טאַקע פֿאַראַן וועגן וואָס. אַלטע לײַט זאָגן: „ס׳איז טאַקע דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט. און ער האָט געפֿירט בערעלען אויף אַ גלײַכן וועג — ניט צווישן אַפּיקאָרסים, ניט אין טעאַטער פֿאַר אַ „באַלאַגאַנשטשיק“ („ווער דאַרף עס?“ — דעם ייִדנס אַ רעפּליקע). ער האָט אים געפֿירט אויף אַ בעקאָוועדיקן וועג, עפּעס אַ קלייניקײַט — אַ כאַזן אין אָדעס! און נאָך אויף ראַזומניס אָרט!“

ייִנגערע מענטשן האָבן דערמאָנט מיט אַ גוט וואָרט דעם פּעטערבורגער וואַלד־ספּעציִאַליסט. באַם ייִדן איז דאָ זײַן אַדרעס. מע וועט אים שרײַבן אַ בריוו — זאָל ער וויסן, אַז טאַקע אַדאַנק אים איז פֿון דעם וואַלד־אַרבעטער באָריסקע (ווי ער פֿלעגט אים רופֿן) געוואָרן אַ באָרעך שולמאַן.

פֿאַרנאַכט זײַנען געקומען צום פֿאָטער זײַנע אַמאָליקע קאָלעגן — די וואַלד־אַרבעטער. מע האָט געכאָקעט און געכאָקעט — ניט געקאָנט אָנוווּנדערן זיך.

אויף מאָרגן האָט דער פֿאָטער אָנגעטאָן זײַן אַמאָליקן אַרבעטס־קאָסטיום, אַ פּאָר שטיוול און איז אַוועק מיט זײַנע אַלטע כאַווירים אין וואַלד.

געקומען אַקוראַט צום מיטיק־איבערײַס. אַלע זײַנען געווען אויף אָן אָרט: ניט אָפֿט קומט אַזאַ מין גאַסט. מע האָט זיך צערעדט. אינטערעסאַנטע דערמאָנונגען. עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז די נײַע אַרבעטער ווייסן אויך וועגן דעם פֿאָטער. מע האָט אים פֿאַרבעטן פּרוּוון דעם באָרשטש, וואָס האָט זיך אין אַ קעסל געקאָכט אויפֿן שײַטער. נו, ווי עס פֿירט זיך, האָט מען גענומען צו

קאַפּעלעך. די שטימונג איז געווען זייער אַ פֿריילעכע. מע האָט געבעטן דעם פֿאָטער׳ עפּעס זינגען. „באַריסקע, זינג אונדזער באַליבטע ליד, די, וואָס דו האָסט אונדז אַמאָל געזונגען, — „סרעדי לעסאָוו דרעמוטשיך“[1], — האָט געזאָגט דעם טאַטנס אַן אַלטער כאַווער, מיטן צונאָמען „קרעפּיש“[2].

ס׳איז געווען אַ שיינער זומערדיקער טאָג. אַרום איז געווען שטיל. אַלע זײַנען געזעסן ווי פּאַרקישעפּטע, און איבערן וואַלד האָט זיך געטראָגן אַ האַרציק געזאַנג. דעם רעפֿרען האָבן אַלע אונטערגעזונגען צוזאַמען מיטן פֿאָטער.

פֿונדערווײַטן האָט מען דערזען אָנקומען, וועמען מיינט איר?.. דעם גאָראָדאָוואָי. וואָסי? ער איז אויך געקומען הערן דעם כאָשעוון גאַסט?..

דעם זעלבן טאָג פֿאַרנאַכט האָט דער זיידע געזאָגט צום טאַטן:

— דו קערסט מיינען, מיסטאַמע, אַז דו ביסט אין אָדעס — אין איין אָרט זינגט מען, און קיינער ווייסט ניט. דו האָסט פֿאַרגעסן, אַז דאָס איז קאַלינקאָוויטש. דאָ ווייסט דאָך איעדער, וואָס עס קאָכט זיך בײַ עמעצן צו וואַרמעס. דאָ, אַז דו וועסט געבן אַ הוסט אָדער אַ ניס, וועט מען גלײַך אומעטום, אַפֿילע אויפֿן וואָקזאַל, זאָגן, אַז בײַ אַוורעם־כאַימען אין שטוב האָט בערעלע אַ הוסט געטאָן אָדער אַ ניס געטאָן. און מע וועט נאָך צוגעבן דער רועך ווייסט וואָס. דער גאָראָדאָוואָי שרײַט, אַז דו האָסט געמאַכט אַ בונט...

— איך האָב אים אין דר׳ערד! כ׳האָב ניט קיין מוירע פֿאַר אים, — האָט געענטפֿערט דער פֿאָטער.

— נו, היץ זיך ניט אַזוי, — איז דער זיידע געוואָרן אין קאַס, — ביסט טאַקע אַ גרויסער מענטש און געקומען אַזש פֿון סאַמע ניו־יאָרק, נאָר דו וועסט זיך פֿאָרן קיין אָדעס און איך בלײַב דאָ... — דער זיידע איז אויף אַ רעגע אַנשוויגן געוואָרן, און דערנאָך האָט ער געזאָגט: — איך האָב אים געגעבן אין יאַד אַרײַן... עפּשער וועט ער שווײַגן... דו ווייסט ניט, בערעלע, וואָס פֿאַרא הײַנט זיי זײַנען!.. פֿאַרשטייסט?.. כוץ דעם, בערעשקע, — האָט פֿאַרגעזעצט דער זיידע, שוין אַ ביסל פֿריילעכער, — איז צו מיר געקומען אַ גאַנצע דעלעגאַציע — זיי בעטן דיך געבן אַ קאָנצערט לעטויוועס די יעסוימים און אָרעמעלײַט. דעריבער דאַרף מען איצט זיך ניט רייצן מיט די „קנעפּלעך“... פֿאַרנאַכט וועט די דעלעגאַציע קומען צו דיר.

איך בין שוין ניט אָפּגעטראָטן אויף אַ רעגע פֿון שטוב. ס׳איז מיר זייער טשיקאַווע געווען צו וויסן, וואָס אַזוינס איז דאָס אַ „דעלעגאַציע“. איך דאַרף דאָס זען מיט מײַנע אייגענע אויגן...

פֿאַרנאַכט זײַנען צום טאַטן געקומען די פּניי האָיר: כאַיִם קריוואָרוטשקע — דער לערער, מוישע מיקוליצקי — אַ קרעמער, דער בעלעכער לייבע טעלעסין און דער אַפּטייקער. מע האָט זיך פֿאַרמאַכט מיטן טאַטן אין זאַל... און מיך האָט מען גאָר אַרויסגעטריבן. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז דאָס איז געקומען די דעלעגאַציע און איך זאָל ניט שטערן. כ׳האָב שטאַרק כאַראָטע געהאַט, וואָס צוליב די עטלעכע אַלטע לײַט בין איך אָפּגעזעסן אין שטוב אַ האַלבן טאָג.

אַ פּיִאַנינע האָט מען געבראַכט פֿון מאָזיר. פֿאַר דעם האָט דער באַלעבאָס פֿונעם אינסטרומענט באַקומען פּופּציק בילעטן. ס׳וועלן קומען אויפֿן קאָנצערט פּופּציק מאָזירער געסט. אַ פּיִאַניסט איז געקומען אַזש פֿון מינסק. ער האָט געוווינט בײַ אונדז. אַ קליינטשקער, אַ גראָבינקער, מיט אַ גרויסן בלישטשענדיקן פּליך. דער פֿאָטער האָט אַ סאַך רעפּעטירט מיט אים. איך האָב אין די טעג ניט געוואָלט גיין אין ערגעץ, אַפֿילע צו די פֿערדלעך. „זיצט, ווי אַ שוואָם אונטער אַ בוים, און הערט. דאָס יִנגל וואַקסט אַ כאַזן — געראָטן אין דעם טאַטן“, — האָט געזאָגט די מאַמע.

און איך האָב געטראַכט: ס׳איז גאָר קיין כידעש ניט, וואָס דער טאַטע קאָן זינגען. ווען מע זאָל אַזויפֿיל לערנען מיט אַ בער, וואָלט מען אים אויך אויסגעלערנט זינגען. און וואָס איז דאָס זינגען? אויך מיר אַן אַרבעט! אָט וואַסקעס פֿאָטער, דער גלאָקן־קלינגער אויפֿן קלויסטער־טורעם, דאָס איז גאָר אַן אַנדער זאַך, ער נעמט אָן מיטאַמאָל עטלעכע שטריק, גיט אַ קלונג אין אַלע גלעקער מיטאַמאָל און זינגט נאָך צו דערבײַ — אָט דאָס איז אַן אַרבעט! דאָס פֿאַרשטיי איך! דעם טאַטן, געוויינלעך, האָב איך דאָס ניט געזאָגט... נאָר אײַך מעג איך זאָגן!

דעם טאַטנס קאָנצערט אין פּאַזשאַרנע דעפּאָ

מע האָט געשאַפֿן אַ קאָמיסיע, וואָס דאַרף אָרגאַניזירן דעם קאָנצערט. ס׳איז דאָ אַ מענגע אַרבעט: קוידעמקאָל נעמען אַ דערלויבעניש באַם האָמלער איספּראַווניק, דערנאָך באַם קאַלינקאָוויטשער אוריאַדניק, דינגען די פּאַזשאַרנע דעפּאָ. ווײַטער האָט מען באַדאַרפֿט אַרויספֿירן אַלץ

[1] „צווישן ווילדער געדיכטע“; [2] אַ גוואַר.

פון דעפאָ, מאַכן אַן עסטראַדע, אַרײַנטראָגן בענקלעך, נומערירן זיי, שרײַבן פון דער האַנט בילעטן און פֿאַרשפּרייטן זיי. פאַרשפּרייטן, ווײַל פֿאַרקויפֿן זיי איז געווען אוממעגלעך. באַלאָנים זײַנען געווען — גאַנץ קאַלינקאָוויטש!

הײַנט איז דער קאָנצערט. דער פֿאָטער איז אין קאַס — מע האָט אים געזאָגט, אַז ס׳איז פֿאַרווערט זינגען אויף ייִדיש. „באַנדיטן, ראָצכים״, — שילט עמעצן דער טאַטע. די מאַמע זאָגט, אַז אַלץ וועט זײַן גוט, ווײַל דער פֿאָטער, אַז ער ווערט אין קאַס, זינגט ער נאָך בעסער.

גאַנץ קאַלינקאָוויטש האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער פֿאָזשאַרנע! יעדערער האָט געהאָפֿט ווי־ניט־איז דורכרײַסן זיך, יעדערער האָט זיך געריכט אויף אַ נעס.

צום פֿאָטער האָט זיך געווענדט אַ גרופּע מענטשן, אַלטע ייִדן, אַרעמעלײַט. עס זײַנען געקומען אַ סך וואַלד־אַרבעטער. דער הויף איז געווען פֿול. דער פֿאָטער האָט געהייסן צעעפֿענען די טירן, אַרײַנלאָזן אַלעמען, וויפֿל עס וועט אַרײַן. ער האָט אויך געהייסן עפֿענען אַלע פֿענצ־טער... דער קאָנצערט־זאַל איז מיטאַמאָל געוואָרן אוממגעהייער גרויס.

אויפֿן קאָנצערט זײַנען געקומען „הויכע געסט״: דער קאַלינקאָוויטשער אוריאַדניק, דער האָמלער איספּראַווניק און נאָך אַ פּאָר „קנעפּלעך״. לאַנג האָבן געדויערט די אַפּלאָדיסמענטן, ווען דער פֿאָטער איז אַרויס אויף דער עסטראַדע, אָנגעטאָן ווי אויף אַ קאָנצערט ערגעץ אין לאָנדאָן צי אין וואַרשע.

בײַס דער ערשטער אָפּטיילונג האָט דער פֿאָטער געזונגען בלויז אַריעס און ראָמאַנסן. דער קאָנצערט איז געגאַנגען מיט גרויס דערפֿאָלג. ס׳האָט געהערשט אַ יאָמטעוודיקע שטימונג.

בעשאַס דעם אַנטראַקט זײַנען צום פֿאָטער געקומען פֿיל מענטשן און געבעטן אים זינגען אויף ייִדיש.

— די הײַנט האָבן פֿאַרווערט זינגען אויף ייִדיש און האָבן זיך נאָך אָוועקגעזעצט בײַ מיר אונטער דער נאָז, אין דר׳ערד זיי אין אָרט!.. נאָר עפּעס וועל איך צוטראַכטן... — האָט געזאָגט דער פֿאָטער.

די צווייטע אָפּטיילונג האָט ער אָנגעהויבן מיט זײַן באַליבטער ליד „מײַ קאָ מאַשמע לאָן״. „דאָס איז געווען אַ שטיקל מאַנעוור, — האָט דערנאָך דערציילט דער פֿאָטער, — צי ס׳וועט דורכגיין... די הײַנט שווײַגן... האָב איך אַ טראַכט געטאָן, — אײן ליד און צען לידער — די שטראָף וועט זײַן די זעלבע. כאַפּ אַרײַן, בערעלע, וויפֿל עס לאָזט זיך, זאָלן ייִדן האָבן הנאה...״

און עס זײַנען אַוועק עטלעכע ייִדישע לידער נאָכאַנאַנד.

דער אוילעם האָט געדאַנקט מיט הייסע אַפּלאָדיסמענטן.

דאָ האָט דער פֿאָטער באַמערקט, אַז עמעצער האָט עפּעס געזאָגט דעם איספּראַווניק גלײַך אין אויער אַרײַן. דער איספּראַווניק האָט טײקעף אויפֿגעהויבן די האַנט און האָט געזאָגט: „ס׳איז פֿאַרווערט צו זינגען אויף ייִדיש״. אין זאַל איז געוואָרן טויט־שטיל... דער קאָנצערטאַנט האָט געמאַכט אויף אײן מאָמענט אַ פּאַוזע. „דאָס איז אויף איטאַליעניש״, — האָט ער געזאָגט און געזונ־גען ווײַטער.

— בראַוואָ, בערעלע, מאָלאָדיעץ! — האָט זיך געטראָגן פֿון אַלע זײַטן דורך שטורעמדיקע אַפּלאָדיסמענטן.

צי דער „הויכער גאַסט״ האָט זיך געלאָזט אײַנריידן, אַז ס׳איז טאַקע איטאַליעניש, צי ער איז געווען גענוג קלוג ניט צו דערלאָזן צו קיין סקאַנדאַל, — איז שווער צו זאָגן. ווי די זאַך זאָל ניט זײַן, נאָר ער האָט געשוויגן און דער פֿאָטער האָט פֿאַרגעזעצט זײַנס.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען דעם פֿאָטער אַרויסגערופֿן צום אוריאַדניק. ער האָט אים באַקאַנט מיט אַן אַקט וועגן אַרופֿלייגן אויף אים אַ שטראָף (100 רובל) פֿאַר אויספֿילן „פֿאַרווערטע ווערק״. אַ צווייטן עקזעמפּליאַר פֿונעם אַקט האָבן זיי באַשטימט אָפּשיקן דעם אָדעסער גראַדאָ־נאַטשאַלניק.

איך ווייס ניט, וויאַזוי דאָס איז פֿאָרגעקומען, נאָר נאָך דעם, ווי די פֿאָרשטייער פֿון דער שטאָט האָבן אָפּגעשטעקט אַ וויזיט דעם אוריאַדניק, איז געוואָרן אויס אַקט...

ס׳איז געקומען דער טאָג, ווען מיר האָבן געדאַרפֿט אָפּפֿאָרן קיין אָדעס. דער פֿאָטער האָט זיך געזעגנט צו די רעפּעטיציעס, מיר, קינדער, — צום אָנהייב פֿונעם נײַעם לערניאָר.

אַ מענגע מענטשן זײַנען געקומען געזעגענען זיך מיטן טאַטן.

— גאַנץ קאַלינקאָוויטש באַגלייט דיך, בערעלע, — האָט געזאָגט קיווע דער באַלעגאָלע.

און קושע האָט צוגעגעבן:

— בערעלע, מע זאָגט, אַז ניו־יאָרק איז די רײַכסטע שטאָט אויף דער וועלט, אַז ייִדן ווערן דאָרט ניסאַשער. פֿאַר אַזעלכע, ווי איך און קיווע, איז דאָרטן, פֿאַרשטײ איך, ניטאָ וואָס צו טאָן — מע דערציילט, אַז קיין בערד זײַנען דאָרט ניטאָ. אָבער דו וואָלסט דאָך געקאָנט אַריבערפֿאָרן אַהין?

דער פֿאָטער האָט אים געענטפֿערט:

— פֿאַר עמעצן איז עפּשער ניו־יאָרק גוט, נאָר פֿאַר מיר איז אונדזער קאַלינקאָוויטש בעסער און ליבער.

אין קאַלינקאָוויטש האָב איך נאָך ניט געוווּסט, אַז אינגיכן וועל איך אָנהייבן דעם זעלבן וועג אין לעבן, ווי מײַן פֿאָטער.

אויך, ווי ער אַמאָל, אַז איך בין אַלט געוואָרן צען יאָר, בין איך אָנגעקומען אינעם טאַטנס כאָר אַלס אַ סאָליסט.

באַלד נאָך באַר־מיצווע, געדענק איך, אין די שווערע צײַטן פֿון די ערשטע יאָרן בירגערקריג, האָב איך דורכגעמאַכט מײַן ערשטע גאַסטראָל־טורנע מיטן פֿאָטער איבער די שטעט און שטעטלעך פֿון אָדעסער געגנט.

אָדעס. 1917—1920

אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע האָט זיך אין אָדעס אָפֿט געביטן די מאַכט. אָט פֿלעגן זיך אַרײַנרײַסן אין שטאָט די דעניקינצעס, און אָט פֿלעגן, צו אונדזער גרויסער פֿרייד, קומען די באָלשעוויקעס. דערנאָך ווידער די באַנדיטן די פּעטליוראָווצעס, גריגאָריעווצעס אָדער אַנדערע און די באָלשעוויקעס פֿלעגן זיי אַרויסשלײַדערן. נאָך דעם זײַנען געווען אויסלענדישע אָקופּאַנטן.

ס'איז געווען אַ שווערע צײַט. מיר, אָדעסיטן, געדענקען, ווי מע האָט צעשאָסן די ערשטע מאַסן־דעמאָנסטראַציעס אַף קוליקאָווע פּאָליע, דעם טעראָר פֿון די באַנדעס, דעם גראַנדיעזן אופֿרײַס פֿון די דײַטשישע פּולווער־סקלאַדן (דאָס איז געווען אַן אופּטו פֿון דער אונטערערדישער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע), מיר געדענקען אויך, ווי עס זײַנען געלאָפֿן די ווײַסע, ווען עס זײַנען אַרײַן די באָלשעוויקעס. אין די מערדער האָט געשאָסן די גאַנצע שטאָט. פֿון די דעכער, פֿון די פֿענצטער, פֿון אונטער דער ערד, פֿון אומעטום.

פֿון יענע צײַטן האָט זיך מיר פֿאַרגעדענקט אזא עפּיזאָד.

אָדעס. 1918. עס ווילדעווען ווידער די ווײַסע.

מע אַרעסטירט מענטשן. בלוט גיסט זיך אין די גאַסן. די אײַזנבאַן־בריק ניט ווײַט פֿון אונדזער שטוב איז געוואָרן אַ שרעקלעך אָרט. באַנאַכט פֿלעגט זיך פֿון דאָרטן הערן אַ שיסערײַ, און אינדערפֿרי זײַנען אונטערן בריק געלעגן הארוגים. די באַנדיטן פֿלעגן זיי אַפֿילו ניט צונעמען, — איבערלאָזן אַפֿן אָרט, קעדיי טעראָריזירן די באַפֿעלקערונג.

אין יענע שרעקלעכע טעג פֿלעגן טיר־און־טויער זײַן פֿאַרהאַקט און פֿאַרשלאָסן. מאַלע וואָס עס קאָן זיך מאַכן.

איינמאָל, שפּעט אין אָוונט, ווען אַלע זײַנען שוין געשלאָפֿן, האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טויער, נאָכדעם אַ געשפּרעך און אַ סקריפּ פֿון דער טויער־פֿאָרטקע... אין עטלעכע מינוט אַרום — אַ קלונג אין אונדזער טיר. מיר האָבן געשוויגן, ווי שטומע. ווידער אַ קלונג... דער פֿאָטער האָט זיך אופֿגעהויבן פֿון זײַן געלעגער און איז צו צו דער טיר.

— ווער איז דאָ? — האָט ער געפֿרעגט מיט אַ פֿאַרדומפּן קאָל.

— עפֿנט, אַ וויכטיקער איניען, — האָט זיך דערהערט די שטים פֿון דעם פֿאַרזיצער פֿון אונדזער הויז־קאָמיטעט.

דער פֿאָטער האָט געעפֿנט די טיר.

אין שטוב זײַנען אַרײַן עטלעכע מענטשן — אַ ווײַסער אָפֿיצער, אַ קאַפּיטאַן, אין דער באַגלייטונג פֿון אַ פּראַפּאָרשטשיק און אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס.

זיבן פּאָר דערשראָקענע אויגן האָבן געקוקט אַף די אומגעריכטע געסט.

— דערלויבט פֿאָרשטעלן דעם הער קאַפּיטאַן: ראַדיאָנאָוו פּאַוועל ניקאָלײַעוויטש, — האָט זיך געווענדט צום פֿאָטער דער פֿאַרזיצער. — פֿון הײַנט אָן איז ער אײַער קוואַרטיראַנט.

מיר האָבן געמוזט אָפּטרעטן דעם ווײַסן אָפֿיצער אונדזער בעסטן צימער.

די פּיאַנינע האָט מען אַרויסגעשלעפּט אין קאָרידאָר.

פּאַוועל ניקאָלײַעוויטש ראַדיאָנאָוו איז געווען אַ מענטש פֿון מיטעלן וווּקס, אַ דאַרלעכער; אַ גאַנץ שיין פּאָנעם, קלוגע אויגן. איך געדענק, ווי ס'האָט מיך פֿאַרדראָסן — אַ ווײַסער זאָל האָבן אַזעלכע גוטע אויגן...

קיינער פֿלעגט ניט קומען צו אים, אַכוץ דעם פּראַפּאָרשטשיק, וועלכער האָט אים באַגלייט, בעשאַס ער איז געקומען צו אונדז צום ערשטן מאָל. ער פֿלעגט אוועקגיין פֿון דער היים אַף אַ גאַנצן טאָג. אַמאָל אוועקפֿאָרן און ניט סטײַען אַף עטלעכע טעג.

דעם „גאַסט“ האָבן מיר פֿײַנט באַקומען אַלע מיטאַמאָל. סטײַטש, אַ װײַסער אָפֿיצער! איך מיט די ברידער האָבן זיך געסטאַרעט טאָן אים צולאַכעס װי און װוּ מיר האָבן נאָר געקאָנט: קאַליע געמאַכט די בלײַפֿעדערס אַף זײַן שרײַבטיש, צעשאָטן זײַן טאַבעק, געשפּילט פֿאַרטיסימאָ אַף דער פּיאַנינע, געמיאַוקעט װי די קעץ אונטער זײַנע פֿענצטער.

די מאַמע פֿלעגט זיך שטאַרק ערגערן:

— הערט אויף, גדעונקט, דער הער אָפֿיצער װעט אַמאָל װערן אין קאַס, װעט ער אײַך װײַזן, דער גאַזלען, װוּ שװאַרצער פֿעפֿער װאַקסט!..

דער הער אָפֿיצער האָט אָבער לאַכלוטן ניט רעאַגירט אַף אונדזער אַגרעסיװקײַט, װי ער װאָלט זי גאָרניט באַמערקט...

עס פֿלעגט טרעפֿן, ער ברענגט פּראָדוקטן, לאָזט זײ איבער אין קיך. די מאַמע פּראָטעסטירט, נאָר די פּראָדוקטן נעמט זי: די צײַט איז געװען אַ שװערע, אַ הונגעריקע. און דאָ, װי מאָן פֿון הימל, צוקער, ברויט, אַמאָל מעל. און אַז דאָס יִנגערע שװעסטערל מײַנס איז געװאָרן קראַנק — אַפֿילע פּוטער אויך.

אײנמאָל איז גאָר פֿאָרגעקומען אַזױנס.

אײנער פֿון אונדזערע שכנים — גריציוק, אַ מײַסטער פֿון טראַמװײ־דעפּאָ, האָט זיך אומגעקערט אַהײם גאַנץ שפּעט, װען מע האָט שוין ניט געטאָרט גײן אָן אַ דערלויבעניש. און כאָטש ער האָט זיך באַמיט גײן דורך הינטערגעסלעך און דורכגאַנג־הויפֿן, דאָך האָט אים באַמערקט אַ פּאַטרול.

דאָס איז געשען אין אַ שכײניש געסל, ניט װײַט פֿון אונדזער הויז. קעדײ ראַטעװען זיך, איז גריציוק אַרײַן אין אַ הויף, דורך װעלכן, װי ער האָט געװוּסט, מע קאָן אַרויס גלײַך אַנטקעגן אונדזער טויער. און אַז ער האָט גערעכנט, ס׳איז שוין אַלץ אין אָרדענונג, האָט ער פּלוצעם דערזען, אַז אין טויער שטײט אונדזער אָפֿיצער און רײכערט. גריציוק איז געבליבן אַ פֿאַרצאַפּלטער, ניט געװוּסט װאָס צו טאָן. דער אָפֿיצער האָט געמאַכט אַ שריט אין אַ זײַט — גריציוק האָט באַקומען די מעגלעכקײַט אַרײַנגײן אין הויף. קימאַט אין דעם זעלבן מאָמענט האָבן זיך באַװיזן די פֿאַרפֿאָלגער. גריציוק האָט זיך פֿאַרטײַעט הינטערן טויער און האָט דערהערט, װי דער פּאַטרול האָט זיך געװענדט צום אָפֿיצער: „הער קאַפּיטאַן, מיר יאָגן זיך נאָך אײנעם. איר האָט אים דאָ ניט געזען?“ גריציוקן איז געװאָרן קאַלט אין יעדן אײװער...

— נײן, קײנער איז דאָ ניט דורכגעגאַנגען, — האָט רויִק געענטפֿערט דער אָפֿיצער.

װען דער פּאַטרול איז אַװעק װײַטער, איז דער אָפֿיצער אַרײַן אין הויף, האָט פֿאַרשפּאַרט דעם טויער און איז אַװעק אין שטוב, אַף גריציוקן אַפֿילע ניט קײן קוק געטאָן און אים גאָרנישט ניט געזאָגט.

אונדזערע זײַנען אונטער אָדעס!

פֿון מויל צו מויל האָט מען איבערגעגעבן די דאָזיקע פֿרײדיקע ידיִעה.

מיר, כעװרע, האָבן צונויפֿגעשטעלט אַזאַ פּלאַן: איך און אײנער פֿון מײַנע כאַװײרים מוזן זיך דערקלײַבן צו די רויטע — דערצײלן זײ, װאָס פֿאַר אַ פֿויגל עס שטײט אײַן בײַ אונדז. און די איבעריקע כעװרע מוז היטן דעם בעליאַק, קעדײ װיסן יעדע מינוט, װוּ ער איז. מיר האָבן שוין באַצײַטנס זיך געהאַלטן פֿאַר העלדן.

און אָט זײַנען שוין די באָלשעװיקעס אונטער אָדעס, — און דער בעליאַק גײט ניט אַװעק... די באָלשעװיקעס זײַנען קימאַט אין סאַמע שטאָט, — און ער אַנטלויפֿט ניט!..

אַװעק איז אונדזער אָפֿיצער גאָר פּלוצעם.

— אײנגיכן װעל איך קומען צוריק, — האָט ער אַ זאָג געטאָן אַפֿגיך. ער האָט זיך זײער געײַלט, אַפֿילע די זאַכן ניט מיטגענומען.

— אַהינצו זאָלסטו ניט דערגײן און צוריק זאָלסטו ניט קומען, — האָט אים צוגעװוּנטשן די מאַמע.

נאָר אָט — אין עטלעכע שאָ אַרום, אַז די באָלשעװיקעס זײַנען שוין געװען אין צענטער שטאָט, האָט זיך אָראָפּגעיאַװעט, מײנט איר, װער? — דער אָפֿיצער! שוין גאָר אַן אַנדער מענטש: אָנגעטאָן אין אַ ציװילן אָנצוג, און מיט אים אַ מאַטראָס.

— דערלויבט זיך פֿאָרשטעלן, — האָט פֿרײלעך געזאָגט דער „אָפֿיצער“, — קאָמיסאַר פֿאַנין. די מאַמע האָט שיִער ניט געכלאַפּעשט.

מיר האָבן געגלאָצט די אויגן אַפֿן „װײַסן אָפֿיצער“. פֿאַנין האָט פֿאַרגעזעצט:

— װי איר זעט, האָב איך געהאַלטן װאָרט — אומגעקערט זיך צוריק!

צו אונדז, יִנגלעך, האָט ער געזאָגט קלוימערשט מיט קאַס:

— נו, יאטן! איַך קאָן איך צוזאָגן, אַז טאָמער וועט איר מיר וויַיטער דערגיין די יאָרן און מאכן קעציִשע קאָנצערטן אונטער מיַינע פענצטער, וועל איך איַיך אראָפּלאָזן די טאַכטוינים און ארײַנצימבלען א פּאַרציע שמיץ!.. אָבער איך מיין, אַז פון איצט אָן זיַינען מיר כאוער!.. מאסקים? אָפּגערעדט! אָט אזוי האָב איך ליב.

ער האָט פריַינטלעך א קוק געטאָן אף אונדז, און אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

דער כאוועה פאנין איז פארבליבן וווינען בא אונדז. מיר האָבן זיך שטארק געפריַיט און זיַינען געוועזן זייער שטאָלץ: עפּעס א קלײניקײַט, בא אונדז וווינט דער כאוועה פאנין. אַלע מיַינע כאוויירים זיַינען אונדז געוועזן מעקאנע.

ס'איז איבעריק אונטערצושטרײַכן אונדזער „אומפּרינציפּיִעלקייט": אָקאָרשט ערשט האָבן מיר שטארק פיַינט געהאט אָט־אָ דעם מענטשן, און מיטאַמאָל איז ער אונדז געוואָרן איַינגע־באקן אין הארצן. מיר זיַינען געוועזן אנציקט פון דער העלדישקייט פון אָט דעם אונטערערדישן טוער, דעם באָלשעוויק פאנין! און ס'איז ניט געווען, דאכט זיך, א זאך, וועלכע מיר וואָלטן פאר אים ניט אויסגעפילט.

היַינט שטעלט איַיך פאָר מיַין פרייד, ווען אין איינעם א שיינעם, א גליקלעכן טאָג האָט ער מיך גענומען צו זיך אין שטאב אַלס קוריער.

הוראַ!

דאָס גליק איז אָבער געווען ניט אף לאנג: ס'האָבן ווידער געבושעוועט די וויַיסע מערדער.

אז דעניקין איז געווען אונטער אָדעס, איז פאנין פלוצעם ניט געוואָרן.

באנאכט האָט זיך ארײַנגעריסן צו אונדז א גרופּע וויַיסע און איבערגעטרייסלט די גאנצע שטוב.

דעם טאַטן האָט מען ארעסטירט.

מיך, א פערצניאַריק יינגל, האָט מען געשלעפּט אף פארהערן. מע האָט געזוכט פאנינען־פּאָפּקאָוון (לאָזט זיך אויס, אַז זיַין עמעסע פאמיליע איז גאָר געווען פּאָפּקאָוו).

דעם עמעס געזאָגט, האָט זיך מיר ניט איַינגעגעבן צו ווערן א העלד. ווען איך וואָלט גע־ווּוּסט, ווו פאנין איז, וואָלט איך זיך געלאָזט צעריַיסן אף שטיקער, נאָר כ'וואָלט ניט אויסגע־זאָגט. נאָר איך האָב טאַקע ניט געוווּסט, ווו ער איז...

ער איז פארשוווּנדן, ווי אין וואסער אריַין. דאָס הארץ האָט געקלעמט. איך האָב ניט אופ־געהערט טראכטן וועגן אים.

אינגיכן זיַינען געקומען די באָלשעוויקעס. די סאָוועטנמאכט האָט אין אָדעס געזיגט אף אייביק.

אין נאָוואָפּאָלטאַווקע

אין 1919 יאָר האָט א באַמבע רויִנירט דעם בעסמעדרעש, ווו מיַין פאָטער איז געווען כאזן. אונדזער מישפּאָכע איז אריבערגעפאָרן קיין כערסאָן.

אין 1921 יאָר איז אין יענעם קאנט געווען אן אומגעהײַערע טריקעניש. און אַלס פּויעל־יויצע — א שרעקלעכער הונגער. מענטשן זיַינען געפאלן, ווי די פליגן. מע האָט גענומען אנטלויפן פון כערסאָן.

דער וואָקזאַל איז געווען געפּאקט — מע האָט זיך געוואַלגערט אפן קאלטן שטיינערנעם דיל. וויַיבער מיט קינדער, זקײנים, קראנקע... א שרעקלעכער בילד!

ס'איז ניט געווען קיין מעגלעכקייט עוואקויִרן אָט די גאנצע מאסע מענטשן: די וואַגאָנען און לאָקאָמאָטיוון זיַינען געשטאנען צעקלאַפּטע. די לאגע איז געווען אן אומגעהײַער שווערע.

לויט דער אופגאבע פון דער קאָמיוגישער אָרגאניזאציע זיַינען געשאפן געוואָרן בריגאדעס פון יונגע ענטוזיִאסטן. דער ציל איז געווען — העלפן עוואקויִרן, ראטעווען מענטשן. איך בין אויך אריַין אין אזא בריגאדע.

ס'איז זייער שווער געווען איַינשטעלן אָרדענונג. נאָר מע האָט עס געמוזט טאָן, קעדיי כאָטש א ביסעלע באַרויִקן די אויסגעמאטערטע, אויסגעשעפּטע מענטשן. מיט גרינגע ווערעם איז אונדז אָנגעקומען דאָס קריגן מיט וואָס צו הייצן די הרובע אינעם קליינעם זאַל, וווּהין מע האָט ארי־בערגעפירט די קליינע קינדער מיט די מוטערס און די קראנקע. מע האָט אָרגאניזירט אן אקטיוו, וועלכער האָט באדארפט ספּעציִעל קוקן נאָך דער הרובע און זאָרגן וועגן הייסער וואסער. מיר האָבן באזאָרגט מיט וואָס ס'איז נאָר געווען מעגלעך די קליינע קינדער, זיי זאָלן ניט שטארבן פון הונגער, געשטעלט אף די פיס די גאנצע מעדיצין און איבערגעטרייסלט אַלע אפּטייקן, קעדיי צו קריגן רעפּועס פאר די קראנקע.

א גרויסע ארבעט האָבן דורכגעפירט די מיטגלידער פון די בריגאַדעס, העלפנדיק רעמאָנ־טירן די לאָקאָמאָטיוון און די וואַגאָנען. מע האָט געאַרבעט צו צוואַנציק שאָ א מעסלעס, קימאַט ניט געשלאָפן.

אין א פּאָר כאַדאָשים אַרום איז די לאַגע געוואָרן לייַכטער. איך וועל ניט זאָגן, אַז דאָס איז געווען בלויז אַ דאַנק אונדז. נאָר ס׳איז קיין סאָפעק ניט, אַז אונדזער ארבעט האָט זייער פיל געהאָלפן.

דערמאָנענדיק זיך אין אָט דעם פּעריאָד, בין איך שטאַרק צופרידן, וואָס ס׳איז מיר באַשערט געווען ניט צו בלייַבן אָן א זייַט פון די דראַמאַטישע געשעענישן פון יענער אומפאַרגעסלעכער צייַט — א צייַט פון גרויסע שוועריקייַטן און נאָך גרעסערע האָפענונגען.

מיט איינעם פון די עשעלאָנען איז אַוועק אויך אונדזער מישפּאָכע. מיר זייַנען געפאָרן קיין כאַרקאָוו, וווּהין דער פאָטער איז שוין אַוועקגעפאָרן פריִער מיט מייַנע צוויי ברידער.

ס׳האָט אונדז ניט אָפּגעגאָלטן — ס׳איז עפּעס קאַליע געוואָרן אין אונדזער וואַגאָן און מע האָט אים אָף דער סטאַנציע נאָוואָפּאָלטאַווקע געמוזט אָפּטשעפּען. אַריבערזעצן אַזויפיל מענטשן איז געווען אוממעגלעך. אומעטום איז געווען געפּאַקט, א פינגער ניט דורכצושטופּן. דער עשעלאָן איז אַוועק. מיר זייַנען פאַרבליבן צוויי און פערציק מענטשן און צווישן זיי אונדזער מוטער, מייַן קלענער שוועסטערל און איך.

אַלע האָבן זיך אָנגעשטאָפּט אינעם קאַלטן פיצינקן וואָקזאַלכל, וואָס האָט געקוקט אין דער קאַלטער נאַכט אַרייַן מיט צעבראָכענע פענצטער.

דער איינציקער מענטש, וואָס איז געווען אָף דער סטאַנציע — דער דעזשורנע, האָט אונדז געזאָגט, אַז גאָר ניט ווייַט, פון יענער זייַט פעלד, איז דאָ א יִישעווו. „ביז ס׳איז נאָך ניט שפּעט, גייט אַהין, — האָט ער אונדז געייצעט, — דאָרט זייַנען גוטע מענטשן. מע וועט אייַך געוויס העלפן“.

איך ווייס ניט, וויִאַזוי ס׳איז געשען, וואָס איך בין געוואָרן דער גאַנצער רעדלפירער. ווייַזט אויס, דערפאַר, ווייַל איך בין געווען ייִנגער פון אַלעמען און דעריבער ענערגישער. איך בין ערנסט אַרייַן אין מייַן ראָל. איך האָב אַפילע געהאַלטן א רעדע, עמעס, א גאַנץ קורצע: „וויקלט אייַן די קינדער אין וואָס מע קאָן נאָר, גרייט זיך צו. מיר גייען“. פונדעסטוועגן בין איך געווען שטאָלץ מיט מייַן רעדנערישן טאַלאַנט.

דער פאַרשלאָפענער דעזשורנער האָט אונדז געוויזן דעם וועג.

אַלע — יונג און אַלט — האָבן געשפּאַנט איבערן פעלד.

עס רעדט זיך נאָר אַזוי, אַז „ס׳איז ניט ווייַט“. מיר זייַנען געגאַנגען און געגאַנגען, מידע און הונגעריקע. אָבער צו אַלץ קומט א סאָף. ענדלעך זייַנען מיר געקומען. ס׳איז געווען זייער שפּעט.

מיר האָבן געקלאַפּט אין טירן, אין פענצטער, קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן, ווי מע וואָלט אויסגעשטאָרבן. שפּעטער האָט מען אונדז דערקלערט — די צייַט איז געווען א ביטערע, אַרום־און־אַרום האָבן גענישטערט באַנדיטן.

נאָר אָט האָבן מיר דערזען שייַן אין א פענצטער. איך האָב אָנגעקלאַפּט. מע שווייַגט... איך קלאַפּ נאָכאַמאָל. מע שווייַגט... „איך בעט אייַך, גייט אַרויס, העלפט אונדז, מיר ווערן פאַרפרוירן. עס זייַנען דאָ קינדער מיט אונדז — ראַטעוועט זיי!“, — האָב איך געזאָגט מיט האַרץ... מע הערט, אין שטוב רירט זיך עמעצער... שאַ! מע גייט!..

ס׳האָט זיך געעפנט די טיר.

אָף דער שוועל איז געשטאַנען א הויכער מענטש, אָף די פּלייצעס — א פּעלצל, אָף די פיס — וואַליקעס. מיט אים זייַנען אַרויס נאָך צוויי: איינער פון זיי האָט געהאַלטן אין דער האַנט א לאַמטערן, וואָס האָט מיט זייַן שייַן אַרויסגעכאַפּט פון דער פינצטערניש אונדזער גאַנצע קאָמפּאַניע...

מע האָט אונדז אַרייַנגעלאָזט אַלעמען — אַלע צוויי און פערציק מענטשן. ס׳האָט זיך אופגעכאַפּט דאָס גאַנצע הויזגעזינד. מיר זייַנען געווען אין שטוב בא דעם כאַווער כאַנין — דעם פאָרזיצער פונעם סאָוועט פון דער ייִדישער קאָלאָניע, וואָס האָט אויך געהייסן נאָוואָפּאָלטאַווקע. אָט וווּהין מיר האָבן אָנגעשפּאַרט!

שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט: כאַנין איז איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרס פון דער קאָ־לאָניע. א קאָמוניסט, אַן אָנטיילנעמער פונעם בירגערקריג, האָט ער זיך אומגעקערט פון שפּי־טאָל אַהיים, אַלס אינוואַליד, און דאָ האָט ער אָפּגעגעבן די גאַנצע קויכעס, קעדיי אופצוהייבן די קאָלאָניע. אַלע האָבן אים שטאַרק ליב. „אַזאַ מענטש איז גאָר ניטאָ אָף דער וועלט — גאָט און ער, און מער קיינער!“ — אַזוי האָט מען אים כאַראַקטעריזירט.

קיינמאָל וועל איך ניט פארגעסן אָט דעם טײַערן, ליבן מענטשן, וועלכער האָט אונדז — אַלע צוויי און פערציק — געראַטעוועט. ער האָט זיך הייס א נעם געטאָן פאר דער ארבעט: טייקעף איז ער מיט זײַנע צוויי זין אוועק איבער דער קאָלאָניע אין אַלע הײַזער. ער האָט אופגעוועקט אַלעמען. אין אַלע פענצטער איז געוואָרן ליכטיק. קיינער איז ניט געשלאָפן — גאָט האָט זיי צוגעשיקט געסט — ניט אזוי גאָט, ווי דער כאַווער כאַנין. נאָר איר ווייסט דאָך שוין, אז דאָס איז קימאַט אַלציינס...

מע האָט זיך פארנומען מיט אונדז, געהאָדעוועט, געוואַשן, אָנגעוואַרעמט.

אף מאָרגן האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אונדזער וואַגאָן וועט מען רעמאָנטירן עטלעכע טעג, און די גאַנצע צײַט האָבן מיר זיך געפילט בא די קאָלאָניסטן ווי די סאַמע אָנגעלייגטע געסט. מיט וואָס האָב איך געקאָנט אָפּדאַנקען אונדזערע ליבע באַלעבאַטים? לידער, האָב איך געוווּסט, האָט מען ליב אומעטום. האָב איך געזונגען.

שאַבייסענאַכטס האָבן מיר אַפילע אָרגאַניזירט א גאַנצן „קאָנצערט". אכוץ מיר און מײַן שוועסטער, האָבן זיך באַטייליקט נאָך איניקע „אַרטיסטן" — אי געסט אי באַלעבאַטים. ס'האָט געשפּילט אף דער האַרמאָשקע אבראַשע כאַנין, כאַנינס ייִנגערער זון, און ער טאַקע האָט מיר אַקאָמפּאַנירט איניקע זאַכן, וואָס מיר האָבן מיט אים אײַנגערעפּעטירט. דאָס איבעריקע — „אף ביס" האָב איך דערלאַנגט אַליין.

און אז מע האָט פאַריכט אונדזער וואַגאָן, האָט אונדז באַגלייט די גאַנצע קאָלאָניע.

ביז כאַרקאָוו האָבן מיר זיך געשלעפּט פינף טעג!..

ווידער אַדעס

אין כאַרקאָוו האָב איך זיך לאַנג ניט פארהאַלטן. איך בין אוועקגעפאָרן צו מײַן עלטערער שוועסטער קיין אָדעס, ווו איך בין געוואָרן א סטודענט פונעם טראַנספּאָרט־טעכניקום. נאָר געצויגן האָט מיך צום זינגען. קיין גרויסן דערפאָלג אַלס סטודענט האָב איך ניט געהאַט, אָבער דערפאַר אַלס זינגער... וויאַזוי איך האָב געזונגען, ווייס איך ניט. איך מיין, אז ניט זייער פויגלדיק. קורץ, אזוי ווי עס האָט געקאָנט זינגען א דילעטאַנט, וועלכער האָט ניט פארמאָגט קיין שום שול, נאָר א שטים און אן אומגעהייערן פארלאַנג צו זינגען.

איינמאָל האָב איך דורכגעלייענט א מעלדונג וועגן א קאָנקורס אין דעם כאָר פונעם אָפּערעטעאַטער. איך האָב באַשטימט — איך שטעל זיך צום קאָנקורס. און איך האָב זיך גענומען גרייטן: געטרונקען רויע אייער, עמערס מילך, פארקלאַפּט אַלעמען די קעפּ מיט מײַן זינגען און אינגאַנצן אופגעהערט גיין אין טעכניקום.

מײַן קאָנקורס האָט זיך פאַרענדיקט, כ'וואָלט געזאָגט, דראַמאַטיש. אין כאָר האָט מען מיך ניט גענומען (מע האָט געזאָגט, אז איך דאַרף גיין זיך לערנען אין קאָנסערוואַטאָריע), נאָר פונעם טעכניקום בין איך ארויסגעפלויגן.

יוגנט, יוגנט, גאָלדענע צײַט! איך האָב זיך ניט גענומען צום האַרצן. פאַרקערט, איך בין געווען צופרידן. נו, אָט בין איך פּאָטער געוואָרן פון דעם טעכניקום!

מײַן אָפּגאָט איז אין יענע יאָרן געווען דער באַוווּסטער אַרטיסט פון דער אָדעסער אָפּערע — וויקטאָר אַלעקסייעוויטש סיעליאַווין. דאָס איז געווען א האַרציקער זינגער, א גרויסער אַקטיאָר. ס'איז ניט צו באַשרײַבן, וואָס פאַר א מענטש דאָס איז געווען און וויאַזוי מע האָט אים ליב געהאַט. איינמאָל אין א שיינעם זומערדיקן טאָג בין איך מיט מײַנע כאַווירים אוועק אין יאַכטקלוב. פּלוצעם שווימט צו צום פּירס פונעם יאַכטקלוב א זעגל־שיפל, און איך דערזע — וועמען מיינט איר? — סעליאַווינען אין קאָמפּאַניע פון יונגעלײַט. לאָזט זיך אויס, ער איז א שטענדיקער מיטגליד פונעם יאַכטקלוב, א מאַטראָס און א פישער פון דער העכסטער קאַטעגאָריע.

אָפּט האָט מען אפן ברעג געקאָנט הערן פונדערווײַטנס זײַן ווייכע שטים. דעמלט איז דאָס שיפל אין יאַם געווען די עסטראַדע, און דער זאַל — דער גאַנצער יאַם־ברעג.

די כעווירע פונעם קלוב האָט דערציילט וועגן מיר סעליאַווינען. איינמאָל האָט מען מיך ארײַנגענומען אין איין שיפל מיט אים. מע האָט אונדז באַקאַנט: „אָט איז דער יונגער זינגער, וויקטאָר אַלעקסייעוויטש, וועלכער טרוימט וועגן דעם, ער זאָל כאָטש א ביסל זײַן ענלעך צו אײַך".

ער האָט, ווײַזט אויס, דערזען, אז איך האָב זיך שטאַרק פארשעמט, און האָט געזאָגט: „נו גוט, וועלן מיר זינגען אינייינעם. אָפּגעמאַכט?" איך האָב זיך אינגאַנצן פארלוירן.

באקאנען זיך מיט דעם, ווי איך זינג, האָט זיך אים פאַרוואָלט גלײַך, טאַקע דאָ אין שיפֿל. „וואָס עפּעס דאַרף שטענדיק זינגען איך, נאָר איך, און מער קיינער! — האָט ער געזאָגט, — דאָס טויג ניט. מע דאַרף ניט זײַן קיין עקספּלואַטאַטאָרס!.. לאָז איצטער זינגען זינאָווי“.

די נעשאָמע איז מיר שיר ניט ארויסגעפֿלויגן: גאָר א קלייניקײַט, איך דאַרף זינגען פאַר אזא קאָריפיי.

מיר זײַנען אוועקגעפֿאָרן ווײַט אין יאַם. וויקטאָר אַלעקסייעוויטש האָט אָנגעהויבן זינגען א פּרעכטיקע פּאָפּולערע נעאַפּאָליטאַנישע ליד. אז ס'איז צו צום רעפרען, האָט ער גענומען דיריזשירן, און אַלע האָבן מיטגעזונגען. ס'איז קענטיק געווען, אז דאָ איז מען דערצו געווינט.

נאָכן צווייטן קופּלעט, אינמיטן דעם רעפרען, זײַנען אַלע אַנשוויגן געוואָרן און געלאָזט מיך זינגען אַליין. קוידעמקאָל האָב איך זיך פאַרלאָרן. נאָר אָט האָט זיך מײַן בליק באַגעגנט מיט סעליאַווינס גוטע אויגן. וויפֿל פּראָסטקײַט און וואַרעמקײַט האָט געלויכטן אין זיי!

איך האָב זיך מיטאַמאָל באַרויִקט און פאַרענדיקט דעם רעפרען אַליין, שוין מיט מער קוראַזש.

אינגיכן האָב איך אָנגעהויבן זיך לערנען זינגען בא סעליאַווינען. ס'איז ניט געווען קיין מענטש גליקלעכער פון מיר!

מאָסקווע

אין א יאָר ארום, לויט דער אייצע פון דעם באַוווּסטן זינגער פּלאַטאָן צעסעוויטש, וועלכער האָט מיך פאַרהערט, קומענדיק צו סעליאַווינען מיט א וויזיט, האָב איך באַשטימט פאָרן קיין מאָסקווע — אָנקומען אין קאָנסערוואַטאָריע.

מײַן ברודער נאַטאַן האָט שוין געווינט אין מאָסקווע. ער האָט זיך געלערנט אין קאָנסער־וואַטאָריע שפּילן פּיאַנע. איך האָב געהאָפט אויף זײַן הילף. נאָר ער איז ניט געווען שטאַרק אַנציקט פון מײַן קומען. און ער איז געווען גערעכט אויך: ווי פאַלט מען דאָס אזוי אַראָפּ אויפן קאָפּ פּלוצ־לינג, אומדערוואַרט? „האָסט געדאַרפט כאָטשבי א בריוו אָנשרײַבן, וואָלט איך דיר ניט געהייסן קומען אָדער עפּעס פאַר דיר צוגעגרייט. ס'איז דאָך מאָסקווע! ווי פאָרט מע דאָס אזוי?“

גערעכט... טויזנט מאָל גערעכט. ער האָט אַליין געווינט, ווי מע זאָגט עס, צווישן הימל און ערד, געשלאָפן בא א כאַווער אין א ווינקל אויף א בעטל.

— נו, דו זעסט דאָך, אז דאָ קאָנסטו ניט בלײַבן, — האָט געזאָגט דער ברודער. — נאָר ווייסטו וואָס? דאָ, אין מאָסקווע, ווווינט אונדזער קאַלינקאָוויטשער קאָרעוו — דער פעטער פּינ־כעס. דאָס איז א דימענטענער מענטש. ער האָט מיר אויך געהאָלפן, און די ערשטע צײַט האָב איך געווינט בא אים. עמעס טאַקע, ער איז אָפּט ניטאָ אין מאָסקווע, נאָר עפשער איז ער איצט, אויף דײַן מאַזל, דאָ. פאָר גיכער צו אים. אָט וועסטו זען, ער וועט דיר געוויס העלפן.

מײַן ברודער האָט מיר פאַרשריבן דעם אדרעס און האָט דערקלערט, וויִאַזוי מע דאַרף פאָרן צום פעטער פּינכעס.

ער האָט מיך צוגעפירט צום טראַמוויי, און איך בין אוועקגעפאָרן צום פעטער. דאָ האָב איך ערשט פאַרשטאַנען דעם טײַטש פונעם זווערטל „טאַפּן א וואַנט“.

ווער עס געדענקט די אַמאָליקע מאָסקווער געסלעך, ווייסט, ווי ניט גרינג דאָרט איז געווען עמעצן געפינען, ביפּראַט נאָך, אז דער מענטש, וואָס זוכט, איז צום ערשטן מאָל אין מאָסקווע. קורץ גערעדט, ערשט שפּעט נאָך האַלבער נאַכט האָב איך אָפּגעזוכט דעם פעטער פּינכעס. ס'האָט זיך אויסגעלאָזט, אז ער איז ניטאָ. „ער וועט קומען אין א פאָר טעג ארום“, — האָט מיר גאַנץ העפלעך געזאָגט עמעצער און האָט אפילע ניט געעפנט די טיר.

קוש א בער, זינאָווי! אָט האָסטו דיר מאָסקווע!..

אָבער וואָס טוט מען? פאָרן צוריק צו נאַטאַנען? אזוי שפּעט?.. די טראַמוויײַען זײַנען שוין ניט געגאַנגען. ס'איז געווען קאַלט.

קורץ, דאָס ערשטע געלעגער מײַנס אין מאָסקווע איז געווען א פּאָדלאָגע אין א ווינקל הינטער א צעבראָכענעם ליפט אין איינעם פון די הײַזער אויף מײַן פעטער פּינכעסעס גאַס.

עטלעכע טעג בין איך געווען א „קוואַרטיראַנט“ אין מײַן ברודערס ווינקל. איך בין געשלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע, לעבן אים.

כ'האָב זיך געווענדט אין מאָסקווער קאָמיוג־קאָמיטעט, אַלץ דערציילט, אויסגעגאָסן מײַן ביטער האַרץ: איך האָב א שטים, כ'בין געקומען קיין מאָסקווע, כ'וויל אָנקומען אין קאָנסערוואַ־טאָריע — לערנען זיך זינגען, נאָר כ'האָב ניט ווו צו זײַן...

מע האָט מיר געזאָגט: נאָר אין מאָסקווע קאָן מען זיך לערנען זינגען? און אַדעס איז פאַר דיר קאַרג? זיי זײַנען אויך גערעכט...

דער ברודער איז גערעכט, זיי זײַנען גערעכט... אָבער צו קיין טאַכלעס קומט עס ניט...

ס'זײַנען אָבער פאַרט דאָ גוטע מענטשן אויף דער וועלט. צי איך בין נימעס געוואָרן דעם באַלעבאָס פון מײַן ברודערס ווינקל, צי ער האָט ראַכמאָנעס געקראָגן אויף מיר, נאָר ער האָט מיר געהאָלפן: רעקאָמענדירט מיך אויף אַרבעט מיט אַ געלעגער אין אַ צוזאַמענוווינונג.

איר פאַרשטייט, וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז געווען, אָט דער נאַטאַנס באַלעבאָס? איך בין אָנגעקומען אַלס אַרבעטער אויף אַ סקלאַד פון לעדער־סינדיקאַט. די אַרבעט האָב איך פײַנט באַקומען פונעם ערשטן טאָג: מע זאָגט, אַז לעדער שאַדט צו דער שטים...

קיין זאַך האָט פונדעסטוועגן ניט געקאָנט פאַטערן מײַן גליקלעכע שטימונג, מײַן פרייד — איך בין אַ מאָסקווער! אַלץ וועט זײַן גוט!

די כעווראַ אין דער צוזאַמענוווינונג איז מיר געפעלן — גוטע יאַטן. אַלע פרײַע אָוונטן האָב איך אָפּגעגעבן דעם קלוב, וווּ איך האָב זיך באַטייליקט אין דער קינסטלערישער זעלבסט־טעטיקייט.

דער אָנפירער פון אונדזער וואָקאַל־קרײַז ד. א. גאָרין איז געווען אַ קולטורעלער מענטש, אַ קוואַליפיצירטער מוזיקאַנט און אַ גוטער פּעדאַגאָג. ס'איז אים געפעלן געוואָרן מײַן שטים, און ער פלעגט זיך מיט מיר פאַרנעמען באַזונדער.

ער האָט געוווּסט וועגן מיר אַלץ, די גאַנצע ביאָגראַפיע מײַנע, מײַן טרוים צו ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער זינגער. ער האָט אויך געוווּסט, אַז איך האָב פײַנט מײַן אַרבעט, אַז איך האָב מוירע, אַז איך וועל קאַליע מאַכן די שטים, אַרבעטנדיק אויפן לעדער־סקלאַד. אַלץ האָט ער געוווּסט.

איינמאָל האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער וויל מיך רעקאָמענדירן אין צענטראָפּאַסרעדראַביס (אַ קאָנצערט־אָרגאַניזאַציע אין יענע צײַטן), וווּ ער איז געווען אַ רעזשיסער.

— און וווּ וועל איך וווינען? — האָב איך געפרעגט.

— עפּעס וועל איך צוטראַכטן, — האָט ער מיר געענטפערט.

גאָרין האָט געהאַט אויטאָריטעט אין צענטראָפּאַסרעדראַביס, נאָר מיך האָט קיינער ניט געקענט. קיין קאָנצערטן האָט מען מיר ניט געגעבן.

איינמאָל האָט מען מיר פאַרגעלייגט פאַרבײַטן אַ זינגער, וועלכער איז קראַנק געוואָרן. מע האָט באַדאַרפט אַרויספאָרן אויף עטלעכע קאָנצערטן. און עס איז אַוועק אַ גאַנג. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך בין שוין אויפן פערד.

נאָר וואָס טוט מען מיטן סקלאַד? ער איז מיר געשטאַנען איצט, ווי אַ ביין אין האַלדז. קיין סאַך האָב איך ניט געטראַכט: אין דעם זעלבן טאָג בין איך אַוועק פון דער אַרבעט, און באַנאַכט בין איך שוין געזעסן אין צוג — איך פאָר!..

אַ נײַ לעבן — אַ וווּנדערלעכס! נײַע מענטשן — איך האָב זיי אַלעמען ליב באַקומען פונעם ערשטן מאָמענט!

איך האָב גאָר ניט געטראַכט, וואָס וועט זײַן מיט מיר דערנאָך.

די קאָנצערטן פלעגן דורכגיין גוט. ס'איז געווען אַ פײַנע בריגאַדע. איך האָב אויך גע־האַט דערפאָלג.

אומגעקערט קיין מאָסקווע האָב איך זיך פאַרנאַכט.

און ווידער אַ קרומע גרימאַסע פונעם שיקזאַל. מײַן בעטל אין צוזאַמענוווינונג איז פאַר־נומען.

דער נײַער וויזיט צום פעטער פּינכעס איז געווען אַ מער געלונגענער. ער איז געווען אין דער היים און האָט מיך זייער וואַרעם אויפגענומען. בעעמעס אַ דימענטענער מענטש! מײַן ברו־דער האָט ניט איבערגעטריבן. די צוויי וואָכן, וואָס איך בין געווען בײַ אים, איז ער געווען צו מיר ווי אַ פאָטער. און ווען עס וואָלט ניט געקומען צו פאָרן צו אים זײַן ברודער, דער פעטער ייִסראָעל מיטן ווײַב, וואָלט איך געווען בײַ אים אַ סאַך לענגער.

שפּעטער האָט ד. א. גאָרין מיר פאַרגעלייגט אַ קוואַרטיר בײַ זײַנע באַקאַנטע, אין סאַמע צענטער פון מאָסקווע — אויף טווערסקאַיאַ (איצט גאָרקי־גאַס). נײַן, צום שלימאַזל האָב איך נאָך אַ ביסל מאַזל אויך.

איך וווין אין מאָסקווע, אין סאַמע צענטער, פאָטער געוואָרן פונעם סקלאַד, שטודיר מיט אַזאַ לערער און אַזאַ פרײַנט, ווי ד. א. גאָרין, איך גיי אויף קאָנצערטן, אין וועלכע מײַן ברודער

אַקאָמפּאַנירט, האָב די מעגלעכקײַט הערן און זען די בעסטע אַרטיסטן, און דערצו נאָך אומזיסט, אָן אַ גראָשן געלט. ניט שלעכט. ווען ס'וואָלט נאָך געווען רעגולער וואָס צו עסן...

דער אינטערעס צום לעבן, צו קונסט איז געווען אַזוי גרויס, אַז די אַלע שוועריקײַטן האָבן מיך ניט געקאָנט אײַנברעכן. דעם מענטשנס גליק באַשטייט דען נאָר אין עסן?

שאַליאַפּינס קאָנצערט

אין אַזאַ „פֿילאָסאָפֿישער" שטימונג, אַ רעזולטאַט פֿון ניט וויסן, ווו נעמט מען אָפּן טאָג עסן, בין איך איינמאָל געגאַנגען איבער טווערסקאַיאַ, און גאָר צופֿעליק האָב איך דערזען אין וויטרינע אַן אַפֿישע. ס'האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין די אויגן: שאַליאַפּין.

איך בין גלײַך אַוועקגעלאָפֿן צו דער קאַסע פֿונעם גרויסן זאַל פֿון דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע. ביזן קאָנצערט איז נאָך פֿינף טעג, אָבער קיין בילעטן זײַנען שוין ניטאָ. מע זאָגט, אַז זיי זײַנען גאָר אינגאַנצן ניט געווען אין קאַסע. מע האָט זיי פֿאַרשפּרייט נאָך פֿריִער. אין טאָג פֿון דעם קאָנצערט האָט אַ גרופּע סטודענטן לעבן אוניווערסיטעט געקליבן זיך שיקן אַ דעלעגאַציע. כ'האָב באַמערקט, אַז מע שרײַבט אַ ספּעציעלן בריוו. איך האָב איבערגעלייענט די ערשטע שורע: „דעם סעקרעטאַר פֿון פֿ. אַ. שאַליאַפּין, דעם כאַווער אַ. וו. דוואָרישטשין".

ס'האָט אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק — דער פֿאָטער, איסײַ, שאַליאַפּין... איך דערקלער דאָס אַלץ דער סטודענטן־דעלעגאַציע. מע גלייבט ניט, מע קוקט אויף מיר מיט אומצוטרוי... אַזעלכע סקעפּטיקער! נאָר איך שטיי ניט אָפּ פֿון זיי. איך גיי אַוועק מיט זיי אינעם האָטעל „מעטראָפּאָל". איסײַ וולאַדימיראָוויטש דוואָרישטשין איז שטאַרק פֿאַרנומען. מע דערציילט אים, צוליב וואָס מיר זײַנען געקומען. מע וויל דערלאַנגען דעם בריוו פֿון די סטודענטן. נאָר איסײַ שלאָגט איבער דעם רעדנער. ס'ווײַזט אויס, אַז אים זײַנען שוין פֿון לאַנג נימעס געוואָרן אָט די סצענעס, ס'איז ניט צום ערשטן מאָל... „דאָס איז אומעגלעך", — גיט ער שטרענג אַ זאָג. דער זאַטער פֿאַרשטייט קיינמאָל ניט דעם הונגעריקן. גוט איז אים, ער האָט די מעגלעכקײַט אַלע טאָג הערן שאַליאַפּינען...

איך האָב באַשטימט אַרײַנמישן זיך.

איך שטעל זיך פֿאָר איסײַ וולאַדימיראָוויטשן. כ'דערמאָן אים וועגן מײַן פֿאָטער, איך גיב איבער פֿון אים אַ גרוס.

— ווו איז ער? גיט אים אויך איבער מײַן גרוס.

איך האָב געענטפֿערט, אַז דער טאַטע איז אין כאַרקאָוו און איך בין געקומען אין מאָסקווע לערנען זיך זינגען.

— נו, גוט, קומט אַ שאָ פֿאַרן אָנהייב צום אַרטיסטישן אַרײַנגאַנג. איך וועל אײַך אַרײַנלאָזן, נאָר אײַך איינעם.

— און וואָס וועט זײַן מיט מײַנע כאַווירים? — האָב איך אים געפֿרעגט. דערויף האָט איסײַ וולאַדימיראָוויטש גאָרנישט ניט געענטפֿערט.

מיר האָבן באַשטימט — גיין צו שאַליאַפּינען אַליין. ריידן מיט אים האָט מען פֿאַרגעלייגט מיר.

צו אים האָט מען אונדז ניט צוגעלאָזט. מיר האָבן זיך אַפֿילע ניט געקאָנט דערוויסן, אין וועלכן נומער ער וווינט. מע האָט געמוזט וואַרטן, ביז ער וועט אַליין אַרויס. מיר האָבן געהערט, אַז ער דאַרף אינגיכן אַרויסגיין. האָבן מיר זיך צעטיילט אויף קליינע גרופּקעס און געוואַרט אין וועסטיביול — און מיר האָבן זיך דערוואַרט.

ער איז געגאַנגען אַ שיינער, אַ הויכער — העכער פֿון אַלעמען, אַרומגערינגלט מיט מענטשן. איסײַ וולאַדימיראָוויטש איז אויך געווען דאָרט. מיר האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו שאַליאַפּינען. איך האָב אָפּגיך אויסגעשאָסן אונדזער ביטע און דערלאַנגט דעם בריוו. ער האָט אים דורכגעלייענט, אַ קוק געטאָן אויף אונדז, זיך צעלאַכט און געזאָגט:

— גייט צו דעם כאַווער דוואָרישטשין, ער וועט אײַך אײַנאָרדענען.

— פֿיאָדאָר איוואַנאָוויטש, — האָט געזאָגט איסײַ וולאַדימיראָוויטש, — זיי זײַנען שוין געווען בײַ מיר, און איך האָב זיי דערקלערט, אַז ס'איז אומעגלעך.

— נו, נו, איסײַקע, סטודענטן דאַרף מען העלפֿן.

— פֿיאָדאָר איוואַנאָוויטש, איר געדענקט דעם קאַנטאָר שולמאַן מיט דער שוואַרצער באָרד? אָט דאָס איז זײַן באָכער, זײַן זון! ער וויל אויך ווערן אַ זינגער.

— דאָס עפּעס פֿאַלט ניט ווײַט פֿונעם ביימעלע, — האָט געזאָגט דער געניאַלער אַרטיסט און האָט מיר דערלאַנגט זײַן גרויסע וואַרעמע האַנט. — איך געדענק, איך געדענק. גיט דעם טאַטן איבער מײַן גרוס.

ער איז צוגעגאַנגען צום פּאַרטיע פון האָטעל, גענומען בײַ אים אַ הענטל־פען און האָט אָנגעשריבן אויף אונדזער בריוו: „איך בעט אַרײַנלאָזן. פ. שאַליאַפּין" — און האָט דאָס איבערגעגעבן איסײַ וולאַדימיראָוויטשן.

כ'וועל ניט שרײַבן וועגן דעם, וויאַזוי ס'איז אויסגעקומען דורכשטופּן זיך דורך די מענגעס מענטשן, וועלכע האָבן אַזוי פאַרפּלייצט די גאַס, אַז מע האָט געמוזט בײַטן דעם מאַרשרוט פון די טראַמווײַען, און אויך ניט וועגן דעם, ווי געפּאַקט ס'איז געווען דער גרויסער זאַל פון דער קאָנסערוואַטאָריע, אַפילו אויף דער עסטראַדע זײַנען געזעסן אַזויפיל מענטשן, אַז ס'איז פאַרבליבן נאָר אַ שטיקל אָרט באַם ראָיאַל פאַר דעם קאָנצערטאַנט. שרײַבן וועגן דעם, וויאַזוי שאַליאַפּין האָט געזונגען, איז שוין אַוודאי איבעריק. וועגן שאַליאַפּינען איז גענוג אָנגעשריבן, און איך צווייפל, צי קען איך דערציילן עפּעס נײַס.

איך וויל נאָר זאָגן, אַז אויף מײַן גאַנץ לעבן איז בײַ מיר פאַרבליבן אין זיקאָרן דער פינאַל פונעם קאָנצערט.

עס האָט זיך געדוכט, אַז די אָוואַציעס וועלן באַלד צעשפּאַרן די ווענט. ער האָט געזונגען אויף ביס, און דער עולם האָט געפאָדערט נאָך און נאָך. מע האָט אויסגעלאָשן די ליכט אויף דער עסטראַדע. דאָס איז אַ קאַטעגאָרישער סימען, אַז דער קאָנצערט איז פאַרענדיקט. נאָר דער עולם איז ניט אַוועק פון זאַל. די שטורמישע אָוואַציע האָט געדויערט העכער צען מינוט. שאַליאַפּין איז אַרויס אויף דער עסטראַדע, שוין אָנגעטאָן אין זײַן מאַנטל, מיט דעם הוט אין האַנט. ער האָט אַ שמייכל געטאָן צום עולם און געזאָגט:

— אויב איר וועט מיר העלפן, וועל איך זינגען.

ער האָט אַוועקגעלייגט דעם הוט אויפן ראָיאַל און אָנגעהויבן זינגען די באַרימטע ליד „דובינושקאַ". ווען ס'איז געקומען צום רעפרען, האָט ער גענומען ענערגיש דיריזשירן מיטן אויסערגעוויינלעכן כאָר. דער גאַנצער זאַל האָט שטייענדיק מיט היסלײַוועס געזונגען. איך האָב געזען טרערן אויף די אויגן פון פיל מענטשן.

מײַנע ערשטע שריט

אינגיכן האָט מען מיך אײַנגעשלאָסן אין אַ בריגאַדע. קאָנצערטן זײַנען געווען גאַנץ אָפט.

מיר האָבן זיך געגרייט צו אַ גאַסטראָל־טורנע איבער אוקראַינע. אין מײַן רעפּערטואַר זײַנען געווען פאָלקסלידער פון פאַרשיידענע פעלקער.

סאָף 1924 זײַנען מיר אַוועקגעפאָרן קיין אוקראַינע, אין יאַנואַר 1925 — געקומען אין מײַן ליבער היימשטאָט אָדעס. די קאָנצערטן האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג. ס'איז אַוועק איבער אָדעס אַ קלאַנג, אַז שולמאַנס זינדל טרעט אויף מיט קאָנצערטן. די אָדעסער אַדמיניסטראַטאָרס זײַנען גאָר קיין נאַראָנים ניט. זיי פאַרשטייען אַ געשעפט. זיי האָבן געוואָלט אויסנוצן מײַן פאָטערס פּאָפּולערקײַט אין אָדעס. מע האָט מיר פאָרגעלייגט אַרויסטרעטן אין אַ קאָנצערט מיט אַ באַזונדערן אָפּטייל. דער פאָרשלאָג האָט מיך מאַמעש צעמישט. אַ ווערטעלע צו זאָגן — זען מײַן נאָמען אויף די אַפישעס.

און אָט איז געקומען דער טאָג, ווען אין אָדעס זײַנען געווען צעקלעפּט אַפישעס, אַז דעם 4 מאַרט 1925 וועט אין קינאָ־טעאַטער „מולען־רוזש" פאָרקומען אַ קאָנצערט „מיטן אָנטייל פון דעם יונגן זינגער זינאָווי שולמאַן". אין דער אַפישע איז געווען אָפּגעדרוקט, וואָס איך וועל זינגען, צווישן אַנדערע אויך צוויי יידישע לידער — „דער קראַנקער שנײַדער" און „מעכוטאָנים גייען".

די אַדמיניסטראַטאָרס זײַנען געווען גערעכט — אַלע בילעטן זײַנען געווען אויספאַרקויפט אין דעם זעלבן טאָג, ווען עס זײַנען געווען אויסגעקלעפּט די אַפישעס. זיי האָבן געזאָגט — אַ גרויסער דערפאָלג. און איך האָב געטראַכט — מע דאַרף נאָך פאַרדינען דעם דערפאָלג אויף דער עסטראַדע דעם 4 מאַרט.

דעם עקזאַמען האָב איך אויסגעהאַלטן, מע האָט אָרגאַניזירט נאָך צוויי קאָנצערטן.

עס האָט מיך ניט געמיטן די קראַנקײַט פון אַלע יונגע אַרטיסטן — ס'האָט זיך מיר פאַרדרייט דער קאָפּ פון דערפאָלג. איך האָב געמיינט, אַז איך בין שוין טאַקע אַ קוואַליפיצירטער, אַן עמעסער זינגער. איך האָב פאַרגעסן, אַז איך דאַרף נאָך אַ סאַך זיך לערנען, אויב ניט, בלײַב איך אַ דילעטאַנט.

אין אַפּרעל 1925 איז אין אָדעסער זאַל „אוניאָן" פאָרגעקומען מײַן ערשטער סאָלאָ־קאָנצערט, וועלכער איז אײַנצײַטיק געווען אַ דורכקוק פון מײַן נײַער פּראָגראַם.

נאָך דעם קאָנצערט האָב איך שוין באַקומען דאָס רעכט געבן קאָנצערטן אין צוויי אָפּטיילן.

מײַן אזעס איז דערגאַנגען אזוי ווײַט, אז איך האָב אָנגעהויבן געבן קאָנצערטן אין אזעלכע גרויסע שטעט, ווי קיִעוו, כאַרקאָוו, באַקו, ראָסטאָוו און אַנד.

ס׳האָבן זיך אָבער געפונען מענטשן, וועלכע האָבן געזען מײַנע דעפעקטן, און זיי האָבן געפונען פאַר נייטיק מיר אָנווײַזן אַף דעם.

אין קיִעוו איז אַף מײַן קאָנצערט געקומען דער באַוווסטער אָפּערע־זינגער, דער פאָלקס־אַרטיסט קיפּאַרענקאָ־דאָמאַנסקי. ער איז געווען א גרויסער זינגער און זייער אַן אָרנטלעכער מענטש. ער האָט מיר געזאָגט: „איר קוקט ניט אַף אײַער דערפאָלג. איר מוזט זיך אומבאַדינגט לערנען. בעסער אופהערן אַף א פּאָר יאָר צו זײַן א גאַסטראָליאָר, איידער אופהערן אינגאַנצן זינגען...״

ווידער מאָסקווע

אין יאַנוואַר 1929 בין איך צום צווייטן מאָל געקומען קיין מאָסקווע מיט א בריוו פון סיע־ליאָווינען אין בילדונגס־קאָמיסאַריאַט אין קעשענע.

אין בילדונגס־קאָמיסאַריאַט האָט מען מיר געזאָגט, אז איך בין געקומען ניט צו דער צײַט, איך זאָל קומען צום אָנהייב פונעם לערניאָר. נאָר איך האָב זיך דערשלאָגן צום כאָווער פעליקס קאָן. ער האָט אויסגעהערט מײַן ביטע און באַפוילן, מע זאָל מיך פאַרהערן.

אַף דעם דורכקוק האָב איך געזונגען צוויי אַריעס — די אַריע פון קאַוואַראַדאָסי אין פּו־טשיניס אָפּערע „טאָסקאַ״ און עליִעזערס אַריע פון האַלעוויס אָפּערע „דעם קאַרדינאַלס טאָכטער״.

מע האָט מיך געבעטן זינגען נאָך א זאַך. איך האָב געזונגען די אַריע פון מאַנריקאָ אין ווער־דיס אָפּערע „טראָבאַדור״. דאָס איז איינע פון די שווערסטע אַריעס פאַר א טענאָר, און מע זינגט זי זייער זעלטן.

דער אויספיר פון דער קאָמיסיע איז געווען פאַר מיר אַן אומגעריכטער: מע האָט מיך אײַנגעשלאָסן אינעם צעטל פון די יונגע זינגער, וועלכע מע האָט געזאָלט שיקן לערנען אין איטאַליע.

נאָר די שׂימחה האָט ניט לאַנג געדויערט. אקוראַט די טעג איז אָנגעקומען א באַפעל — אופ־הערן שיקן לערנען אין איטאַליע.

מע האָט מיך געשיקט אין גיטיס[1]. מײַן פּעדאַגאָג פון זינגען איז געווען דער באַוווסטער אָפּערע־אַרטיסט ר. א. טשאַראָוו. אין גיטיס זײַנען געווען די בעסטע לערער: די פּראָפעסאָרן טשעמאָדאַנאָוו, פּריגונאָוו, כעסין, מאָרדווינאָוו, נאָווליאַנסקי. אַכוץ טשאַראָוון האָבן געלערנט די קונסט פון נעגינע די אָנגעזעענע זינגער מאַקסאַקאָוו, סלאָווצאָוו, בראַגין אַא. טשאַראָווס ערשטע פאָדערונג איז געווען — אין פאַרלויף פון די לערניאָרן אין ערגעץ ניט זינגען, נאָר אין קלאַס. „פאַרנעמט זיך, מיט וואָס איר ווילט, — האָט ער מיר געזאָגט, — קומט אָן פאַר א טרעגער אַפן וואָקזאַל. נאָר ניט זינגען, ביז איך אַליין וועל אײַך ניט הייסן. אזא מאָמענט וועט קומען״.

ס׳איז געווען דער הייפּעך פון גאַרינס סיסטעם. ווײַזט אויס, אז טשאַראָווס סיסטעם איז פונדעסטוועגן בעסער. פריִער דאַרף מען אויסלערנען דאָס קינד שטיין אַף די פיס און ערשט דערנאָך לאָזט מען עס גיין, אַפילע לויפן...

מײַן סטיפּענדיע איז געווען צו קליין, מע זאָל קאָנען אויסהאַלטן א מישפּאָכע (צו דער צײַט בין איך שוין געווען א מאַן און א טאַטע). איך האָב אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פונעם באַוווסטן פאַרלעזער עמאַנויל קאַמינקע, מיט וועמען מיר זײַנען געווען אין כאַווערישע באַציִונ־גען, און בין געוואָרן זײַן אַדמיניסטראַטאָר.

עמעס, ס׳איז מיר געווען זייער שווער: איך האָב געוווינט הינטער מאָסקווע, פלעג איך מוזן אופשטיין אינדערפרי, ברענגען וואַסער פון ברונעם, אַפגיך אײַנשלינגען א גלאָז טיי מיט עפּעס וואָס און לויפן, קעדיי ניט פאַרשפּעטיקן. דער וועג אין גיטיס האָט צוגענומען א סאַך צײַט: א מינוט צוואַנציק פון מײַן היים ביז דער סטאַנציע, 25 מינוט מיטן צוג ביז מאָסקווע, נאָך א האַלבע שאָ מיטן טראַמווײַ, הענגענדיק אַף א טרעפּל, און דערנאָך צופוס טשוואַלאָם ביזן גיטיס. דרײַ אזייגער באַטאָג — א מיטיק אין דער סטודענטישער גאָרקיך, און ווידער לויפן אײַנאָר־דענען קאַמינקעס קאָנצערטן אין פאַרשיידענע קלובן.

כ׳פלעג זיך אומקערן אהיים א מידער, נאָר מײַן אַרבעטסטאָג פלעגט זיך נאָך דערמיט ניט פאַרענדיקן, ביז איינס און אַמאָל ביז צוויי באַנאַכט פלעג איך נאָך גרייטן די אופגאַבעס פון גיטיס.

און אזוי — מאָרגן, איבערמאָרגן און יעדן טאָג. מײַן לעבן אין יענע יאָרן שטעלט זיך מיר איצטער פאָר ווי א געיִעג איבער מאָסקווע פון זעקס אינדערפרי ביז שפּעט באַנאַכט.

[1] Государственный театральный институт — טעאַטראַלער מעלוכע־אינסטיטוט.

כ׳דארף זײַן דאנקבאר מײַנע עלטערן, וואָס האָבן מיך באַשאָנקען מיט א גוטן געזונט.

מיט מײַנע אדמיניסטראטיווע פֿײִקײטן האָב איך זיך אזוי קוינעשעם געוועזן, אז די דעמאָלטיקע אָנפֿירער פון מאָסקווער פילהארמאָניע האָבן מיר פֿאָרגעלייגט אָנקומען צו זיי אַלס אדמיניסטראטאָר.

סאַפּקאָלסאָף איז מען אין פילהארמאָניע אזוי צוגעוווינט געוואָרן צו דעם, אז איך בין אַן אדמיניסטראטאָר, אז אין קיין אנדער ראָל האָט מען זיך מיך דאָרט ניט פֿאָרגעשטעלט, כאָטש אַלע האָבן געוווּסט, אז איך פֿארנעם זיך מיט דער ארבעט צײַטווײַליק. דעריבער טאַקע האָט געמאַכט א גרויסן אײַנדרוק מײַן ערשטע ארויסטרעטונג אין איינעם פון די קאָנצערטן, וואָס איך האָב אַליין אָרגאַניזירט אינעם קלוב פון א זאַוואָד.

אפֿן קאָנצערט איז געווען א. טשאַראָוו. פון יענעם טאָג — דאָס איז געווען אפֿן דריטן יאָר פון מײַן לער — האָט ער מיר דערלויבט ארויסטרעטן.

הורא! איך בין שוין אַן ארטיסט. אויס אדמיניסטראטאָר!

די מאָסקווער פילהארמאָניע האָט מיך אָנגעהויבן אײַנלאַדן אַף קאָנצערטן אינײנעם מיט אַזעלכע, דעמאָלט נאָך יונגע, ארטיסטן, ווי נאַטאַליא שפּילער, יעלענא קרוגליקאָווא, פּיאָטער סעליוואַנאָוו, פּיאָטער קיריטשעק, סאַמויל פורער.

בא אונדז אין גיטיס הענגט א מעלדונג — אין דעם אָפּערע־טעאַטער אפֿן נאָמען פון סטאַניסלאַווסקי און נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ ווערט דערקלערט א קאָנקורס.

אייניקע סטודענטן האָט מען דערלויבט אָנטיילנעמען אינעם קאָנקורס, בעסויכעם מיר. אָנקומען אין טעאַטער איז בא מיר געוואָרן אַן אידייע־פיקס.

איך האָב זיך שטארק געגרייט צום קאָנקורס. אומעטום, ווו מע האָט נאָר געקאָנט, האָב איך געזונגען לידער, וועלכע איך האָב רעפּעטירט. נאָר געכאַלעמט האָב איך דעמאָנסטרירן מײַן פּראַגראַם א מיוון, א גרויסן ספּעציאַליסט.

מײַן באַגעגעניש מיט לעאָניד וויטאַליעוויטש סאָבינאָוו

סאָבינאָוו איז פאַר אונדז, יונגע, געווען א באַזונדערס באַדײַטונגספולע פּערזאָן. און ניט נאָר דערפאַר, ווײַל ער האָט אזוי וווּנדערבאַר געזונגען.

סאָבינאָוו האָט אײנער פון די ערשטע געבראָכן די אַלטע רוטינע אין דער אָפּערע. ער האָט געהאַלטן, אז שיין זינגען איז נאָך ניט אַלץ. ער האָט געשטעלט דעם טראָפּ אפֿן עמעס אין דער קונסט.

יעדערער, ווער ס׳האָט געהערט סאָבינאָוון, געדענקט זײַן צאַרטע, שטראַלנדיקע שטים, זײַנע אומפאַרגעסלעכע געשטאַלטן: לאָענגרין, ראָמעאָ, ווערטער און איבערהויפּט — לענסקי אין טשײַקאָווסקיס אָפּערע „יעווגעני אָנעגין“.

די שיינקײַט פון סאָבינאָווס שטים איז געווען אוניקאַל. נאָר ניט בלויז דערפאַר איז ער געוואָרן וועלט־בארימט. ער האָט געוויזן הויכע מוסטערן פון טיף פּסיכאָלאָגישער אינטערפּרעטאַציע, און דאָס איז געווען דער יעסאָד אין סאָבינאָווס שאַפונג. אדאנק דעם איז ער ארײַן אין דער געשיכטע פון דער אַלוועלטלעכער וואָקאַלער קונסט אַלס איינער פון די גרעסטע רוסישע זינגער.

ל. וו. סאָבינאָוו איז געווען א דעמאָקראַט אין דעם בעסטן און פולסטן זין פון וואָרט.

ער פלעגט קימאַט קיינעם ניט אָפּזאָגן אין הילף. איבערהויפּט פלעגט ער א סאַך טאָן פאַר סטודענטן.

סאָבינאָווס סטודענטן־קאָנצערטן! אין פאַרלויף פון פיל יאָרן זײַנען זיי געווען א גרויסע געשעעניש אין מאָסקווער מוזיקאַלישן לעבן. ל. וו. סאָבינאָוו איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר און דער שטענדיקער אָנטיילנעמער, די נעשאָמע פון אָט די אַלע קאָנצערטן.

מיר, סטודענטן, פלעגן ענטפערן ל. וו. סאָבינאָוון מיט הייסער ליבע. ווי געזאָגט, האָבן מיר אים ליב געהאַט ניט נאָר פאַר זײַן זיסער שטים און פאַר דעם, וואָס ער האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט זינגען לטובֿת סטודענטן. סאָבינאָוו פלעגט ניט אוועקגיין פון אַזעלכע קאָנצערטן: מיר פלעגן אים ארויסטראָגן אַף די הענט. פאַר יעדן פון דעם נײַעם דאָר זינגער האָט דער דאָזיקער גרויסער ארטיסט און אויסערגעוויינלעכער מענטש געפונען א פרײַנטלעך וואָרט, א קלוגע אייצע און פיל גוטהארציקײַט.

און ווען עס זײַנען געקומען די שטורמישע טעג פונעם גרויסן אָקטיאַבער און ס׳האָט זיך באוויזן אין טעאַטער א נײַער צושויער, האָט סאָבינאָוו אים באַגריסט פון גאַנצן הארצן.

מיר האָט גאָר באַזונדערס אָפּגעגליקט: איך האָב געהאַט די זכיה צו זינגען פאַר סאָבינאָוון!

צו יענער צײַט האָט מײַן ברודער נאטאן, לויט גאָלדענווייזערס רעקאָמענדאציע, געארבעט מיט סאָבינאָוון אלס פּיאַניסט.

איך האָב געבעטן נאטאנען, ער זאָל פּויעלן בא סאָבינאָוון, יענער זאָל מיך פּארהערן. אף דער מיינונג פון אזא עקספּערט קאָן מען זיך פארלאָזן...

אין דעם באשטימטן טאָג, אין דער באשטימטער שאָ זײַנען מיר געווען לעבן סאָבינאָווס קווארטיר אף קאמערגערסקי־געסל (איצט — פּראָיעזד כודאָזשעסטוועננאָוואָ טעאטרא). באם ארײַנגאנג אין אָט דעם הויז הענגט איצט א מירמלנע ברעט, אף וועלכער עס איז אויסגעקריצט: „דאָ האָט געוווינט דער גרויסער ארטיסט לעאָניד וויטאליעוויטש סאָבינאָוו“.

דאָס הארץ האָט בא מיר גענומען שטארקער קלאפּן, ווען מײַן ברודער האָט א קלונג געטאָן אין סאָבינאָווס קווארטיר.

געעפנט האָט דער סעקרעטאר. ל. וו. סאָבינאָוו איז געשטאנען הינטער אים, אָנגעטאָן אין א כאלאט. ער האָט אונדז ארײַנגעפירט אין א צימער, ווו ס'איז געשטאנען א גרויסער טיש, וועלכער איז געווען פול מיט פארשיידענע מײַכאָלים, און א גרויסער סאמאָווער. ס'איז געווען צו זען, אז אין קיין געסט איז דאָ קיינמאָל קיין דויכעק ניטאָ.

איך בין געשטאנען אינגאנצן א צעטומלטער, א דערשראָקענער. כ'האָב שוין פריִער דערציילט, אין שײַכעס מיט סעליוואנאָוון, אז עס זײַנען פאראן מענטשן, וואָס האָבן אין זיך אזא קויעך — טאקטיש און אומבאמערקט אויסהעלפן א יונגן מענטשן, אופהייבן בא אים די שטימונג. סאָבינאָוו האָט אויך געהאט אזא קויעך. ער האָט גענומען בא מיר די פּאפּקע מיט די נאָטן, וואָס איך האָב ניט געוווּסט, ווּהין זי אוועקצולייגן, אוועקגעלייגט זי אף א שטול.

— נו, כעוורע, פריִער צום טיש... א גלעזל טיי פארן זינגען איז א ווילדע זאך, — האָט ער געזאָגט און האָט אוועקגעזעצט דעם ברודער פון איין זײַט און מיך — פון דער צווייטער.

לעאָניד וויטאליעוויטש האָט פּארפירט א געשפּרעך וועגן גיטיס. ער האָט דערציילט, אז ער האָט זיך אויך דאָרט געלערנט. דעמלט האָט עס געהייסן — מאָסקווער פילהארמאָניע. ער האָט געפרעגט, ווער זײַנען איצט די פּעדאגאָגן. קימאט אלע אונדזערע פּעדאגאָגן האָט ער געקענט. דער כאווערישער טאָן, דאָס פּראָסטע האלטן זיך האָבן מיך בארויִקט.

דער קאבינעט, ווּהין מיר זײַנען אריבער, איז געווען זייער גרויס. אף די ווענט — א מענגע פאָטאָגראפיעס פון באוווּסטע פּערזענלעכקײַטן מיט זייערע אווטאָגראפן: שאליאפּין, מעדוועדיעוו, פיגנער, סיביריאקאָוו, קארוזאָ, נעזשדאנאָווא און נאָך און נאָך. גרויסע פּאָרטרעטן פונעם באלעבאָס אליין — אין פארשיידענע ראָלן, אין א פראק און פּאָשעט אזוי, ווי אין לעבן.

א שיינער מענטש, א הויכער, א דיקער, א גראָוולעכער, א ליכטיק פּאָנעם מיט פריילעכע און גוטע אויגן — אזוי האָט אויסגעזען ל. וו. סאָבינאָוו, דער גרויסער געזעלשאפטלעכער טוער, דער גרויסארטיקער זינגער, איינער פון די ערשטע פאָלקס־ארטיסטן פון אונדזער גרויסן לאנד.

איך בין ווידער געבליבן שטיין א פארלוירענער. אף רעכטס איז אין זאל געשטאנען א גרויסער קאָנצערט־ראָיאל, אפן פּיופּיטער — נאָטן.

לעאָניד וויטאליעוויטש האָט זיך געזעצט צום ראָיאל און האָט אָנגעהויבן עפּעס שפּילן. ווי איך האָב פארשטאנען, האָט ער דאָס געטאָן אויך, קעדיי מיך צו בארויִקן.

— וואָס וועט איר זינגען, יונגערמאן? — האָט געפרעגט סאָבינאָוו.

איך האָב געענטפערט, אז איך וועל אים זינגען יאָנטעקס „דומקע“ פון מאָניושקאָס אָפּערע „האלקא“.

— א טײַערע זאך, — האָט געזאָגט סאָבינאָוו און האָט שטילערהייט א זונג געטאָן די מעלאָדיע. דאָס איז אויך געטאָן געוואָרן צוליב מיר.

— נו, נאטאשקע, — אזוי פלעגט סאָבינאָוו רופן מײַן ברודער, — זעץ זיך צום ראָיאל און אקאָמפּאניר דײַן „באקאנטן“. — ער האָט זייער ליב א שמייכל געטאָן.

מײַן שטים איז אים געפעלן.

— ס'וואָלט זיך אָבער וועלן — מערער סלאווישע ברייטקײַט. ברייטער, טיפער! — האָט געזאָגט לעאָניד וויטאליעוויטש און האָט אויסגעזונגען די ערשטע טייל פון יאָנטעקס דומקע.

א לאנגע צײַט האָט נאָך געקלונגען אין מײַנע אויערן זײַן וווּנדערבארע, צארטע שטים, די הארציקע מאניר פון זינגען, וואָס ברענגט מענטשן העכסטע פרייד.

פונעם ברודער האָט ער געהערט, אז איך גיי אף א קאָנקורס.

— און וואָס וועט איר זינגען אפן קאָנקורס? — האָט ער געפרעגט.

איך האָב געזאָגט, וועלכע אריעס איך וועל זינגען. איינע פון זיי — די אריע פון פערנאנדאָ אין דאָניצעטיס אָפּערע „די פאוואָריטקע“.

— אינטערעסאנט צו הערן, — האָט געזאָגט סאָבינאָוו, — ס'איז זייער א שיינע און זייער א שווערע אריע. זינגט עס מיר, ביטע.

נאָך דעם, ווי איך האָב פאַרענדיקט, האָט ער מיר געזאָגט:
— מײַרעווודיקע און איטאַליענישע אַריעס באַקומען זיך בײַ אײַך גוט. איר דאַרפט ניט מוירע האָבן. איר וועט געוויס דורכגיין, כאָטש דאָרט וועט זײַן אַן ערנסטע קאָמיסיע.
ער האָט אונדז באַגלייט ביז דער טיר און געזאָגט:
— ני פּוכאַ, ני פּעראַ!.. שיקט מיך צום טײַוול![1]
איך בין אַוועק פון אים אין אַ גוטער שטימונג. די מוירע פאַר דעם קאָנקורס איז פאַרשוווּנדן. דער טרוים — ווערן אַן אָפּערע־אַרטיסט איז געוואָרן נאָך שטאַרקער.
ס׳איז געווען אַ שווערער קאָנקורס. אויף זיבעצן וואַקאַנסיעס האָבן פּרעטענדירט הונדערט פופציק מאַן.
איך האָב פאָרגעדענקט סאַבינאַוס אייצע — זינגען איטאַליענישע אַריעס.
איך האָב געזונגען די אַריע פון קאַוואַראַדאָסי פונעם ערשטן אַקט פון פּוטשיניס אָפּערע „טאָסקאַ“.
אַפּלאָדיסמענטן. אַ קלונג פון זשורי. אָפּן קאָנקורס איז פאַרווערט אַפּלאָדירן.
נאָך דער צווייטער אַריע פון דאָניצעטיס „פאַוואָריטקע“ — ווידער אַפּלאָדיסמענטן... און אַ דין קלינגל, דאָס איז דעם פּאָרזיצערס פונעם זשורי אַ וואָרענונג: „דאָ איז ניט קיין קאָנצערט“.
און גלײַך נאָכדעם האָט ער זיך געווענדט צו מיר:
— און וואָס זינגט איר פון די ווערק פון רוסישע קאָמפּאָזיטאָרן?
איך האָב געזאָגט, אַז איך קאָן אויספילן וואָקולעס ליד פון טשײַקאָווסקיס אָפּערע „טשערע־וויטשקי“.
— און וואָס נאָך?
— לענסקיס און גערמאַנס אַריעס.
— אַ וועלכע פון גערמאַנס אַריעס?
— פונעם דריטן אַקט — „טשטאָ נאַשאַ זשיזן“[2].
— אין וואָס פאַר אַ טאָנאַלקײַט?
— אין סי מאַזשאָר, — האָב איך געענטפערט.
— אינטערעסאַנט. זינגט, ביטע, — האָט געזאָגט אָולריך אָסיפּאָוויטש אַוורּאַנעק.
מײַן דערפאָלג און אַוורּאַנעקס אויפמערקזאַמקײַט האָבן מיך באַגײַסטערט. איך האָב געזונ־גען די שווערסטע אַריע טעמפּעראַמענטפול.
ס׳האָבן אַ הילך געטאָן אַפּלאָדיסמענטן... און דער שטרענגער פּאָרזיצער האָט שוין מער ניט פּראָטעסטירט.

אין טעאַטער אויף ק. ס. סטאַניסלאַווסקיס נאָמען

דאָס ערשטע יאָר האָבן מיר — די אָנפאַנגער — געלערנט זיך אין דער סטודיע, וואָס האָט זיך געפונען אויף לעאָנטיעווסקי־געסל, אין עם הויז, וווּ ס׳איז געווען אויך סטאַניסלאַווסקיס דירע. דאָס האָט אונדז געגעבן די מעגלעכקײַט גאַנץ אָפט זען אים.
זומער האָט דער גרויסער רעזשיסער ליב געהאַט אַרבעטן, זיצנדיק בײַ אַ טיש אונטער אַ גרויסן בוים אין הויף. אָנגעטאָן איז ער אַלע מאָל געווען ציכטיק און שיין: אין אַ ווײַסן קאָ־סטיום פון טשעסוטשאַ, אין אַ פרישן העמד מיט אַן אַרטיסטיש אויסגעבונדענעם באַנט.
מיר האָבן געהאַט די מעגלעכקײַט צו זען אויך די רעפּעטיציעס מיט די אַרטיסטן פון קינ־סטלערישן טעאַטער. ס׳פלעגן קומען די גדולים: וו. אי. קאַטשאַלאָוו, אַ. מאָסקווין, זײַן ברודער טאַרכאַנאָוו, טאַראַסאָווא און פיל אַנדערע.
אַ גרויסער יאָמטעוו איז געווען בײַזײַן אויף די רעפּעטיציעס פון קינסטלערישן טעאַטער, וועלכע פלעגן צומאָל פאָרקומען אין אונדזער סטודיע. מע האָט גאָרניט באַדאַרפט קוקן אויף דער סצענע, קעדיי צו וויסן, וואָס דאָרט קומט פאָר. ס׳איז געווען גענוג קוקן אויף סטאַניס־לאַווסקיס פּנים. אויף אים האָט זיך אַלץ אָפּגעשפּיגלט. ער האָט רעאַגירט אויף אַלץ מיט דער אומיטלבאַרקײַט פון אַ קינד. ווען ער האָט געקוקט אויף דער סצענע, האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז ער האָט פאַרגעסן, וווּ ער איז. באַזונדערס אינטערעסאַנט איז געווען, ווען ער פלעגט אַליין אַרויפ־גיין אויף דער סצענע און באַווײַזן, ווי מע דאַרף, לויט זײַן מיינונג, שפּילן די סצענע, וואָס האָט זיך ניט אײַנגעגעבן די אַרטיסטן.
איך געדענק אַזאַ עפּיזאָד: דער טעאַטער האָט געגרייט אַ פּרעמיערע — ראָסיניס אָפּערע „דער שערער פון סעווילע“. מע האָט פאַרגעשטעלט די אַרבעט סטאַניסלאַווסקין. עס גייט די

[1] אַ סאַקראַמענטאַלע פאָרמולע, וואָס סטודענטן באַנוצן טראַדיציאָנעל פאַרן גיין אָפּגעבן עקזאַמענעס.
[2] „וואָס האָט די ווערט אונדזער לעבן“.

סצענע, ווו דער גראַף אַלמאַוויוואַ, איבערגעטאָן אַלס אָפיצער, רײַסט זיך אַרײַן אין דעם דאָקטאָר באַרטאָלאָס הויז, קעדיי צו זען ראָזינען. אַלמאַוויוואַ איז שטאַרק שיקער. דעם אַרטיסט (פּלאַטאָנאָוו), וואָס האָט געשפּילט אַלמאַוויווען, האָט זיך ניט אײַנגעגעבן די סצענע. דרײַ מאָל האָט סטאַניסלאַווסקי, זאָגנדיק זײַן באַרימטן „ניע װעריו“[1], געפּאָדערט פֿונעם אַרטיסט אָנהייבן אַלץ פֿון אָנהייב. ס'האָט גאָרניט געהאָלפֿן. אַלמאַוויוואַ־פּלאַטאָנאָוו האָט שיִר ניט געוויינט פֿאַר פֿאַרדראָס... און ווידעראַמאָל — „ניע װעריו“.

און אָט האָט זיך סטאַניסלאַווסקי אופֿגעהויבן פֿון זײַן אָרט און איז אַוועק הינטער די קוליסן. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער אַרויס אַף דער סצענע אַ שיקערער, וואָס האָט זיך קוים געהאַלטן אַף די פֿיס. דער אַרטיסט האָט פֿון הינטער די קוליסן געזונגען, און דער געניִאַלער רעזשיסער האָט געוויזן, וויִאַזוי מע דאַרף שפּילן אַ שיקערן. איך זאָל, ווו ס'איז בײַגעווען די גאַנצע טרופּע, איז אויסגעבראָכן אַן אָוואַציע.

אין אַ יאָר אַרום האָט מען אונדז אָנגעהויבן אויסנוצן אין מאַסן־סצענעס און אײַנצײַטיק גרייטן מיט אונדז פּאַרטיעס.

נאָר קיינעם פֿון די נײַיִנקע איז ניט געלונגען ווערן אַ סאָליסט. די דיריזשאָרן און די רעזשיסערן האָבן ניט געוואָלט צוליב אונדז זיך קריגן מיט די „אַלטע“, ביפֿראַט נאָך, ווען סטאַניסלאַווסקי איז ניט געווען אין מאָסקווע (ער פֿלעגט אָפֿט אַוועקפֿאָרן קיין אויסלאַנד).

דאָס געהאַלט פֿאַר די אָנפֿאַנגער איז געווען זייער קליין. מע האָט באַדאַרפֿט צואַרבעטן ערגעץ. איך פֿלעג אַרויסטרעטן אין די פֿרײַע טעג אין די בריגאַדעס פֿון מאָסעסטראַדע און אויך אַלס סאָליסט אינעם עסטראַדע־אַנסאַמבל אונטער דער אָנפֿירונג פֿונעם באַגאַבטן פּיאַניסט — דעם קאָמפּאָזיטאָר אַלעקסאַנדער צפּאַסמאַן.

מײַנע ערשטע קאָנצערטן אין מאָסקווע

איינמאָל האָט מען מיך אײַנגעלאַדן אָנטיילנעמען אין אַן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנצערט, וואָס איז טראַנסלירט געוואָרן דורך ראַדיאָ. די פּראָגראַם איז געווען צונויפֿגעשטעלט פֿון פֿאָלקסלידער פֿון אַלערליי פֿעלקער. איך האָב געזונגען צוויי יִידישע לידער. עס זײַנען אָנגעקומען פֿיל בריוו פֿון ראַדיאָ־צוהערער. פֿון דעמלט אָן פֿלעג איך אָפֿט זינגען פֿאַרן מיקראָפֿאָן.

איך האָב באַקומען אַלץ מער און מער אײַנלאַדונגען. ס'איז אָבער שווער געווען אײַנצײַטיק דינען צוויי געטער — דעם טעאַטער און דער עסטראַדע. איך האָב זיך געמאַטערט זייער לאַנג. נאָר איך האָב געמוזט זיך אָפּשטעלן אַף עפּעס איינס: איך האָב פֿאַרלאָזט דעם טעאַטער.

אויפֿגעוואַקסן בין איך אין אַ סוויווע, ווו נעגינע, יִידישע לידער זײַנען געווען אַ זאַך פֿון לעבנס־אומגאַנג, מע קאָן זאָגן, שטייגער. דעריבער איז געווען אינגאַנצן נאַטירלעך, אַז כ'האָב אויסגעקליבן דעם זשאַנער פֿון יִידישע לידער און קלאַסישע ווערק, איבערגעזעצטע אין יִידיש.

זוכנדיק אַן אינטערעסאַנטן רעפּערטואַר, האָב איך זיך באַקאַנט מיט אַ סאַך אויטאָרן. מיט שטאָלץ קאָן איך דערמאָנען, אַז איך בין געווען אַן ענטוזיִאַסט. שאַפֿנדיק מײַן רעפּערטואַר, האָב איך געמוזט גיין צו פֿיל דיכטער, קאָמפּאָזיטאָרן. איך בין געווען געצוווּנגען באַאומרויִקן זיי, דערציילן זיי וועגן מײַנע פּלענער, וועגן מײַנע טרוימען. און קיינער האָט מיר קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט. נאָך מער, אַלע זײַנען געווען פֿאַרכאַפּט מיט מײַן ענטוזיִאַזם.

ניט קוקנדיק אַף מײַן דערפֿאָלג, איז מיר זייער שווער געווען דערשלאָגן זיך, מע זאָל אָרגאַניזירן מײַן קאָנצערט. דאָס האָט מיך שטאַרק געערגערט. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז די גאַנצע וועלט דאַרף וויסן, ווי גוט איך זינג יִידישע לידער. געהאָלפֿן האָט מיר ס. אַ. פּילוואַראָוו (אַרבעט איצטער אינעם קאָמפּאָזיטאָרן־פֿאַריין). אַרבעטנדיק אין „פּראָלעטסטוד“ (אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט באַדינט סטודענטן), האָט פּילוואַראָוו אָרגאַניזירט מײַן קאָנצערט פֿאַר סטודענטן. ער איז פֿאָרגעקומען אין קלוב פֿון מאָסקווער אוניווערסיטעט אין אָקטיאַבער 1935. די גאַנצע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט האָב איך געמוזט דורכפֿירן אַליין: קריגן פּאַפּיר פֿאַר אַפֿישן, וואָס ס'איז דעמלט געווען גאָר ניט אַזוי איינפֿאַך; גיין אין רעקלאַם־ביוראָ, זען, מע זאָל צעקלעפּן די אַפֿישן ווי עס געהער צו זײַן: פֿאַר אַן ערשטן קאָנצערט פֿון אַן אומבאַקאַנטן זינגער איז דאָס געווען ביז גאָר וויכטיק — און נאָך אַזוינע זאַכן.

איך קאָן זאָגן — ווען דער אוילעם, וואָס האָט פֿאַרפֿולט דעם זאַל, ווייסט, וויפֿל איך האָב געמוזט פֿאַטערן קויכעס, זיי זאָלן קומען מיך הערן, וואָלטן זיי באַלד געדאַרפֿט אַרופֿלייגן אַף מײַן קאָפּ אַ לאָרבער־קראַנץ! דער קאָנצערט איז אַדורך מיט גרויס דערפֿאָלג.

---

[1] איך גלייב ניט.

אזוינע גרויסע זינגער, ווי אי. קאָזלאָווסקי, ס. לעמעשעוו, מ. כאַנאיעוו אאַ. האָבן געדעכנט, אַז איך גיי אַף א ריכטיקן שעפערישן וועג. זיי זיינען געווען איינשטימיק אין זייער אויספיר, אַז איך מוז ברייטער פאַרשטעלן אין מיינע פראָגראַמען קלאַסישע ווערק אין יידיש. עס האָט מיך שטארק געפרייט, וואָס אזעלכע מייסטערס שעצן הויך מיין וואָקאַלע קונסט.

יידישע זינגער אין די צוואַנציקער—דרייסיקער יאָרן

פיל האָב איך איבערגענומען, הערנדיק אין פאַרשיידענע צייטן אַלערליי אויספילער פון יידישע לידער: פעפי ליטמאַן — אַן אָפּערעטן־אַקטריסע מיט א גרויסן טעמפּעראַמענט, ראָזע שטשערבאַקאָווא, די טאַלאַנטפולע קלאַרע יונג, רובינען.

צום ערשטן מאָל איז מיר אויסגעקומען הערן א סאָלאָ־קאָנצערט פון יידישע לידער פונעם זינגער פרידמאַן־לוואָוו אין אָדעס. אַז ער פלעגט ארויסגיין אַף דער עסטראַדע, פלעגט ער ניט ארויסרופן קיין צוטרוי צו זיך. וואָס קאָן, מישטיינסגעזאָגט, געבן אָט דאָס קליינטשקע, גראָבינ־קע, פליכעוואַטע יידעלע אינעם סערדעטל. נאָר אינגיכן פלעגט ער באַהערשן דעם זאַל. די פּראָ־גראַם פון זיין קאָנצערט איז געווען גרויס און פאַרשיידנאַרטיק. קלאַסישע ווערק (רובינשטיין, ראַוועל, ענגעל, אכראָן, מילנער), פאָלקסלידער און הומאָריסטישע מיניאַטורן. דער זינגער האָט פאַרמאָגט א ווייכן לירישן טענאָר, ניט קיין הילכיקן, נאָר מיט א גרויסן דיאַפּאַזאָן, וואָס האָט דערלויבט דעם טעמפּעראַמענטפולן ארטיסט מאכן א גרויסן איינדרוק אַף די צוהערער. איך בין געווען אונטער זיין ווירקונג א שטיק צייט.

אין עטלעכע יאָר ארום, אויך אין אָדעס, איז מיר אויסגעקומען הערן מ. א. עפּעלבאַומען, וועלכער איז שוין געווען גאַנץ פּאָפּולער אין יענער צייט. דעמלט האָב איך זיך נאָך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז מיר וועלן אמאָל ווערן מיט אים קאָלעגן און פריינט. פון עפּעלבאַומס פייִקייטן אַלס ארטיסט איז איבעריק פיל צו ריידן. ער האָט דאָס רעכט, מע זאָל אים רעכענען פאַר איינעם פון די בעסטע אויספילער פון יידישע לידער, א פיאָנער אין דעם זשאַנער. זיין פּרעכטיקער סצע־נישער אויסזען, די אויסגעצייכנטע מימיק, די שטארקע עקספּרעסיע און דער טעמפּעראַמענט האָבן געמאַכט מ. עפּעלבאַומען פאַר איינעם פון די בעסטע יידישע זינגער. איך בין געוואָרן עפּעלבאַומס הייסער כאָסיד.

אין יענע יאָרן זיינען צוגעקומען נאָך אויספילער פון יידישע לידער: סאָרע פיביך, וועלכע האָט, ניט געקוקט אַף איר באַגרענעצטער שטים, געזונגען זייער האַרציק; סוֹל ליובימאָוו — א לירישער באַריטאָן, א טעמפּעראַמענטפולער זינגער. מיט א ביסל צו אַן איבעריקן „קרעכץ" פלעגט ער אויספילן זיין רעפּערטואַר, וועלכער איז געווען צו סענטימענטאַל; ר. פּלאָטקינא — א קלאַסישע וואָקאַליסטקע מיט א פּרעכטיקער שטים, א גוטן רעפּערטואַר און ריינעם געשמאַק.

ס'זיינען געווען באַליבט באַם צושויער די טאַלאַנטירטע ארטיסטן פונעם מוזיקאַליש־דראַ־מאַטישן זשאַנער — אַנאַ גוזיק און שפּעטער סידי טאַל.

עס ווילט זיך נאָך דערמאָנען די פּאָפּולערע פאָלקס־ארטיסטנס — אירמאַ יאַונזעם און טאַ־מאַרא כאַנום, וועלכע פלעגן אין יעדן קאָנצערט איינשליסן יידישע לידער און גוט זיי אויספילן. די ערשטע אַף א פילהאַרמאָנישן, די צווייטע אַף אַן עסטראַדע־אויפן.

עס פלעגט מיר אויסקומען גאַנץ אָפט באַגעגענען זיך אין די קאָנצערטן מיט ש. מיכאָעלסן און ב. זוסקינען. דאָס זיינען געווען אומפאַרגעסלעכע קאָנצערטן.

איך האָב גוט פאַרגעדענקט די ווערטער, וואָס מיכאָעלס האָט מיר איינמאָל געזאָגט. אים איז געפעלן געוואָרן מיין אויספילונג פון דער לירישער פאָלקסליד וועגן א פאַסטעכל און זיין פאַרליבטער וויינענעם שעפּעלע:

— איך האָב שטארק ליב אָט די פּרעכטיקע פאָלקסליד, און איך פיל זי אויס, ווי א דראַמאַ־טישער אַקטיאָר. איר אָבער, אַלס וואָקאַליסט, מאָלט אויס דאָס בילד מיט אַנדערע מיטלען. אין אייער קינסטלערישער מיניאַטור זיינען אַלע פאַרבן דעריקער אין דער וואָקאַלער פּאַליטרע, וועלכע איר האַלט אונטער מיט איינצלנע קאַרגע זשעסטן. אַלס זינגער־אַקטיאָר, טוט איר דאָס ריכטיק. אַזא מין טראַקטירונג איז זייער אינטערעסאַנט.

מיך האָט זייער דערפרייט די הויכע אָפּשאַצונג פון מיין ארבעט, וואָס עס האָט געגעבן אָט דער גרויסער מייסטער.

נאָר דאָס איז שוין געווען פיל שפּעטער. דעמלט אָבער, ווען איך בין אין אכט יאָר ארום נאָך מיין ערשטן קאָנצערט, ווידער ארויס אַף דער קאָנצערט־עסטראַדע אַלס פּראָפעסיאָנאַל מיט א גאַנץ ערנסטער שול, האָט זיך אָנגעהויבן א נייער, מע קאָן זאָגן דער וויכטיקסטער, פּעריאָד פון מיין לעבן, וואָס איז רייך געווען אי מיט שעפערישער פרייד, אי מיט געווינסן, אי מיט פאַר־לוסטן. אָבער דאָס איז שוין א קאַפּיטל פאַר זיך.

●

ליטעראטור־קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פראַגן פון קונסט

ה ע ר ש ר ע מ ע נ י ק

אונדזער דיכטונג אין נאָכאָקטיאַבער־פּעריאָד

דער זשורנאַל „שטראָם“

דער פּעריאָד פון בירגערקריג האָט ארויסגערוקט א ריי דיכטער, וועלכע זײַנען געבליבן אין דער געשיכטע ווי די גרונטלייגער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. די דיכטונג פון דעם פּעריאָד האָט געהאט איין גרויסע טעמע — די טעמע פון דער רעוואָליוציע, וועלכע האָט קאָנצענטרירט ארום זיך אלע אנדערע טעמעס. דער סטיל פון אָט דער דיכטונג איז אין אלגעמיינע שטריכן געווען א ראָמאנטישער און א רעאליסטישער. די אָנגעזעענע דיכטער פון יענער צײַט — שווארצמאן, האָפשטיין, קוויטקאָ, מארקיש אא., זײַענדיק לויטן סטיל ביז גאָר אינדיווידועל און אייגנארטיק, האָבן דאָך אין זייער שאפונג זיך אלציינס געצויגן צום רעוואָליוציאָנערן ראָמאנטיזם און רעאליזם.

אנדערש זעט אויס די ייִדישע דיכטונג אין די צוואנציקער יאָרן, באזונדערס אין דער ערשטער העלפט פון אָט די יאָרן. די ליטעראטור באקומט א נײַעם קאָלאָריט און א נײַעם אנטוראזש אין פארגלײַך מיט די יאָרן פונעם בירגערקריג. עס בײַטן זיך ראדיקאל און גרינטלעך די פּראָבלעמאטיק און טעמאטיק פון דער ליטעראטור און אויך, נאטירלעך, די שפּעפערישע סטילן און מעטאָדן פון באזונדערע שרײַבער. אָט די נײַע ענדערונגען און פּראָצעסן זעען זיך ארויס באזונדערס בולעט אין זשורנאַל „שטראָם“.

דער „שטראָם“ האָט אָנגעהויבן דערשײַנען אין 1922, אין אָנהייב פון א שארפן קער אין דער אנטוויקלונג פון דער רעוואָליוציע, וועלכער איז ארײַן אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען „נעפּ“ (נײַע עקאָנאָמישע פּאָליטיק). אין יענע יאָרן האָט דאָס כאָרעווע און הונגעריקע סאָוועטנלאנד, אדאנק לענינס ווײַטזיכטיקײַט, אָנגעהויבן שנעל אופגעשטעלט ווערן. אָבער באנאנד דערמיט זײַנען ארויסגעשווומען אפן אויבערפלאך די מעגושעמדיקע נעפּמאנישע עלעמענטן.

אין אזא מאָמענט איז געקומען דער זשורנאַל „שטראָם“. איצט, אין 45 יאָר ארום, קאָנען מיר שוין די באדײַטונג פון אָט דעם ערשטן, נאָכן בירגערקריג, אָרגאן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור באטראכטן אנדערש, איידער ס'האָבן דאָס געטאָן זײַנע קריטיקער און אפילע די שרײַבער און אידעאָלאָגן פונעם „שטראָם“ גופא. ווען מע לייענט איצט די מאטעריאלן פון די זעקס נומערן „שטראָם“, דעריקער די דיכטונג, איבערצײַגט מען זיך, אז די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור האָט ביז גאָר אופריכטיק אָפּגעשפּיגלט די רעאלעווירקלעכקײַט פון יענער צײַט.

דער „שטראָם“ האָט אין זײַנע ווערק זיך אָנגעטראָפן מיט די זעלבע שוועריקײַטן, וועלכע האָבן זיך אוועקגעשטעלט פאר דער גאנצער סאָוועטישער ליטעראטור. אין דער ערשטער ריי האָבן די שוועריקײַטן זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס עס האָבן נאָך געפעלט די עלעמענטארע באדינגונגען פאר א נאָרמאל לעבן; דער אלטער שטייגער איז אינגאנצן צעבראָכן געוואָרן, קיין נײַער איז אף זײַן אָרט נאָך ניט געקומען. דער יאָמטעוו און דער פּאַטאָס פון בירגערקריג, פון אלוועלטלעכער רעוואָליוציע האָבן איצט אָפּגעטראָטן זייער אָרט דעם אינדערוואָכן פון טאָגטעגלעכן לעבן. דער רוסישער דיכטער אלעקסאנדער בעזימענסקי האָט געשילדערט די פּראָבלעמאטיק פון יענע טעג אין פאָלגנדיקע שורעס:

Только тот наших дней не мельче,
Только тот на верном пути,
Кто умеет за каждой мелочью
Революцию мировую найти.

די סאָוועטישע ליטעראטור האָט זיך דאַן אָנגעטראָפן מיט שוועריקײַטן פון וווקס. עס האָט זיך געפילט א מאנגל אין נײַע יונגע קאדרען, אין ליטעראַרישע טריבונעס. די אלטע שרײַבער, ווי מיר ווייסן, האָבן אין א גרויסן טייל עמיגרירט, און די, וועלכע זײַנען געבליבן אין לאנד, האָבן גאָרניט אזוי גיך זיך געקאָנט אָריִענטירן אין די נײַע באדינגונגען פון דער רעוואָליוציע. דער פּראָצעס פון אויסבילדן די יונגע ליטעראטור איז געווען ניט קיין גרינגער. און עס קאָן זײַן, אז איינער פון די גרעסטע פארדינסטן פונעם „שטראָם“ איז געווען דאָס, וואָס ער איז געוואָרן די טריבונע, אף וועלכער עס האָבן זיך פארפעסטיקט די נײַע קויכעס פון דער ייִדישער ליטעראטור.

דער „שטראָם“ איז דערשינען אין פארלויף פון דרײַ יאָר — פון 1922 ביז 1924. פאר אָט דער צײַט זײַנען, ווי געזאָגט, ארויס בלויז זעקס נומערן. אזוי ווייניק און שוואך זײַנען נאָך געווען די קויכעס פון דער ליטעראטור. אָבער אין די זעקס נומערן האָבן זיך אנטפלעקט אזעלכע ביז גאָר שטארקע שעפערישע פערזענלעכקײַטן, ווי א. קושניראָוו, ש. האלקין, ע. פינינבערג, ל. רעזניק, מ. כאשטשעוואצקי, ש. ראָסין, ש. גאָדינער, מ. דאניִעל, אי. קיפּניס. דער „שטראָם“ האָט געדרוקט די ווערק פון ד. בערגעלסאָן, דער ניסטער, ד. האָפשטיין, ל. קוויטקאָ, פּ. מארקיש. דאָ האָבן זיך באוויזן די לידער פון אי. פע־

פער און אי. כאריק. דער ברייטער לייענער האָט זיך דאָ געטראָפן מיט כ. לעווין, מ. שאפיראָ, א. שויכעט, ד. וואָלקנשטיין, א. וועלעדניצקי, ד. כאַראַל אא. פאר קנאפע דרײַ יאָר פון זײַן עקזיסטענץ האָט דער „שטראָם" אָפּגעדרוקט א ריי ווערק, וועלכע זײַנען אזוי אָדער אנדערש געווען וויכטיק פאר דער אנטוויקלונג פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור: ב. שטיימאן — „דאָס רויטע קינד", ד. האָפשטיין — „שטאם", א. קושניראָוו — „האזקאָרע", פּ. מארקיש — „הונגער", דער ניסטער — „אין ווײַן־קעלער" און „נײַ־גײַסט", ש. גאָדינער — „איוואנגאַראָד", „פיגורן" און „נאקעט", ד. בערגעלסאָן — „באָטשקאָ", ל. רעזניק — „הילכיקע נעכט", אי. פעפער — „פראָסטע טריט", ע. פינינבערג — פון דער פּאָעמע „מעהומע", ד. מייעראָוויטש (מ. דאניִעל) — „פון א צײַט אזא" אא.

מ. ליטוואקאָוו, וועלכער האָט אָפּגעדרוקט וועגן ערשטן נומער „שטראָם" א גרעסער ארטיקל „ערעוו אָדער איסרעכאג", האָט געגעבן א שארפע קריטיק פון די ווערק, וואָס זײַנען אין דעם נומער ארײַן. די דאָזיקע קריטיק איז אין יענער צײַט געווען נייטיק און וויכטיק, ווײַל זי האָט געשטויסן די ליטעראטור צו ווײַטערדיקער אנטוויקלונג. זעלבסטפארשטענדלעך, אז די שארפע באשולדיקונגען, וועלכע זײַנען פאראן אין ליטוואקאָווס ארטיקל, האָבן איצט קיין אויסדויער ניט. „די ייִדישע ליטערארישע עמיגראציע" — אזוי כאראקטעריזירט ליטוואקאָוו די שרײַבער פון „שטראָם". דאָס איז אן אויסטראכטעניש. ליטוואקאָוו באגרינדעט ניט זײַן שווערע באשולדיקונג. אָן א שום ספק ווערט אויך כאראקטעריזירט די גרופּע שרײַבער פון „שטראָם" און דער „שטראָם" גופא ווי א „מיקלעט", א מין „יאוונע", וווּ די דאָזיקע שרײַבער ווילן קלוימערשט איבערווארטן, ביז עס וועט זיך אײַנשטילן דער שטורעם פון דער רעוואָליוציע. די ווײַטערדיקע אנטוויקלונג האָט דערוויזן, אז די שרײַבער פון „שטראָם" זײַנען אלע געוואָרן אָנגעזעענע און איבערגעגעבענע שעפער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. מיט זייערע ווערק האָבן זיי ארײַנגעטראָגן אין איר א גאָר באדײַטנדיקן צושטײַער.

אינעם אנאליז פון די ווערק גופא איז ליטוואקאָווס ארטיקל וועגן „שטראָם", אויב ניט נעמען אין אכט ווידער די שארפע דעפיניציעס (לעמאָשל, אז דאָוויד האָפשטיינס „די ליד פון מײַן גלײַכגילט" איז א הימן פון צעיריי ציִיון אאוו.), אין א ריי פאלן גאנץ אינטערעסאנט און טרעפלעך. דער קריטיקער ווײַזט ארויס גענוג פארשטאנד, ווען ער באטראכט דעם „שטראָם" אלזײַטיק און אנערקענט פאר דער קונסט די אָרגאנישע וועגן פון אנטוויקלונג. דער געדאנק וועגן דעם, אז „די קונסט איז אָדער פּיִאָנעריש אָדער באקרוינעריש", „זי איז אָדער די אָנזאָגערן אָדער די פארענדיקערן", איז אן און פאר זיך גענוג טיף און אינטערעסאנט. און בענעגייע די שרײַבער פון „שטראָם" קאָן מען זאָגן, אז זיי זײַנען געווען אי דאָס, אי יענץ, דאָס הייסט אי זיי האָבן פארענדיקט א באשטימטן עטאפ אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור, אי זיי האָבן אָנגעהויבן א נײַעם עטאפ פון איר אנטוויקלונג.

איינער פון די הויפּט־פארדינסטן פון ליטוואקאָווס ארטיקל באשטייט אין דעם, וואָס עס ווערן אָנגעוויזן ניט בלויז די נעגאטיווע דערשײַנונגען אין נײַעם זשורנאל, נאָר אויך די פּאָזיטיווע, אי דער „ערעוו", אי דער „איסרעכאג". און איך וואָלט געזאָגט, אז ניט אין דער קאָנסטאטאציע פון איסרעכאג האָט ליטוואקאָוו זיך ארויסגעוויזן ווײַטזיכטיק, נאָר אין דערזען דעם ערעוו. דער קריטיקער האָט זייער ריכטיק און טיף באמערקט וועגן די שרײַבער פון „שטראָם", אז „סוביעקטיוו האלטן זיי זיך פעסט בא דער פאָן פון דער רעוואָליוציע". קאָנסטאטירנדיק, אז די נײַע דיכטער טרויערן איבער דער שווערער לאגע פונעם לאנד אין אָנהייב צוואנציקער יאָרן, פארורטיילט זיי ניט דער קריטיקער דערפאר, נאָר ער סטארעט זיך אויפדעקן דעם טאָך און דעם יעסאָד פון זייער אצוועס. ברענגענדיק די באוווּסט געוואָרענע שורעס פון פינינבערגן

אף ווערעמדיקן קויט, אף קרעץ פון שטיין
מײַן זיידנס מיטוואָך דויערט נאָך און דויערט, —

שטראָפט ניט דער קריטיקער דעם דיכטער פאר פעסימיזם און געפאלנקײַט, נאָר ער אנטפּלעקט, אף וויפל אנטשפּרעכט אָט דער דיכטערישער טרויער דער רעאלער ווירקלעכקײַט. איך מיין, אז אפילע איצט איז גאנץ ריכטיק ליטוואקאָווס באהויפטונג וועגן די שרײַבער פון „שטראָם": „אין זייערע זוכענישן האָבן זיי ניט קיין קלאָרע פערספעקטיוון. אין צײַט פון בירגערקריג האָט זיי געצויבערט די רעוואָליוציִאָנערע העלדישקײַט, די בליצן און פײַערן פון וועלטן, וואָס ווערן איבערגעקערט. קיין קלאסן־כעזשבוינעס האָבן זיי זיך ניט געמאכט און זײַנען ניט געווען אימשטאנד צו מאכן, ביפראט נאָך, אז דער נאציִאָנאלער מאָמענט האָט זיי אויך פארבלענדט די אויגן: די אָקטיאבער־רעוואָליוציע, די רויטע ארמיי, די קאָמפּארטיי זײַנען געווען די איינציקע שוץ קעגן פּאָגראָמען. איצט איז אָנגעקומען א שטילשטאנד, דער דעקאָראטיווער גערויש פון די שלאכטן האָט אופגעהערט, און די נאציִאָנאלע כורוועס נאָך די פּאָגראָמען זײַנען פארבליבן... קיין רעוואָליוציִאָנערע פערספעקטיוון האָבן זיי ניט — די פּאָגראָם־קאטאסטראָפעס דריקן אף זיי. האָבן מיר אן אייגנארטיקן געמיש פון קליינבירגערלעכן קלאסן־פעסימיזם און נאציִאָנאלן טרויער"[1].

עס איז אינטערעסאנט איצט צו באטראכטן די עסטעטישע אָנשויונגען פון די אידעאָלאָגן פון „שטראָם". אין צווייטן נומער פונעם זשורנאל איז פארעפנטלעכט א דעקלאראציע פון נײַן פונקטן וועגן דער סיטואציע אין דער ליטעראטור און וועגן די אופגאבן, וועלכע שטייען פאר איר. זעלבסטפארשטענדלעך, די דאָזיקע דעקלאראציע איז ווײַט פון באנעמען די לאגע פונעם מארקסיסטישן שטאנדפונקט. די אוטאָרן פון דער דעקלאראציע שטייען אף פאָרמאליסטישע און אידעאליסטישע פּאָזיציעס און גיבן ניט קיין וויסנשאפטלעכע דערקלערונגען פון די אקטועלע ליטערארישע דערשײַנונגען. אין זעקסטן פונקט, לעמאָשל, פון דער דעקלאראציע ווערט געזאָגט: „דער שטראָם געדענקט, אז פון אָנהייב איז געווען דאָס וואָרט". דאָ גייט א רייד ניט וועגן דעם, אז דאָס וואָרט איז דער גרונט־מאטעריאל פון ליטערארישער שאפונג. דאָס וואָלט ניט געקאָנט ארויסרופן קיין דערווידערונג. די אוטאָרן אָבער האָבן אין זינען ניט קיין טעכנאָלאָגיע, נאָר אידעאָלאָגיע פון קונסט. עס לאָזן זיך דאָ הערן די שטימען פון די צוויי גרונט־קריטיקער פון „שטראָם" נ. אויסלענדער און י. דאָברושין, וועלכע זײַנען דעמלט געשטאנען אף פאָרמאליסטישע פּאָזיציעס.

די טעאָרעטיקער פון „שטראָם" האָבן ארויסגעזאָגט

---

[1] מ. ליטוואקאָוו. אין אומרו. צווייטער באנד. מאָסקווע, פארלאג „שול און בוך", 1926, ז. 97.

זייער פאָזיטיווע באַציִונג צו דער רעוואָלוציִאָנערער דיכטונג פון די ערשטע יאָרן רעוואָלוציע. אין דריטן פונקט פון דער דעקלאַראַציע ווערט געזאָגט: „דער ערשטער פעריִאָד פון רעוואָלוציִאָנערן קינסטלערישן שאַפן איז געווען כאַראַקטעריזירט דורך דעם, וואָס דער קינסטלער האָט אימפראָוויזירט, אַנטבלויזנדיק דאָ און דאָרטן אין דער גאָרער נאַקעטקייט די אימפולסן, וואָס האָבן אף אים א שליטע געהאַט. אין דער צייט פון דעם אימפולסיוון שאַפן איז דער דיכטער מעסוגל געווען צו רעאַגירן בלויז אף דאָס העראָישע, וואָס האָט אין רעוואָלוציִאָנערן געשעען זיך אַנטפלעקט — באַפרייען די אַסאָציִאַציעס, וואָס האָבן זיך מאַסנווייז געשטויסן אין דיכטערישן געמיט — אָט דאָס געזעצלעכע און נאַטירלעכע שטרעבן האָט כאַראַקטעריזירט דעם ערשטן פעריִאָד פון דער רעוואָלוציִאָנערער ייִדישער דיכטונג“. און ווייטער, אין פערטן פונקט פון דער דעקלאַראַציע לייענען מיר: „דעם „שטראָם“ איז, ליידער, ניט באַשערט געווען צו קומען אין יענעם גליקלעכן העראָישן נימרעד־פעריִאָד פון דער רעוואָלוציִאָנערער קונסט, אָבער דאָס אָרגאַנישע שאַפן פאַרלירט קיינמאָל גאָרניט. די טראַגישע אַטמאָספער, וואָס לויערט אייביק און אומעטום אַרום דעם העראָישן געשעען, איז ניט פאַרלאָרן געגאַנגען און האָט זיך אָפגעזעצט אין דער טיף פון דעם קינסטלערס געמיט. און ווען דער „שטראָם“ קומט מיט קושניראָוון צו זאָגן:

איך פאַרמאָג שוין אפילע אין טרוים ניט
קיין לאַנד פון האָניק און מילך,

איז נייטיק אין דעם צו דערהערן ניט קיין פעסימיסטישע גוזמע, נאָר אַן אָנזאָג דערוף, אז די קינסטלערישע אכרייעס האָט גענומען אונטער איר קאָנטראָל יענע דיכטונג, וואָס האָט ניט לאַנג נאָך אזוי זאָרגלאָז אימפראָוויזירט“.

אויב ניט רעכענען די צווייפלהאַפטע באַהויפטונג וועגן דער „גאָרער נאַקעטקייט פון די אימפולסן“, וועלכע האָט קלוימערשט באַהערשט די דיכטונג אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע, קאָן מען אפילע איצט מאַסקים זיין מיט די האַנאַכעס, וועלכע שטעלן איין די פאַרהעלטענישן צווישן צוויי פעריִאָדן אין דער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור.

גאַנץ פאַלש קלינגט איצט די קאַטעגאָרישע איינשטעלונג פון דער דעקלאַראַציע וועגן דעם, אז „די פלאַקאַט־ליטעראַטור האָט אָפגעזאָגט אירס“, „אז אַלע ראַדיִאָ־אימפראָוויזאַציעס, וואָס זיינען געווען געבונדן צו דער צייטונג, צום קאַלענדאַר און צום שטאָט־זייגער, — וועלן איצט אויסזען נאַיִוו און פאַרשפעטיקט“. דערפאַר אָבער איז אונטערגעשטראָכן אין דער דעקלאַראַציע די גרענעץ צווישן דער נייער סאָוועטישער ליטעראַטור, פון איין זייט, און דער ביזסאָוועטישער פאַררעוואָלוציִאָנערער און אויסלענדישער ליטעראַטור, פון דער צווייטער זייט. די דאָזיקע צעגרענעצונג ווערט איינגעשטעלט גלייך פונעם אָנהייב:

„שטראָם“ האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין דער צייט פון א גרויסער ענדערונג אין דער קרעפטן־פאַרהעלטעניש פון אונדזער קונסט. די שאַרפע גרענעץ־ליניע, וועלכע די רעוואָלוציע האָט דורכגעפירט צווישן „אונדזער“ רוסלענדישע און „אונדזער“ ניט־רוסלענדישער ליטעראַטור, האָט אין טאָך אריין אָפגעצייכנט צוויי טקופעס, וואָס שליסן זיך ניט איין אין די באַגריפן פון אַלטער און נייער קונסט. יעדן דאָר איז געגעבן צו זיין מאָדערן בענעגייע צו זיינע פאָרגענגער. דער דאָזיקער מאָדערן באַציט זיך אָבער סראָוו אף די אָדער יענע ניואַנסן פון איין און דער זעלבער קולטור. אין דער ליטעראַטור פון אונדזער רעוואָלוציִאָנערן פעריִאָד האָבן זיך אומעטום באַוויזן דורכלויכטן פון גאָר א נייער קולטור־טראַדיציע, פון גאָר א נייער קולטור־ערד. און דאָס האָט דורכגעצויגן די שאַרפע גרענעץ־ליניע צווישן אונדזער רוסלענדישע און אונדזער ניט־רוסלענדישע קונסט“ (מיין אונטערשטרייכונג. — ה. ר.).

צום סאָף דערקלערן די אווטאָרן פון דער דעקלאַראַציע: „אין „שטראָם“ פליסט די קינסטלערישע ענערגיע פון אונדזער צייט, דער צייט פון א ניי־געבאָרענער ווייטעקדיקער טאָגטעגלעכקייט, דער צייט פון דער רעוואָלוציע. האַרט בא די שאַרפסטע ראַנדן פון אונדזער עפאָכע פליסט דער „שטראָם“. ער ווייסט זייער האַרטע אומבעראַכמאָנעסדיקע שלייפקייט צו שעצן. און ער לאָזט זיך פון זיין שווערן וועג ניט אָפשרעקן“[1].

דער „שטראָם“ איז געווען א וויכטיקער אָנהייב פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור אין די צוואַנציקער יאָרן. בא אַלע זיינע אידייִשע מאַנגלען האָט דער „שטראָם“ דאָך אָפגעשפיגלט די שוועריקייטן פון אַן אָנהייב, ווען אַלץ ווערט ערשט געבוירן, ווען אַלץ איז נאָך ניט רייף און ניט פאַרפעסטיקט. ריכטיק אָפשאַצן די באַדייטונג פון א ליטעראַטור־היסטאָרישער דערשיינונג איז מעגלעך בלויז דאַן, ווען עס ווערט איינגעהיט דער היסטאָרישער צוגאַנג. און גראָד אזא צוגאַנג האָט געפעלט אין די אָפשאַצונגען פונעם „שטראָם“, וועלכע עס האָבן געגעבן די ראַפישע קריטיקער און ליטעראַטור־היסטאָריקער. דער זעלבער א. אבטשוק, וועלכער האָט אזוי שאַרף פאַרורטיילט דעם אַלמאַנאַך „אייגנס“, האָט מיט פונקט אזא שאַרפקייט פאַרורטיילט אויך דעם „שטראָם“. איגנאָרירנדיק אינגאַנצן די היסטאָרישע אומשטענדן און די אייגנאַרטיקע שטריכן פון דער ליטעראַטור אין אָנהייב צוואַנציקער יאָרן, באַטראַכט אבטשוק דעם „שטראָם“ אַלס אויסדרוק פון בורזשואַזע און נאַציִאָנאַליסטישע טענדענצן אין דער דיכטונג.

עס איז איבעריק צו פאָלעמיזירן איצט מיט אזא מין אָפשאַצונג פון „שטראָם“. די ראַפישע קריטיק גופע נייטיקט זיך איצט אַליין אין א היסטאָרישער אָפשאַצונג.

דיכטונג פון קאַמף און זיג

די פראָבלעמאַטיק פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג אין די צוואַנציקער יאָרן איז געווען ביז גאָר א ברייטע. אַלץ העכער און שטאַרקער האָט געקלונגען די שטים פון יענע פאָעטן, וועלכע האָבן באַזונגען די גרויסקייט פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע. אין די צוואַנציקער יאָרן איז אונדזער דיכטונג שוין געווען רייך מיט דער שאַפונג פון דער ערשטער פאַלאַנגע גרויסע דיכטער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן זייער ליטעראַרישן וועג אין אָנהייב פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע (קוויטקאָ, מאַרקיש) אָדער אפילע נאָך ביז דער רעוואָלוציע (שוואַרצמאַן, האָפשטיין). און באַנאַנד דערמיט האָט זיך געלאָזט הערן דאָס נייע געזאַנג פון אַרן קושניראָוו, איציק פעפער און איזי כאַריק. א באַזונדער אָרט פאַר־

[1] אַלע ציטאַטעס פון דער דעקלאַראַציע זיינען געבראַכט פון „שטראָם“, קוידעש־העפטן, 2. מאָסקווע, 1922, זז. 78—80.

נעמט אין אָט דעם פּעריאָד די דיכטונג פון א ר ן ק ו ש נ י ר אָ וו.

קושניראָוו איז געקומען מיט אויסגעשפּראָכענע רעוואָליוציאָנערע לידער אין אַזאַ צײַט, ווען גאַנץ אָנגעזעענע דיכטער האָבן ערשט געזוכט אַ וועג. אין קושניראָווס ליד האָט זיך געהערט דאָס קאָל פון דער רעוואָליוציע, וואָס האָט אויפגעוועקט פון דורעסדיקן שלאָף די מענטשן, וועלכע האָבן ביז איצט געשוויגן, ווײַל זיי זײַנען געווינט געווען צו שווײַגן הונדערטער און טויזנטער יאָרן, ווי די „הויכע, האַרטע, פעסטע ווענט", וועלכע „טויזנטער יאָרן זײַנען געהאָרכזאַם געווען". צוזאַמען מיט די דערוואַכטע פאָלקסמאַסן און אין זייער נאָמען שרײַען אויס די ווענט און עס שרײַט מיט זיי דער דיכטער: „גיט אונדז אַ מויל! וועלן מיר שרײַען: מיר הערן פעסטע, שווערע, זיגערישע טריט!.." דאָס איז געווען אַ מאַניפעסט, אַ רעוואָליוציאָנערע דעקלאַראַציע פון דער נײַער דיכטונג.

פאַר דער רעוואָליוציאָנערער סאָוועטישער דיכטונג איז באַנאַנד מיט דער רעוואָליוציע אין דער גאַנצער גרייס געשטאַנען די פּראָבלעם פון רעוואָליוציאָנערן פּאַטריאָטיזם. מיר זײַנען „אָבאָראָנצעס פונעם 25 אָקטיאַבער", — האָט ניט איין מאָל איבערגעחזרט לענין אין די ערשטע וואָכן און כאָדאָשים נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. די רוסישע דיכטונג האָט טייקעף קינסטלעריש פאַרקערפּערט די פּראָבלעם פונעם נײַעם רעוואָליוציאָנערן פּאַטריאָטיזם. רוסלאַנד איז געוואָרן דאָס פאָטערלאַנד פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע, וואָס מע האָט געדאַרפט באַשיצן קעגן די אָנפאַלן פונעם אַלוועלטלעכן אימפּעריאַליזם. בלאָק האָט געוויזן אַ מוסטער פון רעוואָליוציאָנערער פּאַטריאָטישער דיכטונג אין זײַן ליד „סקיפן" און אין דער פּאָעמע „צוועלף". מאַיאַקאָווסקי האָט באַזונגען דאָס נײַע רוסלאַנד אין דער פּאָעמע „150.000.000".

אין קושניראָווס „ראַסייאַ" האָט די דיכטונג אויסגעדריקט איר באַציִונג צום נײַעם רעוואָליוציאָנערן רוסלאַנד אין די יאָרן פון בירגערקריג, ווען די יונגע סאָוועטישע רעפּובליק האָט איבערגעטראָגן אומגעהערטע לײדן און פּײַן, שטייענדיק איינע אַליין קעגן די באַוואָפנטע קויכעס פון דער אַלטער וועלט. קושניראָוו האָט געזאָגט דאָס, וואָס עס האָט געדאַרפט אַרויסזאָגן די יידישע רעוואָליוציאָנערע דיכטונג: „נישט דיך בײַגעקומען, נישט פאַרטיליקט דיך", און ניט בלויז דאָס. די וועלט־סריפע, וואָס די רוסישע רעוואָליוציע האָט געמאַכט פלאַקערן איבער אַלע לענדער, איז ניט געווען אומזיסט: „מעג זיך וועלט נאָך אַקשענען, מעג זיך וועלט ניט רעכענען ניט מיט דײַנע עמעסן, ניט מיט דײַנע לײדן, רויכיק, אָבער ליכטיק ברענען פעסער פעכענע, וואָס דו האָסט אָנגעצונדן אויף דעם גרויסן שיידוועג".

קושניראָוו אַלס דיכטער־מאָנומענטאַליסט קומט אָן צו אַזעלכע בילדער און געשטאַלטן, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיט לעגענדאַרישע אופטועו:

ניט דער גיבער שימשון אין זײַן לעצטן ראַנגל
טרייסלט אויף די זײַלן פון זײַן סוינעס פעסטונג,
דאָס האָסטו, מײַן לאַנד,
די וועלט באַראַשט מיט קלאַנגען,
וועלכע שטײַגן הײַנט פון דײַנע גלאָקן־נעסטן.

אָבער זײַענדיק דער זינגער פונעם מאָנומענטאַלן אין דער רעוואָליוציע, איז קושניראָוו געווען גאָר ווײַט פון אַבסטראַקט־אוניווערסאַלן, וואָס איז דאַן געווען ניט קיין זעלטענע דערשײַנונג אין דער פּראָלעטקולטישער דיכטונג, און ניט בלויז אין דער פּראָלעטקולטישער. דאָס מאָנומענטאַלע אין דער רעוואָליוציע האָט פאַר קושניראָוון ניט פאַרשטעלט דאָס קאָנקרעטע אינעם לעבן. קושניראָוו האָט דאָך אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן, אין צוויי יאָר אַרום נאָך „ווענט", געשאַפן זײַן קלאַסיש דיכטעריש ווערק „אַזקאָרע", וואָס איז לויט דער ליריש־עמאָציאָנעלער קראַפט, לויט דער מײַסטערשאַפט פון בילד, לויט דער אופריכטיקײַט און טיפקײַט פון איידיישן אינהאַלט ביז איצט ניט איבערגעשטיגן אין אונדזער דיכטונג.

קושניראָווס „אַזקאָרע" איז אַ ווערק פון גרויסן היסטאָרישן דראַמאַטיזם. דאָס דיכטערישע וואָרט איז אָנגעזעטיקט מיט אופטרייסלענדיקער טראַגישער בילדערישקײַט:

שטאַרב, שטאַרב, מײַן געשריי, וועסט בעמיילע
אין הימלען ניט ווערן דערהערט.
נאַכט האָט פאַרמאַסטן דעם מוילעד,
ווי אַ מעסער איבער האַלדז פון דער ערד.

דאָס איז ניט קיין געוויין, ניט קיין קלאָג איבער פּאָגראָמען, איבער מאָרד און גוואַלדטאַט. דאָס איז אַ פּראָטעסט. ניט קיין מאַכטלאָז געשריי, נאָר אַ רוף צו ווידערשטאַנד. דער דיכטער אָנערקענט ניט דאָס געשריי, וואָס וועט „בעמיילע אין הימלען ניט ווערן דערהערט..." „פאַר וועמען, פאַר וועמען איצט פאַלט מען בעטן ראַכמים פאַר זיך און פאַר אײַך". דאָס איז שוין קימאַט די זעלבע קראַפט פון פאַרורטיילן מאַכטלאָזיקײַט און פּאַסיווקײַט אין מאָמענט פון היסטאָרישע קאַטאַקליזמען, ווי אין ביאַליקס צאָרנדיקע לידער קעגן פּאַכדאָנעס און צופּאַסן זיך צום בייז. קושניראָווס „אַזקאָרע" איז אַן אייגנאַרטיקע הישטאַפּכעס־האַנעפעש, אַ טיף רירנדיק איידל געזאַנג אין אַן איבערגאַנג־מאָמענט פון איין פּעריאָד אין דער באַוועגונג פון דער רעוואָליוציע צו אַ צווייטן, אַ געזאַנג, וואָס באַצייכנט אַ שאַרפן קער אין לעבן פונעם פאָלק. דאָס איז טאַקע אַן אַנטשיידענע געזעגענונג מיטן אַלטן, צו וועלכן עס איז שוין ניט פאַראַן קיין אומקער: „אין נעשאָמע אַ מײַזעלע שקראַבעט — ציטאַטנס, צי זיידנס אַ ניגן, נאָר די טיר פון מײַן אייגענעם שאַבעס האָט וואָך מיט אַ שטערן פאַריגלט". עס קאָן זיך דאַכטן, אַז דער דיכטער זעט ניט קיין אויסוועג. אַזוי געדיכט זײַנען די פאַרבן: „שטאַרב, מײַן געשריי", „ווי אַ מעסער איבער האַלדז", „נאַכט וועט ניט אופהערן האַרגענען", „ווינטן ראָצכים", „צעמאָלט מיך, מילשטיינער", „מײַן שווערע לעווײַע", „מײַן לעצטער געשריי... וועט אין כוישעך מיט קאָפּ זיך פאַרכלינען". און דאָך, ניט געקוקט אויף אָט דעם שווערן אימאַזש, פילט זיך אינעם ענערגישן, ווי אויסגעהאַקטן פון שטיין, פּאָעטישן וואָרט ניט קיין ייִעש, נאָר אַזאַ קראַפט, וואָס קאָן גוווער זײַן יעדער מין פאַרצווייפלונג. גראָד אָט די שרעקלאָזע אופריכטיקײַט און אָפענע דיכטערישע אָנערקענונג פון גרויזאַמקײַט און האַרבקײַט פונעם לעבן איז דער בעסטער באַווײַז פון ווילן און קראַפט גוויווער צו זײַן אינערלעכע און אויסערלעכע שוועריקײַטן, ניט בייגן זיך און ניט פאַלן אונטער זייער לאַסט, חאַרטן און דערוואַרטן זיך, ביז „דער העלער מאָרגן, מאָרגן צעוויקלטער" וועט אָנהייבן פינקלען מיט אַ נײַער שײַן.

ניט לאַנג האָט געדויערט, ביז קושניראָוו האָט אינ־

גיכן שוין דערקלערט: „דאָס וועט אויך זײַן אונדזער לעצטער שטרײַט הערן רויש פון הארבסטיקן געבלעטער, ווײַל צו די, וואָס קומען צו דער צײַט, ווײַל צו די, וואָס האָבן ניט פארשפעטיקט“. קושניראָוו געהערט צו די בעסטע זינגער, וואָס איז געקומען צו דער צײַט און האָט ניט פארשפעטיקט. אין פיר יאָר ארום נאָך „אזקאָרע“ האָט קושניראָוו געגעבן אונדזער ליטעראטור זײַן צווייט קלאסיש ווערק „הארבסט“. דאָס איז אויך אן עלעגיע, ווי ס׳איז אן עלעגיע „אזקאָרע“. אָבער דאָ, אין „הארבסט“, איז דאָס שוין אן עלעגיע פון דערמאָנונג, פון איבערגעווייטעקטן פּײַן, ניט קיין הישטאפּכעס־האַנעפּעש, נאָר א כעזשבן־האנעפּעש, א סאכאקל פון א דורכגעמאכטן וועג פון אינערלעכע אידייִש־פּסיכאָלאָגישע שטרײַטן. און דער דיכטער האָט רעכט אָפּן צו דערקלערן:

ס׳איז שוין ווערט געווען, ס׳איז געווען שוין ווערט
זיך שטורעם אָפּגעבן מיט פולן הארצן
פאר אלץ, פאר אלץ, וואָס כ׳זע איצט אף מײַן ערד
אין א טאָג אזא,
א גאָלדענעם,
א הארבסטיקן.

ארן קושניראָוו שטייט צווישן צוויי דורעס דיכטער, וועלכע זײַנען געקומען איינער נאָכן צווייטן, און ער, קושניראָוו, האָט מיט זײַן דיכטונג זיי פארבונדן, ווי א בריק, און פארייניקט אין איין רומפולער פלעיאַדע שעפער פון דער רעוואָליוציע מיט אלע אירע פילארטיקע זײַטן און אויסקומעניש. פון קושניראָוון, דעם זינגער פון דערהויבענעם אין דער רעוואָליוציע, גייט שוין דער גלײַכער וועג צו איציק פעפערן.

איציק פעפער איז געקומען אין דער ליטעראטור ווי א דיכטער פון בירגערקריג, ווי א דיכטער א שלאכטמאן, וואָס האָט מיט זײַנע לידער ארײַנגעבראכט דעם יאָמטעוו און דעם אינדערוואָכן פון קריג מיט אלע זײַנע דערהויבענע און שוידערלעכע דערשײַנונגען, מיט אלע אקסעסוארן פון פעלד־שלאכטן, פון שיסערײַ, פון טראָגן זיך איבער פעלד און סטעפּ אפן פערד, אין בראָנעוויק.

אין דער ייִדישער ליטעראטור איז דאָס געשטאלט פונעם מענטש מיט דער ביקס געוואָרן באוווסט פון שמועל גאָדינערס ראָמאן. אָבער נאָך ביז גאָדינערן האָט דאָס דאָזיקע געשטאלט ארײַנגעפירט אין דער ייִדישער דיכטונג איציק פעפער. ביכלאל דארף מען אָפּמערקן, אז די פּראָבלעמאטיק פון בירגערקריג, זײַן ליריק און זײַן עפּאָס, זײַן רעאליזם און ראָמאנטיזם, זײַן העראָיִזם און דראמאטיזם האָט אין דער ייִדישער דיכטונג אלזײַטיק און ביז גאָר טאלאנטפול פארקערפּערט איציק פעפער. און דאָס איז עפשער דער גרעסטער פארדינסט זײַנער פאר דער ייִדישער ליטעראטור. אויב זוכן אנאלאָגיעס אין דער רוסישער דיכטונג, קאָן מען פעפערס אופּטו פארגלײַכן מיטן אופּטו פון מיכאיִל סוועטלאָוו.

אָבער פעפער איז ניט בלויז דער באזינגער פון שלאכטן, פון קריג און באטאליעס. ער איז נאָך אין א גרעסערער מאָס דער זינגער פון זיג, דער דיכטער פון ניצאָכן פון דער רעוואָליוציע. זײַן ליריש געשטאלט איז ניט פּאָשעט דער שלאכטמאן, דער מענטש מיט דער ביקס, נאָר דער סאָלדאט פון דער רעוואָליוציע, דער זיגער איבערן סוינע. פעפערס העלד איז דער ניט געזעענער ביז אים אין דער ייִדישער ליטעראטור יונגער מענטש, די „באָרוועס גרויע קינדער“ פון דער רעוואָליוציע, ווען „דאָס נעכטיקע צעשיסן איז באשערט“. מיט פעפערס ליד איז געקומען א נײַער טיפּ, א נײַ געשטאלט, א קאָלעקטיוו געשטאלט פון דער ייִדישער רעוואָליוציאָנערער יוגנט, פון די שטעטלשע יאטן, די „בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס“, וואָס טראָגן זיך איבער שטעט און דערפער, איבער פעלדער און סטעפּעס און שווינגען ניט זייער יונג לעבן און קערן זיך אום מיט טריִומף און מיט זיג. דאָס געשטאלט פונעם רעוואָליוציאָנערן פאָלק, פון דער ייִדישער רעוואָליוציאָנערער יוגנט איז אין פעפערס ווערק פון די צוואנציקער יאָרן געגעבן מיט אזא קינסטלערישער קראפט, ווי בא קיינעם ניט אין דער ייִדישער דיכטונג. די יאטן, וואָס שטייען בא דער גרענעץ, באם פעלד, „ביקס אף פלייצע, ביקס בא זײַט“, — דאָס זײַנען די יונגע זיגער אין קאמף פאר א פרײַ לעבן.

פעפער איז א נײַער טיפּ רעוואָליוציאָנערער דיכטער. ער האָט געבראכט מיט זיך א נײַע עסטעטיק, א נײַע קונסט־פּראָגראם, די פּראָגראם פון פּ ר אָ ס ט ע ר ײ ד. פאר דער ייִדישער ליטעראטור פון די צוואנציקער יאָרן איז דאָס געווען א רעוואָליוציאָנערע קונסט־פּראָגראם, א פּראָגרעסיווע עסטעטיק, דאָס איז געווען די עסטעטיק פון פאָלקס־קונסט. פּראָסטקײַט — האָט באטײַט רעאליזם און פאָלקסטימלעכקײַט, רעוואָליוציאָנערער ראָמאנטיזם און דערהויבנקײַט: „פּראָסטער וווּנדער“, „פּראָסטע טריט“. א פּראָסטע און קאטעגאָרישע עסטעטישע דעקלאראציע: „איך האָב ליב, ווען ווערטער זײַנען באָרוועס, איך האָב ליב, ווען לידער זײַנען פּראָסט“.

איציק פעפער איז געווען דער דיכטער פון זיג אויך אין דער פרידלעכער בויונג, וואָס האָט זיך ברייט פאנאנדערגעוויקלט טאקע אין די צוואנציקער יאָרן, ווען דער דיכטער האָט אָנגעהויבן זײַן וועג אין דער ליטעראטור. ער האָט דער ערשטער אין דער ייִדישער ליטעראטור דערזען די „בליִענדיקע מיסטן“, דער ערשטער באזונגען „א שטיין צו א שטיין“, וואָס די רעפּובליק האָט אָנגעהויבן צונויפלייגן. איציק פעפער איז אויך דער ערשטער באגײַסטערט געוואָרן פון די „געפונענע פונקען“, פון די גראנדיִעזע דניעפּראָבויען, פון די „פלאסטן“ קוילן אין די שאכטעס; ער איז קיינמאָל ניט מיד געוואָרן צו באזינגען די „שרײַענדיקע הענט“ פון די ברידער אף דער בויונג און האָט אויסגעלאכט סארקאסטיש, מיט „פּײַלן אף מײַלן“ די שטערונגען אין לעבן, די עקלהאפטע פּיליסטערישע טיפּן, די מיִעסע ליטעראַרישע קאריערן און טאלאנטלאָזע פּאראזיטן. און ביזן סאָף פון זײַן לעבן, אין דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע און נאָך איר, האָט ער באזונגען די רעוואָליוציע און דעם סאָציִאליזם.

פעפערס קומען אין דער ליטעראטור איז געווען אן איבערראשונג. אזוי דרייסט און פריש און פּראָסט איז געווען זײַן ליד, אז ניט דערהערן האָט מען זי ניט געקענט. און די ליטעראטור האָט דערהערט דאָס קאָל פונעם דיכטער און כאָוועריש באגריסט אים. אזוי האָט טאקע געהייסן ליטוואקאָווס ארטיקל וועגן דעם יונגן איציק פעפער: „א כאָוועריש גרוס“. עמעס, פעפער האָט אויך געהאט קריטיקער, וועלכע האָבן אים ניט אנערקענט, עס זײַנען געגאנגען ארום זײַן שאפן הייסע דיסקוסיעס. אָבער צי איז דען פאראן אין דער געשיכטע פון דער ליטעראטור אזא באדײַטנדיקער שרײַבער, וואָס זײַן שאפן זאָל ניט ארויסרופן קיין שטרײַטן?

אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג פארנעמט אן אָרט באנאנד מיט פעפערן —

איזי כאריק. זיי ביידע, איציק פעפער און איזי כאריק, זײַנען עכטע רעוואָליוציאָנערע פאָלקס־דיכטער. זייער צענטראַלער העלד איז דער פאָלקסמענטש, דאָס קאָלעקטיוו געשטאַלט פון די פאָלקסמאַסן, וועמען די רעוואָליוציע האָט גערופן צו בויען דאָס נײַע לעבן און אָנפירן דערמיט. בא פעפערן זײַנען דאָס די יאַטן און די בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס; בא כאריקן — די רעוואָליוציאָנערע יוגנט פון די „מינסקער בלאָטעס", די פיניעס, וועלכע האָבן נאָך קינדווײַז געוואָרפן דעם שטיין אין די פענצטער פון די רײַכע מויערן: „א גרוס אײַך פון די בלאָטעס!"

די פּאָעמע „מינסקער בלאָטעס" איז פאַרבליבן ווי א קלאַסיש ווערק פון רעוואָליוציאָנערן ראָמאַנטיזם און דערהויבענער רעוואָליוציאָנערער פאָלקס־דיכטונג אין אונדזער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. דאָס איז געווען א ווענדפּונקט און אָן אָנהייב, וואָס איז באמערקט געוואָרן פון אזעלכע צוויי פאַרשיידענע שעפערישע פּערזענלעכקײַטן, ווי לייוויק און ליטוואַקאָוו. ביז „מינסקער בלאָטעס" איז אין דער ליטעראַטור געווען בלויז א דיכטער מיטן פּסעוודאָנים אי. זעמבין, פון וועלכן עס איז געבליבן א שוואַכער שפּור. דאָס ביכלעלע „ציטער" (1922) איז נאָך אומבאהאָלפן און ניט זעלבשטענדיק. ערשט מיטן ציקל „שטעטל" און מיט דער פּאָעמע „מינסקער בלאָטעס" איז געקומען אין דער ליטעראַטור דער גרויסער ליריקער איזי כאריק.

„מינסקער בלאָטעס" האָט אין זיך אַלע שטריכן פון א פולשטענדיקער נײַ־שאַפונג און שליסט זיך אײַן אינגאַנצן אין דער ליריק פון די צוואַנציקער יאָרן. לויט דער טעמע איז דאָס ווערק היסטאָריש און הײַנטצײַטיק. דער דיכטער אנטפּלעקט זיך ווי א מײַסטער פון סינטעזירן לירישע און שטייגערישע בילדער פון דער פאַרגאַנגענהײַט מיט פּסיכאָלאָגיש־ראָמאַנטישן פּאַטאָס פון די הײַנטיקע רעוואָליוציאָנערע געשעענישן. אין ביידע טיילן פון דער פּאָעמע איז פאַרקערפּערט דער פּראָצעס פון דער רעוואָליוציאָנערער אנטוויקלונג אין לאַנד ביז און נאָך אָקטיאַבער. די טרעגער פון דער רעוואָליוציע זײַנען די יונגע פיניעס, די אונטערדריקטע פאָלקסמאַסן.

אין „מינסקער בלאָטעס" איז כאריק, פּונקט ווי פּעפער, דער דיכטער פון קאַמף און פון זיג. די טעמע פון בירגערקריג בא כאריקן מיטן צענטראַלן קאָלעקטיוון העלד פון דער יוגנט רופט זיך שטאַרק איבער מיט דער זעלבער טעמע בא פעפערן:

ניט קיין העלדן, ניט קיין האַריקע גיבורים
האָבן זיך דאָ ביינערדיק פאַרקלערט,
יונגע יונגען, מיט יונגע אויגן
וויגן זיך פאַרמאַטערט אף די פערד.

די יונגע יונגען מיט יונגע אויגן, וואָס וויגן זיך פאַרמאַטערט אף די פערד — צי זײַנען זיי דען ניט קיין לײַבלעכע ברידער פון פעפערס יאַטן?

א גאַנצן טאָג האָט זיך א לעצטער צוג געראַנגלט
און אָפּגעגאַנגען מיד נאָך אָרשע און סמאָלענסק,
שטיקט זיך איצט די שטאָט מיט אומרויִקע קלאַנגען:
וועמעס איז מען און אין וועמעס הענט.

דערמאָנען דען ניט אָט די בילדער די באַטאַלישע מאָלערײַ בא פעפערן?

ווער פון וועמען איז באַווירקט? ווער אף וועמען האָט געווירקט? קיינער בא קיינעם ניט און קיינער אף קיינעם ניט. ביידע דיכטער האָבן אין איינער און דער זעלבער צײַט געשאַפן זייערע ווערק וועגן בירגערקריג זעלבשטענדיק און אומאָפּהענגיק איינער פונעם צווייטן.

„מינסקער בלאָטעס" איז א געשעעניש אין דער סאָוועטישער דיכטונג אויך לויטן קינסטלערישן סטיל, און ניט בלויז לויטן אידייִשן אינהאַלט און לויט דער טעמע. „מינסקער בלאָטעס" איז א פּאָעמע. עס איז פאַראַן אין איר עכטער עפּאָס, עכטע היסטאָרישע שילדערונג, עמעסער אָפּקלאַנג אף די גרויסע געשעענישן פון דער עפּאָכע. און אין דער זעלבער צײַט איז דאָס אף דורך און דורך א ליריש־ראָמאַנטיש דיכטעריש ווערק אפילע אין די עפּישע בילדער און שילדערונגען. „מינסקער בלאָטעס" — דאָס איז די ליריק און דער עפּאָס פון דער רעוואָליוציע, דאָס ליריש־עפּישע געזאַנג, דער פאָלקסטימלעכער ניגון, וואָס האָט פאַרייניקט אין איין גוס דעם לײַדנשאַפטלעכן גײַסטיקן זיגערישן קאַמפס־אופשטײַג פון די מאַסן, ווען זיי האָבן זיך אופגעהויבן צו דעראָבערן זייערע רעכט אף אָנפירן מיטן גאַנג פון דער געשיכטע.

מוישע ליטוואַקאָוו האָט געשריבן וועגן צוויי אייגנשאַפטן פון כאריקס דיכטונג — פאָלקלאָרישקײַט און טיף נאַציאָנאַלער קאָלאָריט, וואָס איז באַזונדערס צו באמערקן אין די פּאָעמעס „מינסקער בלאָטעס", „מיט לײַב און לעבן", „קײַלעכדיקע וואָכן" און אנדערע. נאַטירלעך, דאָס נאַציאָנאַלע בא כאריקן איז געבונדן דורכויס מיטן סאָוועטישן און אנטפּלעקט זיך אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון זײַן שאַפונג אינגאַנצן גענומען.

ס'וואָלט אָבער געווען איבערפלעכלעך צו מיינען, אז כאריקס דיכטונג האָט זיך אנטוויקלט אָן קאָליזיעס און ווידערשפּרוכן. א. ראַסקין האָט ריכטיק באמערקט אין זײַן אַרטיקל אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 10 פאַרן 1966, אז אין כאריקס דיכטונג קאָן מען אופכאַפּן פאַרשיידענערליי שטימונגען פון ספּייקעס, פון „שטרײַט מיט זיך אליין". און דאָ גייט א רייד ניט וועגן די לידער פון אונטערגאַנג פון שטעטל, וואָס כאריקן האָט עס באומרויִקט עפּשער מער, איידער אנדערע דיכטער. אין איזי כאריקס פּאָעזיע זײַנען צו מערקן שווערע שטימונגען און פאַרגעפילן פון א קאַטאַסטראָפע און פון אומקום. „אונדז איז נאָר געווען באַשערט זינגענדיק דאָ לייגן זיך און שטאַרבן", „מיר האָבן דאָ די ציגל נאָר צעלייגט און זיך אליין אוועקגעלייגט פאַר ציגל". כאריק איז ניט געווען קיין דיכטער פון אידיליעס, און די געשיכטע פון דער ליטעראַטור דאַרף אים ניט מאָלן אידיליש; זײַן טראַגישער פינאַל דערלויבט ניט ארויסצושטעלן בלויז די פריידן פון זײַן שאַפן און פאַרגעסן אָדער זיך מאַכן ניט וויסנדיק וועגן די ווידערשפּרוכן, וואָס האָבן געמאַטערט דעם דיכטער טאַקע באַזונדערס שווער אין די צוואַנציקער יאָרן. אין 1926 שרײַבט כאריק אָן די ליד „איך האָב פּלוצלינג הײַנט דעם טויט דערפילט". עס איז א ליד, ווו דער דיכטער רעדט דאַפּקע וועגן א לאַנג לעבן:

אוי, לעבן מײַנס, מײַן אומרויִקער פרײַנט,
איך וועל מיט דיר נאָך לאַנג זיך ניט צעשיידן, —
און כ'וועל געוויס נאָך לעבן זייער לאַנג
און עפּשער לענגער נאָך אפילע פון מײַן זיידן.

און וועט א קויל מיך טרעפן שטילערהייט,
וועט מיך די קויל געוויס ניט קאָנען נעמען.

און פונדעסטוועגן פאַרענדיקט ער די ליד מיט אזעלכע צוויי שורעס:

איך האָב עפּעס הײַנט דערפילט דעם טויט
און הייב זיך אָן פאר זיך אליין צו שעמען...

דער דיכטער איז א לײַדנשאַפטלעכע נאטור און לעבט איבער שטימונגען טיף און פײַנלעך. עס איז באַוווּסט, אז איינע פון די וויכטיקסטע טעמעס פון כאריקס ליריק איז געווען שטענדיקער אומרו. „שטעך, מײַן מעסער, מיך מיט שארפן קלינגל, הארץ פארפולט איז שוין — א מילגרוים. מײַן געלעכטער וועט זיך הײַנט צעוויגן, ווי אַן אומרו אין די הימלען...“, „א פרעמדער גאסט — מיט אומרו אין די טריט...“, „ווי אלע נעכט איז אומרויִק און שטיל...“, „קנאַפּ איז מיר דער אומרויִקער ווינט“, „נאָך וואָס האָסטו זיך אויסגעלערנט זינגען לידער, קאָפּ מײַנער, — מײַן אומרויִקעס קינד?“, „ווייס איך ניט, פארשטיי איך ניט, פונוואַנען קומט דער אומרו“, „אומרויִקע טעג“, „אומרויִקע ווייען“, „עס שמעקט פון אונדז מיט אומרו און מיט ליכט“... עס איז קימאט ניטאָ קיין ליד בא כאריקן אָן אומרו. ניין, כאריק איז ניט דער דיכטער פון באַלעבעסלדיקער רו, ער איז דער דיכטער פון היסטאָרישע אומרוען, אופטרייסלונגען און קאטאסטראָפעס. אזא איז ער געווען, ווען ער האָט געשאפן „מינסקער בלאָטעס“, ווען ער האָט אָנגעשריבן איינע פון די בעסטע און פּאָפּולערסטע פּאָעמעס פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג „מיט לײַב און לעבן“.

די דיכטער פון די צוואנציקער יאָרן, וועמענס שאפונג ס׳איז דאָ באטראכט געוואָרן, זײַנען שוין לאנג אוועק אין דער אייביקייַט. זייערע ווערק לעבן און גייען ארײַן אין אויצער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור.

וועגן אנדערע פּראָבלעמען און דערשײַנונגען אין אונדזער דיכטונג וועט גיין א רייד אין קומענדיקן נומער „סאָוועטיש היימלאנד“.

א בריוו אין רעדאקציע

טײַערע רעדאקציע!

עס ווילט זיך דערציילן די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד“ וועגן דעם, מיט וויפל ליבשאפט און אכטונג די רוסישע סאָוועטישע יוגנט באציט זיך צום גרויסן קלאסיקער פון דער ייִדישער ליטעראטור — צו שאָלעם־אלייכעמען.

אלס ארטיסט טרעט איך פון צײַט צו צײַט ארויס אין פארשיידענע שטעט מיט קאָנצערטן, אף וועלכע איך לייען פאָר אין רוסיש שאָלעם־אלייכעמס ווערק. די צושויער אף די קאָנצערטן זײַנען מענטשן פון פארשיידענע נאציאָנאליטעטן.

ניט לאנג צוריק האָב איך אין קאָוונע געהאט א קאָנצערט, וועלכן איך וועל לאנג־לאנג פארגעדענקען.

אפן וואָקזאל האָט מיך באגעגנט דער אדמיניסטראטאָר פון דער היגער פילהארמאָניע. ער האָט מיר צו וויסן געגעבן, אז דאָס אָפיצערן־הויז האָט פארבראָנירט מײַן קאָנצערט פאר א מיליטער־טייל. איך האָב אים מיט פארווונדערונג געפרעגט: „צי ווייסט איר די טעמע פונעם אָוונט?“ „יאָ, האָט ער געענטפערט, איך ווייס, אז איר לייענט שאָלעם־אלייכעמען אין רוסיש“. איך בין, דעם עמעס געזאָגט, געווען פארכידעשט. איך ווייס זייער גוט, אז בא אונדז אין לאנד איז שאָלעם־אלייכעם באליבט צווישן אלע פעלקער, אז דער קימאט פערטל־מיליאָניקער טיראזש פון דער רוסישער אויסגאבע פון זײַנע אויסגעווײלטע ווערק באפרידיקט ניט דעם גרויסן נאָכפרעג, עס גרייט זיך א צווייטע אופלאגע. נאָר צי וועלן די טראגישע קאפּיטלען פון „טעוויע דער מילכיקער“ דערגיין צום באוווסטזײַן פון יונגע רוסישע סאָלדאטן? איך בין נאָך אומרויִקער געוואָרן, ווען כ׳בין ארוף אף דער בינע פון אָפיצערן־הויז און הינטער דעם פארמאכטן פאָרהאנג דערהערט א לײַכטע דזשאַז־מוזיק. אזא מוזיק, האָב איך געטראכט, קאָן בעשום־אויפן ניט צוגרייטן די צוהערער צו אן ערנסטער ליטערארישער פּראָגראם. פון דעם זעלבן אומרו איז געווען ניט פרײַ אויך דער שעף פונעם אָפיצערן־הויז. ער האָט מיך געוואָרנט, אז צוזאַמען מיט די אָפיצערן געפינען זיך אין זאל א סאך סאָלדאטן פונעם נײַעם פריזיוו, און וועגן זייערע געשמאקן ווייסט מען נאָך ווייניק.

דער פאָרהאנג האָט זיך אופגעהויבן. איך שטיי פּאָנעם־על־פּאָנעם מיטן צושויער־זאל. אף מײַנע ארויסטרעטונגען דערלויב איך ניט אויסצולעשן די שײַן אין זאל. דער גאנצער אוילעם איז פאר מײַנע אויגן. איך הייב אָן לייענען „דאָס גרויסע געווינס“. דער אוילעם אפּלאָדירט הייס, אין זאל דונערט א יוגנטלעך געלעכטער. איך ווער רויִקער. נאָר... וואָס וועט זײַן ווײַטער? עס שטייט מיר נאָך פאָר צו לייענען „האָדל“, „שפּרינצע“, „כאווע“.

דער ווײַטערדיקער גאנג פונעם קאָנצערט האָט מיך אינגאנצן בארויִקט. אין זאל איז אבסאָליוט שטיל, דער אוילעם הערט מיט פארגאפונג. מע קאָן זיך פאָרשטעלן, וויפל פארגעניגן איך האָב געהאט, ווען איך האָב געזען, ווי יונגע צושויער טראָגן צו נאָזטיכלעך צו די אויגן... „שפּרינצע“ און „כאווע“ זײַנען אופגענומען געוואָרן מאמעש מיט באגײַסטערונג.

צום סאָף פונעם קאָנצערט איז אף דער בינע ארוף דער שעף פונעם אָפיצערן־הויז און אונטערגעטראָגן מיר א גראמאָטע, אונטערגעשריבן פונעם קאָמאנדיר פון דעם טייל גרישקאָ.

די יונגע סאָלדאטן און אָפיצערן האָבן אויסגעדריקט זייער ייִראַס־האַקאָווועד צום גרויסן ייִדישן פאָלקס־שרײַבער שאָלעם־אלייכעם.

יויסעף קאָלין.

ארטיסט פון מאָסקווער דראמאטישן טעאטער אפן נאָמען פון א. ס. פּושקין, פארדינסטפולער ארטיסט פון רספסר

מ. שאַפּיראָ

אייניקע באַזונדערהייטן פונעם איינהייטלעכן ליטעראַרישן יִדיש אין סאָוועטנפאַרבאַנד

סאָף צוואַנציקער — אָנהייב דרייַסיקער יאָרן טרעט אַרויס נאָכעם שטיף מיט זיינע אַרטיקלען „די סאָציִאַלע דיפערענציִאַציע אין יִדיש" (1929) און „רעוואָליוציע און שפּראַך" (1931), וווּ ער רעדט וועגן באַזונדערע טענדענצן אינעם יִדיש פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. מיט אייניקע יאָרן שפּעטער, נאָך שטיפס טויט, ווענדט שוין אָפּט אָן די נאָמינאַציע „סאָוועטישער יִדיש" עליע ספּיוואַק.

קיין ספּעציִעלן טערמינאָלאָגישן באַטייַט האָט די דאָזיקע נאָמינאַציע קיינמאָל ניט באַקומען און ניט געקאָנט באַקומען, ווייַל מיט איר איז קיינמאָל ניט געמיינט געווען קיין נייַע אייכעס, קיין אַנדערשדיקע ליטעראַרישע שפּראַך לעגאַבע דעם ליטעראַרישן יִדיש אויסער די גרענעצן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. געמיינט זייַנען געווען בלויז אייניקע באַזונדערהייַטן, וואָס וואָלטן געקאָנט געבן אַ געוויסן סמאַך צו ריידן — דערבייַ גאַנץ באַדינגלעך — וועגן אַ באַשטימטן סאָוועטישן יִדיש־נוסעך.

דאָ וועט גיין די רייד בלויז וועגן אָט די לעקסישע באַזונדערהייַטן, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם אָנווענד פונעם איינהייַטלעכן ליטעראַרישן יִדיש אין די גרענעצן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

וועגן העברעיִש־שטאַמיקער לעקסיק און פּראָזאָלאָגיע

אין נאָכעם שטיפס דערמאָנטע אַרטיקלען ווערט אַרויסגערוקט אָפּן פאָדערגרונט דעהעברעיִזאַציע אַלס אַ באַזונדערס בוילעטע טענדענץ פונעם סאָוועטישן יִדיש צו באַפרייַען זיך פונעם העברעיִשן וואָרטשטאָף, וואָס שטאַמט פון דער רעליגיִעז־גייַסטיקער מיטלאַלטערלעכער קולטור און וואָס איז באַרופן צו דינען דערהויפּט דער דאָזיקער קולטור אין אירע פאַרשיידענע אַנטפּלעקונגען. שטיף באַרעכטיקט דאַן פולשטענדיק אַזאַ טענדענץ, ווייַל, ווי ער דריקט זיך אויס, „דער אַלטער העברעיִשער אינווענטאַר איז איצט אין גרעסטן טייל געוואָרן איבעריק".

מאָדנע האָט געקלונגען אַזאַ אַרכילינקער אויספיר אין אַן אַרטיקל פונעם געוועזענעם באַל־דימיען, פון אַ געלערנטן, וואָס איז געווען אויסגעקאָכט אין דער אַלט־יִדישער ליטעראַטור און וואָס האָט מער ווי פיל אַנדערע יִדיש־קענער געוווּסט, ווי גרויס ס'איז געווען די ראָליע פונעם העברעיִשן עלעמענט אין דער אַנטשטייונג, אַנטוויקלונג און באַרייַכערונג פון יִדיש. נאָר מע קאָן אים פאַרשטיין, נאָכעם שטיפן. שפּראַך־פאָרשונג איז אין יענע יאָרן געווען ניט גלאַט אַ באַשטימטער וויסנשאַפט־געביט, נאָר בעפּיירעש אַ פראָנט, אַ שפּראַך־פראָנט. מ'האָט דאַן זייער אָפּט פאַרייַנפאַכט געבונדן מיינונגס־פאַרשיידנהייַטן אין שפּראַך דירעקט מיט קלאַסנקאַמף.

אַנדערש באַטראַכט די דאָזיקע פּראָבלעם ע. ספּיוואַק אין זייַנעם אַן אַרטיקל „וועגן דעהעברעיִזאַציע און וועגן דעם העברעיִשן עלעמענט אין יִדיש"[1]. ער לייקנט ניט אָפּ די דעהעברעיִזיר־טענדענץ אינעם סאָוועטישן יִדיש; פאַרקערט, ער באַווייַזט, אַז אַזאַ טענדענץ איז פאַראַן. ספּיוואַק באַטראַכט זי אָבער ניט ווי אַ באַזונדערן פּראָצעס, וואָס איז געווענדט קעגן דעם העברעיִש־שטאַמיקן עלעמענט. ער זעט אין איר אייַן אַן אַנטפּלעקונג פון אַ ברייטערן פּראָצעס — פון דעאַרכאַיִזאַציִע.

פאַקטיש אָבער ענדערט זיך דערפון ווייניק וואָס, ווייַל דעאַרכאַיִזאַציע רירט בעמיילע אָן דעריקער דעם העברעיִש־שטאַמיקן וואָרטשטאָף אין יִדיש.

פאַר אונדז איז דאָ וויכטיק אָפּצומערקן גאָר אַן אַנדער פאַקט: ניט די אָמפּערנישן אָף די שפּאַלטן פון צייַטונגען און פון שפּראַך־זשורנאַלן, נאָר דאָס לעבן גופע האָט דיקטירט: ווילט איר, מע זאָל אייַך פאַרשטיין, מוזט איר אויסמייַדן אַלץ, וואָס ס'וועט צו דער מערהייַט סאָוועטישע יִדיש־לייענער ניט דערגיין.

אַזוי איז עס געווען אין די 20־ער—30־ער יאָרן.

אַ ריי אויסערלינגוויסטישע פאַקטאָרן האָבן פאַר די לעצטע יאָרצענדליקער מיטגעבראַכט, ס'זאָל זיך לאָזן אַמאָל פילן אויך אַן אַנדערע, אַ קעגנזעצלעכע טענדענץ. די מילכאָמע־יאָרן, די שכיטעס איבער מיליאָנען יִדן האָבן געשטעלט די פראַגע וועגן אייניקייַט אין קאַמף קעגן פאַשיזם. דאָס איז געווען ניט בלויז אַ קעפּל פאַר אַ צענטראַלער יִדישער צייַטונג — ס'איז געווען אַ לעבנס־נויטווענדיקייַט אין אַ צייַט פון שווערן אויספּרווו. פאַרשטייט זיך, געמיינט געווען איז ניט אידעאָלאָגישע אייניקייַט, ניט אידעאָלאָגישע קאָמפּראָמיסן; ס'איז געווען אַ שטרעבונג צו געוויסע קולטור־קאָנטאַקטן, בעמיילע שוין איז באַווירקט געוואָרן אויך דער שפּראַך־געביט.

---

[1] „אפן שפּראַך־פראָנט", זאַמלונג, 2, קיִעוו, 1935.

---

* ווי באַוווּסט, איז אין נאָיאַבער פאַריקן יאָר פאָרגעקומען אין דער רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד" אַ באַראַטונג וועגן פּראָבלעמען פון דער יִדישער שפּראַך. מיר טרעטן צו פּובליקירן (אין אַ געקירצטער פאָרם) אייניקע פאָרטראָגן און אַרויסטרעטונגען אָף אָט דער באַראַטונג.

אין דער ייִדישער קולטור־וועלט אָבער אויסער די גרענעצן פון אונדזער לאַנד לאָזט זיך ניט מערקן ניט אין די 20־ער—30־ער יאָרן און אוואדע ניט שפּעטער, ביז הײַנטיקן טאָג קיין אָנצוהערעניש אף א דעהעברעיִזירדער דעארכאיִזיר־טענדענץ. פאַרקערט, וואָס ווײַטער, באַקומט אַלץ מער וואָג אין דער שפּראַך פון דער פּרעסע, פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור דאָס העברעיִש־שטאַמיקע וואָרט.

זייער באַווײַזלעך זײַנען די פאַקטן, וואָס ס׳גיט אָן מ. רעכטמאַן, דער אווטאָר פון אַן אַרטיקל אינעם ייִוואָ־זשורנאַל „ייִדישע שפּראַך". די טעמע איז — „העברעיִזמען אין דער מאָדערנער ייִדישער פּאָעזיע" (געמיינט איז, פאַרשטייט זיך, די אויסערסאָוועטישע דיכטונג). ס׳ווערט געוויזן, ווי ס׳וואַקסט די צאָל העברעיִזמען נאָך די 20־ער—30־ער יאָרן, ווי ס׳ווערן געשאַפן פיל נײַע ווערטער פון העברעיִשער אָפּשטאַמונג און ווי אייניקע דיכטער „שאַפן קימאַט אינגאַנצן אָפּ די גרענעץ צווישן ייִדיש און לאָשנקוידעש און האַלטן פאַר מעגלעך צו ניצן קימאַט איטלעך וואָרט פון העברעיִש, וואָס זיי דאַרפן פאַר זייער פערז"[1].

נאָך בולטער איז אַזאַ טענדענץ אין דער פּובליציסטישער שפּראַך און אין דער שפּראַך פון דער לינגוויסטישער ליטעראַטור גופא. בײַשפּילן דערצו איז פאַראַן איבערגענוג. אָט זײַנען אייניקע פון זיי:

שמואל ניגער אין זײַן אָפּהאַנדלונג „י.־ל. פּערעצעס אָפּשטאַמונג, קינדער־ און יוגנט־יאָרן" שרײַבט וועגן זאַמאָשטש: „...א שטאָט, וואָס האָט מיט אירע הייפוכים און סטירעס מאַשפּיִע געווען אף דער פּערזענלעכקײַט פּערעצעס".

דאָ וואַרפט זיך אין אויג ניט אַזוי יעדער העברעיִזם באַזונדער גענומען, ווי די פּלעאָנאַסטישע פאַרהעברעיִזירונג פונעם גאַנצן זאַץ.

אין דער פאָרעדע צום „אויצער פון דער ייִדישער שפּראַך" לייענען מיר: „מעגלעך, אַז א ביסל שפּעטער זאָלן די מומכים און מעפונאָקים ניט זײַן אַזעלכע מאַכמירים..."

אינעם בוך, געווידמעט דעם 80־יאָריקן יובילײַ פונעם באַרימטן ייִדישן לינגוויסט יודא א. יאָפע: „ער איז א שפּרודלדיקער קוואַל, א מאַיאָן האַמיסגאַבער פון בקיִעס..."; „מע האָט געדרוקט ווייניק פון יאָפעס פאָרשונגען, נאָר דאָס איז א מיִעט האַמאַכזיק עס האַמרובע".

אין דער האַקדאָמע צום „גרויסן ייִדישן ווערטערבוך": „קריטעריעס באַם אַרײַננעמען א וואָרט אין אונדזער קינוס..."

וועגן דער שטרעבונג צו קעכלען און פעסטען דאָס אַרכאַיִשע וואָרט, דאָס העברעיִש־שטאַמיקע צי אַפילו דאָס טאַלמודיש־אַראַמעיִשע, רעדט באַזונדערס אָנשוילעך אַן אַרויסטרעטונג פון פּסאַכיע פּרימער. יענער האָט באַגעגנט ערגעץ אַזאַ אויסדרוק: „עסן און האַנאָע האָבן קעדעבאָיִ (כדבעי)"; באַמערקט ער דערויף: „ווי געשריגן, פאַרוואָס ניצט מען אַזוי זעלטן אַזאַ טײַער וואָרט, ווי קעדעבאָיִ? אָט דאָס טאַלמודישע וואָרט האָט מען גענוצט ניט נאָר אין לאָמדישע קרײַזן, עס איז גאַנץ פאַרשפּרייט. פאַראַן אויך קעדעבאָיִדיק. מע דאַרף קעדעבאָיִדיק זיך נעמען און ווידער פּאָפּולער מאַכן אַזאַ וואָרט, ווי קעדעבאָיִ!.."[2]

---

1 „ייִדישע שפּראַך", 11 באַנד, 1951.

2 „ייִדישע שפּראַך", ב. 8, 1948, נומ. 3—4.

די פאַרברייטערטע קאָנטאַקטן אין די 40־ער יאָרן האָבן געמוזט אַרויסרופן ענלעכע באַמיִונגען אויפצולעבן דאָס אַרכאַיִשע וואָרט אויך בא אונדז. קיין גאָר טיפע שפּורן לאָזן דאָך יענע טענדענצן אין אונדזער שפּראַך ניט איבער. די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט, ווי באַוווּסט, פון אָנהייב אָן געשטעלט דעם ייִדישן קולטור־טוער פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט די ברייטסטע האָרעפּאַשנע שיכטן — מיטן ייִדישן אַרבעטער, קוסטאַר, מיט דער יוגנט, מיט דער אַרבעטנדיקער פרוי. דאָס נײַע געדרוקטע וואָרט, דאָס נײַע מינדלעכע וואָרט, דאָס טריבונע־וואָרט האָט געמוזט זײַן פאַרשטענדלעך פאַר אַלעמען, אויך פאַר די, וואָס האָבן בא געמאָרע־מעלאַמדים ניט געלערנט. צו דעם דאַרף נאָך גענומען ווערן אין באַטראַכט, אַז א באַדײַטנדיקער טייל פון איצט טעטיקע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער האָט געלערנט ייִדיש בלויז אין דער סאָוועטישער ייִדישער שול; אַפילו די ייִדישע הויכשול פון יענער צײַט האָט זיי קיין יעדיִעס אין העברעיִש ניט געגעבן.

און דאָך, ווי געזאָגט, לאָזט זיך אויך בא אונדז פילן די טענדענץ צו העברעיִזאַציע. ס׳איז גענוג א בלעטער צו טאָן די נומערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד", מע זאָל זיך איבערצײַגן, אַז דעם עלטערן דאָר פון אונדזערע שרײַבער איז ניט אַזוי גרינג אָפּצוזאָגן זיך פונעם וואָרט, וואָס דריקט בעסער אויס זייער אַרט דענקען, זייערע אַסאָציִאַציעס, מיט וועלכע זיי האָבן זיך אײַנגעלעבט פון קינדווײַז אויף. מע קאָן זיי פאַרשטיין, מע קאָן זיי מיטפילן. פּרוּווט, אַשטייגער, דורכלייענען אינעם נומ. 6 „סאָוועטיש היימלאַנד" (1966) יאַנקעוו שטערנבערגס אינטערעסאַנטן אַרטיקל וועגן רייזנען. איר וועט דאָרטן טרעפן אַזעלכע אויסדרוקן:

„רייזענס אַלט און קינדיש לעוו־טאָוו"... „דעקלאַרירנדיק אַפילו זײַנע [דעם קלאַסן־סוינעס] קליינע קינדער פאַר זערע־מערעיִם"; „די רייזענישע פּראָבלעם, וואָס האַקל מוידים, אַז זיי האָבן טאָמיד געשוועבט פאַר די אויגן פון אונדזערע קריטיקער..."; „דיכטער קוואַדפּעס"; „אין דעם אויקעץ פון אַלע רייזענישע לידער"...

און ניט נאָר שטערנבערג. א ייִנגערער שרײַבער, נאַטאַן זאַבאַרע, האָט, זעט אויס, באַוויזן נאָך אין די קינדער־יאָרן עפּעס א נאַש טאָן פונעם זיידנס טוירע, און ער סטאַרעט זיך עס אַרויסצוברענגען, קאָלזמאַן עמעצער פאַרשטייט נאָך. אינעם אָפּטייל „פון דער שעפערישער לאַבאָראַטאָריע" שרײַבט ער: [ניט אין דער האַק, ניט אין דער עלעקטראָ־מאַשין איז ניטאָ] „דער רועך־כאַים, דער לעבנס־הויך, וואָס זאָל זיי מאַכן פאַר אויס ראַבאָטן". „דער העלד, — שרײַבט ווײַטער זאַבאַרע, — איז בא אונדז [שרײַבער] קאַכוימער בעיאַד האַיויצער; אויב אָבער ער וועט ניט זײַן צוגעפּאַסט צו דער אַרומרינגלונג, וועט עס זײַן א בראָכע לעוואַטאָלע, גייען מיר דעמלט אַרויס פונעם געדער פון קונסט".

דער איניען איז אָבער פיל ערנסטער. מע מוז זיך צוהערן צו א באַקאַנטער טײַנע: אָפּזאָגן זיך פונעם העברעיִש־שטאַמיקן וואָרט אָדער אויסדרוק הייסט דאָך מאַכן ייִדיש בלוט־אָרעם!

און בעעמעס, ייִדיש איז גענוג רײַך, נאָר זײַן באַרײַכערונג איז אין גאָר א באַדײַטנדיקער מאָס געגאַנגען אָפּן כעזשבן פונעם העברעיִשן עלעמענט. פּרוּווט, אַשטייגער, איבערזעצן אַזאַ וואָרטבאַהעפט ווי непреложный закон; ער ווערט געברויכט ניט אינעם שמאָל יורידישן זינען, נאָר אין דער געוויינלעכער פּובליציסטישער שפּראַך, ניט אַלס טערמין, נאָר אַלס אידיִאָמאַטישער

אויסדרוק. מע קאָן, פאַרשטייט זיך, אָנקומען צום קאַלטן, טרוקענעם אַדעקוואַט א פעסטער געזעץ צי א האַרבער געזעץ. ס׳בעט זיך אָבער מאַמעש אַף דער צונג דער זאַפטיקער, עקספרעסיווער העברעיִש־שטאַמיקער אידיאָמאַטישער אַדעקוואַט — א כאָק וועלוי יאַאווער; געוויס באַרײַכערן אַזעלכע אידיאָמען די אויסדריק־מעגלעכקײַטן פון ייִדיש. און מאַקס ווײַנרײַך איז דאָך גערעכט, ווען ער באַהויפטעט, אַז „דער סימען־מווהעק פון קולטור־שפראַך איז כאָלילע ניט מאַנאָטאָנישקײַט און בלוטאָרעמקײַט, נאָר פילקאָליריקײַט". ער רעדט וועגן דער נייטיקײַט אויסצומײַדן „דעם אָרעמאַנסקן פאַפירענעם שאַבלאָן". מע קאָן אָבער ניט מאַסקים זײַן מיט ווײַנרײַכן, ווען ער גיט אָפ דעם אויבנאָן דאַפקע דעם לאָמדישן וואָרט אַלס איינעם פון די וויכטיקסטע באַרײַכערנדיקע עלעמענטן אינעם ליטעראַרישן ייִדיש.

„פאַר דער קולטור־שפראַך, — שרײַבט ער, — דאַרפן מיר ניט בלויז דאָס לאָמדישע ייִדיש און דאָס וויסנשאַפטלעכע און ניט נאָר דאָס לאָשן פון די יוסטע באַלעבאַטים און פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. מיר דאַרפן אַלץ, וואָס מיר פאַרמאָגן גוטס אין וועלכן ס׳איז ווינקל פון ייִדיש. אַרכאַיִזמען פונעם כומעש־טײַטש האָבן נאָך אויך א שאַנס אופצושטיין צו טכיִאַס־האַמייסים"[1].

אַפן לאָמדישן ייִדיש שטעלט ער, הייסט עס, קיין שום פראַגע ניט; ער זוכט נאָך באַרײַכער־מיטלען פאַר ייִדיש אַפילע אין די כומעש־טײַטשן, ד.ה. שוין ניט אין העברעיִש־שטאַמיקער אַרכאַיִק, נאָר אין אַרכאַיִק פון ייִדיש גופע.

אַזאַ צוגאַנג צום אַרכאַיִש־העברעיִשן לאָמדישן וואָרט בינדט זיך באַ ווײַנרײַכן מיט זײַן קוק אַף העברעיִש ווי אַף א שפראַך, וואָס איז קיינמאָל ניט טויט געווען און וואָס איז געווען באַ דעם מיזרעך־אייראָפעיִשן ייִדנטום איינע פון זײַנע צוויי לעבעדיקע שפראַכן. אין זײַנעם אַן אַרטיקל אונטערן קעפל „אינעווייניקסטע צווישנשפראַכיקײַט אין אַשקענאַז ביז דער האַסקאָלע" שרײַבט ער: „אַף לאָשנקוידעש זײַנען די הייליקע ספאָרים, אַף לאָשנקוידעש דאַווענט מען. פאַרוואָס איז די דאָזיקע ספערע פון לעבן ווינציקער לעבעדיק, איידער דער האַנדלוואַנדל פון א גאַנץ יאָר?.. דאָס טראַדיציאָנעלע אַשקענאַז האָט צוויי לעבעדיקע שפראַכן. מער ניט וואָס איינע איז אַן אומפאַרמיטלטע און די צווייטע א פאַרמיטלטע" [לאָשנקוידעש איז צווישן זיי די שפראַך, וואָס] „מע קען זי פאַרשטיין, מע קען זי ציטירן, מע קען זי פאַרהייליקן, אָבער מענטשן ניצן זי ניט אינעם טאָגטעגלעכן לעבן..."[2]

לאָמיר אָבער ניט פאַרגעסן די קלאָרע מאַרקסיסטישע האַנאָכע, אַז „גראָד שפראַך איז יענער פראַקטישער רעאַלער באַוווסטזײַן, וואָס עקזיסטירט אויך פאַר אַנדערע מענטשן און דערמיט גופע עקזיסטירט ער אויך פאַר מיר"[3]. ניטאָ אַזאַ שפראַך־עלעמענט, וואָס זאָל עקזיסטירן בלויז פאַרן יאָכיד צי אַפילע פאַר איינצלנע יעכידים. אויב ער עקזיסטירט ניט פאַר אַנדערע אויך, איז ער ניט קיין עלעמענט פון שפראַך, איז ער ניט קיין איינס פון דעם „מעכטיקן פאַרקער־מיטל, פון דעם מיטל פאַר קאַמף און פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט" (לענין). ס׳איז קעדײַ צו דערמאָנען דאָ אויך די ווערטער פונעם באַרימטן אין דער שפראַך־וויסנשאַפט פויליש־רוסישן לינגוויסט באָדוען־דע־קורטענע: „ניט די געזעלשאַפט פאַר דער שפראַך, נאָר די שפראַך פאַר דער געזעלשאַפט". און אינדערעמעסן: זאַפטיק, בילדעריש און בעמיילע שוין באַרײַכערנדיק איז דאָס וואָרט בלויז דאַן, ווען עס גיסט זיך גלײַך איבער פונעם שרײַבער (ריידער) אין די אויערן, האַרצן, באַוווסטזײַן פונעם לייענער (צוהערער). אַנדערש איז עס פוסטער, נוצלאָזער קלאַנג.

ווי זשע זעט אויס אין שײַן פון אָט די האַנאָכעס די טײַנע, אַז אָן דעם העברעיִשן עלעמענט ווערט ייִדיש פאַראָרעמט? דערויף דאַרף מען ענטפערן: קיינער רעדט ניט וועגן אָפזאָגן זיך פונעם העברעיִש־שטאַמיקן וואָרט אָדער אויסדרוק ביכלאָל; קיינעם קאָן אַפילע אין זינען ניט קומען אָפצוזאָגן זיך, אַשטייגער, פון אַזעלכע אַלגעמיין־פאַרשטענדלעכע אַלטגעזעסענע פאַרייִדישטע העברעיִזמען, ווי הוילעך, גײַווע, לעפאָנעם, מוירע, נעגייע זײַן, מויכל זײַן, כאַיונע, באַקאָשע, זיקאָרן, זיכרוינעס, אַשירעס, אַפילע — אייכעס, קאַמעס, מעהוס, סכום, צי פון אַזעלכע באַהעפטן, ווי אַלקאָלפאָנעם, קאָלזמאַן, מאָנע(פ)שעך, בלי־גוזמע, אַגמעסנעפעש און פיל ענלעכע.

ווער קאָן עפעס האָבן קעגן, לאָמיר זאָגן, אַזאַ בילדערישן סינאָנים צו איבערקערעניש, סומאַטאָכע, ווי טויהו־וועוויהו (אַגעוו, אַפילע די דײַטשן האָבן פאַרדײַט אין זייער שפראַך אָט דעם ביבלישן באַהעפט אין זײַן ספאַרדישן אַרויסברענג (Tohuwabohu); און ס׳איז ניטאָ, אַשטייגער, קיין בעסער, מער פאַסיק וואָרט פאַרן באַגריף первозданный, ווי בערייִשעסדיקער. און זעט, ווי ס׳פאַסט זיך אײַן אַזאַ וואָרט אין שטערנבערגס „באַנאַכט אין וואַלד" (אין זײַן ציקל „לידער מיט א מוסערהאַסקל"):

מע גייט ניט אין וואַלד אַרײַן מיט א לאַמטערן...
מע גייט נאָר אַהין באַ דעם פינקל פון
הויך־ווײַטע שטערן,
באַם ליכט פון די הימלישע וואָלקנדלעך
בריישעסדיק־ווײַסע...

אונדז דאַרף ניט אינטערעסירן דער ייִכעס פונעם וואָרט; א העברעיִזם קאָן זײַן בעסער פון א גערמאַניזם, אויב ער איז פאַרשטענדלעך, פאָלקסטימלעכער, ייִדישער. געוויס איז שכיינעס בעסער פון נאָכבאַרשאַפט, כאַסענע האָבן — פון הייראַטן, האַכנאָסע — פון אײַנקונפט אדג. מיר דאַרפן אָבער ניט קוויקן זיך מיט ווערטער און וואָרטבאַהעפטן, וואָס ניט בלויז זיי זײַנען ניט פאַרשטענדלעך, נאָר זיי זײַנען געבונדן מיט אַסאָציִאַציעס, לאַכלוטן פרעמדע דעם ייִנגערן דאָר. מיר דאַרפן אין זינען האָבן אויך די, וואָס פאַרשטייען דאָס ייִדישע מינדלעכע וואָרט און ווײַזן אַרויס א דראַנג צו פאַרשטיין, אויסצולערנען זיך פאַרשטיין, אויך דאָס געדרוקטע וואָרט. און ס׳איז דאָך באַוווסט, אַז פאַרשטיין גוט א ייִדישן טעקסט, וואָס איז אָנגעשפיקעוועט מיטן לאָמדישן וואָרט, קאָן בלויז דער, וואָס ווייסט ביידע שפראַכן — ייִדיש און העברעיִש. אַזעלכע לייענער זײַנען איצט פאַראַן ווייניק. איז צו וואָס אויסלייגן איבעריקע שטיינער אַפן וועג צום ייִדישן געדרוקטן וואָרט?

אַזוי האַלט עס מיט איין באַזונדערהײַט, וואָס איז אין גרונט אייגנטימלעך דעם סאָוועטישן ייִדיש־נוסעך:

[1] פון דער פאָרעדע צום „אוצר פון דער ייִדישער שפראַך".

[2] „גאָלדענע קייט", נום. 25, 1959.

[3] מאַרקס און ענגעלס. ווערק, ב. 4, זז. 20־21.

ווי ווײַט מעגלעך אויסמײַדן יענעם לאָמדישן, ארכאַישן, לעקסישן און פראזעאָלאָגישן שטאָף, וועלכער האָט געשיכטלעך ניט באַוויזן אָרגאַניש אײַנצוגלידערן זיך אין ייִדיש.

וועגן דײַטשמעריזמען און „דײַטשמעריזמען“

דער אומקאָמפראָמיסלעכער קאַמף, וואָס ס'האָבן געפירט אונדזערע בעסטע שרײַבער, קריטיקער און פובליציסטן קעגן א פארדײַטשטן ייִדיש אין מעשעך פון דרײַ פערטל יאָרהונדערט, אָנגעהויבן מיט שאָלעם־אַלייכעמס „שאַמערס מישפעט“, האָבן געבראַכט דערצו, אַז אונדזער ליטעראַרישע שפּראַך איז שוין אין גרונט פרײַ פון דײַטשמעריזמען — סײַ אין ראַטנפאַרבאַנד, סײַ אין אויסלאַנד. און ס'וואָלט ניט קעדײַ געווען אופצומישן דאָ אַזאַ טעמע, ווען ניט אייניקע טענדענצן, וואָס לאָזן זיך מערקן אין די לעצטע פאָר יאָרצענדליקער אויסער די גרענעצן פונעם ראַטנפאַרבאַנד אַפן ייִדיש־געביט און אין דער ייִדיש־פאָרשונג.

דאָרט, אין דער ייִדישער קולטור־וועלט פון אויסלאַנד, האַלט מען זיך איצט פעסט באַם דעוויז: וואָס ווײַטער פונעם הײַנטצײַטיקן דײַטש. בײַ אייניקע איז עס געבונדן מיט ביטער־געפילן צו דער שפּראַך, אַף וועלכער עס האָבן צוזאַמען מיטן גאַנצן דײַטשישן פאָלק גערעדט אויך די נאַצישע פאַרטיליקער פון מיליאָנען ייִדן. אַנדערע, אויך ניט פרײַע פון אַזעלכע געפילן, באַגרינדן אָבער דעם דערמאָנטן דעוויז ניט אַף עמאָציעס, נאָר אַף אַ וויסנשאַפטלעכן יעסאָד — אַ לינגוויסטישן, אַ היסטאָרישן אָדער אַ נאַציאָנאַל־פּסיכאָלאָגישן. דער לעצטער צוגאַנג איז אַמבוילעטסטן אויסגעדריקט אין די אַרויסזאָגונגען פונעם גאָר אָנגעזעענעם אין דער ברייטער וויסנשאַפטלעכער וועלט פּסיכאָלאָג און איינציײַטיק ייִדישקענער און ייִדיש־פאָרשער א. א. ראָבאַק. אין ייִדיש זײַנען גוט באַוווּסט זײַנע צוויי קאַפּיטאַלע ווערק — „די אימפּעריע ייִדיש“ און „דער פאָלקס־גײַסט אין דער ייִדישער שפּראַך“.

ראָבאַקס הויפּט־האַנאָכעס קאָן מען קורץ פאָרמולירן אַזוי:

ייִדיש איז אַנטשטאַנען אַף דער באַזע פון מיטלהויכדײַטש — באַגלײַך מיט אַנדערע גערמאַנישע שפּראַכן, אַזעלכע, ווי דער הײַנטצײַטיקער נײַ־הויכדײַטש (געמיינט — דער ליטעראַרישער דײַטש), דעניש, האָלענדיש אאַ. מיטן איצטיקן ליטעראַרישן דײַטש קערט זיך אָן ייִדיש שטיפשוועסטער. נעמען עפּעס פאַר ייִדיש באַם הײַנטצײַטיקן דײַטש איז אַלצײנס ווי נעמען בײַ האָלענדיש אאַ. — דאָס איז די גערעדטע שפּראַך פון די מיזרעך־אייראָפּעיִשע ייִדן אין דער נײַער טקופע (אָנהייבנדיק פון אַרום 17־טן יאָרהונדערט). אין ייִדיש איז קאָשער אַ דײַטשיש וואָרט נאָר דאַן, ווען ס'איז אַרײַן אין דער שפּראַך פון די מיזרעך־אייראָפּעיִשע ייִדן אין דער דערמאָנטער טקופע. אויב מע מוז באָרגן ווערטער, איז ניט בײַ דײַטש. בעסער נעמען זיי פון לאַטײַן צי פון גריכיש, ווי דאָס האָט געטאָן אַן אַנדער גערמאַנישע שפּראַך — ענגליש.

מע דאַרף אויסמײַדן אַ דײַטש־שטאַמיק וואָרט, וואָס אונדזערע עלטער־עלטערן האָבן דערפון ניט געוווּסט, ד. ה. ס'האָבן דערפון ניט געוווּסט די ייִדישע שטעט און שטעטלעך, דעריקער פון ליטע און ווײַסרוסלאַנד, וווּ די דײַטשישע ווירקונג האָט זיך ניט געלאָזט שטאַרק פילן.

אָט די טעזיסן, וואָס ראָבאַק דערפירט זיי צו אַלע זייערע לאָגישע קאָנסעקווענצן, באַרירן ניט בלויז בעפייערעשע דײַטשמעריזמען, נאָר אויך אַזעלכע דײַטש־שטאַמיקע ווערטער, וואָס האַגאַם זיי האָבן אָפּט צו זיך סינאָנימען פונעם פאָלקסטימלעכן ייִדיש, זײַנען זיי שוין אָבער אַלטגעזעסענע אין דער ייִדישער שפּראַך, און אָפּזאָגן זיך פון זיי וואָלט באַטײַט שטאַרק פאַראָרעמען ייִדיש, אָפּנעמען בײַ אים פיל נייטיקע אויסדריק־מעגלעכקײַטן, פיל מיטלען פאַר סעמאַנטישער שאַטירונג און ניואַנסירונג. דער עצעם־באַגריף „דײַטשמעריזמען“ ווערט אומגעהייער פאַרברייטערט, און אונדז בלײַבט שוין צו קעמפן ניט קעגן דײַטשמעריזמען, נאָר פאַר, לעטויוועס אייניקע „דײַטשמעריזמען“.

בײַ ראָבאַקן פיגורירן אַלס דײַטשמעריזמען אַזעלכע ווערטער, ווי פאַרגאַנגענהײַט, ווײַלן, דאַמף, זעלבשטענדיק, פאַרוואַנדלט ווערן, דרייסט, טרעפלעך, דאַנקבאַר, אַנטשפּרעכן, פאָלגנדיקע, דערשיטערט, דערפאַרונג, געמיינזאַם, אויפגאַבע און פיל ענלעכע ווערטער. ער לייגט פאָר שטענדיק פאַרבײַטן זיי אַנטשפּרעכיק מיט די עכט ייִדישע ווערטער: אַוואַר, אויסקלײַבן, פאַרע, פאַרזיכטיק (אָנשטאָט זעלבשטענדיק), מעגולגל ווערן, כוואַטסקע (מוטיק, דערוועגט), צוגעטראָפן, דאַנקגרייט (דאַנקפּיליק), זיך גראַמען (פאָרן זיך, דעקן) (אָנשטאָט אַנטשפּרעכן), אָט וועלכע (אַטוואָסיקע) (אָנשטאָט פאָלגנדיקע), צעטרייסלט, דערפאָרעניש, בעשוטפעסדיק, אויפגאָב אאַז.

מיר זעען, אַזוי־אַרום, ווי פאַראָרעמט ס'וואָלט געוואָרן ייִדיש, ווי באַגרענעצט ס'וואָלט געוואָרן די ניואַנסירמעגלעכקײַטן פון ייִדיש, ווען מע זאָל נאָכפאָלגן ראָבאַקן.

אַנדערש, מיט שטרענגערער לינגוויסטישער מאָס, באַטראַכט די דײַטשמעריזמען־פּראָבלעם דער ייִדיש־פאָרשער יודל מאַרק. אין אַ ריי אַרטיקלען, וואָס זײַנען פאַרעפנטלעכט אין דרײַ נומערן פון דעם ייִוואָ־זשורנאַל „ייִדישע שפּראַך“[1], גיט ער סײַ אַ קורצן געשיכטלעכן איבערזיכט פון דעם קאַמף קעגן דײַטשמעריש, סײַ גענויע צעטלען פון אַלערליי דײַטשמעריזמען, וואָס מע קאָן נאָך אַמאָל טרעפן אין דער ליטעראַטור — אין דער קינסטלערישער צי אין דער וויסנשאַפטלעכער און פובליציסטישער. דערבײַ אונטערשיידט יודל מאַרק שעדלעכע, קלוימערשטע, סאָפעקדיקע און ניצלעכע דײַטשמעריזמען. ער גייט צוערשט אַרויס פון דער געוויס ריכטיקער האַנאָכע, אַז „אַלע זײַנען מיר קעגן דײַטשמעריזמען“. ניט מער, דער עצעם באַגריף דײַטשמעריזם ווערט פאַרשטאַנען גאַנץ פאַרשיידן. וואָס זשע פאַר קריטעריען גילטן בײַ יודל מאַרק? אין גרונט נעמט ער אָן צוויי פון די אַכט קלאָלים, וואָס זײַנען פאָרמולירט בײַ מ. ווײַנרײַך. אָט די צוויי קאָן מען פאַרייניקן אין איין פאָרמול: אַלע מאָרפעמעס מוזן זײַן ייִדישע.

דאָס מיינט: אויב אַ וואָרט פון דײַטשישער אָפּשטאַמונג שליסט אײַן זאָל זײַן אַפילע איין־איינציקע מאָרפע — אַ וואָרצל, אַ סופיקס צי אַ פרעפיקס — אַפילע אַן ענדונג, וואָס אין ייִדיש איז זי ניטאָ, איז דאָס גאַנצע וואָרט שוין פאָסל — אַלס דײַטשמעריזם. צ.ב.: מיספאַר־שטיי־עניש איז אַ סובסטאַנטיוו פון גערמאַנישער אָפּשטאַמונג און באַשטייט פון פיר מאָרפעמעס; דרײַ פון זיי זײַנען געברויכלעך אין ייִדיש — דער פרעפיקס

[1] 1963, נומ. 3; 1964, נומ. 1—2.

פאר־, דער סופיקס ־עניש און דער וואָרצל־שטיי־; די פערטע מאָרפעמע, דער פרעפיקס מיס — איז ניט קיין ייִדישע; דעריבער איז דאָס גאנצע וואָרט מיספארשטייעניש א דייַטשמעריזם. יודל מארק איז אָבער ניט שטענדיק אזוי פעדאנטיש. ער פארגעסט ניט אמאָל, אז „שפראך איז דער וויכטיקסטער מיטל פארן מענטשלעכן פארקער“, און דעריבער איז „יעדער וואָרט גוט, קאָלזמאן עס איז ניטאָ קיין בעסערס“. אזא צוגאנג האלט אים אָפּ פון טרייף מאכן אָן א שיר ווערטער, וואָס לויט ווייַנרייַכס גרונט־קריטערי וואָלט מען זיי געדארפט אויסשליסן פון ייִדיש. אשטייגער: אופגאבע (אין אויסלאנד — אָפטער: אויפגאבע). דער פרעפיקס איז א ייִדישער, דער וואָרצל צוזאמען מיט דער ענדונג (גאבע) איז ניט קיין ייִדישער. לויטן אוניווערסאלן קלאל דארף מען דעריבער רעכענען דאָס וואָרט פאר א דייַטשמעריזם. „ער איז אָבער א ניצלעכער“... — אזוי באמערקט יודל מארק. ער נעמט אין אכט אויך די אייַנגעוואָרצלטקייַט פון אייניקע — פאָרמעל דייַטשמערישע — ווערטער אין דער אינטעליגענץ־שפראך. צ.ב. וועגן וואָרט אומיטלבאר שרייַבט ער: „פארשטייט זיך, א דייַטשמעריזם, און קען אויך פארביטן ווערן: אומפארמיטלט, דירעקט, גלייַך. אזא וואָרט דארף מען אליין ניט ניצן; אָבער פון דער צווייטער זייַט קען מען עס ניט באקעמפן, ווייַל ס'איז פארשפרייט און האָט זיך אייַנגעגעסן אינעם אינטעליגענטישן לאָשן“.

און דאָך פאלן ארייַן בא מארקן אין צעטל פון „שעדלעכע דייַטשמעריזמען“ א ריי ווערטער, וואָס טאָרן בעשום־אויפן ניט אָפּגערויבט ווערן באם ליטעראַרישן ייִדיש, אזעלכע, אשטייגער, ווי אָבערגלויבן, אויסערלעכער, באראטונג, אָנשויונג, דערפינדן, מיטיילן, נארהאפטיק, פאָרגעשריטענער, פארפאָלגן, צושויער און פיל ענלעכע. ער לייגט פאָר זיי פארבייַטן מיט ריין ייִדישע ווערטער: גלייבעכץ, דרויסנדיקער, באראָטונג, האשקאָפע (בליק), אויסגעפינען, מודיִע זייַן (לאָזן וויסן), נעריק (נערעוודיק), פראָגרעסירטער (פאָרויסיקער), רוידעפן (רוידעף זייַן), צוקוקער (צוזעער), אדג.

אונדזער שפראך־פּראקטיק איז געווען און איז ביז הייַנטיקן טאָג זייער ווייַט אין דער באהאנדלטער פראגע סייַ פון ראָבאקס טעאָריע, סייַ פון דעם צוגאנג פון די ייִוואָ־שפראכלער (ווייַנרייַך, מארק אא.). אלץ, וואָס ס'קאָן אויסגענוצט ווערן, און אלץ, וואָס ס'האָט געלאָזט טיפע וואָרצלען אינעם ליטעראַרישן ייִדיש, אומאָפּהענגיק פון אָפּשטאמונג, ווערט באטראכט און אויסגענוצט אלס אייגנס אינעם אויצער פון ייִדיש.

וועגן נייַער וואָרטשאפונג

אינעם געבראכטן צעטל ראָבאקס האָבן מיר זיך שוין אָנגעשטויסן אָף א ריי געקינצלטע, אָנגעטראכטע לעקסישע שאפונגען, מיר האָבן אויך געזען, וויִאזוי יודל מארק פרוווט ארויסשטויסן אייניקע „שעדלעכע דייַטשמעריזמען“ מיט ניט־אָרגאנישע נייַשאפונגען.

אָט די נייַשאפונג־טענדענץ באריִרט אויך אייניקע וואָרטבילדנדיקע מיטלען — די אפיקסאציע. יודל מארק, אשטייגער, שליסט אויס פון ייִדיש די סופיקסן ־זאם, ־באר, ־האפט, ־לאָז, און דעריבער: ניט שפּאָרזאם, נאָר שפּאָרעוודיק, אָנשטאָט בייגזאם — בייגעוודיק, אָנשטאָט געמיינזאם — בעשוטפעסדיק. אן אויסנאם — לאנגזאם, איינזאם (ווייַל זיי זייַנען אומפארבייַטלעך). דאָס זעלבע: אָנשטאָט עקלהאפט — עקלדיק, אָנשטאָט מאסנהאפט, לעבהאפט — מאסנדיק, לעבעדיק; אָנשטאָט שריפטלאָז, זינלאָז, צווייפללאָז — אומשריפטיק, אומזיניק, אָנצווייפלדיק אָדער אָנסאָפעקדיק; ניט טאמלאָז, גרענעצלאָז, נאָר אָנטאמיק, אָנגרענעצנדיק. ניט וווּנדערבאר, היילבאר, נאָר וווּנדערלעך, היילעוודיק. וועגן אום־, אָנ־ אָנשטאָט ־לאָז שרייַבט אויך ראָבאק: „אויב אונדזערע עלטערן האָבן דאָס ניט באדארפט און האָבן זיך געקאָנט באגיין מיטן פרעפיקס אום־ אָדער אָנ־, קאָנען מיר זיך אויך באגיין אָן דעם גערמאנישן סופיקס ־לאָז“.

לויטן קלאָל, אז אלע מאָרפעמעס דארפן זייַן ייִדישע, ווערן געפּאָסלט אויך ווערטער מיט זעלבסט־, אזעלכע, ווי זעלבסטליבע, זעלבסטפארוואלטונג, זעלבסטקאָנטראָל, זעלבסטפארשטענדלעך אדג. דעריבער: זיך־ליבע, אליין־פארוואלטונג, אליין־קאָנטראָל, פון זיך פארשטענדלעך.

מיר גייען אויך אין וואָרטבילדונג מיט אן אנדער וועג. אין דער צייַט, ווען ראָבאק פּאסקנט, אז „גרענעצלאָז“ איז טרייף אין ייִדיש, ווייַל דער סופיקס ־לאָז איז געווען פרעמד אונדזערע עלטערן, נוצט דער סאָוועטישער ייִדיש אויס אָט דעם סופיקס פאר סעמאנטישער שאטירונג און דיפערענצירונג. מיר דארפן, אשטייגער, האָבן סייַ גרענעצלאָז און סייַ אומבאגרענעצט אלס אדעקוואטן פון צוויי סינאָנימען — безграничный און неограниченный. מיר וועלן ניט זאָגן „גרענעצלאָזע מאכט“, נאָר בעפּירעש „אומבאגרענעצטע מאכט“; דערפאר אָבער וועלן מיר זאָגן דאפקע „גרענעצלאָזע ליבע“, ניט „אומבאגרענעצטע ליבע“.

און ס'גייט ניט בלויז אין דיפערענצירונג. ס'גייט אויך אין דעם, וואָס מע קאָן ניט אָפּנעמען באם ליטעראַרישן ייִדיש ווערטער און וואָרטבילדונג־מיטלען, אָן וועלכע ער באגייט זיך ניט און וועט זיך בעמיילע ניט באגיין. ראָבאק טייַנעט: וואָס דאָס פאָלק שאפט, איז גוט. נאָר פאָלק בענעגייע צו ייִדיש מיינט בא אים בלויז די לעצטע דוירעס, וואָס האָבן זיך אויסגעלעבט אין ייִדיש אין די ליטווישע שטעטלעך, און מיר רעכענען, אז פאָלק איז אויך דער קולטור־שיכט, וואָס האָט מיט זייַן אומדערמידלעכער טעטיקייַט געשאפן און שאפט אויך איצט אין ייִדיש קולטור־ווערטן, אפילע שוין נאָכן כורבן פון די פילצאָליקע ליטוויש־רייַסישע ייִדישע יִישוּווים.

די נייַשאפונג באריִרט אמאָל אויך די וואָרטענדערונג, די ענדונגען. ראָבאק, אשטייגער, איז קעגן דעם גערמאנישן סימען פון מערצאָל פאר אזעלכע ווערטער, ווי העברעיִזם, רוסיזם אדג. מע דארף, לויט זייַן מיינונג, אָנווענדן אין דעם פאל דעם ייִדישן סימען פאר מערצאָל ־ס: העברעיִזמס, רוסיזמס, ניט: העברעיִזמען, רוסיזמען (די ענדונג ־ס שטאמט ניט פון דייַטש, נאָר פון העברעיִש און טיילווייַז האָבן דאָ געווירקט עפּשער ראָמאנישע שפראכן). אָבער דער זעלבער ראָבאק איז קעגן דער מערצאָל־פאָרמע מיט ־ס פונעם טיפּ ארבעטערס, לערערס אדג. אזא פאָרמע שטעלט אייַן דער „ייִוואָ“. און דאָ איז ראָבאק ניט אומגערעכט.

די, וואָס פארטיידיקן די מערצאָל־פאָרמע מיט ־ס, נעמען אין אכט בלויז די אמאָליקע פארשפרייטקייַט פון אָט דער פאָרמע. אין אוקראַיִנע איז ־ס פאראן נאָר אין דער אומגאנג־שפראך; אין דער ליטעראַרישער שפראך האָבן מיר געוווּסט בלויז: ארבעטער, לערער, פאָרשטייער אדג. — סייַ פאר איינצאָל, סייַ פאר מערצאָל; אזוי וועט שרייַבן און שרייַבט יעדער ייִדישער קולטור־טוער.

און — לאָמיר זיך ניט נאַרן — איצט איז וויניקער וויכטיק די רייד־סטיכיי, איידער די אײַנגעוואָרצלטע קול־טורשפּראַכלעכע פּראַקטיק. שוין אָפּגערעדט דערפון, אַז אַפילו אין פאָלקסמויל איז אָט די פאָרמע ניט געוואָרן פאַרשפּרייט ניט אין ליטע, ניט אין פּוילן.

אַזוי האַלט עס מיט נײַשאַפונגען סײַ בענעגייע גאַנצע ווערטער, סײַ בענעגייע וואָרטבילדנדיקע עלעמענטן צי אַפילו וואָרטפאָרמעס.

אין אויסלאַנד גופא לאָזן זיך הערן פּראָטעסט־שטימונ־גען קעגן אַרײַנפירן אין יידיש מעשונעדיקע ווערטער און פאָרמעס, וואָס זײַנען פרעמד דער יידישער קולטור־שפּראַך. אינעם XXII באַנד „יידישע שפּראַך" איז אָפּגע־דרוקט א בריוו פון י. שטיינבוים. ער טרעט אַרויס קעגן אופּטועו, וואָס „מע קען זיך מיט זיי שפּילן אין דער לינגוויסטישער לאַבאָראַטאָריע, אָבער מע קען זיי ניט אַרויסטראָגן פאַר דעם ברייטערן אוילעם ווי א מוסטער נאָכצומאַכן". בא די איצטיקע אומשטאַנדן דאַרף מען ניט קומען מיט נעאָלאָגיזאַטאָרישע קאַבינעט־אופּטועו, וואָס צעטומלען בלויז דעם לייענער און רויבן בא אים אַפּ די זיכערקײַט אין דער קאַשרעס פון יענע פאָרמעס און ווערטער, וואָס האָבן זיך שוין לאַנג אײַנגעזעצט אינעם ליטעראַרישן יידיש.

אונדז איז אין גרונט פרעמד געקינצלטע, אויסגע־קלוגלטע נעאָלאָגיזאַציע, כאָטש עפּעס איז געוויס פּראַק־טיקירט געוואָרן אויך בא אונדז.

וועגן צופלוס פון סלאַוויזמען

אויב אין זינען האָבן די שוין דערמאָנטע האַנאַכע, אַז מיר דאַרפן טאָן אַלץ וואָס מעגלעך צוליב לײַכטער מאַכן דעם צוטריט צום יידישן געדרוקטן וואָרט, מוזן מיר אַנדערשער ווי פריִער צוגיין צום סלאַוויש־שטאַמיקן וואָרט אין יידיש.

אינטערעסאַנט, אַז מאַקס ווײַנרײַך, — און לאָמיר אונ־טערשטרײַכן: ניט בא אונדז, נאָר אַף יענער זײַט אַטלאַנ־טיק, — שרײַבט אויך וועגן דער מעגלעכקײַט פון א מילדערן צוגאַנג צו סלאַוויזמען אין יידיש אין די איצ־טיקע טנאָים. די מאָטיווירונג איז אָבער בא אים א גאַנץ אייגנאַרטיקע. ס'באַקומט זיך בא אים אַן ערעך אַזוי:

איין זאַך איז דער יידיש פאַרן כורבן פונעם מיזרעך־אייראָפּעישן יידישן קיבעץ. דאַן האָבן מיר געהאַט צו טאָן מיט א מעכטיקער יידישער רייד־סטיכיי; א צופלייץ פון סלאַווישן וואָרטשטאָף האָט געדראָעט דאַן צו פאַר־וואַנדלען יידיש אין א מאַקאַראָניזירטן יידיש־רוסישן אָדער יידיש־פּוילישן זשאַרגאָן. האָט מען דעריבער גע־מוזט אופּשטעלן פאַרן סלאַווישן שטראָם א הויכן באַר־יער. אַן אַנדער זאַך איז יידיש נאָכן גרויסן כורבן. קיין שטאַרקע רייד־סטיכיי איז מער ניטאָ; ס'בלײַבט בלויז א יידישע ליטעראַרישע שריפט־שפּראַך, און קיין געפאַר פאַר דער ריינקײַט פון יידיש איז מיצאַדן סלאַווישן עלעמענט מער ניטאָ. אויב אַזוי, מעג מען און מע דאַרף אים אויסניצן, ווײַל זײַנע באַרײַכער־מעגלעכקײַטן פאַר יידיש זײַנען דאָך אויסער ספק.

מיר, ווי געזאָגט, האָבן דאָ אין אויג גאָר עפּעס אַנ־דערש. אונדז אינטערעסירן די מיטלען, וועלכע דאַרפן פאַרלײַכטערן דעם צוטריט צום ליטעראַרישן יידיש פאַר יענע, וואָס ווײַזן אַרויס א שטרעבונג צו פאַרפולקומען זייערע ידיעות אין יידיש אָדער צו שטודירן די דאָזיקע שפּראַך.

יידיש איז, פאַרשטייט זיך, געווען און פאַרבלײַבט אויך איצט אין גרונט א גערמאַנישע שפּראַך, און דע־ריבער איז אויך איצט נייטיק דער געפיל פון מאָס באַם אָנקומען צום סלאַווישן וואָרט־שטאָף. ס'האַנדלט זיך בלויז וועגן א מילדערן צוגאַנג. און דאָ איז בעפיירעש גע־רעכט מ. ווײַנרײַך, ווען ער דערמאָנט וועגן די באַרײַ־כער־מעגלעכקײַטן פאַר יידיש מיצאַד דעם סלאַווישן עלע־מענט. יידיש האָט דאָך דוירעסלאַנג געטרונקען פון אָט דעם זאַפטיקן קוואַל.

מיר דאַרפן אָן שום וואַקלונגען אָנקומען צום סלאַוויזם אין אַלע פאַלן, ווען ס'איז אים שווער צו פאַרבײַטן. (נעמען, אַשטייגער, דאָס רוסישע וואָרט запеканка עס האָט צוויי באַטײַטן: אין קולינאַרישן געברויך און אַלס נאָמען פון א געוויסער מאַשקע. פאַרן ערשטן באַ־טײַט קאָן מען אָנגעבן: באַבקע (בעמיילע א סלאַוויזם); פּינקטלעך וועט אַזאַ טײַטש ניט זײַן, ווײַל אין רוסיש איז עס ניט פונקט דאָס זעלבע, וואָס запеканка. פאַרן צווייטן באַטײַט קאָן מען פאָרלייגן פרוכטן־ליקיאָר אָדער פרוכ־טאָווע ליקיאָר, די רוסישע מאַשקע запеканка איז אָבער פאָרט ניט דאָס זעלבע, וואָס פרוכטאָווע ליקיאָר; דעריבער דאַרף מען אין דעם פאַל ניט מוירע האָבן אַרײַנצונעמען אין יידיש די רוסישע זאַפּעקאַנקע אַזוי ווי זי גייט און שטייט.)

און באַזונדערס איז נייטיק א מער מילדער, מער דרייסטער צוגאַנג צום קאַלקירן רוסישע אידיאָמאַטישע און פראַזעאָלאָגישע אויסדרוקן אין אַלע פאַלן, ווען מיר האָבן ניט פאַר זיי קיין אײַנגעוואָרצלטע יידישע — אויך אידיאָמאַטישע, צי פראַזעאָלאָגישע — אַדעקוואַטן.

דאָ קאָן מען קומען מיט אַזאַ טײַנע: דער ליטעראַרי־שער יידיש דאַרף זײַן פאַרשטענדלעך אומעטום, ווו מע לייענט יידיש. דאָס איז געוויס ריכטיק, באַזונדערס אויב מיר נעמען אין אַכט דעם אוטאָריטעט און די אופּוויר־קונגס־קראַפט פונעם סאָוועטישן געדרוקטן וואָרט אין יידיש אויסער די גרענעצן פון אונדזער פאַרבאַנד.

מע דאַרף אָבער ניט פאַרגעסן, אַז דאָס סלאַווישע וואָרט, אויב ס'איז ניטאָ פאַר אים קיין יידישער אַדעקוואַט, ווערט קיינמאָל ניט אופּגענומען ווי עפּעס א ווילדגראַז, ווי א באַרבאַריזם — אַפילו אין אויסלאַנד. און אויך דער אויסלענדישער לייענער, אויב נאָר ער האָט א באַוווסטזי־ניקע און ריכטיקע באַציִונג צו יידיש, אויב ער איז קעגן פּאַרמיסטיקן יידיש, וועט ליבער אופּנעמען א סלאַוויש־שטאַמיק וואָרט (דאָרט, ווו אַזאַ איז נייטיק אָדער אומפאַרבײַטלעך), איידער א וואָרט גענומען פון זײַן לאַנד־שפּראַך — פון ענגליש, פראַנצויזיש צי שפּאַניש; אַזאַ וואָרט — פון זײַן לאַנדשפּראַך — וועט אים קלינ־גען ווי א באַרבאַריזם, דאָס סלאַווישע — ניט, ווײַל דער סלאַווישער עלעמענט, פּונקט ווי דער העברעיִשער, איז איינער פון יענע אינגרעדיִענטן, וואָס האָבן געמאַכט יידיש פאַר יידיש.

עטלעכע ווערטער וועגן אינטערנאַציאָנאַליזמען

די אויסלענדישע יידישע פּרעסע, באַזונדערס די הו־מאַניטאַר־וויסנשאַפטלעכע און פּובליציסטישע, ווייסט אָפּט מאַמעש קיין אָפּהאַלט ניט אינעם געברויך פון אינ־טערנאַציאָנאַלן וואָרטשטאָף. אַזעלכע ווערטער, ווי קאָנ־סומענטן („געברויכער"), גענעראַליזאַציעס („פּאַראַלגע־

מיינערונגען״), וויטאלע קראפט („לעבנס־קראפט״), דעצידירטע אנשטרענגונגען („אנטשיידענע״...), קאנפראנטירן („קעגנשטעלן״, אויך „שטעלן פאנעם־על־פאנעם״) און אן א שיר ענלעכע ווערטער קאנט איר דארט טרעפן זייער און זייער אפט.

בא אונדז זינדיקט מען ווייניק אין דעם זין. אין א געוויסער מאס קאן מען דאס דערקלערן דערמיט, וואס א באדייטנדיקער טייל פון אונדזערע שרייבער און פובליציסטן האבן אליין ווייניק איינגעזאפט אין זייער שפראך אינטערנאציאנאלן ווארטשטאף. אויסער די גרענעצן פונעם ראטנפארבאנד איז דער יידישער קולטורטוער אין א געוויסער מאס פאליגלאטיש. אינעם קאנגלאמעראט פון פארשטייער פון פארשיידענע לענדער און אונטער דער ווירקונג פון די לאנד־שפראכן — פראנצויזיש, ענגליש, שפאניש — גלידערט זיך פיל לייכטער איין דאס אינטערנאציאנאלע ווארט, זייער אפט דאס לאטייניש־שטאמיקע, וואס איז זייער נאענט צו די דאזיקע שפראכן. דאך זיינען מיר איבערצייגט, אז אפילו דארט האט קיין בארעכט ניט די נייגונג אנצוווענדן אינטערנאציאנאלע לעקסיק, אויב מע קאן זי פארבייטן מיט אבסאליוט אדעקוואטער יידישער.

דערמיט איז קלאל ניט געמיינט, אז שטענדיק און אומעטום דארף מען וויכן פונעם אינטערנאציאנאלן ווארט. קיין קולטור־שפראך באגייט זיך ניט אן אינטערנאציאנאליזמען, און יידיש דארף און קאן אוודאי זיך ניט באגיין אן זיי. שוין אפגערעדט פון טערמינאלאגישער לעקסיק, וואס איז אין א באדייטנדיקן טייל ביכלאל אינטערנאציאנאל. דאס אינטערנאציאנאלע ווארט איז בארעכטיקט אפט אפילו אין דער שיינער ליטעראטור און אוודאי שוין אין דער פובליציסטיק.

כ׳וועל ברענגען איין ביישפיל. אין אזא מייסטער־שטיק, ווי מוישע אלטמאנס „די שפיל ארום א שטעקן״, איז סטיליסטיש אבסאליוט צום ארט אט דער ווארטשטאף אין דער ארויסזאגונג פונעם אלטן פיינפילנדיקן (נאר ניט פיינשמעקערישן) ארטיסט. „ריכטיק, — זאגט ער, — איר האט אין אונדזער דיסקוסיע מיט רעכט פארענטפערט, אז די סיבעס דארף מען זוכן אין דעם פרימיטיוון און פאליטישן צושטאנד פון יידישן פאלק אין יענער צייט. דער גריכישער פאליס, דער גרויסער אורבאנישער צענטער, ווו ס׳איז אנגעגאנגען אן אינטענסיוו פאליטיש־געזעלשאפטלעך לעבן, האט געבראכט צום וווקס פון דער קולטור ביכלאל און מעמיילע אויך פון דער קונסט, פון טעאטער״.

דא איז אף קארגע 5 געדרוקטע שורעס פאראן גאנצע 10 אינטערנאציאנאליזמען, אבער בלויז אזעלכע, וואס האבן זיך ארגאניש איינגעוועבט אינעם ווארט־פארמאג פון אונדזער פובליציסטישער ליטעראטור, פונקט ווי דאס איז צו מערקן אין אלע אייראפעיִשע שפראכן.

מיר האבן, אזויארום, אנגעגעבן א ריי שטריכן, וואס כאראקטעריזירן דעם געברויך פונעם געמיינזאמען, אייגנהייטלעכן ליטעראַרישן יידיש אין סאוועטנפארבאנד. ניט אלע באהויפטונגען זיינען דא שטרענג קאטעגארישע; ס׳איז דא נאך וועגן וואס צו טראכטן. אייניקע אנגעווייטעקטע פראגן זיינען דא לעגאמרע ניט באריִרט.

מיר האפן אבער, אז דאס געזאגטע וועט סטימולירן אן אפענעם ערנסטן שמועס, וואס וועט מיטהעלפן אויסקלארן אלץ, וואס איז נאך ניט קלאר, און א שטויס טאן פארויס ניט בלויז די ארבעט איבערן יידישן ווארט, נאר אונדזער קולטור־ארבעט אין יידיש ביכלאל.

אונדזערע מיטיילונגען

די ערשטע יידישע צייטונג אין גאליציע

דער רעוואליוציאנערער פעריאד פון 1848—1849, וועלכער האט ארומגעכאפט פרייסן, עסטרייך, אונגארן, איטאליע אא., האט ארויסגערופן א ברייטן קאמף פון די פאלקסמאסן פאר פרייהייט, דערונטער פאר דער פרייהייט פון פרעסע. אין לעמבערג האבן אין יענער צייט אנגעהויבן דערשיינען העכער צען צייטונגען — אין פויליש און אוקראיניש. איין צייטונג איז דערשינען אין יידיש, געהייסן האט זי „צייטונג״. איר ערשטער נומער איז ארויס דעם 5 מיי 1848. די לייענער פלעגן זי באקומען איין מאל אין וואך — פרייטיק. געדרוקט האט זי זיך אין א פערטלפארמאט (אין־קווארטא), אף צוויי שפאלטן.

רעדאקטאר פון דער „צייטונג״ איז געווען אווראם־מענדל מאר, א געבילדעטער מענטש, א מאסקיל, א קענער פון העברעיִש און פון אייראפעיִשע שפראכן.

לויט איר ריכטונג איז די „צייטונג״ געווען א בורזשואזע. מע דארף ניט פארגעסן, אז אין דער רעוואליוציע פון 1848 איז די בורזשואזיע געווען פראגרעסיוו. די צייטונג פלעגט דרוקן ניט בלויז פאליטישע נייס און מאטעריאלן וועגן דעם אנטייל פון יידן אינעם פאליטישן לעבן. אפט פלעגן זיך אין איר באווייזן ארטיקלען וועגן דער אנטיפאלקישער פאליטיק פון דער רעאקציאנערער בורזשואזיע, וועגן די ליבעראלע דעפוטאטן און וועגן די דעפוטאטן, וואס טרעטן ארויס קעגן דעם פאלק. די „צייטונג״ האט געפירט א קאמף קעגן די ספעציִעלע יידן־שטייערן (ליכט־אפצאל, קאראבקע־געלט אאוו.), זי איז אקטיוו ארויסגעטראטן קעגן דעם כסידישן פאנאטיזם.

צום סאף 1849, ווען די רעוואליוציע האט געליטן א מאפאלע און עס האט געזיגט די רעאקציע, איז די „צייטונג״ פארמאכט געווארן. איר לעצטער נומער איז דערשינען דעם 28 סענטיאבער 1849.

יע. האניגסמאן

אַסיפ קאַליטשעוו

וועגן מײַנע פֿרײַנט

פּערעץ מאַרקיש

מאָסקווע, סאַדאָווע גאַס, 6. א האַלב־פֿינצטערע קעלער־שטוב. דאָ, בא זײַנעם אַן אַלטן יוגנט־פֿרײַנט, האָט אין 1930 יאָר געוווינט פּערעץ מאַרקיש. דאָ טאַקע האָב איך זיך באַקאַנט מיט אים.

דער רעדאַקטאָר פֿון „גיכל" (מעלוכע־פֿאַרלאַג פֿון קינסטלערישער ליטעראַטור) ראַוויטש האָט מיר פֿאָרגעלייגט אָנטיילצונעמען אין דער אַנטאָלאָגיע פֿון יִדישער פּאָעזיע, וואָס מע האָט זיך דעמלט געקליבן אַרויסגעבן.

מאַרקיש האָט מיר געגעבן די טעקסטועלע איבערזעצונגען פֿון דער פּאָעמע „ראַדי" און פֿון די „פֿאַרקלעפּטע ציפֿערבלאַטן" (אין פֿראַגמענטן). צוזאַמען מיט מיר האָט איבער דער איבערזעצונג פֿון מאַרקישעס ווערק געאַרבעט דער פּאָעט דאָוויד בראָדסקי. ער האָט אויסגעצייכנט איבערזעצט א פֿראַגמענט פֿון דער פּאָעמע „ברידער" — „דער טיפֿוס־צוג".

אַף סאַדאָווע, 6, אין אָט דער האַלב־טונקעלער דירע האָט מאַרקיש פֿאָרגעלייענט מיר זײַנע ווערק. שאָענווײַז, טעג נאָכאַנאַנד פֿלעגן מיר זיך אַמפּערן, דורכקומען און ווידער זיך אַמפּערן.

— אַן איבערזעצונג דאָס איז אַן איבערשמעלצונג, — האָט געזאָגט מאַרקיש, — נאָר קעדיי דער מעטאַל זאָל זײַן גוט, דאַרף דער איבערזעצער, ווי א שטאָלגיסער, מיט סייכל און כאָכמע אויסשמעלצן אָט דעם מעטאַל.

מאַרקיש איז געווען א קעגנער פֿון קלײנלעכן אײַנגעגעסענעם בוקוואַליזם.

— אויב אַף רוסיש הערן די לידער אויף צו ריידן צום האַרצן, איז די איבערזעצונג ניט צו שטאַנד געקומען.

ס'איז א באַוווּסטע זאַך, אַז דער רוסישער פּאָעט באַלמאָנט האָט באַם איבערזעצן דערלויבט זיך אַזעלכע זאַכן, אַז די אינדיווידואַליטעט פֿון דעם אַווטאָר איז לאַכלוסן פֿאַרשוווּנדן. ווען ער האָט, אַשטייגער, איבערגעזעצט דעם גרויסן ענגלישן פּאָעט שעלי, האָט ער אים אַזוי באַלמאָנטירט, ריכטיקער געזאָגט אַזוי באַנאַליזירט, אַז פֿון שעלין אַליין איז געבליבן גאָרנישט מיט נישט.

— זעט, — האָט מיך געוואָרנט מאַרקיש, — קיין באַלמאָנטישע קונצן וועל איך ניט וועלן לײַדן, נאָר כ'וועל מיט פֿרייד באַגריסן יעדן גוטן אײַנפֿאַל אײַערן.

און אָט קומט צו מיר מאַרקיש, טוט א פֿאַרוואָרף דעם שײנעם קאָפּ זײַנעם און א פֿאַרהייב די הענט, און איך דערהער די ערשטע סטראָפֿעס פֿון „מײַן דאָר":

א וועג־שײַן אַף דער וועלט א ליכטיקן מײַן דאָר
האָט!

א פֿלאַמיקן באַפֿעל
אַף אויפֿשטאַנדן און בונטן!
און אומעטום — איז אויפֿגעוויג פֿון צאָרן,
און אומעטום — איז אויפֿגעשאַל פֿון הימן, —
ער גייט, ער גייט מיט רויטע פֿענדלדיקע פֿלאַנגען,

די אויגן — ווײַט
אין האַלבע ערדקוילן זיך רונדן,
א ביקס פֿון רעכטער האַנט אַף שטרעקעס טײַט,
די לינקע איז פֿאַרוווּנדעט,
און וואָך די זון איז, ווי א רויטער סעמאַפֿאָר,
אין אַלע זײַטן וועלט
פֿאַר אים —
פֿאַר מײַן געוואָגטן מוירעדיקן דאָר,
פֿאַר ברידער מײַנע שטאָלענע און שלאַנקע.

מיר הייבן אָן גלײַך צו באַטראַכטן, וואָס פֿאַר א מעטריק אויסצוקלײַבן, און מיר שטעלן זיך אָפּ אַפֿן קלאַנגפֿולן, בייגעוודיקן טיפֿן ריטם — אַפֿן פֿינף־פֿוסיקן יאַמב.

מיר זוכן דעם אַמערסטן פּינקטלעכן סינאָנים פֿאַרן „וועגשײַן אַף דער וועלט", און מיר געפֿינען דאָס מיט פֿולווער געלאָדענע וואָרט „מאַנדאַט" — עס ווייעט פֿון דעם מיט פֿײַער און רויך פֿון בירגערקריג:

Мандат на мир, в боях
заверенный мандат,
Мое мятежное имеет поколенье,
И всюду гимн гремит, ружейный
гимн в раскате,
И море гнева плещет по колени.
Под развевающимся знаменем идет
Широкоплечий век,
И, в темных далях шаря,
Его глаза обращены вперед,
Как два пылающие полушарья.
И вдаль протянутая правая рука
Винтовку держит, а на левой — рана,
И солнце, раздирая облака,
Как семафор, ощупывает страны.

אין דעם אַווטאָרס אָריגינאַל ווערט געזאָגט „די אויגן — ווײַט אין האַלבע ערד־קוילן זיך רונדן", און אין דער איבערזעצונג האָט זיך דאָס בילד טראַנספֿאָרמירט אַזוי:

Его глаза обращены вперед, как два
пылающие полушарья.

ווי איז עס פֿאָרגעקומען? אַרבעטנדיק מיט די איבערזעצער, פֿלעגט מאַרקיש אָפּטמאָל שאַרפֿער און טיפֿער מאַכן זײַנע מעטאַפֿאָרעס אָדער פֿלעגט סאַנקציִאָנירן א נײַעם דינאַמישן ווענד פֿון דער מעטאַפֿאָרע, א נײַעם עפּיטעט, וואָס דער איבערזעצער האָט פֿאָרגעלייגט.

מאַרקיש האָט אין זײַנע לידער געמאָלט אויסערגעוויינלעך רײַכע בילדער. אָט די מאָלערישקײַט זײַנע איז מיר אַלס פּאָעט געווען זייער נאָענט.

פּערעץ מאַרקיש איז געווען באַקאַנט מיט מײַנע לידער „פֿרוכטסעדער הינטער טיראַספּאָל", „די ווײַנציכטלער פֿון בעסאַראַביע". עפּשער דעריבער האָט ער מיר פֿאַר־

געלייגט איבערזעצן א פרעכטיקן פראגמענט פון דער פּאָעמע „אופגאנג אפן דניעפער", וואָס איז אף רוסיש דערשינען אונטערן נאָמען „פויערים", און אויך די פּאָעמע „ראַדי", וועלכע איז געשריבן, אזוי צו זאָגן, מיט איילפארבן. אשטייגער, אין זײַנע „פויערים" ווערן אזוי אָנשוילעך באשריבן קאווענעס, אז כאָטש נעם און טאפּ זיי אָן מיט די הענט. און מיר, אָדעסער פּאָעטן, האָבן דאָך אזוי ליב געהאט צו באזינגען זיי אין אונדזערע לידער, די קאווענעס, — אָנגעגאָסענע מיט זיסן זוניקן בלוט, אויסגעווארעמטע אף די שווארציאמיקע באשטא־נען. מע קאָן זיך פאָרשטעלן, מיט וואָס פאר א שעפע־רישן אפעטיט איך האָב זיך ארופגעוואָרפן אף מארקי־שעס לידער, אף אזעלכע שורעס, צום בײַשפּיל:

געקויפט האָט מען קאווענעס גרויסע. ס'א
פרייד — אומגעהויער!
געמאכט מ'האָט אין וועג נאָך א בײַט און א
הילכיקן האנדל, —
געקויפט אף באשטאנעס מ'האָט קאווענעס פעסטע
און רויע,
געפרווט אין די קאָרענע הענט און געפלעטשט
אין די ראנדן,
און יעדער באזונדער האָט צוגעלייגט הארט צום
פארוואקסענעם אויער...[1]

מארקיש האָט איבערגעלייענט די פּאָעמע אף ייִדיש, אליין געמאכט די טעקסטועלע איבערזעצונג, ווײַל ייִדיש האָב איך פארגעסן, כאָטש דעם רייעך און דעם טאַם פון דער שפראך פיל איך.

מיט דער ברייטער האנט האָט דאָ דער דיכטער אויס־גענוצט דעם רוישיקן און ברייטביינערדיקן אנאפעסט, זשאַנער־סצענעס און פאטעטיק, היפערבאָליזירטע מעטא־פאָרעס.

און דאָ, בישכיינעס — די ווייכע ליריק פון א הייסן זומער־טאָג אין סטעפּ.

אזוי פריש איז דער וועג מיט די גראָזיקע ווײַטן,
מיט געפענטעטע פערד און צעוואָרפענע ווילדגראָז
אף פאשע;
אז עס שמעקט אזוי זיס מיט באשטאנעס און
האָפן און קרײַטער...[2]

די איבערזעצונג פון די „פויערים" איז פיל מאָל גע־דרוקט געוואָרן.

און זעט, מיט וואָס פאר א ברייטקײַט עס ווערט גע־מאָלט דער צאָפן־פּייזאזש אין „ראַדי":

זיבעציק ווערסט אף צאָפן פון דער וועלט
האָט א פּאָרעץ סקירמונד אויסגעשפרייט די
שווארצע זײַנע זומפן,
אויסגעשפרייט זיי, גלאנציקע, ווי אײַנגענעצטע פעל,
פאר זײַנע אונטערטעניקע, די ניטגעציילטע
ארענדארן
און שינקארעס, —
פון סאמע זײַן מאגנאטישן
מאיאָנטעק
ביז צו די געלע ווײַטן כמאריקע און זומפיקע,
דאָרט, ווו אין גראַלניס האָט מען אים געטריבן
בראָנפן

[1] פון דער פּאָעמע „אופגאנג אפן דניעפער". [2] דאָרט.

און פויערס בערדיקע, קאָלטענעוואטע
האָבן זיך אים גאָטספאָרכטיק געציילעמט
און אויגן מוירעדיק אף ווײַטן אָנגעשטעלט,
אז דאָרט, אף ברעג פון זומפן
ענדיקט זיך די וועלט...

אין אָט די שורעס איז דאָס וויכטיקסטע געווען די שעפע פון פארב און ריטם. און איך האָב זיך געפלײַסט ווי ווײַט מעגלעך פינקטלעך איבערגעבן אלע ניואנסן פון מארקישעס פּאַליטרע. דעריבער האָב איך אויסגענוצט פאר אָט די לידער דעם פינף־פוסיקן אנאפעסט, פאר־שטייט זיך, אז איך האָב עס קאָנטאקטירט מיט מארקישן.

און אָט האָט זיך אין אלמאנאך „זיף" אין 1931 בא־וויזן מײַן איבערזעצונג פון „ראַדי".

Вдаль — на семьдесят верст — до
полярных державных лучей,
Пан Скирмунт, ты раскинул свои торфяные
болота!
И с кожевенным блеском они
распростерлись без счета,
Расплодив матерых арендаторов и
шинкарей.
Ты раскинул их щедро — в туманные
желтые дали,
Где во мгле винокурен горит фиолетовый
спирт!
И далеко-далеко, туда, где кончается мир,
Мужики с колтунами приветные взоры
кидали...

איינמאָל האָב איך דערמאָנט מארקישן וו. זשוקאָוו־סקיס באוווסטע פאָרמולירונג וועגן דעם, אז איבערזע־צונג באטײַט פארמעסטונג.

— איבערזעצונג דאָס איז מער ווי פארמעסטונג. אי־בערזעצונג — דאָס איז א שלאכט, אין וועלכער עס זײַ־נען מענאצייעך ביידע צדדים: דער פּאָעט און דער אי־בערזעצער, — האָט זיך מארקיש גלײַך אָנגעצונדן. — נידער מיטן בוקוואליזם!

— עפּשער איז ריכטיק דער פּאראדאָקס — וואָס ווײַ־טער פון אָריגינאל, אלץ נעענטער צום אָריגינאל! — האָט ער געזאָגט א צווייט מאָל.

אין 1935 איז אין „גיכל" ארויס מײַנס א בוך „פון ייִדישע פּאָעטן", דאָרט זײַנען פארעפנטלעכט מארקישעס „פויערים" און „דער טויט פון שלוימע־בער".

אפן טעאטראל־פּלאץ (איצטיקער סווערדלאָוו־פּלאץ) אין מאָסקווע האָב איך אַנומלטן זיך באגעגנט מיט דמיטרי מירסקי, דעם זון פון פונעם צארישן מיניסטער סוויאטאָ־פּאָלק־מירסקי. ער האָט זיך געהאט ניט לאנג צוריק אומ־געקערט פון ענגלאנד. א מייוון אף ליטעראטור, האָט ער געהאט א גרויסן אווטאָריטעט בא די פּאָעטן. איך האָב געגעבן מירסקין דעם נאָרוואָס דערשינענעם בוך איבערזעצונגען פון ייִדישע פּאָעטן, און אין עטלעכע טעג ארום האָב איך איבערגעלייענט אין „ליטעראטור־נאיא גאזעטא"[1] מירסקיס א רעצענזיע.

איך וועל זיך דערלויבן ברענגען עטלעכע אויסצוגן פון אָט דער רעצענזיע.

„מער, ווי די פּאָעזיע פון יעדער אנדער פאָלק אין דעם מײַרעוו־טייל פון ססס"ר, איז די ייִדישע פּאָעזיע א רע־

[1] „ליטעראטורנאיא גאזעטא", נום. 62, 1935.

זולטאַט פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. איך האָב אין זינען די פּאָעזיע אַף דער ייִדישער פֿאָלקס־שפּראַך, וואָס, האָגאָם זי האָט עקזיסטירט אויך פֿאַר דער רעוואָליוציע, דאָך דעם עמעסן שוווּנג און קראַפט האָט זי באַקומען בלויז נאָכן בירגערקריג, ווען עס זײַנען אַרויסגעטראָטן די דרײַ גרויסע פּאָעטן, וואָס זייער באַדײַטונג גייט אַרויס וײַט הינטער די נאַציאָנאַלע גרענעצן, דאָוויד האָפשטיין, פּערעץ מאַרקיש, ל. קוויטקאָ.

...נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט די ייִדישע ליטעראַטור פון סאָוועטנפאַרבאַנד באַוויזן צו שאַפן אַ גרויסע פּאָעזיע. ס׳איז קיין צווייפל ניט, אַז בײַ הײַנטיקן טאָג איז די ייִדישע פּאָעזיע איינע פון די מערקטיקסטע פּאָעזיעס אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

...אינעם בוך מאַכט דעם גרעסטן אײַנדרוק פּערעץ מאַרקיש, וועלכן קאַליטשעוו האָט באַוויזן ווי אַ פּאָעט פון אַ גרויסער קראַפט. עס איבעראַשט, וויִאַזוי אין מאַרקישעס לידער פאַרן זיך אויסגעשפּראָכענער פּאָלבלאָטיקער רעאַליזם מיט מעכטיקער מאָנומענטאַלקײַט, מיט עפּישער מאַיעסטעטישקײַט, אין וועלכער עס איז אַפילע קיין סימען ניט פאַראַן פון צוגעטראַכטקײַט, קינסטלעכקײַט, רעטאָריק.

...אין אַרכיטעקטור און מאָלערײַ איז בײַ אונדז פאַראַן אַ שלאַל מאָנומענטאַלקײַט, אין גרונט פּסעוודאָקלאַסישער. מאַרקישעס „פּויערים" — דאָס איז אַ זעלטענער בײַשפּיל פון עכט סאָוועטישער מאָנומענטאַלקײַט".

מײַנע באַגעגענישן מיט מאַרקישן פלעגן פּאָרקומען אין די רעדאַקציע־צימערן אָדער אין דער היים, שטענדיק אין אָנגעשטרענגטער אַרבעט.

— מע דאַרף שאַפן אַן אייגענעם סטיל, אַן אייגענעם אופן פון שרײַבן, וואָס נאָר דו איינער קאָנסט אַזוי, — האָט ער גערעדט און דערבײַ שטאַרק זשעסטיקולירט. — דערמאָנט זיך, וואָס עס האָט געזאָגט מיקעלאַנדזשעלאָ: „דער, וועלכער גייט נאָך אַנדערע, וועט זיי קיינמאָל ניט אַריבעריאָגן".

יאָרן זײַנען געגאַנגען.

1941. מילכאָמע. צוזאַמען מיט אַנדערע שרײַבער איז מאַרקיש געווען אין באַלאַגערטן סעוואַסטאָפּאָל.

און אין 1942, ווען די רעדאַקציע פון דער צײַטונג „קראַסני פלאָט" האָט צונויפגערופן די שרײַבער אַף אַ באַראַטונג, האָט מאַרקיש געלייענט זײַן פלאַמיקע באַלאַדע וועגן די מאַטראָסן, די פאַרטיידיקער פון סעוואַסטאָפּאָל.

מיר האָבן זיך באַגעגנט אויך נאָך דער מילכאָמע, אין 1945, אַ סאַך געשמועסט וועגן די פיר גרויזאַמע יאָר.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט, — דער פּײַן און דער ווייטעק איז גרויס, נאָר ווי גרויס עס זאָלן ניט געווען זײַן די קאָרבאָנעס, איז דאָס פאָלק געבליבן לעבן. זאָל זײַן, אַז די מילכאָמע האָט אופגעפרעסן די זאַנגען, פאַרניכטעט די גערעטעניש, נאָר דאָס פאָלק איז דאָס פעלד, און דאָס פעלד איז געבליבן, וועלן זײַן גערעטענישן, נײַע, נאָך ניט געזעענע גערעטענישן.

אין אַ שטיקל צײַט אַרום בין איך געקומען צו אים (געוווינט האָט ער שוין דעמלט אַף דער גאָרקי־גאַס), ווײַל כ׳האָב געוואָלט איבערזעצן אַ קאַפּיטל פון זײַן נײַער פּאָעמע „מילכאָמע". איך האָב אַלעמאָל געשטוינט פאַר דער קאָסמישקײַט פון מאַרקישעס פאַרטראַכטן, פאַר דער דויערהאַפטיקײַט פון זײַן באַגײַסטערונג. גרויס איז אויך געווען די דאָזיקע לעצטע פּאָעמע זײַנע. אָבער מיר איז שוין ניט באַשערט געווען זי צו איבערזעצן.

אַלץ, וואָס מאַרקיש האָט געשאַפן, איז אָנגעשריבן מיטן בלוט פון זײַן האַרצן. אַלץ, וואָס מאַרקיש האָט געשאַפן, האָט געשריבן אַ מענטש, וועלכער האָט טרײַ און איבערגעגעבן ליב געהאַט זײַן היימלאַנד.

מײַן אופגאַבע אַלס איבערזעצער איז געווען — באַקאַנען דעם לייענער מיט דעם דאָזיקן מעכטיקן טאַלאַנט.

לייב קוויטקאָ

דאָס איבערזעצן לייב קוויטקאָס קינדער־לידער האָט געפאָדערט אויסערגעוויינלעכע פּינקטלעכקײַט, מע קאָן זאָגן פּרעציזקײַט. קוויטקאָ האָט געוואָלט, און געהאַט רעכט דערוף, אַז די איבערזעצונג זאָל זײַן אַבסאָליוט אַדעקוואַט דעם אָריגינאַל.

פּאָעזיע פאַר קינדער האָט זיך אירע ספּעציפישע געזעצן. ניט רעכענען זיך מיט זיי איז אַן אומזין.

איך האָב אָפּגעקליבן פאַר זיך אַף איבערזעצן „קאַבאַקעס", „דעם קאַוון" און „גערטנער". דאָס איז, נאַטירלעך, ניט קיין צופאַל. ווי איך האָב שוין געשריבן, איז פּאָעזיע, וואָס האָט צו טאָן מיט פּרוכטבאַרקײַט, מיט שעפע, זייער נאָענט מײַן אייגענער שאַפונג.

— דאָ בין איך זיכער, וועט איר מיר צוטרעפן, — האָט מיט זײַן גוטן שמייכל געזאָגט קוויטקאָ.

איך האָב זיך געמיט, דער פּראָגנאָז זאָל מעקויעם ווערן.

איך וועל זיך דערלויבן צו ציטירן דעם אָנהייב פון „קאַבאַקעס".

אפן גרויסן גאָרטן,
אפן געלן פעלד;
איז בײַ דער באָבע שלאָק
אויסגעוואַקסן דער גרעסטער קאַבאַק.

קנישעס וועט זײַן אַן אַ סאָף
פאַרן גאַנצן דאָרף.
מע וועט באַקן און באַקן
און די קערלעך קיינמאָל ניט דערקנאַקן.

גייט די באָבע דעם קאַבאַק
צום בײַדל אַריבערפירן,
קאָן זי אים ניט רירן.

שטופּט זי, דרייט זי, די באָבע,
און פאַרלירט אַ שקראַבע.

און איצט דער רוסישער טעקסט.

Там, где бабка старая жила,
Там, где был вчера еще пустырь,
Уродилась на краю села
Чудо-тыква,
Тыква-богатырь.

Можно печь и печь
На все село
Пирогов несметное число.

Можно дни и ночи

Без умолку
Жареными семечками щелкать.
Хочет бабка на своем горбу
Чудо-тыкву протащить в избу,

Пробует подвинуть так и сяк...
Тыква не сдвигается никак.

ווי עס איז צו זען, האָב איך אײַנגעהיט דאָס, וואָס איז אזוי כאראקטעריסטיש פארן אָריגינאַל: די פארשיידענע צאָל שורעס און די סטראָפעס, די פרײַע ריטמען און גראמען. פארקערט, אין דער ליד „דער קאַוון״ האָב איך, האלטנדיק זיך זייער נאָענט צו קוויטקאָס אָריגינאַל, דאָך באַשלאָסן צו גראמען ניט נאָר די צווייטע און די פערטע שורע, נאָר אויך די ערשטע מיט דער דריטער, וואָס באַרײַכערט מוזיקאַליש דעם פערז.

דער יִדישער אָריגינאַל:

א מײַסע, א געשיכטע,
א טרעפעניש, א ליד,
ווי פון א טרוקן קערל
א קאַוון האָט צעבליט.

פאראנען ערד א פאסיקל
בא אונדז לעבן דעם פלויט,
צעאקערט כ׳האָב דאָס פאסיקל,
א קערנדל פארזייט.

פארטריקנט כאָטש דאָס קערנדל,
געוואלגערט אונטער טריט,
האָט דאָך פאָרט א בלעטעלע
פון דעם ארויסגעבליט.

דער רוסישער טעקסט:

Что это? Сказка, песня
Или чудесный сон?
Арбуз тяжеловесный
Из семечка рожден.

Затоптано подошвой
То семечко, но в срок
Пророс из влажной почвы
Зеленый стебелек.

Промыт весенним дождичком,
Просушен ветерком,
Листок подрос немножечко,
Стал полным молодцом.

בא קוויטקאָן איז פאראן א וווּנדערלעך־צארטע טרויעריקע און, איך וואָלט זאָגן, נעווײַשע ליד „איך זאָל כאָטש ענדיקן!״ (פון דעם בוך „1919״):

איך זאָל כאָטש ענדיקן מײַן דינינק פידעלע,
וואָס כ׳שניץ און טעסע עס א גאנצן פרי,
פון שוועבלעך־קעסטעלע, מיט פינגער פיבערשע,
איך שניץ און טעסע עס א גאנצן פרי.
בייז געוויטער, ווארט א ווײַל פון יענער זײַט!
איך מוז פארטעסען נאָך דעם אונטערטייל,
און דו, טויט, שטיי א ווײַל באַם שוועל,
און וואך אף מיר — איך מוז פארגלעטן נאָך
דעם אויבערטייל.

איך האָב א סאך געשמועסט, געייצעט זיך מיט קוויטקאָן, א סאך אליין געטראכט וועגן דעם, וויאַזוי גיט מען איבער דעם גרויסן אינערלעכן ווייטעק און די וווּנדערלעכע צארטקייַט פון די מאמעש דערשיטערנדיקע שורעס. באקומען האָט זיך אָט וואָס.

Скорей бы тоненькую кончить скрипоньку,
Что я строгаю целый день.
Ее из спичечной тешу коробочки
Рукой дрожащей целый день.

Гроза недобрая, о, погоди еще,
Дай донце скрипоньки мне обтесать!
Побудь за дверью, смерть, еще мгновение,
Дай донце скрипочки мне обтесать.

קוויטקאָ האָט מיר געגעבן אף איבערזעצן דאָס קאפיטל „אופשטאנד״ פון דער פּאָעמע „יוינע לייעס״. דאָס איז זייער א שטארקער שטיק עפּאָס. אין דעם אָריגינאַל, געשריבן מיט א צווייפוסיקן אמפיבראך, גראמען זיך בלויז די צווייטע און די פערטע שורע. איך האָב באַשלאָסן צו גראמען אלע שורעס. קוויטקאָ האָט ניט דערווידערט.

די ערשטע רעדאקציע פון דעם „אופשטאנד״ האָב איך פארעפנטלעכט אין זשורנאַל „זנאמיא״. אָבער קעדיי צו דערפירן די איבערזעצונג ביז פולער שליימעס, האָט מען נאָך געדארפט ניט ווייניק ארבעטן.

איך וויל דאָ ברענגען קוויטקאָס א בריוו (פון 26 דעקאבער 1934)[1], וואָס איליוסטרירט, דוכט מיר, זייער אַנשוילעך, מיט וואָס פאר א אופמערקזאמקײַט קוויטקאָ האָט זיך באצויגן צו דער דאָזיקער ארבעט.

„טײַערער כ׳ קאַליטשעוו.

איך שיק אײַך ארויס דעם מאטעריאַל. די איבערזעצונג אין „זנאמיא״ געפעלט מיר אין גרונט, ערטערווײַז גאָר גוט און ס׳פארדריסט זייער, וואָס עס זײַנען פאראן באזונדערע שורעס און ווערטער, וועלכע מאכן קאליע דעם אלגעמיינעם אײַנדרוק פון א גוטער איבערזעצונג. איך האלט פאר נייטיק פאָלגנדיקע ערטער (ווערטער — צוליב די ניט ריכטיקע אקצענטן) פאריכטן: всеблагий (אלמעכטיקער), месят (קנעטן)

Он правит страною — позор
и поклеп!

(ער רעגירט איבערן לאנד — א כארפע און א מעסירע). פארוואָס поклеп (מעסירע)? דאָס איז ניט אפן אָרט. שלעכט קלינגט דאָס וואָרט припасено (פארגרייט). די גאנצע סטראָפע דארף מען אונטערציִען.

И лошади внемлют,
Как звуки легки...
Усевшись на землю,
Жуют кулаки...

(די פערד הערן זיך צו,
ווי לײַכט עס זײַנען די קלאנגען,
אוועקגעזעצט זיך אף דער ערד
קײַען די קולעקעס — געמיינט: באלעגופים).

דאָס איז ניט קיין קלאָר בילד. מע קאָן מיינען, אז עמעצער קײַט זײַנע קולעקעס.

Копытом убита
Пыль тропы

(מיט די קאָפּעטעס אײַנגעפרעסט
דער שטויב אפן וועג).

מיט די קאָפּעטעס אײַנגעפרעסט — קאָן אויך פארשטאנען ווערן, ווי דערהארגעט.

אויך ניט געלונגען.

Вот в язвах и ранах (אָט אין מאקעס און וווּנדן), דאָס וואָרט מאקעס דארף מען ארויסווארפן. דאָס וואָרט восторжествует (טריִומפירן) דארף מען פאר־

[1] דער בריוו איז געשריבן אין רוסיש.

בײַטן מיט אן אנדער שטארק וואָרט. די שורע охваченный танцем (ארומגעכאַפּט מיטן טאנץ) קאָן ארויסרופן מיספארשטייעניש.

איך מיין, אז ווען די דאָזיקע ווערטער וועלן אויסגעפאריכט ווערן, וועט זיך באקומען אן אויסגעצייכנטע איבערזעצונג".

איך האָב גענומען אין אכט קוויטקאָס באמערקונגען, ליקווידירט אייניקע אומפינקטלעכקײַטן, ליאפּסוסן און אומפארמײַדלעכע שפּרונגלעך.

אין דעם בוך „פון די ייִדישע פּאָעטן" איז אײַנגעשלאָסן געוואָרן דער נײַער וואריאַנט פון „אופשטאנד".

ווען איך דערמאָן זיך אין לייב קוויטקאָ, ווילט זיך מיר שרײַבן מיט ווערטער ווארעמע און הארציקע. די, וואָס האָבן געהאט די זכיה צו קענען אים, וועלן מיך פארשטיין. זײַן פּאָעזיע איז פול מיט ליבע צו מענטשן. מיט וווּנדערלעכער פאנטאזיע זײַנען באהויכט זײַנע קינדער־לידער, וועלכע זײַנען ארײַן אין דער סאָוועטישער קלאַסיק.

דאָוויד האָפּשטיין

אין 1931 האָב איך, שוין ניט צום ערשטן מאָל, זיך באגעגנט מיט דאָוויד האָפּשטיינען אין שטוב בא דער שוועסטער זײַנער, דער ייִדישער דיכטערן כאַלאַדענקאָ.

האָפּשטיין איז שארף ארויסגעטראָטן קעגן בוקוואַליזם. ער האָט ארויסגענומען פונעם ביכער־שראנק א באנד פושקין.

— אָט טוט, אף טשיקאַוועס, א קוק, וואָס זאָגט וועגן דעם פושקין: „באמיִענדיק זיך איבערגעבן מילטאָנען וואָרט בא וואָרט, איז שאטאָבריאַן ניט אימשטאנד געווען אײַנהיטן אין זײַן איבערזעצונג טרײַהײַט דעם זין און דעם אויסדרוק". א בוכשטעבלעכע איבערזעצונג קאָן קיינמאָל ניט זײַן קיין גוטע איבערזעצונג. אָט גיב איך אײַך מײַנע לידער אף איבערזעצן. נאטירלעך, אז דאָס דארף ניט זײַן קיין קנעכטישע איבערזעצונג. איך בעט אײַך, פארמעסט זיך מיט מיר, באזיגט מיך! אונדזער ביידנס זיג וועט זײַן די אָנערקענונג פונעם לייענער.

פון קיִעוו האָט מיר האָפּשטיין ארויסגעשיקט די ליד:

ווי טרויעריק־זיס איז מענטש צו זײַן!
זײַן אלט נאָר פינף כאדאָשים.
אין ווייכן קעפל
פארמאָגן
א פּיצעלע באוווסטזײַן־נעפל,
אף האלדז —
א בייגעלע א ביינערנס,
אף לײַב —
א העמדעלע
מיט בענדעלעך מיט פײַנע,
א מײַלעכל
א פולס מיט שטומער זויגן־טײַנע...
און אלע מאָל
אין איין געפיל זיך טרינקען,
ביז שפּיץ פאריסן נעזל אין אים זינקען,
און האָבן איין געדאנק א לויטערן, א ריינעם:
איצט מויל און ברוסט שוין דארפן זײַן אינײנעם.
אף אלע אייווערימלעך אלץ נעענטער זיך רוקן,
מיט ליפּן קלאמערלעך פארכאַפּן, דריקן
און זויגן, זויגן
מיט ליפּן, הענט און פיס און מיט פארמאכטע אויגן.

די ליד איז געשריבן פרײַ. איך האָב אָבער באשלאָסן איבערזעצן מיט א יאמב. און איך מיין, אז איך האָב קיין טאָעס ניט געהאט. איך האָב באמיט זיך האלטן וואָס נעענטער צום אָריגינאַל און אף צו פארקערפּערן דאָוויד האָפּשטיינס ראפינירטע און קאָמפּליצירטע בילדער געזוכט פאראַלעלע פּלאסטישע מיטלען אין דער רוסישער שפּראך, און אָט וואָס עס האָט זיך באקומען:

О боль и счастье — званье человека!
Судьба беспомощного существа,
Когда под легкий шелест пеленанья
На слабой шейке держится едва
Большая —
в вербном пухе —
голова!
С крупицею туманного сознанья!..
О, розовый комочек кулачка,
И распашоночка на тельце голом!
Рот,
раздираемый
немым глаголом,
Косноязычным криком:
молока!
Великой жаждой —
от пупка до глаз —
Все тельце крохотное одержимо,
И вот он наступает,
этот час!
Груди и рта
союз нерасторжимый...
И голых десен острые соски,
И пьют, и пьют,
всю выпивая сладость...
Ручонками и ножками
себя
Царапая, барахтаясь, сопя,
Младенец пьет —
и нет с младенцем сладу...

א פּאָעט אן איבערזעצער קאָן זיך ניט נעמען צו אלץ נאָכאנאנד. ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָב איך גענומען איבערזעצן נאָר דאָס, וואָס האָט אנטשפּראָכן מײַן געשמאק, מײַן אייגענעם גאנג אין דער דיכטונג.

מיט פרייד האָב איך דעריבער זיך גענומען פאר איבערזעצן האָפּשטיינס „אן עפּל". ס'איז געווען, ווי מיר וואָלטן ביידע געפלאנצט און געכאָוועט איין פרוכט־גאָרטן.

איך וויל דאָ דערמאָנען דאָוויד האָפּשטיינס אָריגינאַל.

דו, ריינער לאָגל פול מיט ווײַן, מיט שנייִק הארטן,
ווי דורכזיכטיק, ווי דופּטיק איז דײַן דינינק הײַטל,
ווי מילד פארזיגלט ביסט מיט שטעמפּעלעך מיט צארטע
פון ביידע זײַטן!
וואָס זאָל איך טאָן? די ציין, דער גומען ווארטן,
ווי זאָלן זיך די אויגן שוין צעשיידן
מיט אזא גרוס א העלן א געגארטן
פון פרילינגס־פריידן?
א ווײַטער גרוס פון ווײַסע בליטן,
פון ערדן־רויך מיט זונען־שטראלן,
נאָר אָט די ציין — זיי ווארטן, היטן...
א ביס — פארפאלן...

די דאָזיקע ליד אינגאנצן גענומען, באזונדערס אירע שלוס־ווערטער, האָבן מיך איבערראשט מיט איר אומדער־

ווארטקײַט, און עמעסע פּאָעזיע איז דאָך לויטער אומ־דערוואַרטקײַט. און אָט איז מײַן רוסישער טעקסט.

Никем не тронуто и непочато,
Еще на дереве висит оно,
И с двух сторон, как круглою печатью,
Июльским солнцем скреплено.

Что делать мне? Ждут зубы, нёбо, десны...
Вся полость рта, все чувства — начеку.
Секунды ожидания несносны,
Скорей ножом по черенку!

Гостинец осени, обнова дорогая,
Которыми так щедро дарит юг!..
Ждут зубы, дёсны ждут... Подстерегают.
Укус — и яблоку каюк!

א שאַלְיעך פון דער זוניקער אוקראַיִנע, פון איר שיי־נער אין גרינס אײַנגעטונקענער, מיט פרישע דניעפּער־ווינטן דורכגעווינטיקטער הויפּט־שטאָט קיִעוו — אזא האָט זיך מיר אויסגעוויזן דאָוויד האָפשטיין, ווען איך האָב זיך ערשט באקאנט מיט אים.

אזא האָט ער זיך מיר פארגעדענקט אפן גאנצן לעבן — א נידעריקער, א געפּאקטער, א באוועגלעכער, ווי קוועק־זילבער. א שטענדיק פרײַנטלעכער און הארציקער שמייכל אף די ליפּן און שטראלנדיקע גוטסקײַט אין די אויגן.

שמועל האלקין

אין קאבינעט פונעם רעדאקטאָר פון „גיכל" ראוויטש האָט אַנגעקלאפּט א הויכער יונגערמאן מיט א שווארצער קוטשמע האָר און שווארצע טרוימערישע אויגן. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט.

— האלקין. איך בין קעגן דעם, איר זאָלט דרוקן מײַנע לידער אין אײַער אנטאָלאָגיע.

עס האָט זיך געהאנדלט וועגן דער אנטאָלאָגיע פון יִדישער פּאָעזיע אין דער רוסישער איבערזעצונג, וואָס איז אין 1929 צום ערשטן מאָל געגרייט געוואָרן אין אָט דעם פארלאג. איך בין בײַגעווען בא דעם געשפרעך.

— וואָס איז די סיבע? — האָט א באומרויִקטער גע־פרעגט ראוויטש.

— איר האָט געגעבן שלעכטע איבערזעצונגען.

פארשטייט זיך, דעם טאלאנטפולן לירִיקער האלקינען האָט זיך געוואָלט, אז די וועלט זאָל דערהערן זײַן שטים אין איר גאנצער לויטערקײַט און פראכט.

פון דעמלט אָן פלעג איך זיך אָפט טרעפן מיט האלקי־נען. צומאָל האָבן מיר געשטרײַט וועגן דער ראָל פון אן איבערזעצער.

— איך בין אויך קעגן בוקוואליזם, — האָט איינמאָל געזאָגט האלקין. — נו, אלע ווייסן מיר, וואָס זשוקאָווסקי האָט געזאָגט וועגן איבערזעצונג — אז דאָס איז א פאר־מעסטונג צווישן דעם, וועלכער שרײַבט לידער, און צווישן דעם, וועלכער איבערזעצט זיי. אָט, אשטייגער, האָט געטע, איבערלייענענדיק די פראנצויזישע איבערזעצונג פון זײַן „פאוסט", וואָס עס האָט געמאכט זשעראר דע מערוואל, אויסגערופן, אז די דאָזיקע איבערזעצונג פרישט אָפּ און באנײַט זײַן אייגענע פאָרשטעלונג וועגן דער פּאָעמע. געוואלדיק אינטערעסאנט, ניט עמעס?

האלקין אליין האָט געהאלטן גראָד פון אזא מעטאָד פון איבערזעצונג. גענוג צו דערמאָנען וועגן זײַן איבערזע־צונג פון „קיניג ליר", וואָס ער האָט געמאכט פארן „גאָ־סעט". די דאָזיקע איבערזעצונג האָט געקלונגען ווי א זעלבשטענדיק קינסטלעריש ווערק.

פון די איבערזעצער פון זײַנע לידער האָט האלקין געפאָדערט ניט ווייניקער, ווי פון זיך אליין. ער האָט ניט געוואָלט לײַדן קיין שום אָפּווײַכונגען און נאָך מער — פרעמדע אָנשיכטונגען.

— לאָמיר נאָכאמאָל א קאָנטראָליר טאָן אָט די סטראָ־פע! — איז ער באשטאנען און האָט זיך ווידער אומגע־קערט צום אָריגינאל.

— פונדעסטוועגן דארף אן איבערזעצונג זײַן מאקסי־מאל פינקטלעך. דער איבערזעצער דארף ניט ציטערן, טאָמער וועט מען וועגן אים זאָגן, אז ער קאָפּירט. גיט נאָר א קוק, וואָס עס טוען די קינסטלער. פאראן אזעל־כע, וואָס קאָפּירן אָן הארץ און אָן א נעשאָמע. ניט וועגן זיי רייד איך. אָבער גרויסע קינסטלער האָבן דאָך אויך קאָפּירט. אשטייגער, סעראָוו, אז ער איז געווען אין רוים, האָט ער דען ניט קאָפּירט די גרויסע מײַסטערס פון רענעסאנס? פארקערפערנדיק פינקטלעך דאָס ווערק פון אן אנדער מײַסטער, לאָזט איבער אן עכטער קינסטלער אויך שפּורן פון זײַן טאלאנט, פון זײַן פערזענלעכקײַט.

דאָס האָט איבערצײַגט, און באם איבערזעצן שמועל האלקינען האָב איך באמיט זיך צו האלטן וואָס נעענטער צום אָריגינאל. אָט איז די ליד „מײַן בלוט, מײַן לײַב":

די פעטע אויסגעשמירטע הענט דײַנע, מײַן זון,
זיי לײַכטן מיר, ווי פליגלען ווײַסע אף דער זון.
און בא די אויגן — יענער טונקלער, פעטער פאס,
וואָס שטענדיק ברענגסטו אים אהיים פון גאס,
ווען פון דער ארבעט שפּעטלעך קערסט זיך אום, —
מײַן זון, דער טונקלער פאס באגלייט מיך אומעטום...

אָט די שורעס האָב איך איבערזעצט, אײַנהיטנדיק אלע ניואנסן.

Твои ладони, сын, и в ржавчине густой
Мне светят крыльями, что дружат
с высотой.
И маслянистый след лежит у самых глаз,
Когда идешь домой при утренней звезде,
Когда приходишь ты с работы в поздний
час.
Тот темный след меня преследует везде.

ווען איך האָב זיך איינמאָל דערלויבט א פרײַען פּא־ראפראז פון האלקינס א ליד, האָט ער פּראָטעסטירט, און איך האָב אײַנגעשלאָסן די ליד אין בוך מיט אן אונטער־קעפּל „וואריִאציע".

האלקינס קראפט אלס פּאָעט איז באשטאנען, לויט מײַן מיינונג, אין זײַן מעטאפאָרישקײַט. זײַן גאנץ שאפן איז דורכגעוועבט מיט מעטאפאָרעס, ווי די קרוין פון א בוים מיט זונען־ליכט. ניט גראָבע, גראָדליניקע פארגלײַכן, נאָר הויך־אינטעלעקטועלע בילדערישקײַט, אמאָל געפלאָכטן פון הוילע אָנצוהערענישן.

דו קלערסט, עס ווייסט די בין, וואָס ס'איז איר
האָניק ווערט,
ווען פון דער פינצטער אף דער זון ארויסגעבראכט
ער ווערט?
זי ווייסט אפילע ניט, אז איר דאָס גאָלדיק
קיניגרײַך געהערט,
דאָס זיסע קיניגרײַך, וואָס שמעקט
מיט הימל און מיט ערד.

בא מיר האָט זיך עס באקומען אזוי:

Едва ли ведает пчела, как светел мед,
Когда из сумрака на свет его несет.
Едва ли ведает, что царство ей дано,
Что пахнет небом и землей оно...

דאָס איז די ליד וועגן דער בין.

אָדער — אָט איז די ליד „אונדזער יאָמטעוו“. אין דער גאנצער סאָוועטישער פּאָעזיע, — איך האָב ניט מוירע, מע זאָל מיך באשולדיקן אין גוזמע, — האָב איך ניט געפונען אף דער דאָזיקער טעמע קיין ליד, וואָס זאָל אי אויסשעפּן אזוי די טעמע ביזן גרונט, אי בלײַבן דערבײַ אזוי צארט, דורכזיכטיק און ראפינירט:

קיין ווערטער ניטאָ אף צו ברענגען דאָס אלץ
פאר די ליפּן.
איך זע אים, דעם יאָמטעוו, פארקריצט ווי די
שטריכן פון האנט,
אהינטער דער הויט און אהינטער מײַן זײַן זיך
פארקליבן,
און ס'קלאפּט אין מײַן הארצן דער גאנג פונעם
יאָמטעוו אין לאנד.

Я вижу:
наш праздник,
как линий резьбу на руке.
Вошел он мне в сердце.
Вся жизнь им пронизана прочно.
И став моим чувством, он светится
в каждой строке.

ווי אומגעריכט עס איז דער פארגלײַך מיט די סוידעס־פולע ליניעס אף דער דלאָניע! א וווּנדערבארע ליד. ניט נאָר ווײַל עס איז אזוי אומגעוויינלעך די מעטאפאָרע, נאָר ווײַל עס איז אזוי גרויסארטיק אויסגעדריקט די ליבע און אכטונג צום לאנד, צו זײַנע יאָמטויוויִם.

איינמאָל האָב איך באגעגנט האלקינען אפן גאָגאָל־בולוואר. ער איז געזעסן אף א גרינער באנק, אונטער א טאָפּאָל, וואָס האָט גערוישט איבער זײַן קאָפּ, און געלייענט היינען. ער האָט מיך צוגערופן און אָנגעוויזן אף עטלעכע שורעס. „ניטאָ קיין מער אומזיניקער פארלאנג, ווי פרעגן, וועלכער פּאָעט שטייט העכער פון דעם אנדערן. א פלאם איז א פלאם, און זײַן וואָג קאָן מען ניט אָפּמעסטן ניט מיט פונטן, ניט מיט אונציעס. נאָר דער פלאכער קרעמערשער געדאנק פארלאנגט אָפּוועגן דעם געני מיט דעם זעלבן שמוציקן געוויכט, מיט וועלכן ער וועגט קעז“.

בעסער איז שווער צו זאָגן. האלקינס שאפונג איז יענער ריינער פלאם, וואָס אָפּוועגן און אָפּמעסטן אים איז ניט שײַעך.

שמועל ראָסין

עס פאלן שנייעלעך הינטערן פענצטער...

דורכן ווײַסן שפּינוועבס, דורכן אויסטערלישן געפלאָנטער פון טאָפּאָל־צווײַגן, וואָס קוקן ארײַן דורך די שטויבן, זע איך א ווײַסן טאָג: פונקט אזא אליומיניגרויען, ווי דער הײַנטיקער.

אינעם זעלבן צימער, לעבן דעם זעלבן פענצטער, הינטער וועלכן עס טאנצן, ווי דעמלט, שנייעלעך, איז אנטקעגן מיר געזעסן א פולבלעכער, א ביסל בערישער מענטש, מיט גלאנציקע, עטוואָס אויסגעפוקלטע אויגן און געלייענט זײַנע לידער.

א דיקציע איז בא אים געווען ניט גאָר קיין גוטע — ער האָט ניט געלייענט, נאָר ווי געמורמלט זיך אונטער דער נאָז. אָבער אויך דורך אָט דער מעכיצע איז צו מיר דערגאנגען א שטראָם ווארעמקײַט.

ער האָט געלייענט „קאראקום“, וווּ עס איז דערציילט געוואָרן וועגן דעם דיכטערס שווערער קינדהײַט, וועגן דעם שווערן לעבן פון טאטע־מאמע אין דעם צארישן רוסלאנד.

אף רוסיש האָב איך עס איבערגעזונגען אזוי[ג]:

Налет с разгона
Дней минувших стая.
Вижу: за фургоном
мой отец шагает...

— Где он только не был!
Да в каких сугробах!
Каменное небо —
С детских лет до гроба.

דער ביטערער גוירל פון דוירעס, פארשפּארטע אין די דאלעדאמעס פון טכום, האָט זיך פאנאנדערגעוויקלט פאר מײַנע אויגן. איך האָב דערפילט, ווי עס ווייטעקט דער זון פארן פּאָטערס פארפינצטערטן לעבן:

И отцова проседь
Помнится ребенку.
Помнится, как просит
Сена лошаденка...

נאָר אָט איז די שטים באם פּאָעט געוואָרן לויטערער און פעסטער. עס קלינגען נײַע טענער:

Глянь, какие дали!
Глянь, какие краски!
Мы их не видали
За фургоном тряским!

ראָסין האָט זייער אופמערקזאם קאָנטראָלירט, צי ס'שטימט די איבערזעצונג מיטן אָריגינאל, נאָר דעריקער איז פאר אים, פונדעסטוועגן, געווען דער עמאָציאָנעלער איינקלאנג, פונקט ווי פאר זײַנע פרײַנט מארקיש, האָפּשטיין, קוויטקאָ. דאָס האָט מיר זייער געהאָלפן אין דער ארבעט.

פאר די צענדליקער יאָרן, וואָס מיר זײַנען געווען באפרײַנדעט מיט ראָסינען, האָבן מיר זיך געזען גאנץ אָפט — בא מיר, בא אים.

נאָר פון אלע באגעגענישן האָבן זיך מיר אין זיקאָרן אײַנגעשניטן צוויי — די ערשטע באגעגעניש בא מיר, בייס ער האָט מיר געלייענט „קאראקום“, און די לעצטע.

שוין דער צווייטער כוידעש, ווי עס דויערט די מילכאָמע.

די קײַלעכדיקע שווארצאפלען פון די מאָסקווער זעניטהארמאטן קוקן אָנגעשטרענגט אפן אָנגעכמורעטן הימל. אין אלע ראיאָנען פון מאָסקווע ארבעטן די שטאבן פון דער פאָלקס־אָפּאָלטשעניע.

אין איינעם אן אומהיימלעכן אומרויִקן טאָג האָב איך באגעגנט ראָסינען.

— מאָרגן גיי איך אוועק אין אָפּאָלטשעניע. געגוג גערעדט. שלאָגן דארף מען זיך... שלאָגן!

דאָס בלייכע און שטרענגע פּאָנעם ווערט נאָך בלייכער און נאָך שטרענגער.

...מער האָבן מיר אים ניט געזען.

[ג] איך האָב איבערגעזעצט די ליד „קאראקום“ פון ראָסינס קסאוויאד. אזויווי עס האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו געפינען די ליד צווישן ש. ראָסינס פארעפנטלעכטע ווערק, דערלויב איך זיך צו ברענגען נאָר עטלעכע סטראָפעס אין דער רוסישער איבערזעצונג (אווטאָר).

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

באַם פרישן קייווער פון א. לעיעלעס

עס וועט ניט זײַן קיין לעסטערונג פון אונדזער זײַט, ווען, שרײַבנדיק וועגן א. לעיעלעסעס טויט, וועלן מיר באַלד אָפן זאָגן, אַז ער האָט, צום גרויסן באַדויערן, איבערגענוג שריפטשטעלערישע ענערגיע אָפּגעגעבן דעם אַנטיסאָוועטיזם. און דאָך קאָנען מיר זיך דערלויבן אָפּגעבן דעם דיכטער, עסעיִסט און דראַמאַטורג א. לעיעלעסן דאָס אַלץ, וואָס עס קומט אים פון דער ליטעראַטור, אין וועלכער ער פאַרנעמט זײַן אומבאַשטרײַטבאַר אָרט.

מאַכנדיק א שאַרפע מעכיצע צווישן לעיעלעס־גלאַנץ דעם פובליציסט־זשורנאַליסט און א. לעיעלעסן דעם דיכטער, דאַרף מען אָפּמערקן, אַז באַנאַנד מיט י. גלאַטשטיינען און נ. מינקאָוון איז לעיעלעס געווען א פירנדיקע פיגור פון דער אינזיכיסטישער ליטעראַרישער שול.

נאָך די „יונגע" זײַנען די „אינזיכיסטן" געוואָרן עפשער די ווירקזאַמסטע קינסטלעריש־שעפערישע גרופּע אין דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. און געוואָרן זײַנען זיי עס דערפאַר, ווײַל עס איז, ווי אונדז דאַכט זיך, געווען אין זייער קעמפעריש־פּראָקלאַמירטן אינזיכיזם א היפּשע דאָזע ניט־פּראָקלאַמירטער, נאָר אין טאָך טעטיקער אַרומיזם, אויב מע וואָלט געקאָנט זיך אַזוי אויסדריקן. דאָס קומט אַרויס בולעט אַפילו פון זייער ערשטן קינסטלערישן מאַניפעסט, אין וועלכן עס רעדט זיך, צום בײַשפּיל, פון „שאַפן פּאָעזיע, וואָס איז פעסט און קלאָר, קיינמאָל ניט מעטושטעש און אומבאַשטימט". עס איז קלאָר, אַז דער אינזיכיזם איז געקומען ווי א רעאַקציע קעגן דעם ענג־אינטימען מאָטיוו, קעגן צימער־שטימונג („טויבן־שטילע, בלויע אָוונט־שטונדן" — מאַני לייב, „ווערטער וווּנדערבאַרע, דינע" — זישע לאַנדוי), וואָס האָבן שוין צו יענער צײַט געהאַט אָפּגעשפּילט זייער פּיאָנעריש־וויכטיקע ראָליע אין באַקעמפן „אַלערליי אויסרופצייכנס און רעטאָרישע באַנאַלקײַטן, איבערלאָזנדיק דערבײַ בלוטלאָז און טרוקן דעם עצם פונעם דיכטערישן אויסדרוק" (נ. אויסלענדער — „וועג־אײַן, וועג־אויס").

אייגנטלעך, זײַנען שוין דעמלט „די יונגע" גופא ניט געווען מער קיין פעסט־צעמענטירטע גרופּע. פון איר האָבן זיך שוין גאַנץ באַזונדער אַרויסגעהויבן ה. לייוויק און מ.־ל. האַלפערן, וואָס אויך זיי האָבן זיך אַזוי שאַרף אונטערשיידט איינער פונעם צווייטן לויט זייער אינהאַלט, פאָרם, וועלט־באַנעם און טעמפּעראַמענט. בלויז גרויסער פאָרמעסט, און אויך גרויסע דערגרייכונג, איז געווען זייער איינציקער גלײַכצייכן. עס וועט זײַן היסטאָריש ריכטיק, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז ה. לייוויק און מ.־ל. האַלפערן זײַנען געוואָרן די צוויי פּאָליוסן פון דער אַמעריקאַנער ייִדישער מאָדערנער דיכטונג. זייער מאַגנעטישע קראַפט קאָן זיך לאָזן דערקענען אויך אין דער שאַפונג פון די אַרויסרופעריש־זעלבשטענדיקע דיכטער־נאָוואַטאָרס, וואָס די „אינזיכיסטן" סײַ לויט זייער נאַטור, סײַ לויט זייער קרעדאָ האָבן פּרעטענדירט צו זײַן און זײַנען עס געוואָרן. דאָ דאַרף מען זען ניט האַשפּאָע אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט, נאָר אָנקערעניש אין א געוויסער מאָס, ריכטיקער געזאָגט א געוויסע בלוט־נעטיִע פון גלאַטשטיינען צו מ.־ל. האַלפערנען און פון לעיעלעסן צו ה. לייוויקן. אָבער אויך זיי, די אינזיכיסטן, האָבן צוריקגעווירקט אין א געוויסער מאָס, ווײַל אויב לעיעלעס, צום בײַשפּיל, האָט, שרײַבנדיק זײַנע מעשיכיש־דראַמאַטישע ווערק „שלוימע מוילכוי" און „אָשער לעמלען", געהאַט שוין פאַר די אויגן די לייוויקישע מעשיכיזם־דערפאַרונג, איז לייוויק, ווײַזט אויס, פון זײַן זײַט, באַאײַנפלוסט געוואָרן פון לעיעלעסעס פרויד־קולט. די דאָזיקע קעגנזײַטיקע באַווירקונגען וואָלט מען געקאָנט געפינען אַפילו אין געביט פון פאָרם און שפּראַך, ניט געקוקט אַף דעם שאַרפן ווידעראַנאַנד אין פּראַט פון דיכטערישן נוסעך.

דאָס אינטערעסאַנטסטע אָבער דערבײַ איז דאָס, וואָס לעיעלעס און גלאַטשטיין, וועלכע זײַנען אַזאַ לאַנגע צײַט געגאַנגען אין איין טראָט, זײַנען סאָפּקאָלסאָף אָנגעקומען צו גאָר פאַרשיידענע רעזולטאַטן. עס איז דאָך א פאַקט, אַז בייס גלאַטשטיין האָט מיט זײַן נאָוואַטאָרישער דיכטונג דורכגעבראָכן דעם קאָרדאָן פון דער קריטיק און אַפילו פונעם ברייטן לייענער, איז לעיעלעסעס שאַפן אַף א לאַנגער צײַט פאַרבליבן א האַרטער נוס ניט נאָר פאַר די מילך־ציינדלעך פונעם ברייטן לייענער, נאָר אויך פאַר די לעמילכאָמע־גרייטע שינאָיִם פונעם אָפיציעלן קריטיקער. און קומען קומט עס דערפון, מיינען מיר, וואָס ווען גלאַטשטיינס עקספּערימענטירן האָט דערגרייכט דעם עפעקט פון א גאַנץ אָנשוילעך־נײַער פּאָעטישער איוורע, האָט לעיעלעסעס עקספּערימענטירן זיך קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט און איז פאַרגעזעצט אַפילו אין זײַנע לעצטע ווערק. און ווער קאָן נאָך זײַן באַגלייבטער פון גלאַטשטיינען אין זײַן איידעס־זאָגן וועגן לעיעלעסן, אַז ער איז דער „מײַסטער־פּאָעט, וואָס האָט זיך ליב אַרומצורינגלען מיט מוירעדיקע (אונדזער קורסיוו) דיכטערישע ניסיוינעס, קעדיי צו זען, ווי ער וועט פון זיי אַרויס". זאָל אונדזער לייענער ניט מיינען, אַז, זאָגנדיק עקספּערימענטירן, שטעלן מיר דעם טראָפּ בלויז אַף פאָרם־זוכעניש. די אינזיכיסטן, פאַרשווענדנדיק א גרויסע שעפערישע ענערגיע אַף פאָרם, לעקסיק, ריטם, מוזיק פון וואָרט, זײַנען אָבער פאַקטיש קיין פאָרמאַליסטן ניט געווען. עמאָציע, געדאַנקלעכקײַט, פּראָבלעמאַטיק זײַנען פאַר זיי וויכטיקע קאָמפּאָנענטן פון דער דיכטונג. נאָר בײַ לעיעלעסן האָט די צו בולעטע אַרכיטעקטאָניק פון דער ליד פאַרשטעלט פאַרן לייענער דאָס עמאָציִאָנעלע אָדער אידיייִשע, וואָס זײַנען גראָד אין דער ליד געווען קעסיידער פאַרבויט. האָט מען דערפון געמאַכט דעם אויספיר, אַז עס פעלט לעיעלעסן פּאָעטישע זאַפט, אומיטלבאַרקײַט פון געפיל. און דאָס — בײַ זײַן אומפאַרגלײַכלעכן באַהערשן די פּאָעטישע טעכניק — אָנהייבנדיק פון די אולטראַמאָדערנע ביז די קלאַסישע פאָרמען, ווי סאָנעט, עלעגיע אאוו.

א. לעיעלעס, אַדאַנק זײַנע אומגעהייערע פאַרדינסטן פאַרן ייִדישן דיכטערישן אויסדרוק, וועט פאַרבלײַבן צווישן די בויער פון דער ייִדישער מאָדערנער פּאָעזיע.

צום אָנדענק פון מוישע טײַף

אין דער רעדאקציע „סאָוועטיש היימלאנד“ זײַנען אָנגעקומען פיל בריוו און טעלעגראמעס אין צוזאמענהאנג מיטן פריצײַטיקן טויט פון מוישע טײַפן. פאָרשטייער פון געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציעס און א גרויסע צאָל יעכידים — זשורנאליסטן, קונסט־טוער, ארטיסטן, שרײַבער, לייענער פון מינסק, קיִעוו, קעשענעוו, טשערנאָוויץ, ווילנע, אָדעס, ביראָבידזשאן און אנדערע סאָוועטישע שטעט און אויך פון ווארשע, טעל־אוויוו, בריסעל, פאריז, טאָראָנטאָ, ניו־יאָרק דריקן אויס זייער מיטגעפיל דער סאָוועטישער יִדישער ליטעראטור און דער מישפּאָכע פונעם פארשטאָרבענעם.

מיט א געפיל פון דאנקבארקײַט צו אלע כאוויירים און פרײַנט ברענגען מיר דאָ עטלעכע מיטגעפיל־אויסדרוקן.

מ. טײַף טרעט ארויס אין קעשענעוו אין א טעלעוויזיע־פּראָגראם.

די שרײַבער פון ווײַסרוסלאַנד זײַנען אין טיפן טרויער איבערן טויט פון מוישע טײַף — דעם גרויסן דיכטער, אונדזער פרײַנט און לאַנדסמאַן. מאקסים טאנק, יאנקא בריל, איוואן מעלעזש, הירש בעריאָזקין, מיכאס לינקאָוו, פעטרוס בראָווקא, פעטראָ גלעבקא, מיקאָלא כוועדאראָוויטש, קאָנדראט קראפּיווא, כאַיִם מאלטינסקי און אנד.

די קאָלעקטיוון פון די געגנטלעכע צײַטונגען, די שרײַבער און די זשורנאליסטן פון ביראָבידזשאן זײַנען דערשיטערט פונעם פּלוצעמדיקן טויט פון דעם אָנגעזעענעם דיכטער, מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאנד“ — מוישע טײַף.

קאָרטשמינסקי, גורעוויטש, מילער, פרידמאן.

●

רעדאקציע „סאָוועטיש היימלאַנד“. מאָסקווע.

טײַערע פרײַנט! מיר זײַנען טיף אופגעטרייסלט פון דער אומגעריכטער יעדיִע, אז דער דיכטער מוישע טײַף איז מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. ספּעציעל זינט דער דערשײַנונג פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָבן טויזנטער יִדישע לייענער, אויך אויסער די גרענעצן פון סאָוועטנפארבאנד, אזויפיל גענאָסן פון זײַן פּרעכטיקער דיכטונג!

מיר זײַנען אין טיפן טרויער איבערן גרויסן פארלוסט.

ווייטעקלעך ביז גאָר איז מוישע טײַפס טויט פאר מיר פערזענלעך, ווײַל בעשאס מײַנע עטלעכע באזוכן בא אײַך אין רעדאקציע האָט זיך געשאפן א בעעמעסדיקע פרײַנטשאפט צווישן אונדז. איך פיל דעריבער דעם פײַן און צאר נאָך טיפער.

די „וואָכנבלאט“־לייענער און גרויסע מאסן יִדישע ארבעטער און פאָלקסמענטשן בא אונדז אין לאַנד וועלן האלטן טײַער דעם הערלעכן נאָמען מ ו י ש ע ט ײַ ף אף שטענדיק. מיט פארערונג וועלן מיר ווידעראמאָל און אָבעראמאָל לייענען אלץ, וואָס ער האָט געשאפן, אײַנשליסנדיק זײַן מײַסטערהאפטע איבערזעצונג פון „שיר־האַשירים“. באנוצנדיק אן אויסדרוק פון מ. טײַפס פּאָעמע „דאָס געזאנג וועגן ברידער“, קאָן מען זאָגן, אז אייביק וועט שײַנען דעם דיכטערס נאָמען — „אף אייביק וועט בלײַבן געלויבט און געבענטשט דער מענטש, וועלכער שטארבט פאר זײַן ברודער דעם מענטש!“

מוישע טײַפס דיכטונג פארקערפּערט דאָס נײַע, דאָס שיינע, וואָס דאָס סאָציִאליסטישע לאַנד, דער סאָוועטנפארבאנד האָט אונדז געגעבן.

פאר דער רעדאקציע פון קאנאדער „וואָכנבלאט“
י. גערשמאן, הויפּט־רעדאקטאָר. ט אָ ר אָ נ ט אָ, 2 יאנוואר 1967

●

טײַערע רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“!

די יעדיִע וועגן פּלוצלינגדיקן טויט פונעם גרויסן סאָוועטישן יִדישן דיכטער מ. טײַף האָט טיף דערשיטערט דעם יִדישן יִישעוו אין בעלגיע. ווידער האָט דער טויט אוועקגעריסן איינעם פון די שענסטע בויער פון דער פּראָגרעסיווער יִדישער ליטעראטור. מ. טײַף איז געווען גוט באקאנט און זייער באליבט בא די יִדישע פאָלקסמאסן אין בעלגיע אדאנק זײַנע לידער און פּאָעמעס, געדרוקטע אין „סאָוועטיש היימלאַנד“. די ווערק פון מוישע טײַפן ווערן זייער אָפט געלייענט אף עפנטלעכע אָוונטן בא אונדז אין לאַנד.

דער קאָמיטעט פון דער „יִדישער סאָלידאריטעט“ אין בריסעל, די קולטור־קאָמיסיע בא דער „יִדישער סאָלידאריטעט“ דריקן אויס די אופריכטיקסטע מיטגעפילן פאר אײַך, פאר אלע סאָוועטיש־יִדישע קולטור־טוער און קולטור־בויער און אויך פאר דער פאריאָסעמטער מישפּאָכע אין צוזאמענהאנג מיטן פריצײַטיקן טויט פונעם גרויסן דיכטער, וואָס איז א שווערער פארלוסט פאר דער קולטור ביכלאַל און פאר דער פּראָגרעסיווער קולטור ביפראט.

מ. טײַף לעבט ניט מער, אָבער עס לעבן זײַנע פּרעכטיקע ווערק, ווי אויך זײַן ליכטיק געשטאלט פאר אונדז אלעמען. זײַנע שאפונגען דינען אלס א בײַשפּיל פאר דער צוקונפט.

פארן קאָמיטעט פון „יִדישער סאָלידאריטעט“
און קולטור־קאָמיסיע ה א נ ר ִי ע ט ש י ס ט ע ר
ב ר י ס ע ל, 9 יאנוואר 1967

כראָניק

צום אָנדענק די קדושים פון נייַנטן פאָרט

פיל צענדליקער טויזנטער ייִדן — זקיינים, פרויען און קליינע קינדער — זייַנען מיט אומגעהערטער אכזריות דערמאָרדעט געוואָרן אין די קאָוונער פאָרטן.

אין יול 1941 זייַנען צען טויזנט ייִדן אומגעבראַכט געוואָרן אין זיבעטן פאָרט, אין אווגוסט פון זעלבן יאָר — פינף טויזנט אין פערטן פאָרט. באַזונדערס גרויזאַם איז געווען די שכיטע אין נייַנטן פאָרט, וווּהין די היטלעריסטן האָבן אין אָקטיאַבער 1941 געבראַכט צו טרייַבן די ייִדן פון קאָוונער געטאָ און נאָך שרעקלעכע פייַניקונגען זיי דערשאָסן.

דער פינף־און־צוואַנציקסטער יאָרטאָג פון אָט דער טראַגעדיע איז אָפּגעמערקט געוואָרן אין גרויסן זאַל פונעם קאָוונער קולטור־פּאַלאַץ פון די פּראָפאַרייִנען. אָף דעם טרויער־אָוונט זייַנען אַרויסגעטראָטן געוועזענע אסירים פון קאָוונער געטאָ, צווישן זיי דער שרייַבער מייער יעלין, וואָס האָט געלייענט פראַגמענטן פון זייַנע ווערק וועגן נייַנטן פאָרט. דער קאָלעקטיוו פון ייִדישער קינסטלערישער זעלבסטטעטיקייַט האָט באַוויזן א באַלעט, וואָס שילדערט דעם קאַמף, וועלכן א ייִדיש מיידל אין געטאָ פירט מיט א געסטאַפּאָוועץ.

אָף מאָרגן זייַנען גרויסע מאַסן מענטשן, אָרגאַניזירט אין קאָלאָנעס, געקומען אָף א טרויער־מיטינג אין פאָרט, ווו עס שטייט א מאַציווע אָפן ברודער־קייווער. צווישן דעם אוילעם האָט מען געקאָנט זען פּיניע קראַקינאָווסקין, וואָס האָט אינעם נייַנטן פאָרט דורכגעבויערט די אייַזערנע טיר און דערמיט געגעבן די מעגלעכקייַט צו אַנטלויפן אַלע 44 מייסים־ברענער.

דער מיטינג האָט זיך געווענדט מיט א רוף צו די מענטשן פון גוטן ווילן: „געדענקט די גרויליקע פאַרברעכנס פונעם פאַשיזם, וועלכער האָט אומגעבראַכט 50 מיליאָן מענטשן, כּאָרעוו געמאַכט טויזנטער שטעט און דערפער!“

י. יאָנעס

שאָלעם־אַלייכעם־ספּעקטאַקלען אין כאַבאַראָווסק

דער זאַל פון כאַבאַראָווסקער טעאַטער פון יונגן צושויער, ווו דער בירָאָבידזשאַנער ייִדישער דראַמאַטישער קאָלעקטיוו האָט באַוויזן שאָלעם־אַלייכעמס פּיעסן „מאַזלטאָוו“ און „א דאָקטער“, איז געווען פול געפּאַקט מיט צושויער. ביידע פּיעסן זייַנען דורכגעגאַנגען מיט גרויס דערפאָלג. באַזונדערס שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן און „ביס“־אויסרופן זייַנען אויסגעפאַלן אָף די אַרטיסטן יא. קאַנאָווסקי (כאַים־לייב קרענדעלמאַן — אן אופגעקומענער גוויר), ב. מאַזאַ (כאַנע־לייע, זייַן ווייַב), ז. שוואַל (שאָלעם שאַדכן), וו. אַרלאָוואָסקאַיאַ (קלאַרע די מאָדיסטקע).

די צושויער האָבן וואַרעם באַדאַנקט דעם רעזשיסער פון די ספּעקטאַקלען מ. בענגעלסדאָרף און געבעטן דעם אַקטיאָרן־קאָלעקטיוו און זייַנע אָנפירער, זיי זאָלן אָפטער קומען קיין כאַבאַראָווסק.

ז. ראָזענפעלד

אונדזערע יוביליאַרן

אן אָוונט, געווידמעט דעם וועטעראַן פון דער ייִדישער בינע

די טעאַטראַלע געזעלשאַפטלעכקייַט פון מאָסקווע, ריגע און אַנדערע שטעט האָט פייַערלעך אָפּגעמערקט דעם 70־טן געבורטסטאָג פונעם וועטעראַן פון דער ייִדישער בינע, דעם פאַרדינסטפולן אַרטיסט פון רספּסר, אוקראַינישער רעפּובליק און פאָלקס־אַרטיסט פון דער קאַזאַכישער ססר מוישע גאָלדבלאַט.

ווי א יאָמטעוו פון דער ייִדישער טעאַטראַלער קולטור איז דורכגעגאַנגען דער גאָלדבלאַט־אָוונט אין דער רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד“.

אַרן ווערגעליס האָט אונטערגעטראָגן דעם באַל־יויוול אַן אַדרעס אין נאָמען פון דער רעדאַקציע און פון די ייִדישע שרייַבער. מיט באַגריסונגען זייַנען אַרויסגעטראָטן יוסעף ראַבין, ריווקע רובין, יאַנקעוו שטערנבערג, די אַרטיסטן יוסעף קאָלין (גראַס), בינייאָמין שוואַרצער, זינאָווי שולמאַן, דער גאַסט פון פּוילן ליובע דאָמב אאַ. זיי אַלע האָבן אָפּגעמערקט מ. גאָלדבלאַטס גרויסן בייַטראָג אין דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער סאָוועטישער טעאַטראַלער קולטור. אין מעשעך פון זייַן לאַנגיאָריקער אַקטיאָרישער און רעזשיסערישער טעטיקייַט האָט גאָלדבלאַט געשאַפן א סאַך אומפאַרגעסלעכע געשטאַלטן, וועלכע זייַנען באַליבט צווישן די צושויער. אָפן אָוונט איז מיט א טעאַטראַליזירטער באַגריסונג אַרויסגעטראָטן א גרופּע אַרטיסטן פונעם ציגייַנערישן טעאַטער „ראָמען“, וועמעס גרינדער עס איז געווען מוישע גאָלדבלאַט.

מענדל ליפשיץ — א בען־שישים

עס איז אַלט געוואָרן זעכציק יאָר דער באַקאַנטער ייִדישער סאָוועטישער דיכטער מענדל ליפשיץ. דער דאָזיקער יובילײ איז פייַערלעך אָפּגעמערקט געוואָרן אין לאָקאַל פון דער רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד“.

אָף דער באַגעגעניש מיטן דיכטער זייַנען געקומען מאָסקווער ייִדישע שרייַבער, פיל לייענער, די אַרטיסטן פונעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל. דעם באַל־יויוול האָבן באַגריסט אַרן ווערגעליס, ריווקע רובין, יוסעף ראַבין, מאָטל גרוביאַן, שירע גאָרשמאַן, אַלעקסאַנדער גוביניצקי, ייִסראָעל סערעבריאַני. יאַנקעוו שטערנבערגס באַגריסונג, וועלכער איז צוליבן געזונט־צושטאַנד פערזענלעך ניט בייַגעווען, האָט פאָרגעלייענט מישע לעוו.

צום שלוס האָט מענדל ליפשיץ געלייענט א ציקל פון זייַנע נייַע לידער, וועלכע דער אוילעם האָט אויסגעהערט מיט גרויס אינטערעס. דעם יובילאַר איז אונטערגעטראָגן געוואָרן א באַגריסונגס־אַדרעס און בלומען.

צום אָנדענק פון לעאָן לערמאַן

אין מאָסקווע איז געשטאָרבן דער שרייַבער לעאָן לערמאַן.

אין די דרייַסיקער יאָרן זייַנען אין „עמעס“־פאַרלאַג דערשינען ל. לערמאַנס ביכער „פאַבריק־געסל“, „ציגל“, „סטאָרפער“, „צוקער־פּלאַנטאַציעס“. די לעצטע יאָרן האָט ער זיך געדרוקט אין דער וואַרשעווער „פאָלקסשטימע“ און אין א רײ רוסישע פעריאָדישע אויסגאַבעס.

כּרע זייַן אָנדענק!

נײַס פֿון אויסלאַנד

א פּאָטשט־קאַרטל, געווידמעט שאָלעם־אַלייכעמען

דער קיִעווער קונסט־פארלאג „מיסטעצטוואָ" האָט ארויסגעלאָזט אין א טיראזש פון 10 טויזנט עקזעמ־פּליארן א קינסטלעריש פּאָטשט־קארטל מיטן פּאָרט־רעט פון שאָלעם־אַלייכעמען. אף דעם קארטל איז פאראן אן אופשריפט: „צום 50־טן יאָרצײַט פונעם גרויסן ייִדישן שרײַבער שאָלעם־אַלייכעם (1859—1916)". דער פּאָרטרעט איז געמאָלט פונעם קינסט־לער זינאָווי טאָלקאטשאָוו.

א ראַדיאָ־אָוונט אין לוואָוו

דעם 21 יאנוואר האָט די לוואָווער געגנטלעכע ראַדיאָ טראנסלירט די לידער פונעם היגן ייִדישן דיכ־טער סימכע ווילענסקי. די פּראָגראם האָט געפירט דער אוקראַיִנישער דיכטער וואסילי קאָלאָדי — איי־נער פון די איבערזעצער פון ווילענסקיס לידער־זאמלונג, וועלכע איז דערשינען אין לוואָווער פארלאג „קאמעניאר".

אין דער טראנסליאציע האָט אָנטיילגענומען דער אווטאָר, וועלכער האָט געלייענט זײַנע לידער אין ייִדיש.

סימכע ווילענסקי איז אן ארבעטער פון דער לוואָ־ווער ניי־פאבריק.

אין דער טשעכאָסלאָוואקישער סאָציִאליסטישער רעפּובליק

◆ דער פּראָגער פארלאג „מלאדא פראנטא" („יונגער פראָנט") האָט ארויסגעגעבן מעמוארן פון מאקס בראָד אונטערן נאָמען „לעבן און קאמף". אין דעם בוך גייען ארײַן קאפּיטלען וועגן פראנץ קאפקא און אנדערע שרײַ־בער.

◆ די טשעכישע קינאָ־סטודיע גרייט א דאָקומענטאלן פילם וועגן דער אמאָליקער פּראָגער געטאָ. אינעם פילם (רעזשיסער — איזשי פלאיאר, קינסטלערישער אָנפי־רער — דר. ר. אילטיס) וועט געוויזן ווערן דאָס אמאָ־ליקע ייִדישע ראָטהויז מיטן זייגער, אף וועלכן ס'זײַנען געצייכנט ייִדישע אויסיעס אָנשטאָט ציפערן, די זאמלונ־גען פונעם ייִדישן מעלוכע־מוזיי אין דער מײַזעל־שול און אין שפּאנישן בעסמעדרעש, די קינסטלערישע מאציי־ווס אפן געטאָ־בעסוילעם, די פּינקעס־שול מיט דער וואנט, אף וועלכער עס זײַנען פארשריבן די נעמען פון 77 297 טשעכישע ייִדן, וואָס זײַנען דערמאָרדעט גע־וואָרן דורך די היטלעריסטן.

◆ אינעם פאָטאָ־אלבאָם וועגן טשעכאָסלאָוואקיע, וואָס איז ערשט ניט לאנג דערשינען, פארנעמען א היפּש אָרט די רעפּראָדוקציעס, געווידמעט דעם טויזנטיאָריקן ייִדישן יישעוו אין פּראָג. אינעם ארײַנפיר צו דעם אלבאָם שרײַבט אנא טוטשקאָווא:

די ייִדישע פּרעסע מיט 50 יאָר צוריק האָט געשריבן:

טעגלעכע צײַטונג „אונדזער לעבן",
אָדעס, מארט 1917,
נום. 50

ערעוו דער פעוראל־רעוואָליוציע

פיל אָרט ווערט אין דעם נומער געשענקט דער פּאָליטישער לאגע אין לאנד. די צײַטונג פארעפנטלעכט ני־קאָלײַ דעם צווייטנס „אלערהעכסטע באפעלן" צום רעגירונגס־סענאט וועגן איבערײַסן די ארבעט פונעם מעלוכע־ראט און פון דער מעלוכע־דומע פון 26 פעוראל ביזן 7 אפּרעל.

אין דער רובריק „פון ייִדישן לעבן" ווערט מיטגעטיילט, אז אלע צײַטונגען אין ווארשע, כּוץ דער אָפיציעלער „ווארשויער צײַטונג", גייען ניט ארויס צוליבן שטרײַק פון די זעצער.

נום. 51

א פּראָצעס וועגן א ייִדישן פּאָגראָם

אין קיִעווער מיליטערישן קרײַז־געריכט איז פאָרגעקומען א פּראָצעס אין צוזאמענהאנג מיט א פּאָגראָם אף ייִדן, וואָס איז אויסגעבראָכן אפן יאריד אין שטעטל פליסקאָוו, קיִע־ווער גובערניע.

פארן געריכט זײַנען געשטאנען דרײַצן אָנגעקלאָגטע. פיר פון זיי זײַנען פארורטיילט געוואָרן צו 4 כאָדאָשים טפיסע, איינער — אף 3 וואָכן, די איבעריקע זײַנען בא־פרײַט געוואָרן.

הונגער און נויט

דעם 29 אָקטיאבער האָבן מיר צע־טיילט די קליידער (געמיינט די בגאָ־דים, וועלכע זײַנען אָנגעקומען פונעם סקאנדינאווער ייִדישן הילפס־קאָמי־טעט) צווישן א פארטיע ארבעטער, וועלכע זײַנען געגאנגען פון דער ארבעט.

אונדז האָט ארומגערינגלט א הא־מוין, צווישן וועלכן די מערהײַט איז באשטאנען פון אינטעליגענטע מענטשן. אָנגעטאָן זײַנען זיי געווען אין שמאטעס, פון וועלכע עס האָט זיך ארויסגעזען דאָס נאקעטע לײַב, באָרוועסע און שרעקלעך אויסגע־מוטשעטע. די סצענע, וואָס איז פאָר־געקומען באם צעטיילן די קליידער, איז געווען אזוי הארצרײַסנדיק, אז עס איז ניטאָ קיין מעגלעכקײַט זי צו באשרײַבן. ווער האָט עס זיך גע־

„...אין פראַג געפינען זיך די ווערטפולסטע אין איי־ראָפּע זאַמלונגען פון דער ייִדישער קולטור, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר א גרויסן צושטייער אין דער קול־טור סיי פון טשעכישן, סיי פון אַלע אנדערע אייראָפּעיִשע פעלקער... מיר זײַנען שטאָלץ דערמיט, וואָס בא אונדז אין פראַג האָבן געלעבט און געשאַפן דער טרוימערישער פראַנץ קאַפקא און דער אומדערמידלעכער קעמפער עגאָן ערווין קיש".

אין איינעם פון די לעצטע נומערן פונעם טשעכישן זשורנאַל „ליטעראַרני נאָוויני" איז פאַרעפנטלעכט א גרעסערע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם שעפערישן וועג פונעם אַנגעזעענעם שרײַבער איזשי ווייל, וועמעס ווערק „דאָס לעבן מיט דעם שטערן", „דער האַרפּע־שפּילער", „אפן דאַך שטייט מענדעלסאָן", „עלעגיע אפן טויט פון 297 77" אא. שילדערן די ייִדישע טעמאַטיק.

דער טשעכאָסלאָוואַקישער מעלוכישער מוזיק־פאַר־לאַג האָט ארויסגעלאָזט א גראַמאָפאָן־פּלאַטע מיט זעקס קינדער־לידער, וועלכע זײַנען געזונגען געוואָרן אין טע־רעזיענשטאַדטער געטאָ.

ייִדן אין עסטרײַך

אין עסטרײַך לעבן איצט בערך 11 טויזנט ייִדן (דערונטער 10 טויזנט — אין ווין). ערעוו דעם „אַנשלוס" זײַנען אין לאַנד געווען העכער 90 טויזנט ייִדן. הײַנט־צו־טאָג זײַנען די ייִדן פאַרטראָטן מערסטנטייל אין דער קאָנפעקציע־אינדוסטריע און צווישן די פרײַע פּראָפע־סיעס.

„איבער כורוועס"

אונטער אזא נאָמען איז אין טעל־אוויווער פאַרלאַג „המנורה" דערשינען א זאַמלונג לידער פונעם באַקאַנטן דיכטער י. פּאַפּערניקאָוו. איינער פון די לידער־ציקלען פון דעם בוך הייסט „צאַר פון ייִדיש". דאָס איז שוין די דריטע לידער־זאַמלונג פון דעם דיכטער (די ערשטע צוויי ביכער זײַנען דערשינען אין 1944 און 1945).

פראַנצויזיש־העברעיִשער ווערטערבוך

דער פראַנצויזישער לאַרוס־פאַרלאַג האָט ארויסגעגעבן א פראַנצויזיש־העברעיִשן ווערטערבוך, צוגעגרייט אונ־טער דער אָנפירונג פון מארק מ. קאָן. דער ווערטערבוך נעמט ארום קאַרעוו 20 טויזנט פראַנצויזישע ווערטער. דער זעלבער פאַרלאַג גרייט אויך א העברעיִש־פראַנצוי־זישן ווערטערבוך.

„אַנאַ סנעגינאַ" אין איוריט

אין ייִסראָעל איז דערשינען סערגיי יעסענינס „אַנאַ סנעגינאַ", איבערזעצט אין איוריט דורכן יונגן דיכטער אריע אהארוני. דער זעלבער דיכטער האָט איבערגעזעצט וו. מאַיאַקאָווסקיס „א וואָלקן אין הויזן" און א ריי לי־דער פונעם יונגן דאָר סאָוועטישע דיכטער — יע. יעווטו־שענקאָ, ב. אַכמאַדולינאַ, וו. סאָלאָוכין אא.

קאָנט פאָרשטעלן, אז אין צוואַנ־ציקסטן יאָרהונדערט וועלן מענטשן קומען צו אזא מאַדרייגע?

(אויסצוג פון א בריוו פון ליטע וועגן דער שווערער נויט בא דער אָרטיקער ייִדישער באַפעלקערונג).

אונדזער „באַהעמע"

...די עמעסע גאָט־געבענטשטע טאַ־לאַנטן האָבן שטענדיק געקאָנט נאָר הונגערן, זיצנדיק אין די ייִדישע רע־דאַקציעס. „דער ליטעראַט שטייט פאַר דעם ארויסגעבער" — אָ, ווען א מאָלער וואָלט אזא בילד געשאַפן, ווי לעבעדיק עס וואָלט זיך באַקו־מען! א דיקער, געזונטער ארויסגע־בער זיצט איבער א בוך און קוקט זיך ניט אום אף דעם מאָגערן, בלאַסן, אויסגעווייקטן ליטעראַט, וואָס שטייט אף יענער זײַט שטאַכעט און וואַרט. צום סאָף הייבט דער ארויסגעבער אויף דעם קאָפּ, און צווישן זיי הייבט זיך אָן א שמועס:

— נו? אַן אוואַנס.

— אָ! אוואַנסן! מיר גיבן ניט קיין אוואַנסן!

— מאָרגן ברענג איך אײַך א דער־ציילונג פון 200 שורעס.

— מיר גיבן ניט קיין אוואַנסן!

— נאָט אײַך א לידל!

— איך דאַרף ניט קיין לידל!

ווער פון אונדז, ליטעראַטן, האָט ניט געוווסט, ווי און וויאַזוי שאַפט ווײַסענבערג זײַנע דערציילונגען, וועלכע די ייִדישע קריטיק האָט אזוי הויך געשעצט, אז מע געפינט פאַר נייטיק ארויסצוגעבן זיי איצט אף רוסיש, העברעיִש און אויך אף דײַטש? קען אָבער דער לייענער די הונגער־שפּראַך, וועלכע האָט אָט די דערציילונגען ארויסגערופן? ווייסט דאָס פּובליקום די עלנט, וועלכע האָט „באַצירט" דאָס לעבן פון א סאַך ייִדישע בעלעטריסטן?

נום. 52

די ערשטע און פערטע זײַטן פון אָט דעם נומער זײַנען אינגאַנצן פאַר־נומען מיט אינפאָרמאַציע וועגן דער פעוורואַל־רעוואָליוציע. עס זײַנען פאַרעפנטלעכט: דער באַשטאַנד פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג, א באַ־פעל פונעם קאָמאַנדיר פונעם שוואַר־ציאַמישן פלאָט וויצע־אַדמיראַל קאָל־טשאַק, באַפעלן פונעם אָדעסער גע־נעראַל־גוּבערנאַטאָר עבעלאָוו וועגן דער שטימונג אין אָדעס אאַו. אף דער 2־טער זײַט איז אָפּגעדרוקט אַן אַליאַרעם־מיטיילונג פונעם שטענדיקן מיטאַרבעטער פון דער צײַטונג ש. שנייפאַל וועגן דעם הונגער, וואָס הערשט צווישן די ווילנער ייִדן. אף דער 3־טער זײַט געפינען מיר א דערציילונג פון מ. ספּעקטאָר „די שיינע ראָכל".

שרײַבער און ווערק

נאָטיצן אפן קאלענדאר

דעם 31 מארט ווערט אלט 85 יאָר דער באַוווּסטער רוסישער סאָוועטישער קינדער־דיכטער און ליטעראַטור־פאָרשער קאָרניי איוואַנאָוויטש טשוקאָווסקי.

ק. טשוקאָווסקי האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין 1901. אין זײַנע ערשטע ביכער אף ליטעראַטור־קריטישע טעמעס — „פון טשעכאָוון ביז אונדזער צײַט" (1907), „א בוך וועגן הײַנטיקע שרײַבער", „פענעמער און מאסקעס" (1914) האָט ער געגעבן הויך־קינסטלערישע פאָרטרעטן פון א ריי שרײַבער.

ק. טשוקאָווסקי איז באַזונדערס באַוווּסט געוואָרן מיט זײַנע קינדער־מײַסעלעך אין פערזן „דער קראָקאָדיל" (1916), „מאָיִדאָדיר" (1921), „באַרמאַליי" (1926), „מוכאַ־צאָקאָטוכאַ" (1927) אא. זייער פּאָפּולער איז זײַן בוך „פון צוויי ביז פינף", וווּ עס זײַנען געגעבן מוסטערן פון דער שפּראַך און פונעם געדאַנקענגאַנג פון קליינע קינדער.

אין 1958 איז ארויס פון דרוק ק. טשוקאָווסקיס בוך „מײַנע זיכרוינעס", וווּ ער זעצט פאָר צו מאָלן פאָרטרעטן פון שרײַבער און קונסטטוער. ער איז אויך דער אַווטאָר פון א ריי פאָרשונגען וועגן דער רוסישער ליטעראַטור. פאַר דעם בוך „נעקראַסאָווס מײַסטערשאַפט" איז ער באַלוינט געוואָרן מיט דער לענין־פּרעמיע.

זײַענדיק דער איבערזעצער פון א סאַך ווערק פון ענגלישע און אַמעריקאַנישע קלאַסיקער (וו. שעקספּיר, ד. דעפאָ, ר. קיפּלינג, וו. וויטמען, מ. טווען, אָ. הענרי אא.), האָט ק. טשוקאָווסקי אויך אָנגעשריבן א ריי ביכער וועגן די פּרינציפּן פון קינסטלערישער איבערזעצונג („הויכע קונסט", 1941, אא.).

קאָרניי טשוקאָווסקי איז געווען שעפעריש באַפרײַנדעט מיטן יידישן סאָוועטישן דיכטער לייב קוויטקאָ. ער האָט איבערזעצט א ריי לידער קוויטקאָס, דערלערנט ספּעציעל צוליב דעם די יידישע שפּראַך. טשוקאָווסקי האָט אויך פאַרעפנטלעכט א גרעסערע אָפּהאַנדלונג וועגן ל. קוויטקאָ.

דעם 15 מארט 1872 איז געבוירן געוואָרן דער באַוווּסטער יידישער שרײַבער פון אַמעריקע לעאָן קאָברין.

ל. קאָברין שטאַמט פון וויטעבסק. אין 1892 האָט ער זיך באַזעצט אין אַמעריקע. פון זײַנע ערשטע שאַפונגען אין יידיש האָט געהאַט דערפאָלג זײַן גרעסערע דערציילונג „יאַנקל בוילע" (ניו־יאָרק, 1898), וווּ עס איז באַוויזן דאָס לעבן פון יידישע פישער אין רוסלאַנד. צו זײַנע בעסטע ראָמאַנען געהערן „אימיגראַנטן" (1909), „אָרע די באָרד" (1918), „די דערוואַכונג" (1920) אא. די דאָזיקע ווערק האָבן אים פאַרשאַפן א נאָמען פון איינעם פון די אָנגעזעענסטע יידישע שרײַבער פון אַמעריקע.

זייער פּאָפּולער איז ל. קאָברין געווען אויך אַלס דראַמאַטורג. אין דעם געביט האָט ער געאַרבעט האַנט־באַ־האַנט מיט יאַנקעוו גאָרדינען.

ל. קאָברין האָט אָנגעשריבן העכער דרײַסיק אייגענע פּיעסן און איבערגעזעצט א גרויסע צאָל דראַמאַטישע ווערק פון דער וועלט־קלאַסיק. אין זײַנע פּיעסן האָבן געשפּילט אַזעלכע באַדײַטנדיקע יידישע שוישפּילער פון אַמעריקע, ווי יאַנקעוו אַדלער, זיגמונד מאָגילעסקאָ, באָריס טאָמאַשעווסקי אא.

געשטאָרבן איז ל. קאָברין אין 1961.

מיט אכציק יאָר צוריק איז געבוירן דער יידישער שרײַבער און ליטעראַטור־פאָרשער יעכיעל־יעשײַע טרונק.

י.־י. טרונק שטאַמט פונעם פּוילישן דאָרף אָסמולסק (ניט ווײַט פון וואַרשע). זײַן ערשט ווערק איז געווען „דאָס טאָגבוך פון דער רעוואָליוציע אין לאָדזש" (1905), וווּ ער האָט באַוויזן טיפן פון יידישע רעוואָליוציאָנערן אף די באַריקאַדעס.

פון י.־י. טרונקס ליטעראַריש־קריטישע ווערק דאַרף אָפּגעמערקט ווערן זײַן בוך „אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור" (1937), זײַן אַרבעט וועגן שאָלעם־אַליינכעמען אא. מע דאַרף אָבער פעסטשטעלן, אַז א היפּשער טייל פון טרונקס אָפּהאַנדלונגען וועגן ליטעראַטור זײַנען שטרײַטבאַר און רופן אַרויס ערנסטע דערווידערונגען.

י.־י. טרונק איז געשטאָרבן דעם 7 יול 1961.

דאוויד אַלפּאַראָ סיקייראָס — א קינסטלער א קעמפער



אווטאָפּאָרטרעט

דער מעקסיקאנער קינסטלער דאוויד אַלפּאַראָ סיקייראָס איז געבוירן דעם 29 דעקאבער 1896. צו 14 יאָר איז ער שוין געווען א סטודענט אין דער קונסט־אקאדעמיע פון סאן־קארלאָס.

אין מעשעך פון זײַן גאנץ באוווסטזיניק לעבן איז סיקייראָס א רעוואָליוציאָנער א נאָוואטאָר אין דער קונסט און אן אומדערמידלעכער קעמפער פאר דער פרײַהײַט און אומאָפּהענגיקײַט פון מעקסיקע.

סיקייראָסעס באליבטער זשאנער איז וואנט־מאָלערײַ. אין דאָזיקן געביט איז ער העכער 45 יאָר טעטיק צוזא־מען מיט זײַנע פרײַנט און מיטשעפער דיִעגאָ ריווערא און כאָסע קלעמענטע אָראָסקאָ. גלײַכצײַטיק האָט סיקייראָס געשאפן פיל אייל־בילדער און פּאָרטרעטן, באזונדערס אין די יאָרן, ווען ער איז צוליב זײַן רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט געזעסן אין די מעקסיקאנער טורמעס.

סיקייראָסעס ווערק מאָלן די לײַדן און האָפענונגען פונעם פאָלק. זײַנע פרעסקעס אף היסטאָרישע, רעוואָליר־ציאָנערע און וויסנשאפטלעכע טעמעס באשײַנען די ווענט פון פיל מעקסיקאנער געזעלשאפטלעכע געבײַדעס און מוזייען. סיקייראָס איז דער שטאָלץ פונעם מעקסיקאנער פאָלק, ער איז איינער פון די גרעסטע און אָריגינעלסטע וועלט־מײַסטערס אין דער מאָנומענטאלער מאָלערײַ. זײַנע שאפונגען זײַנען א סאך מאָל אויסגעצייכנט געוואָרן מיט העכסטע באלוינונגען אף צווישנפעלקערלעכע קינסטלערישע אויסשטעלונגען.

דער מאָלער קאָמוניסט דאוויד אַלפּאַראָ סיקייראָס, וועמעס 70־טן געבורטסטאָג עס האָט ניט לאנג צוריק אָפּגעמערקט די גאנצע פּראָגרעסיווע מענטשהײַט, איז אין רעכטן בלי פון זײַן שעפערישער טעטיקײַט.

אף דער בײַלאגע ברענגען מיר פראגמענטן פון ד. א. סיקייראָסעס פרעסקעס און בילדער.

פרעסטע



נאָך אַן עקזעקוציע

די נעגערן פּראָטעסטירן קעגן רעפּרעסיעס

פרעסקע

פראגמענט פון וואנט־מאָלעריי



עס זײַנען דערשינען
און געפינען
זיך אין פאַרקויף

פּערעץ מאַרקיש

טראָט פון דוירעס

ראָמאַן

692 זײַטן. פּרײַז 1 רובל 65 קאָפּ.

שמועל האַלקין

מײַן אויצער

לידער און באַלאַדעס

300 זײַטן. פּרײַז 52 קאָפּ.

די ביכער קאָן מען באַ־
שטעלן אויך דורך דער
פּאָטשט לויטן אַדרעס:

Москва, А-299.
Подмосковное шоссе, 17
Магазин № 124 «Москниги»
Отдел «Книга — почтой».

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(на еврейском языке)

Год издания седьмой

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев** (ответственный секретарь), **Нотэ Лурье, Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, И. Фаликман, С. Фрай.**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — Б 8-27-91; ответственный секретарь — К 4-46-69; отделы прозы и поэзии — Б 8-49-42; отдел критики — Б 3-96-07.

Художеств.-техн. редакция: И. Шустер и А. Токер

Корректоры А. Стрельник и Д. Грозовская

Подписано к печати 17/II 1967 г. Формат 70×108$^{1}/_{16}$. Печ. л. 10(13,70). Бум. л. 5+2 вклейки.
Цена 50 коп. Зак. 2255.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Комитета по печати при Совете Министров СССР
Пер. Аксакова, 13.

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 3

1 9 6 7

В номере:

Х. Меламуд. Молодые годы. (Роман. Часть третья).
Б. Полевой. Доктор Вера. (Фрагменты из романа).
И. Кипнис. Хаеле и Пинеле. (Рассказ).
Г. Рошаль. Из минувшего.
З. Шульман. Путь в искусство.
Стихи Д. Бромберга, И. Боруховича, А. Гонтаря, Ш. Чернявского.

ЛИТЕРАТУРНАЯ КРИТИКА. БИБЛИОГРАФИЯ. ВОПРОСЫ ИСКУССТВА

Г. Ременик. Двадцатые годы в нашей поэзии.
М. Шапиро. Особенности литературного еврейского языка в СССР.
О. Колычев. Работая над переводами.
Листая журналы и газеты. Письма читателей. Хроника. О чем писала еврейская печать 50 лет назад. Заметки на календаре.